STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08638

DOS LEBEN FUN A FROY

Guy de Maupassant

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס לעבען פון א פרוי

(UNE VIE)

ראָמאַן

פון גיו־דע מאפאסאן

(מיט אילוסטראציאָנען)

איבערזעצט פון

מ. קאַטץ

פרייז 30 סענט.

ווארהייט פאבלישינג קאמפאני

153 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

277

פארווארט פון איבערזעצער

גי־דע־מאופאסאן'ס ווערקע ווערן גערעכענט אין דער געשיכטע פון ליטעראטור אלס דיא העכסטע מדרגה אין דער שוהלע פון ראמאנטישען רעאליזם, און פון אלע זיינע ווערקע קען מען כמעט מיט זיכערהייט זאגען, אז דיזער ראמאן „דאס לעבען פון א פרוי,“ וועלכע רופט זיך אין פראנצויז „אן וויע“ (א לעבען) איז דער בעסטער אויסדרוק פון זיין ראמאנטיש־רעאליסטישען טאלאנט.

עס זיינען פאראן ווערקע, וואס ווערן אנערקענט פון דער קונסט־קריטיק אהן אויסנאהם, גלייך ביי זייער ערשיינען און פארפעסטיגען שוין זייער הויכען ווערטה אין דעם הויכען גראד פון קונסט, צו וועלכען דער פערפאסער האט מיט זיי הערגרייכט. אזא קונסט־ווערק אין דער בעלעטריסטישער ליטעראטור איז דער מארליגענדער ראמאן. גלייך וויא ער איז ערשיענען (אין 1883) האט ער געמאכט א רושם אין דער וועלט און עס האבען זיך אויפגעהערט צו טהיילען מיינונגען וועגען מאופאסאנס קונסט־זשעניאליטעט — ער איז פון דער גאנצער קונסט־קריטיק אוועקגעשטעלט געווארען אלס דער העכסטער מייסטער פון׳׳ פראנצויזישען ראמאנטישען רעאליזם, און אט וואס באלד נאך דעם ערשיינען פון דיזען ווערק האט געשריבען דער גרויסער גאון אין ליטעארישער קונסט און גרעסטער מאראליסט אין דער וועלט לעוו טאלסטאי:

„אן וויע — שרייבט ער — איז דער בעסטער טיפ פון א ראמאן און לויט מיין אורטהייל איז עס דאס גרעסטע ווערק וואס איז פראדוצירט געווארען פון א פראנצויזישען שריפטשטעלער, זינט וויקטאר הוגא האט אנגעשריעבען זיין „לע מיזעראבל“. דורכלעזענדיג דיא קראפט און דיא גלייכע ווענדונג פון דער פולער פעסטקייט, פון דעם חן און פון דעם טיעפען בליק, מיט וועלכעם דער שרייבער בעהאנדעלט דיא מענשליכע נאטור, וועלכע ער געפינט אין דעם לעבען, וואס ער שילדערט“... „איך געפין אין דעם בוך, מיט דערזעלבער קראפט אויך, דיא דריי הויפט אייגענשאפטען, וואס זיינען נויטהווענדיג אין א גרויסען ווערק, און נעמליך: א מאראלישען צוועק, דעם ריינסטען סטיל און אבסאלוטע אויפריכטיגקייט. מאופאסאן איז א מאן, וועמעס זעה־קראפט האט אריינגעדרונגען אין דיא שטילע טיעפעניש פון מענשליכען לעבען און דארט פון גרונד אויס פערטייטשט דעם קאמפף פון דער מענשהייט.“

ווען דאס איז דיא מיינונג פון דעם גאון־ליטעראט און פון דעם גרויסען מאראל־פריידיגער פון אונזער צייט, וואס בלייבט דען מעהר צו זאגען? און אזוי איז אויך דיא אויסגעשפראכענע מיינונג פון דער ליטעראטור־קריטיק אויסגעדריקט אין דיא מיינונגען פון דיא בעסטע פון איהרע פארשטעהער איבער דיזען ראמאן פון דעם גרויסען פראנצויזישען דיכטער־נאוועליסט.

איך האב געזעהען אין דער אידישער איבערזעצונג צו בלייבען טריי דעם אריגינאל אויף וויפיעל מיינע פעהיגקייטען האבען דאס מעגליך געמאכט און אויף וויפיעל אן איבערזעצונג אין אידיש ניט פון פראנצויזישען אריגינאל, נור פון דער ענגלישער איבערזעצונג, האט געקענט דיזע פאדערונג נאכקומען. קיין ענדערונגען האב איך זיך ערגעץ ניט ערלויבט, זעלבסט־פערשטענדליך, נור בלויז אין זעהר זעלטענע פעלע אן עטוואס פערקירצונג פון לאנדשאפטס־שילדערונגען איבער דעם מאנגעל פון נעמען פון זאכען אין אונזער נאך ארעמער שפראך.

ווייניג אזעלכע ריין קינסטלערישע און בעלעטריסטישע ווערקע זיינען פאראן אין אונזער אידישער שפראך, וועלכע האט ערשט ניט לאנג אנגעהויבען ליטעראריש צו לעבען, און אזא בוך דארף זיך רעכענען פאר א גוטען חלק אין דעם קליינינקען אוצר פון בעסערע ליטעראטור אין אידיש.

דער איבערזעצער.

דער פאפעל־בוימער שלאס

ווען זשאנע האט שוין געהאט איינגעפאקט איהרע קאסטענס איז זיא צוגעגאנגען צום פענסטער; דער רעגען האט נאך ניט אויפגעהערט צו גיסען. א גאנצע נאכט האט דער גוס רעגען געקלאפט אין דיא שויבען פון דיא פענסטער און אין דאך. עס האט אויסגעזעהען אזוי וויא דער הימעל, אן אנגעווייקטער מיט וואסער, האט זיך ארונטערגעלאזען, האט געפלאצט און ליידיגט זיך אוים אויף דער ערד. דאס רוישען פון דיא איבערפלייצטע קאנאוועס האבען פול געמאכט מיט וואסער דיא פערלאזענע גאסען, אין וועלכע דיא הייזער האבען אריינגעזויגט דיא פייכטקייט וויא גאמקעס, אזוי אז איינווייניג האבען דיא וואנד געשוויצט פון קעלער ביז דער שאילקע.

ערשט נעכטען האט זשאנע פערלאזען דעם קלויסטער און איז געווארען ענדליך פריי, אויף אימער פריי און פארטיג הנאה צו האבען פון אלע פערגעניעגענס וואס דאס לעבען קען געבען; זיא האט איצט מורא געהאט, אז איהר פאטער וועט זיך ניט ריהרען פון דאנען ביז וואנען דער רעגען וועט ניט אויפהערען. און זיא איז שוין דעם הונדערסטען מאהל זינט אין דער פריה צוגעגאנגען צום פענסטער און געזוכט אויסצופארשען דיא הימלען.

זיא האט זיך געכאפט דאן, אז זיא האט פערגעסען אריינלעגען דעם קאלענדאר אין איהר רייזע־טאש. זיא האט אראבגענומען פון וואנד דיא קארטע, וועלכע איז געווען איינגעטהיילט אין חדשים און אין מיטען פון וועלכע עס איז געווען א שעהנע צייכנונג מיט גילדענע אותיות דער יאהר 1819. זיא האט פארמעקט דיא ערשטע פיער שפאלטען, דעם נאמען און ציפער פון יעדען טאג, ביז זיא איז צוגעקומען צום צווייטען מאי — דער טאג אין וועלכען זיא איז פריי געווארען פון קלויסטער.

— זשאנע — האט זיא דערהערט א קול פון יענע זייט טהיר.

באראן סימאן־זשאק לע פערטואי דעוואו איז געווען אן אדעליגער נאך פון פאריגען יאהרהונדערט, א משוגענער, גוטהערציגער מענש; אלס א בעגייסטערטער תלמיד פון זשאן־זשאק רוססא האט ער געליעבט דיא נאטור, דיא פעלדער, דיא וועלדער און ברואים.

אן אריסטאקראט פון געבורט, האט ער געהאסט אינסטינקטיוו דעם רעוואלוציאנערען יאהר 1793. אבער זייענדיג לויט טעמפעראמענט א פילאזאף מיט א ליבעראלער ערציהונג האט ער געהאסט און ניט געקענט דערליידען טיראניי. זיין הויפט קראפט ווי זיין הויפט שוואכקייט איז בעשטאנען אין זיין גוטער נאטור; פון יענע גוטע נאטורען, וועלכע האט ניט גענוג ארעמס ארומצונעהמען אלעם און צודריקען צום ברוסט מיט צערטליכקייט און הארציגקייט; א שאפענדע גוטע נאטור אהן דעם כח צוריקצוהאלטען זיך, ווייל עס פעהלט ווילענסקראפט, ענערגיע. פשוט אן עבירה.

זייענדיג א מענש פון טהעאריען, האט ער אויסגעקלעהרט א גאנצען פלאן וויא צו ערציהען זיין טאכטער, וועלענדיג מאכען זיא גליקליך, אויפריכטיג, גוטהערציג און צערטליך. ביז א יאהר צוועלף איז זיא געבליבען אין דערהיים, און ווען זיא איז אלט געווארען צוועלף

יאָהר, האָט ער זיא אריינגעגעבען אין א קלויסטער, ניט קוקענדיג אויף איהר מוטער'ס טרערען; אין'ם קלויסטער פון דאס „הייליגע הארץ" איז זיא אריינגעגעבען געוואָרען פיר וויטערע ערציהונג.

מען האָט זיא דאָרט געהאלטען גאנץ שטרענג, פערשלאָסען, זיא זאָל ניט וויסען פון מענשליכע מעשים. ער האָט געוואָלט, אז זיי זאָלען איהם זיא אומקעהרען אן אונשולדיגע, ווען זיא וועט אלט זיין זיעבצעהן יאָהר, א ריינע, א ציכטיגע, און ער וועט שוין זיא אליין טובל זיין אין א מין מקוה פון פּאָעזיע. אין מיטען פון דיא גרינענדע בעלדער, ארומגערינגעלט פון פרוכטבארען לאַנד, דאָרט זאָל זיך צוערשט צופּענען איהר יונגע נשמה; איהר נאַאיווע אונשולד זאָל נאָך פערשאַרפט ווערען פון דעם אנבליק פון ניט געקינצעלטער ליעבע פון די איינפאַכע צארטקייט פון דיא טהירען און פון דיא שאַרפע, שטרענגע געזעצע פון לעבען.

זיא האָט פערלאָזען איצט דעם קלויסטער לייכטענדיג פון פרייד, פול מיט לוסט און אַפּעטיט גליקליך צו זיין, פארטיג הנאה צו האָבען פון אלע פערשיעדענע רייצונגען און צויבערליכע העקסלונגען, וועלכע זיא האָט אין איהרע געדאַנקען שוין דורכגעלעבט אין די ליידיג פערבראַכטע טעג וויא אין דיא לאַנגע נעכט, און וועלכע זיינען געוואָרען איהרע האָפנונגען און איהרע איינזאַמקייט.

וויא א מאַהלערישעס בילד פון'ם קינסטלער פּאול וועראָנעז האָט זיא אויסגעזעהען; איהרע גאָלדינג־בלאָנדע שיינענדע צעפּ, האָבען בעלויכטען איהר לייב, אז אדעליגעס לייב, צאַרט־ווייס מיט א רויזען רויטליכע בעפאַרבונג; א מין בלייך־רויזיגע זאַמט, נור־וואָס געקושט פון דער זונן. איהרע אויגען זיינען געווען בלוי, יענע געדיכט־טיעפע בלויקייט, וועלכע מען זעהט אין דיא פּיגורען אויף האָלענדישע פּאַיאַנס. אויף איהר לינקע זייט נאָז־לעבעל איז געווען א קליינינקע חן־פינטעל און נאָך איינע צו רעכטס אויפ'ן אונטער־בעקעל, אויף וועלכער עס זיינען געווען עטליכע הערלעך, פונקט אזוי וויא איהר לייב, אז זיי זיינען כמעט גאָר ניט קענטיג געווען. הויך־געוויקסיג איז זיא געווען מיט א גוט־ענטוויקעלטע ברוסט, בייגזאַמע טאַליע און בעוועגליכע פיגור. איהר קלאַהרע שטימע איז געווען צייטענווייז א ביסעל צו שאַרף, אָבער איהר פרייער, אָפענער געלעכטער האָט צושפּרייט פרייד ארום איהר. אָפט פלעגט זיא אזוי רייצענד מיט אן איינגעוועהנטער בעוועגונג א טראָג טהאָן איהרע ביידע הענד צו איהרע שלייפען אזוי וויא א גלעט צו טהאָן איהרע האָאָר.

זיא איז איצט צוגעלאָפען צו איהר פאָטער, האָט איהם ארומגענומען און געקושט.

— נו, פאָהרען מיר שוין אמאָל? — האָט זיא געפרעגט,

ער האָט א שמייכעל געטהאָן און א טרויסעל געטהאָן מיט זיינע גרייזגרויע לאַנגע לאָקען, ווייזענדיג מיט'ן האַנד צום פענסטער:

— וויא קענען מיר פאָהרען אין אזא וועטער?

זיא האָט זיך אָנגעהויבען בעטען, לאַזשצען זיך צו איהם:

— אָ, פּאַפּאַ, לאָמיר שוין אמאָל פאָהרען; עס וועט קלעהרער ווערען נאָך מיטאָג.

— אָבער דיין מאַמע וועט ניט איינוויליגען

— יאָ, פּאַפּאַ, זיא וועט, איך פערזיכער דיך, איך וועל פאַר איהר פעראַנטוואָרטליך זיין. וואָס אַרט דיך, פּאַפּאַ.

— נו, אויב דוא קענסט דאָס אויספיהרען ביי דער מאַמען, דאַן בין איך איינשטימיג און לאָמיר פאָהרען.

זשאַנע האָט זיך דערפרעהט און איז געלאָפען צו דער באַראָנינס צימער, ווארום זיא האָט געוואַרט אויף אַבפאַהרען אַלץ מיט א גרעסערע אונגעדולד. זייט זיא איז אָנגעקומען אויף ערציהונג אין קלויסטער פון „דאָס הייליגע הארץ“, איז זיא ניט ארויסגעפאָהרען פון רוען; איהר פאַטער האָט ניט ערלויבט קיין אָבטרעטען פון זיין פּלאַן בעפאָר זיא איז זיעבצעהן יאָהר, וויא ער האָט בע־שטימט. און איצט פאָהרט זיא דאָס צום ערשטען מאָהל פערברייננגען דעם זומער אין זייער מאַיאָנטעק „דיא פּאַ־פעל־בוימער“. אַן אַלטער פאַמיליען־שלאָס פון דיא באַראָנען וועלכע גע־פינט זיך אויף א פעלזען־שפּיץ נאָהענט פון ברעג ים; און זיא האָט שוין פאַר־איים געאהנט דיא אונבעגרענצטע פרייד פון פריי לעבען אויף דעם ברעג פון די כוואַליעס דערצו האָט זיא דאָס דעם שלאָס איצט בעקומען אלס מתנה פון איהרע עלטערען און דאָרט וועט זיא וואָהנען ווען זיא וועט חתונה האָבען. און דאָ הערט גאָר ניט אויף דער רע־גען צו גיעסען פון נעכטען אָן, פון דעם טאָג אָן וואָס זיא איז פריי געוואָרען פון קלויסטער; דאָס איז געווען דיא ערש־טע גרויסע זאָרג פון איהר לעבען.

אָבער אין עטליכע מינוט אַרום איז זיא שוין געקומען צולויפען צוריק פון מוטער'ס צימער, שרייענדיג אין דער הויף:

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, מאַמאַ האָט איינ־געוויליגט מיר זאָלען פאָהרען, דו קענסט הייסען שפּאַנען.

דער מבול איז נאָך ניט קלענער געוואָרען, פאַרקעהרט האָט נאָך אָנגע־הויבען צו גיעסען דאָפּעלט שטאַרקער ווען דיא קאַרעטע איז צוגעפאָהרען צום טהיר. זשאַנע איז שוין געווען פערטיג ארייינצושפּרינגען אין קאַרעטע, ווען דיא באַראָנין איז ערשט געפיהרט געוואָ־רען אַראָב דיא טרעפּ אונטער ביידע אָרעמס, פון איין זייט איהר מאַן און פון דער אַנדער זייט איהר קאַמערמיי־דעל, — א קרעפטיגע פעסטע שטיק ווי זיא וואָלט געווען א געזונדער בחור. דיעזע קאַמערמיידעל האָט אויסגעזעהען א יאָהר צוואַנציג, הגם זיא איז נאָך ניט אַלט געווען קיין אַכצעהן. ראָזאַליע האָט מען זיא גערופען, און מען פלעגט זיא בעהאַנדלען אין דער פאַמיליע אַזוי וויא זיא וואָלט געווען א צווייטע טאָכ־טער, ווארום זיא איז געווען זשאַנעס א ראַוועסניצע און פלעג־שוועסטער וויא מען רופט דאָס. ראָזאַליעס ארבייט אין הויז איז בעשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס זיא פלעגט דאַרפען נאָכקוקען, אַזוי צו זאָגען, דיא באַראָנינס שריט, ווארום דיא באַראָנין האָט געליטען פון הארץ־פערגרעסערונג, אויף וואָס זיא פלעגט זיך שטענדיג בעקלאָגען.

ווען דיא באַראָנין האָט דערזעהען, וויא דער הויף איז פערפּליוצט מיט וואַ־סער, האָט זיא אָנגעהויבען צו מורמלען:

— דאָס האָט דאָך ווירקליך גאָר קיין זינען ניט.

אָבער איהר מאַן האָט געענטפערט, שמייכלענדיג:

— נו, דוא האָסט דאָך דאָס אליין געוואָלט, מאַדאַם אַדעלאַאידע.

אַזוי האָט ער זיא גערופן; צו דעם אָנגעבלאָזענעם נאָמען אַדעלאַאידע האָט ער מיט א מין שפּאָטישען רעס־פּעקט צוגעלייגט תמיד דעם טיטול „מאַ־דאַם“. דיא מאַדאַם באַראָנין איז מיט מאַטערנים אַריין אין קאַרעטע און אונטער איהר שווערקייט האָבען זיך אַלע רעססאָרען אויסגעבויגען. דער באַ־ראָן האָט זיך געזעצט נעבען איהר, און זשאַנע מיט ראָזאַליע האָבען זיך געזעצט אַנטקעגען, מיט זייערע פּלייצעס צו די פערד.

דיא קעכין לודיווין האָט ארויסגע־בראַכט א גאַנצע מאַסע מאַנטלען, שאַ־לען, וועלכע מען האָט ארויפגענומען אויף דיא קניע און א פּאָר קערבלעך, וועלכע מען האָט אונטערגעשטעלט צו־פוסען, דאַן איז זיא ארויפגעשפּרונגען

אויף דיא קאָלעס און האָט זיך געזעצט לעבען דעם קוטשער, איינוויקלענדיג זיך אין אַ גרויסע קאָלדרע. דער קוטשער, פּאַטער סימאָן, האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ אונטער'ן קאַרעטע־דעכיל און אויסגעבויגט זיין רוקען אונטער'ן רעגען, וועלכער האָט געשמיסען אין קאַרעטע, געקלאַפּט אין דיא שויבען פון ביידע טהירלעך און האָט געמאַכט זומפּיג דעם וועג. דיא פערד האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן, קריכענדיג טיעף איבער דיא פּאָדקאָוועס אין בלאָטע אין וועלכע דיא רעדער האָבען געשניטען ליניעס אין צירקלען.

דיא רייזענדע האָבען אַלע געשוויגען: זייערע געדאַנקען זיינען הפנים געווען אַזוי נאַס וויא דיא ערד. דיא מאַדאַם האָט זיך אָנגעשפּאַרט אהינטער־ און האָט צוגעמאַכט דיא אויגען, דרעמלענדיג. דער באַראָן האָט געקוקט פערטראַכט אויף דיא דורכגעווייקטע פעלדער אָבער זשאַנע האָט, אונטער דיזען גוס־רעגען, געפיהלט וויא זיא לעבט־אויף, אַזוי וויא אַ פּלאַנצע וועלכע איז געווען פערשטיקט און וועלכער מען האָט ערשט געמאַכט צוריק פריי דיא לופט און איהר טיעפע פרייד האָט בעשיצט איהר הארץ פון זאָרג אַזוי וויא אַ קנאַספּע וואָס האַלט ערשט אין אויפוויקלען איהרע בלעטער. זיא האָט ניט גערעדט, אָבער זיא האָט געפיהלט אַזוי וויא צו זינגען, אויסשרעקען דיא הענד און אָנפילען זיי מיט רעגען־וואַסער און טרינקען...

די באַראָנין איז ביסלעכוויז איינגעשלאָפען. פּעט וויא זיא איז געווען האָט זיך ביי יעדען אָטהעם בעוועגט איהר כוואַליעס־פולע ברוסט. איהר קאָפּ פלעגט זיך אַ הויב טהאָן צו יעדער מאָל אַבאַטהעמען זיך און זיך צוריק אַראָבלאָזען און פון איהרע צועפּענטע ליפּען האָט זיך געהערט אַ שנאָרך פון ווייל צו ווייל. איהר מאַן האָט זיך צו איהר אָנגעבויגען און האָט גאַנץ בעזאַכט אריינגעלעגט אַ פּאַרטמאָנע אין איהרע הענד, וועלכע זי האָט געהאַלטען צונויפגעלעגט אויף איהר פולען אויסגעהויבענעם בויך.

זיין בעריהרונג האָט זיא אויפגעוועקט, און זיא האָט אויסגעשטעלט איהרע אויגען אַ פער'חלום'טע, דער פּאַרטמאָנע איז אַראָבגעפאַלען, האָט זיך צועפענט, דיא גילדערנע מטבעות און פּאַפּיער־געלד האָט זיך צושאָטען. דאָס האָט זיא גאַר צומישט, און בפרט נאָך אַז איהר טאָכטער האָט זיך לוסטיג צוגאָסען מיט אַ געלעכטער.

דער באַראָן האָט אויפגעקליעבען דאָס געלד און האָט דאָס ארויפגעלעגט איהר אויף'ן שויס:

— אַט דאָס, מיין טייערע, איז אַלעס וואָס מיר איז געבליעבען פון אונזער פערקויפטען מאַיאָנטקע „עלעטאַ“ איך האָב איהם פערקויפט כדי איך זאָל קענען פעררייכטען „דהי פּאָפּעל־בוימער,“ וואו מיר וועלען אָפט וואוינען פון היינט אַן.

זיא האָט איבערגעצעהלט זעקס טויזענד פיער הונדערט פראַנק און האָט זיי פאַרזיכטיג אוועקגעלעגט צו זיך אין טאַש. דאָס איז שוין געווען דער נייןטער מאַיאָנטאַק וואָס זיי האָבען פערקויפט פון זייערע איין־און־דרייסיג גיטער. זיי האָבען פון דעסטוועגען נאָך ביי אַ צוואַנציג טויזענד ליוורען אַ יאָהר איינקונפט פון זייערע גיטער. ווען דיא גיטער וואָלטען געווען פערוואַלטעט מיט אַן אָרדנונג, האָבען זיי געקענט אריינברענגען דרייסיג טויזענד ליוורען.

אַזוי וויא זיי האָבען געלעבט איינפאַך, וואָלט דיזע הכנסה פאַר זיי געווען גענוג און זיי וואָלטען ניט דאַרפען פון צייט צו צייט פערקויפען איינעם פון זייערע גיטער, ווען דאָס הויז וואָלט ניט געווען וויא אַ פאַס אָהן אַ דעק, און דאָס איז געווען איבער זייער גוטסקייט און וואָהלטהעטיגע נאַטורען. דאָס געלד פלעגט אויסטריקענען אין זייערע הענד גלייך וויא זיי פלעגען עס אריינעהמען,

אזוי וויא דיא זון טריקענט אויס דאָס וואסער אין דיא זומפּען, עס פלעגט אוועקפליהען. וויא? דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. ביידע זיינען זיי אזוי געווען. און איינער פלעגט אמאָל זאָגען צום אנדערען:

— זעה, איך וויים ניט ווי אזוי, אָבער ביי מיר זיינען היינט אוועק הונדערט פראנק און געקויפט האָב איך גאָר ניט.

דיזע אייגענשאפט: צ ו ג ע ב ע ן איז געווען הגם איינע פון דיא גרעסטע תענוגים פון זייער לעבען.

—איז מיין שלאָס איצט שעהן? — האָט זשאַנע א פרעג געטהאָן.

— דו וועסט באלד זעהען, טאָכטער'ל — האָט דער באראָן געענטפערט

ביסלעכווייז האָט זיך די ווילדקייט פון רעגען־שטורם איינגעשטילט. אין דער לופט איז נור געבליעבען א מין טהוי, א דינינקער רעגען־שטויב, און פלוצלינג האָט זיך א לאַנגער, אויסגעבויגענער שטראהל פון זונשיין א ציה געטהאָן איבער דיא לאַנקעס. דיא וואָלקענס האָבען זיך צונומען, אבגעטהיילט בעזונדער און דיא בלויע הויכקייט פון דעם הימעל־געוועלב האָט ארויסגעשיינט וויא א שלייער האָט זיך אלץ מעהר און מעהר צוריסען דער טומאַן און א פרעכטיגער אזשור־הימעל, קלאָהר און אונענדליך, האָט זיך צושפּרייט איבער דער וועלט.

עס האָט זיך געפיהלט דער פרישער און צארטער אטהעם פון ווינטעל, אזוי וויא דיא ערד וואָלט זיך גליקליך אבזיפצען. און ווען זיי זיינען דורכגעפאָהרען דיא גערטנער און וועלדלעך האָבען זיי געהערט פון ווילע צו ווילע דאָס געזאנג פון פייגעלעך, וועלכע האָבען געטריקענט זייערע פליגלען. דער אָווענד איז אָנגעקומען. אלע אין קארעטע האָבען געשלאָפען, אויסער זשאַנע. דיא זון איז אונטערגעגאַנגען. פון דער וויט האָבען זיך געהערט גלעקלעך קלינגען. אַט פאָהרען זיי דורך א דערפעל, אין די הייזלעך צינדט מען שוין אָן ליכט. און דער הימעל האָט זיך אויך צולויכטען מיט מיריאדען שטערען. מיעד פון טרוימעריי האָט איצט זשאַנע גערוהט וויא אין א דרעמעל.

ענדליך האָבען זיך דיא פערד אָבגעשטעלט. איינינע מענער און פרויען זיינען שוין געווען נעבען קארעטע מיט לאַנטערענס אין דיא הענד. לויב גאָט אָנגעקומען. זשאַנע האָט זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט און איז שנעל ארויסגעשפרונגען. איהר פאַטער און ראָזאליע האָבען כמעט ארויסגעטראָגען די באראָנין אונטער דיא הענד. זיא איז געווען שוואַך, שווער און אָבגעלאָזען און מען האָט זיא גלייך אוועקגעפיהרט איז איהר שלאָפצימער. זיא האָט אפילו עסען ניט געוואָלט.

זשאַנע און דער באראָן האָבען געגעסען צוזאמען אבענד־ברויט; זיי האָבען געשמייכעלט מיט שמחה קוקענדיג איינער אויפ'ן צווייטען; זיי זיינען ביידע געווען פערכאַפּט פון א קינדישער פרייד, און נאָך'ן עסען זיינען זיי געגאַנגען צוזאמען בעקוקען דעם שלאָס, וועלכער איז געווען דורכאויס פון ווייסע שטיינער, וואָס זיינען גרוי געוואָרען: ער איז אינוויינינג געווען גרויס גענוג, אַז א גאַנצע משפּחה זאָל דאָרט בעקוועם קענען וואָהנען. דאָפּעל־ברייטע טרעפּ האָבען געפיהרט צום ערשטען און צווייטען עטאַזש. א ברייטער, לופטיגער קאָרידאָר האָט צוטהיילט דעם צווייטען עטאַזש אויף צוויי טהייל, מיט צעהן טיהרען, וועלכע האָבען געפיהרט צו בעזונדערע ברייטע, לופטיגע צימערען מיט גרויסע פענסטער, דאָס איז געווען זשאַנעס אפּאַרטמענט. דיא מעבעל מאַסיוו מיט קינסטלערישע אלטע שניצרייען, אנגענעהם פאַר'ן אויג און בעקוועם פאַר'ן געברויך; דיא טאַפּע־

בעז האבען אילוסטרירט דיא פאבעלען פון לא־פאנטען; און א צימער פון הנאה, פון פערגעניגענדליכע פרייד, האט זשאנע געפיהלט דורכלויפען איבער איהר לייב, צוקוקענדיג זיך צו דיעזע מעבעל, צו דיא טאפעטען, צו אלעם ארום. און אט איז איהר שלאפצימער; זיי זיינען אריין. דער באראן האט דעם צימער אויפ'ן ניי מעבלירט; דאס הייסט אריינגעשטעלט דיא פאסענדסטע מעבעל, וואס געפינט זיך נאך פיעל אויפ'ן ביידעם פון שלאס, און בע־האנגען מיט נייע גארדינען, נייע טאַ־פעטען, מעבעל־ציכען מיט אילוסטראַ־ציאנען.

ווען זיא האט דערזעהען איהר בעט האט דאס יונגע מיידעל געשריען פון פרייד. איבער דיא פיער ווינקלען האַ־בען צושפרייט זייערע פליגלען פיער גרויסע, דעמבאַווע פויגלען, אלע שווארץ און גלאנציג פארלירט, וויא דיא באַ־שיצער פון אהר געלעגער וואלטען זיי געווען; דיא זייטען פון בעט האבען פארגעשטעלט געשניצטע גארלאנדעם פון פרוכטען און בלומען, און פיער זיילען, פיער חופה־שטייגלעך פון קופידאנעס, האבען אויפגעהאלטען דיא הימעל־דעקע מיט דיא אראבגעהאנגענע פארהאנגלעך פון רייכען, טיעף־בלויען זייד, אויסגעשטיקט מיט גרויסע ליליען און קאלירטע בילדער פון ליעבעס סצע־נען.

זשאנע האט זיך צוגעקוקט, צו זעהען וואס דיעזע סצענען שטעלען מיט זיך פאר. א גאנצע דראמא פון א פאר פערליעבטע; זיא האט דערקענט דיא מיטהאלאגישע מעשה'לע פון פיראמוס און טהיזבע, אויף איהר פנים האט זיך צוגאסען א שמייכעל פון דער איינפאכ־קייט פון דער שילדערונג, און זיא האט זיך געפיהלט גליקליך. דא וועט זיא דאס זיין איינגעהילט אין שלאף, פאר־האנגען מיט דיעזע ליעבעס־בילדער. אנט־געגען איז אויף אן עלעגאנטען טישעל פון רויזען־האלץ געשטאנען א גרויסאר־טיגער זייגער אונטער א גלעזערנעם קו־געל. א גאלדענעם ביהן־שטאק האט ער מיט זיך פארגעשטעלט; דער ציי־פער־בלאט פון פאיאנס מיט קאלירטע אמאליען. ער האט אנגעהויבען מיט א זילבער־קלאפ שלאגען עלף. דער באראן האט זיא אנגעקוסט און איז אוועק צו זיך אין צימער. זשאנען האט פערדראסען וואס זיא דארף שוין געהען שלאפען. ווען זיא האט זיך געלייגט האט זיא געפעהלט בעקוועמליך, אנגע־נעהם אזוי צו רוהען. צו לינקס איז געווען דיא פענסטער, פון וועלכען עס האט אריינגעשיינט אין צימער דיא זאנפטע, ווייכע ליכטיגקייט פון דער לבנה. איהרע געדאנקען האבען זיך אונגעדולדיג בעוועגט און דיעזע אונגע־דולדיגקייט האט זיך צושפרייט איבער איהר גאנצען קערפער; וויא אין א פיע־בער איז זיא געלעגען און האט ניט גע־קענט איינשלאפען.

זיא האט זיך אויפגעהויבען און איז א בארפוסע מיט נאקעטע ארעמס, אין איהר לאנגע נאכט־העמד, אזוי וויא א גייסט, איבערגעגאנגען דיא ליכטיגע טייכעל פון לבנה־שיין, וואס האט זיך צוגאסען איבער די דילען, האט צועפענט דיא פענסטער און האט ארויסגעקוקט.

דיא נאכט איז געווען א קלאהרע, אז מען האט געקענט זעהען וויא ביי־טאג. דאס יונגע מיידעל האט דערקענט דעם פלאץ, וועלכען זיא האט אזוי גע־ליעבט אין איהר פרייע קינדהייט: אן איז דער געל־געפארבטער שייער, געל וויא פוטער, אונטער דעם נעכטליכען שיין. און אט איז דער פארק אבגעגרע־נעצט פון רעכט און לינקס מיט אלעען פון פאפעל־בוימער. פון דיעזע פאפעל־בוימער נעמט זיך דאס דער נאמען פון שלאס. ווייט הינטער דיא רייהע בוימער ציהט זיך אויס א גרויסע שטרעקע פון

ניט בעארבייטע, פלאַכע פעלד איבער וועלכע דער ווינד פייפט און יאגט זיך טאָג און נאכט, ווארום דיעזע שטרעקע לאָזט זיך אויס מיט א משופּהדיגען אָבּרים, א הונדערט מעטער טיעף און דער צופוסען פון׳ם בארק, וויים און גלאַט, ווערט שטענדיג געבּאָדען אין די כוואליעס פון ים, וואס יאגען זיך געגען איהם, שטויסען זיך אָב און לויפען צוריק.

זיא האט געקוקט ארונטער פון אפענעם פענסטער. דיא ריחות פון קלעטערנדע יאסמין־פלאנצונג, דער שארפער קרעפטיגער גערויך פון ים־גראָז, וועלכע דער ווינטעל האָט געמישט מיט די ריחות פון אנדערע גראָזען, האָבען דורכגענומען די לופט. זיא האט גענומען אטהעמען מיט פולע הנאה אזוי ווי זיא וואָלט געשוואומען פערגעניגענדליך אין א קאלטע באָד. דאס זשומען פון דיא אינזעקטען האָט געהוזשעט אין איהרע אויערן, און איהר האָט זיך געדוכט, אז איהר געהער ווערט שארפער; זיא קען הערען יעדער סקראבסק פון א חיה׳לע איבער׳ן גראָז און דאס שעפּצען פון דער שטילער נאכט גופא. וויא פון א טויזענד רייצענדע פערלאנגען האָט זיא איצט דערפיהלט זיך ארומגערינגעלט. א לעבענס פּאָעזיע, מיט וועלכע א רייצענדע אנציעהונג האָט זיא דערשפּירט א זאָנדערבארען שוידער לויפט איהר דורך אזוי וויא אן אטהעם פון גליק האָט א הויך געטהאָן איבער איהר.

און זיא האָט אָנגעהויבען טרוימען פון ליעבע.

ליעבע! צוויי יאהר לאַנג וויא זיא פיהלט אליין מעהר בעזאָרגט, ערווארטענדיג איהר אָנקומען. איצט איז זיא שוין פריי צו ליעבען; זיא האָט קיין אנדער זאך צו טהאָן וויא בלויז צו טרעפען א י ה ם. וויא אזוי דאָס וועט קומען? זיא וויים ניט און פרעגט זיך גאָר ניט, דאָס וועט זיין ע ר — דאָס איז אַלעס.

זיא האָט נאָר געוואוסט, אז זיא וואָלט א י ה ם פערגעטערט מיט איהר גאנצער נשמה, און אַז ע ר וואָלט זיא געצערטעלט מיט ז י י ן גאַנצער קראפט. זיי וואָלטען ארומשפּאצירען אין אַזעלכע אָבענדען אונטער דעם פינקעלדען שטויב פון דיא שטערען; זיי וואָלטען געגאנגען ארעם אין ארעם, פעסט צוגעפּרעסט איינע צום צווייטע, הערענדיג דאָס קלאַפּען פון זייערע הערצער, פיהלענדיג דיא ווארעמקייט פון זייערע שולטערן, פעראייניגענדיג ליעבע מיט דער זיסער איינפאכקייט פון דיא זומער־נעכט. אזוי פעראייניגט וואָלטען זיי זיין אי מיט דעם כח גופא פון זייערע צארטע געפיהלען וואָלטען זיי דורכדרינגען יעדער דעם אַנדערנס פערבאָרגענסטע געדאנקען־סודות.

עס האָט זיך איהר פלוצלונג געדאַכט אַז זיא פיהלט א י ה ם דאָ, נעבען איהר, און א טומאַנער רייץ, א ציטער פון ליידענשאַפטליכקייט האָט דורכגעשטראָמט איהרע גליעדער פון קאָפּ ביז דיא פיס. זיא האָט צוגעפּרעסט איהרע אָרעמס צו איהר ברוסט, אַזוי וויא זיא וואָלט אומאַרמען איהר זיסען חלום און אויף איהרע ליפּען איז אַריבער עפּעס אַזעלכע וואָס האָט געמאַכט איהר קאָפּ שווינדלען, אַזוי וויא דער אַטהעם פון פריהלינג וואָלט איהר געבען דעם ערשטען קוס פון דער ליעבע.

פלוצלונג האָט זיא דערהערט אימעצענס טריט אין דער נאכט הינטערן שלאָס...

און אין דער ערשטער מינוט אין דעם צושטאַנד פון איהר צונומען האַרץ, האָט זיא א גלויב געטהאָן אין דאָס אונמעגליכע, אין א נס וואָס קען געשעהען, אין דער ראָמאַנטישער פערווירקליכונג פון איהר טרוים און האָט א טראַכט געטהאָן:

— ווען דאָס וואָלט ער געוועזען?

זיא האָט זיך דורשטיג צוגעהערט צו דיא טריט וואָס ווערען נעהענטער; געווים וועט ער דאָס צוקומען צום אייזערנעם טויער און וועט בעטען מען זאָל איהם אריינלאָזען איבערנעכטיגען אוים גאַסט-פריינדשאַפט. אָבער דיא טריט זיינען פערביי און זיא האָט זיך דערפיהלט ענטטוישט, וויא זיא וואָלט געוועזען פון וועמען אָבגענאַרט. זיא האָט פערשטאַנען איצט וויא עקזאַלטירט איהרע האָפנונגען זיינען, וויא פאַנטאַסטיש, און זיא האָט אַליין פון זיך געשמייכעלט.

זיא איז רוהיגער געוואָרען און איהרע געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען געהן מיט מעהר זינען, זוכענדיג פאַרצושטעלען זיך איהר צוקונפט. זי וועט דאָ לעבען מיט א י ה ם אין דעם שטילען שלאָס אויפ'ן ברעג פון ים. זיא וועט געווים האָבען צוויי קינדער, א זוהן פאַר א י ה ם און א טאָכטער פאַר איהר אַליין, און זיא וועט זעהען וויא זיי וועלען ארומלויפען און שפּיעלען זיך איבער'ן גראָז, בעהאַלטען זיך אונטער דיא לינדען-בוימער ווען פאָטער און מוטער קוקען זיי נאָך מיט שלינגענדע אויגען, איבערקוקענדיג זיך ביידע מיט ליידענשאַפטליכע בליקען איבער דיא קינדערס קעפּלעך.

און לאַנג, לאַנג איז זיא געבליעבען אַזוי פערטראַכט; דיא לבנה האָט שוין אונטערדעסען דורכגעמאַכט איהר נסיעה איבער דיא הימלען און איז פערשוואונדען אין ים. דיא לופט איז געוואָרען קיהלער. אין מזרח זייט איז דער האָריזאָנט געוואָרען ליכטיגער. א האָהן האָט א קרעה געטהאָן פון הויף, נאָך איהם אַז אַנדערער פון דיא היהנערשטייגען. א פויגעלע האָט זיך מיט איהרע פליגלען א צאַפּעל געטהאָן ערגעץ; פריהער בעשיידען, דערנאָך געוואַגטער האָבען דיא פליגעלדיגע אַנגעהויבען איבערפליהען פון צווייג אויף צווייג, פון בוים אויף בוים, צוויטשערנדיג פרעהלאַך, זינגענדיג זייער מאָרגען-שירה. זשאַנע האָט פּלוצלונג זיך דערפיהלט בעגאָסען מיט ליכט-שטראַהלען און אויפהויבענדיג איהר פּנים, וועלכען זיא האָט בעהאַלטען אין דיא הענד, זיינען איהרע אויגען געבלענדעט געוואָרען פון'ם גלאַנציגען שיין פון זונען-אויפגאַנג.

בערג פון פורפור-פאַרביגע וואָלקענס, וועלכע זיינען טהיילווייז נאָך געווען בעהאַלטען הינטער דער גרויסער אַלעע פון דיא פּאַפּעל-בוימער, האָבען צוגאָסען זייער בלוט-רויטען טהוי אויף דער ערוואַכטער ערד. און לאַנגזאַם, צופּלאַצענדיג דיא גליהענדע וואָלקענס, בעריהרענדיג מיט פייער דיא בוימער, דיא פעלדער, דעם ים און דעם גאַנצען האָריזאָנט, איז דיא גרויסע, פלאַמיגע קויל ערשינענען.

זשאַנע האָט געפיהלט, אַז זיא ווערט וואַהנזיניג פון גליק; א בערוישענדער פערגניגען, און אונענדליכע צערטליכקייט האָט פערטרונקען איהר צאַפּלענדעם הארץ. דאָס איז געווען איהר זונן! איהר מאָרגען-אויפגאַנג! דער אָנהויב פון איהר לעבען! דער אויפגאַנג פון איהרע האָפנונגען! זיא האָט אויסגעשטרעקט איהרע אָרעמס מיט דעם פערלאַנג ארומצונעהמען דיא זונן; זיא האָט געוואָלט ריידען; זיא האָט געוואָלט שעפּצען א תפלה, ארויסזאָגען עפּעס היילּיגעס. אָבער זיא איז געבליעבען פּאַראַליזירט, מאַכטלאָז פון בעגייסטערונג. איהרע אויגען זיינען געוואָרען פול מיט טרעהרען און זיא האָט געוויינט זיס. איצט האָט זיא זיך געפיהלט וויא בערוהיגט, עטוואָס מיעד, אַזוי וויא זיא וואָלט שווידערן, ניט פערמאַכענדיג דיא פענסטער האָט זיא זיך א וואָרף געטהאָן אין בעט, האָט נאָך א פּאָאַר מינוט פערטראַכט זיך און

איז אזוי פעסט איינגעשלאפען, אז זיא האט אפילו ניט געהערט וויא איהר פאטער האט זיא גערופען אכט א זייגער, און זיא האט זיך אויפגעכאפט ערשט דאן ווען ער איז אריינגעקומען אין איהר צימער.

ער איז געקומען זיא אויפוועקען, וויל ער האט זיא געוואלט ארומפיהרען ווייזען, וויא ער האט געבראכט דעם שלאס. איהר שלאס, אין א נייע ארדנונג, וויא אלעס איז אויסגעבעסערט און פערריכט געווארען. אלעס וויא דאס וואהז־הויז, אזוי דיא שייערס, דיא אלעז, דיא צאמען, אלעס איז איבערגעמאכט געווארען. נאך פאר פריהשטיק זיינען זיי ארומגעגאנגען און אלעס באקוקט; דיא לאנקעס זיינען שוין געוועזן באדעקט מיט גרינע טעפיכעס; אויף דיא בוימער און צווייגען האבען זיך שוין צואוויקעלט דיא בלעטער. א הירש איז פלוצלונג ארויסגעשפרונגען פון צווישען דיא בוימער, וואס עס האט זשאנען איבערשראקען; דאן האט ער א שפרונג געטהאן צום ברעג פון פעלז.

און ווען זיי האבען זייער פריהשטיק אבגעגעסען איז זשאנע אוועק ווייטערבאקוקען אלעס; ווייט האט זיא שפאצירט מיט'ן פאטער; דיא נאהענטע דארף־הייזער זיינען זיי דורכגעגאנגען פאר איהר האט אלעס אויסגעזעהען ניי, פרעכטיג וויא א טהעאטער־סצענע. אראבקלעטערנדיג פון איינע פון דיא פעלזען זיינען זיי צוגעקומען צום האפען־ברעג. שיפלעך האבען זיך ארומגעוויגט אויף דיא כוואליעס ניט ווייט פון ברעג. א שיפער איז צו זיי צוגעגאנגען און האט פארגעלייגט לעבעדיגע פיש. זשאנע האט געקויפט איין גרויסען פיש און האט פון שמחה געוואלט אליין טראגען עס אין שלאס. און דער פישער האט ניט אויפגעהערט פארצולייגען זיין באדינונג דעם באראן מיט זיין טאכטער; ער קען זיי נעהמען אויף זיין יאכט־שיפעל פאר א שפאציער אין ים ווען זיי וועלען נור האבען לוסט דערצו. זיי זאלען נור געדיינקען זיין נאמען, לאסטיק, יאזעף לאסטיק רופט מען איהם. דער באראן האט גוטהערציג פערשפראכען, אז ער וועט דעם נאמען ניט פארגעסען, און זיי זיינען אוועק צוריק אין שלאס מונטער, פרעהלאך. ווען זיא איז געווארען מיעד טראגענדיג אליין דעם פיש, האט זיא גענומען דעם פאטער'ס שטעקעל, האט איהם דורכגערוקט דורך דיא זשאברעס פון'ם פיש: זיא האט גענומען איין ברעג שטעקען, דער באראן דעם אנדער ברעג און דער גרויסער פיש האט זיך געשלעפט מיט'ן עק איבער'ן גרינעם פעלד, און אזוי האבען זיי איהם מיט פערמארטערטע הענד געבראכט אין שלאס.

זשאנעס גן־עדן

א צויבערליכעס, פרייעס לעבען האט זיך אנגעהויבען פאר זשאנען. זיא האט געלעזען, געטרוימט, ארומגעוואנדערט אליין אין דער נאכבארשאפט; אויף דיא לאנגע וועגען פלעגט זיא געהען און איהרע געדאנקען האבען געוואנדערט וויא אין א חלום, אדער זיא פלעגט אראבלויפען אין דיא צוקרימטע טהאלען, וואו עס זיינען אויף ביידע זייטען געוועזן טעפיכע פון ברוינע בלומען אזוי וויא א פארשפרייטע גאלדענע דעקע. זייערע זיסע און שמעקעדיגע בשמים־ריחות, פערשארפט פון דער היץ, פלעגט זיא פאר'שיכור'ען אזוי ווי פערפיומירטער וויין.

א מאל פלעגט זיא זיך פון מיעדקייט אויסציהען אויף דיא דיקע גראז און אויף איהר פלעגען עפעס געהיימניספול אנקומען גאנצע כוואליעס פון גליק. א לוסט צו זיין אליין האט זיא אנגעכאפט אין דער זיסקייט פון דיעזע פרישע פעלדער און אין דער רוהיגקייט פון דיא לאנד־שאפטען ארום, און זיא פלעגט אזוי בלייבען אויף איין פלאץ

אונבעוועגליך פאר א לאנגע צייט, אז דיא ווילדע קראליקעס פלעגען ניט מורא האבען צו שטעהען ביי איהר צו־פוסען.

זיא פלעגט א מאל לויפען שנעל אראב דעם פעלזבארג צום ים און דער ווייכער ווינד פלעגט גלעטען און צערטלען איהר פנים און זיא פלעגט לויפען, לויפען און ניט מיעד ווערען; ווי זיא וואלט געווען א פיש אין וואַ־סער, א שוואלב אין דער לופט. זיא האט אומעטום געזעעט עראינערונגען אזוי ווי מען צושיט זאמען אויף דער ערד, יענע עראינערונגען, וועלכע ווארצ־לען זיך איין ביז'ן טויט.

ליידענשאפטליך האט זיא זיך אנ־געהויבען יעדען טאג צו געהען באדען. ווייט, ווייט פלעגט זיא אוועקשווימען פארגעסענדיג אין גאנצען אויף געפאהר, זייענדיג קרעפטיג, געזעצט, און פיה־לענדיג געזונד און שטארק אין דיא קאלטע, ווייכע, בלויע וואסער, וועלכע האט זיא געהאלטען אויף זיך און גע־וויגט אהין און צוריק.

אפט ווען זיא פלעגט פארשווימען צו ווייט, פלעגט מען א שיפעל ארויס־שיקען נאך איהר. און זיא פלעגט קו־מען צוריק אין שלאס בלייך פון הונ־גער, אבער לייכט, מונטער, מיט א שמייכעל אויף דיא ליפען און מיט אויגען, וואס האבען געשטראהלט מיט פרייד.

דער באראן פון זיין זייט האט זיך שטארק גענומען בעשעפטיגען מיט בעל־הבית'ישקייט; ער האט געפלאנט נייע מיטלען פאר דער ערד־ארבייט, נייע אויסבעסערונגען פון דיא פעלדער, העלפען דעם פארטשריט. אפט פלעגט ער מיט דיא פישער ארויספאהרען אויף א שיפעל פיש פאנגען און ער פלעגט דערנאך ביים טיש צום עסען דערצעהל־לען מיט בעגייסטערונג און אויסרעכע־נען זיינע עקספעדיציעס אויפ'ן וואסער. דיא באראנין פלעגט דערביי אויך אנ־הויבען דערצעהלען וואס זיא האט דורכגעמאכט, וויפיעל מאל זיא איז דורכגעגאנגען היינט הין און צוריק אין דער אלעע פון דיא פאפעל־בוימער.

אזוי וויא מען האט איהר געראַ־טהען, אז זיא מוז פיעל שפאצירען איז דאס ביי איהר געווען א גאנצע פאַ־סירונג; זיא פלעגט שפאצירען אנ־געלעהנט אויף ראזאליעס ארעם און בלויז אויף דער זוניגער זייט פון דער ברייטער אלעע. וויא נור דיא זונן פלעגט זיך אראבזעצען און עס איז גע־ווארען קיהלער פלעגט ראזאליע זיא שוין איינוויקלען אין שאלען און זיא פלעגט זיך שלעפען צוריק אהיים. בענק זיינען פון איהרעט וועגען אוועקגע־שטעלט געווארען אויף יעדער קעהר פון דיא אלעע, און יעדע פינף מינוט פלעגט זיא זיך אבשטעלען און א זאג טהאן:

— לאמיר זיך צוזעצען א וויילינקע, ראזאליע, איך פיהל עפעס מיעד.

און אויף יעדען באנק פלעגט זיא עפעס איבערלאזען; אויף איין פלאץ א שאל, אויף דעם אנדערען א פאלע־רינקע, אויף דעם דריטען א לייכטען מאנטעל, און ז. וו. אזוי אז ביים ענדע שפאצירונג פלעגט ראזאליע דארפען דורכלויפען דיא אלעע און דאס אלעס צונויפקלייבען. דיא באראנין פלעגט דאס רופען זיא נעהמט איהר שפאציער, אזוי וויא זיא וואלט זאגען: „איך נעהם איין מיין רפואה.“

נאך מיט א יאהר צעהן צוריק האט זיא א דאקטאר אונטערזוכט און גע־זאגט, אז פיעלייכט איז דאס „היפער־טראפיע“ אזוי וויא זיא ליידעט פון א מין פערשטיקונג. זינט דאן האט זיך דיעזער ווארט איינגעשניטען אין איהר קאפ ניט פארשטעהנדיג וואס אייגענט־ליך דאס ווארט בעדייט. זיא פלעגט צושטעהן שטענדיג צום באראן, צו זשאנע, צו ראזאליע, זיי זאלען זיך צוהארכען צו איהר הארץ, וועלכעס מען האט שוין לאנג ניט געקענט פיהלען,

אזוי טיעף איז דאָס געווען פערדעקט מיט פעטס פון ברוסט.

און דער וואָרט איז שוין געוואָרען אין שטענדיגען געברויך. דער באַראָן פלעגט זאָגען: „מיין פרוי'ס היפערטראָפיע" און זשאַנע: „מאַמאַ'ס היפערטראַפיע" און ראָזאַליע: „מאַדאַם'ס „היפערטראָפיע".

ציטענווייז פלעגט זשאַנע פערנעהמען דעם פלאַץ פון ראָזאַליע און פלעגט שפּאַציערען מיט איהר מוטער, וועלכע פלעגט איהר אויפ'ן וועג דערצעהלען מעשיות פון איהרע יונגע יאָהרען. דאָס יונגע מיידעל פלעגט אין דיעזע ערינערונגען פון דער מוטער'ס יוגענד געפינען זיך אליין און פלעגט נתפעל ווערען פון דער עהנליכקייט פון זייערע געדאַנקען, פון דער פערוואַנדשאַפט פון זייערע פערלאַנגען.

איין נאָכמיטאָג ווען זיי האָבען זיך צוגעזעצט אויף א באַנק אָבצורוהען זיך, האָבען זיי דערזעהען פון וויטען אין אַנפאַנג אַלעע א דיקען גלח געהענדיג אויפ'ן וועג צו זיי. ער האָט זיך פערנייגט פון וויטען בעגריסענדיג זיי, און ווען ער איז צוגעקומען נעהענטער האָט די באַראָנין דערקענט, אז דאָס איז זייער גלח, ד. ה. דער גלח פון דאָרטיגער געמיינדע און איידער ער איז נאָך צוגעגאַנגען האָט ער שוין אין דער הויך א זאָג געטהאָן:

— נו, מאַדאַם באַראָנין, וואָס מאַכט מען?

די באַראָנין, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען אין דעם יאָהר־הונדערט פון אויפקלעהרונג און רעוואָלוציאָן, איז ניט געווען קיין בעזאָנדערס פרומע און איז ניט געגאַנגען אָפט אין קירכע, נור פאַר גלחים האָט זיא געהאַט דרך ארץ און האָט זיי גאַנץ גערן געהאַט אויס דעם רעליגיעזען געפיהל, וועלכער איז דאָ אונבעוואוסטערהייט אין דער פרוי. זיא האָט זיך אַביסעל פערשעהמט און איז רויטליך געוואָרען, וואָס זיא האָט אין גאַנצען געווען פערגעסען אויף דעם פאַטער פיקאָ, וויא מען האָט דעם פריסטער גערופען, און זיא האָט געבעטען אום ענטשולדיגונג וואָס זיא האָט ניט ערוואַרטעט זיין בעזוך.

ער האָט א קוק געטהאָן אויף זשאַנען, האָט איהר געגעבען א קאָמפּלימענט, אז זיא זעהט גוט אויס, האָט זיך צוגעזעצט אַוועקלייגענדיג זיין דרייעקיגע הוט צו זיך אויף די קניע און ווישענדיג מיט זיין גרויסע קאָלירטע טאַשענטוך זיין פערשוויצטען, פעטען, רויטען פנים. ער איז געווען זעהר דיק און האָט זיך שטענדיג בעגאָסען מיט שווייס. ער איז געווען מונטער, אויפגעלעגט און גוטמוטהיג וויא געוועהנליך די דאָרפישע גלחים, האָט זיי דערצעהלט געשיכטעס, וואָס עס טהוט זיך אין די בענאַכבאַרטע דערפער, פריצישע הויפען. די באַראָנין האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו זיינע רייד; זיא האָט געפיהלט א צוציהונג צו איהם שוין דערפון אליין וואָס ער איז אויך אַזא דיקער, שווערער און איהם מוז אויך זיין ניט גרינג צו ריידען און מוז זיך שווער אָבאָטהעמען יעדע ווילע.

אלס פערבייסען נאָך דעם לאַנגען געשפּרעך האָט ער אין מיטען א געשריי געטהאָן פרעהליך, אַזוי וויא א גליקליכער רעיון וואָלט א בליץ טהאָן ביי איהם אין מוח:

— מיר האָבען דאָך א נייעם מיטגליעד אין אונזער געמיינדע, איך מוז אייך מיט איהם בעקאַנט מאַכען, דער יונגער גראַף מאָסיע דע־לאַמאַר.

די באַראָנין, וועלכע האָט געהאַט דעם סדר־היחוס פון אלע אריסטאָקראַטישע משפחות פון דער פּראָווינץ אויף איהרע שפּיץ פינגער, האָט גלייך א פרעג געטהאָן:

— איז ער אָפט מאָל ניט פון דער פאַמיליע פון די לאַמאַרס פון ל'עור?

— געוויס, מאדאם. ער איז דאך דאס דער יונגער זוהן פון דעם וויקאמט זשאן דע־לאמאר, וועלכער איז לעצטען יאהר געשטארבען.

דיא באראנין האט שוין געהאט גענוג פראגען צו שטעלען. זיא ווייס דאך דיא קרובים זיינע און דיא גאנצע משפחה. און פאטער פיקא האט דערצעהלט וויא דער יונגער גראף דע־לאמאר האט זיך דא בעזעצט נאך זיין פאטער'ס טויט, פיהרט זיך אויף מוסטערהאפט, ברייננט אין ארדנונג דיא דריי גיטער, וועלכע זיינען איהם געבליבען בירושה פון פאטער אין זייער נאכבארשאפט, אין דער געמיינדע פון עטואוואן.

— א. ער איז א רייצענדער יונגער מענש. אזוי בעזעסען און שטיל. אבער ער האט וויייניג וואו צו פערברייננגען די צייט דא צו לאנד — האט מיטגעטהיילט דער גלח, צו וואס זשאנע האט זיך צוגעהערט מיט שטייגענדער נייגעריגקייט.

— ברייננגט איהם צו אונז צו בעזוך — האט א זאג געטאהן דיא באראנין — דאס וועט פאר איהם זיין אן אנגענעהמער צייט־פערטרייב.

מאסיע דע־לאמאר

דעם פאלגענדען זונטאג איז דיא באראנין מיט זשאנען געגאנגען אין קירכע, אויס העפליכקייט צו דעם גלח. זיי האבען אויפגעווארט נאך דער גאטעס־דיענסט אום איינצולאדען איהם צו פריהשטיק אויף דאנערשטאג. ער איז ארויסגעקומען מיט א יונגען מענשען, וועלכער האט איהם פאמיליארניש גענומען אונטערן ארעם. אזוי גיך וויא ער האט דערזעהען דיא צוויי דאמען, האט ער אויסגעדריקט א פרעהליכע איבעררשונג, אויסשרייענדיג:

— וואס פאר א גליקליכער צופאל! ערלויבט מיר אייך פארצושטעלען, מאדאם באראנין און מאדעמואזעל זשאנע, אייער שכן גראף דע־לאמאר.

דער גראף האט זיך פערנייגט, האט אויסגעדריקט זיין לאנג־אן'יגען פערלאנג צו שליסען בעקאנטשאפט מיט דיא דאמען און האט אנגעהויבען צו פיהרען א לייכטען געשפרעך וויא א מענש פון געזעלשאפט, וועלכער האט שוין ערפאהרונג אין לעבען. ער האט געהאט איינעם פון יענע גליקליכע פנים'ער, וועגען וועלכע פרויען טרוימען און וועלכע זיינען אבשטויסענד פאר מענער. זיינע שווארצע קרויזע האאר האבען בעשאטענט זיין גלאטען זונן־אנגעברענטען שטערען און די צוויי גרויסע אויגען־ברעמען האבען צוגעגעבען טיעפקייט און ווייכקייט צו זיינע אויגען, אזוי וויא זיי וואלטען געוועזען אומיסטנע געקינצעלט אזוי, און דאס ווייסע פון דיא אויגען איז געוועזען עטוואס בלוילעך. דיא לאנגע געדיכטע ברעמען־האאר האבען צוגעגעבען זיין בליק יענע תאוה'דיגע מליצה, וועלכע מאכט אן א חורבן אין דעם סאלאן פון דער שטאלצער דאמע און וועלכע ווירקט אויף דער מיידעל אין גאס, וואס טראגט א קערבעל אויפ'ן ארעם, זיך א קעהר טאהן און ארומקוקען. דיא צויבערליכע ווירקונג פון דיעזע אויגען האט געמאכט יעדען גלויבען אין דער טיעפקייט פון זיינע געדאנקען און האט צוגעגעבען בעדייטונג צו זיינע אונבעדייטענדסטע ווערטער. א דיקע זיידענבערדעל האט פערדעקט זיין אונטערבאק, וועלכע איז געוועזען א ביסעל צו גראב, נאך פיעלע קאמפלימענטען זיינען זיי זיך צוגאנגען.

אין צוויי טעג ארום האט מאסיע

דע־לאמאר אבגעשטאטעט זיין ערשטען בעזוך. ער איז אנגעקומען ווען זיי זיינען געווען באשעפטיגט מיט צופאסען א באנק אקוראט אונטערן בוים אנקעגען דיא פענסטער פון עמפּפאנג־צימער. דער באראן האט געוואלט, אז נאך אזא באנק זאל אוועקגעשטעלט ווערען נעבען פענסטער צווישען דיא צוויי לינדען־בוימער; דיא באראנין אבער, וועלכער עס איז ניט געפעלען געווען סימעטריע, האט דאס ניט געוואלט. ווען מען האט א פרעג געטהאן דעם גאסט זיין מיינונג האט ער געגעבען דער באראנין גערעכט. דאן האט ער גערעדט פון זייער געגענד, וועלכע איז זעהר מאהלעריש, ערקלעהרענדיג, אז ער האט ענטדעקט פּרעכטיג־שעהנע פּלעצער, וואס מוזען זיין אזוי אנגענעהם אליין צו שפּאציערען.

פון צייט צו צייט פלעגען זיינע בליקען, אזוי וויא צופעליג, טרעפען זיך מיט זשאנעס, און זיא האט געפיהלט עפּעס א בעזונדער איינדרוק פון זיין פלוצלינגען קוק און פלעגט זיך באלד אבקעהרען פון דיעזען בליק, אין וועלכען עס איז געווען א צערטליכע בעוואונדערונג און אן ערוואכטע סימפּאטיע.

מען האט זיך צורעדט, זיין פאטער, דער אלטער מאסיע דע־לאמאר, וועלכער איז ערשט לעצטען יאהר געשטארבען, האט געקענט זעהר נאהענט אן אינטימען פריינד פון דער באראנין'ס פאטער. דיא באראנין האט דא ערשט ארויסגעוויעזען איהר גרויסען זכרון אין יחוס־זאכען, וואנדערענדיג אין א גאנצע גאלערעע פון פאמיליען־פערבינדונגען און ניט פערלירענדיג דעם וועג.

— זאגט מיר, גראף, האט איהר ווען געהערט ריידענדיג וועגען דער פאמיליע סאנאי און ווארפלער? זייער עלטסטער זוהן גאנטראן האט חתונה געהאט מיט דער יונגער דע־קארסיל, און דער יונגער זוהן האט געהייראט מיינע א קוזינע, וועלכע איז געווען פון פאטער'ס צד פערוואנדט מיט דער משפּחה קריסאנזש. און מאסיע קריסאנזש איז דאך געווען א נאהענטער פריינד פון מיין פאטער; ער האט געוויס געמוזט קענען אייערע זעהר גוט.

— א, יא, מאדאם. איז דאס ניט דערזעלבער קריסאנזש, וועלכער האט אויסגעוואנדערט און... און זיין זוהן איז רואינירט געווארען?

— ער איז דאס טאקע. ער איז דאך געווען פערליעבט אין מיין טאנטע, נאך דעם וויא זיא איז געבליעבען אן אלמנה. זיי האבען פערלאזען טוריין אין 1813 און האבען זיך באזעצט אין אווערען. פון דאן אן האב איך פון זיי קיין נאכריכט ניט געהאט.

— איך גלויב מאדאם, אז דעם אלטען מארקיז האט געטראפען אן אונגליק; ער איז אראפּגעפאלען פון א פערד. עס זיינען פון איהם געבליעבען צוויי טעכטער; איינע האט חתונה געהאט פאר אן ענגלענדער; און דיא אנדערע, וויא זיי זאגען, איז פערפיהרט געווארען פון א רייכען סוחר און זיא האט מיט איהם חתונה געהאט.

און אזוי האט זיך געצויגען דער געשפרעך; זיי האבען גערעדט פון מענשען, וועלכע זיי האבען אליין קיין מאל אין זייערע אויגען ניט געזעהען, און האבען גערעדט פון דיא הייראטהליכע פאסירונגען.

דער באראן, וועלכער איז געווען גענוג איינפאך אין זיין נאטור און פון ערציהונג אויך אזא, וואס האט ניט געהאלטען פון דיא גלויבונגען און דיא פּרינציפּען פון דיא מענשען פון זיין קלאס, האט זיך ווייניג בענומען מיט דיא שכנים און זייערע פאמיליעס און האט דערפון ווייניג וואס געוואוסט. ער האט זיך נאכגעפרעגט איצט, פון גע־

שפּרעך וועגען, ביי מאָסיע דע־לאַמאַר וועגען דעם.

— אַה, — האָט דע־לאַמאַר געענט־פערט — זעהר ווייניג אַדעליגע פאַמי־ליען זיינען דאָ אין דער נאַכבאַרשאַפט.

ער האָט דאָס געזאָגט מיט דעמ־זעלבען טאָן, וויא ער וואָלט געזאָגט, עס זיינען ניט פיעל האָזען דאָ אין דעם בערגיגען געגענד.

ווען ער האָט אַבשיעד גענומען איז זיין לעצטער בליק געווען פאַר זשאַנען, אַזוי וויא ער וואָלט איהר א ספּעציע־לען זייט געזונד געזאָגט, העפליכער, צערטליכער און זיסער פון געוועהנליך. דיא באַראָנין האָט אויסגעפונען, אַז ער איז א וואונדערליכער יונגער־מאַן.

— יאָ,ווירקליך, ער איז א גוט ער־צויגענער יונגער מענש — האָט באַ־מערקט אויך דער באַראָן.

זיי האָבען איהם איינגעלאַדען פאַר דעם קומענדען זונטאַג צו מיטאַג. אין ער פלעגט נאָך דעם שוין בעזוכען זיי גאַנץ אָפט. ער פלעגט קומען געוועהנ־ליך א זייגער פיער, ווען דיא באַראָנין פלעגט „נעהמען איהר שפּאַציער“ און ער פלעגט איהר אונטערשטעלען גלייך זיין אָרעם. זשאַנע פלעגט נעהמען דיא מוטער'ס אָרעם פון צווייטען זייט און אַזוי פלעגען זיי שפּאַצירען. ער האָט צו דער יונגער מיידעל ווייניג גערעדט, אָבער זיינע אויגען, וועלכע האָבען אויסגעזעהען אַזוי וויא פון שוואַרצע סאַמעט, פלעגען אָפט בעגעגענען איהרע אויגען, וועלכע זיינען געווען אַזוי טיעף בלוי. זעהר אָפט פלעגען זיי אויך געהן מיט דעם באַראָן אַראָפּ'ן באַרג צום ברעג ים קיין אופּאָרט, וואו דיא פישער און שיפער וואָהנען.

איין אָבענד, ווען זיי זיינען גע־ווען אויפ'ן ברעג, איז פאָמער לאַס־טיק צוגעשטאַנען צו זיי, ניט אַרויס־נעהמענדיג דיא שטענדיגע לולקע פון זיין מויל, אָהן וועלכער מענשען וואָל־טען איהם ניט דערקענען, נאָך וויני־גער איידער ווען ער וואָלט פּלוצלונג פערלאָרען זיין נאָז.

— מאָסיע באַראָן, ווען מיר האָ־בען אַזאַ גוטען ווינטעל נעהם איך זיך אָן צו ברייגנען אייך קיין עטריט און צוריק מאָרגען אָהן דיא מינדעסטע אונ־אַנגענעהמליכקייט.

זשאַנע האָט א פּאַטש געטהאָן מיט דיא הענד פון פרייד:

— אַ, פּאַפּאַ, ווען דו וואָלסט נור צוגעשטימט.

— זייט איהר געניגט? — האָט דער באַראָן זיך א ווענד געטהאָן צו דע־לאַמאַר — קומט, גראַף מיר וועלען שוין דאָרטען צובייסען.

און זיי האָבען בעשלאָסען מאָרגען אונטערנעהמען דיא עקספּעדיציע.

זשאַנע איז מאָרגען גאַנץ פריה שוין אויף געווען. זיא האָט געוואַרט אויפ'ן פאָטער, וועלכער איז געווען לאַנגזאַמער פון איהר אין אַנציהען זיך, און זיי זיינען געגאַנגען איבער'ן פעלד אין'ם מאָרגען־טהוי און דאַן דורכ'ן וועלדעל, וועלכער איז געווען פול מיט מוזיק פון פויגעל־געזאַנג. דער גראַף מיט פאָטער לאַסטיק האָבען שוין געוואַרט אויף זיי אין שיפעל.

א לייכטער אָבער גלייכער ווינטעל האָט געבלאָזען פון ברעג און האָט גע־קנייטשט און געררונצעלט דיא אָבער־פלעכע פון וואַסער. דער זעגעל איז אָנ־געצויגען געוואָרען און האָט א קעהר גע־טאָהן אַביסעל דעם שיפעל און דיא רייזע האָט זיך אָנגעהויבען. זשאַנע האָט זיך געהאַלטען פאַר'ן ראַנד מיט איין האַנד; איהר קאָפּ האָט אַביסעל גע־שווינדעלט פון'ם וויגען פון דיא כוואַ־ליעס; זיא האָט געקוקט אין דער טיע־פער ווייטקייט און איהר האָט זיך אויס־געוויזען, אַז נור דריי זאַכען זיינען באמת שעהן אין דער נאַטור: ליכטיג־קייט. רוים און וואַסער,

קיינער פון זיי האָט ניט גערעדט. פאַטער לאַסטיק, וועלכער האָט געהאַלטען דעם רודער מיט איין האַנד, פלעגט מיט דער אַנדער האַנד פון ווײַלע צו ווײַלע אַרויסנעהמען פון אונטער זיין זיץ־פּלאַטץ א פלעשעל און א זופּ טהאָן. דער באַראָן איז געזעסען אויף דעם פאָדערסטען ברעג פון שיפעל. זשאַנע און דע־לאַמאַר זיינען געזעסען זייט ביי זייט, ביידע אביסעל אונרוהיג. אַן אונבעוואוסטע קראַפט האָט געצווינגען זייערע בליקען צו בעגעגענען זיך גלייך וויא זיי פלעגען אויפהויבען דיא אויגען אין דערזעלבער צייט; אזוי וויא א מאַגנעטישע צוציהונג וואָלט דאָס אַרויסברייגנען. צווישען זיי האָט שוין געפּליסט יענע טומאַנע צערטליכקייט, וועלכע קומט אַרויס אזוי שנעל צווישען צוויי יונגע מענשען, ווען ער איז נור ניט זעהר מיאוס און ווען זיא איז זעהר שעהן. זיי האָבען געפיהלט גליקליך.

דיא זונן האָט זיך אויפגעהויבען הויך, אזוי וויא פון דעם העכסטען פּלאַץ וואָלט זיא געוואָלט אָנקוקען דעם אונגעהייער ווייטען ים וואָס איז צושפּרייט אונטער איהר. אָבער דער ים האָט קאָקעטירט און האָט זיך פערקליידט מיט א לייכטען שלייער פון טומאַן, וויא צו בעהאַלטען זיך פון דער זונן'ס שטראַהלען. דאָס איז געווען א דורכזיכטיגער טהוי, זעהר נידריג און וויא גאָלדיג בעגאָסען פון זונען־שיין.

— ווי פרעכטיג דאָס איז! — האָט געמורמעלט זשאַנע.

דער גראַף האָט צוגעשטימט. דער בריליאַנטער אין־דער־פריה האָט ערוועקט אַן עכאָ אין זייערע הערצער. פּלוצלונג האָט זיך געוויזען פון צווישען טומאַן דער גרויסער פעלזען־טהויער פון עטרעטאַט, אזוי וויא צוויי אונגעהויערע הענד פון דיא געגענזייטיגע בערג וואָלטען זיך ציהען פון איין באַרג צום צווייטען, בילדענדיג אַן אַרקע, הויך גענוג אַז שיפען זאָלען קענען דורכגעהן. דער שיפעל איז צוגעשטאַנען צום ברעג. דער גראַף האָט אָנגענומען זשאַנעס האַנד און געהאָלפען איהר אַרויסשטייגען, אַז זיא זאָל ניט פאַרנעצען איהר קלייד. און אַרויסגעהענדיג אויפ'ן ברעג האָבען זיי ביידע געהערט הינטער זיך וויא פאַטער לאַסטיק זאָגט צום באַראָן:

— איך מיין, אַז זיי וואָלטען געווען א פיינע פּאָרעל, זיי ביידע.

דאָס צובייסען אין א קליינער אכסניא לעבען ברעג איז געווען וואונדערליך אָנגענעהם. דער אַלטער ים, מיט זיין פּחדים'דיגען קול און רוישיגע געדאַנקען, האָט זיי געמאַכט שווייגען. אָבער דער טישעל מיט שפּייז און געטראַנק האָט זיי געמאַכט ריידענדיג און זיי האָבען פרעהליך געפּלוידערט אזוי וויא שוהל־אינגלאַך, ווען זיי פאָהרען אויף וואַקאַציע. יעדער קלייניגקייט האָט זיי אַמוזירט.

פאַטער לאַסטיק האָט אַריינגעלייגט דיא רויכענדיגע לולקע צו זיך אין היטעל און זיי האָבען זיך דערפון צולאַכט. א פליג צוגעצויגען פון דיא רויטקייט פון זיין נאָז מסתמא, האָט זיך אַרומגעגליטשט דערויף, אַז ווען ער האָט זיא געוואָלט כאַפּען, איז זי אַראָבגעשפּרונגען פון נאָז אויף א פאָרהאַנגעל לעבען איהם און דערנאָך צוריק אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם רויטען באַרג פון זיין פּנים. דאָס האָט זיי געגעבען ווידער שטאָף אויסצושיסען אין א געלעכטער. און ווען דער שיפער ברוגז'דיג פאַר דער קיצלעריי פון דער פליעג האָט געבורמשעט: „ווי דאָס האָט זיך אָבגעזעצט“, האָבען זשאַנע מיט'ן גראַף שוין אזוי זיך צולאַכט, אַז טרעהרען האָבען זיך געוויזען אין זייערע אויגען און זיי האָבען געזוכט צו דערשטיקען זייער געלעכטער מיט זייערע סאַלפעטקעס.

ווען מען האָט דערלאַנגט דיא קאַפּעע האָט זשאַנע א זאָג געטהאָן.

— פאַרוואָס זאָלען מיר דאָ ניט א שפּאַציער טאָהן?

דער גראף האָט זיך אויפגעהויבען, אָבער דער באַראָן האָט בעסער געוואָלט זיצען דאָ אין דער זונן ביים ברעג.

— גערהט, קינדער — האָט ער געזאָגט — איהר וועט מיך דאָ געפינען ווען איהר וועט קומען אין א שטונדע ארום.

זיי זיינען פערבייגעגאנגען די עטליכע הייזער וואס האָבען זיך איינגעפונען דאָרט, זיינען אריבער א קליינעם שלאָס, וואָס האָט אויסגעזעהען אזוי ווי א מאַיאָנטעק, און האָבען זיך דערזעהען אין אַן אָפּענעם טהאָל, וועלכער האָט זיך אויסגעשפרייט פאַר זייערע אויגען.

דיא שטענדיגע בעוועגונג פון ים האָט זיי מיעד געמאַכט, צושטערענדיג זייער געוועהנליכע גלייכגעוויכט, דיא שאַרפע זאַלציגע לופט האָט זיי הונגעריג געמאַכט, דאַן האָט זיי דאָס עסען איינגעשטילט און דער פרעהליכער געלעכטער האָט זיי אויסגעמאַטערט. איצט זיינען זיי בעפאַלען געוואָרען פון א ווילדען פערלאַנג צו לויפען משוגענערהייט דורך דיא פעלדער און זשאַנע האָט געפיהלט ווי עס קלינגט אין איהרע אויערן פון דיא פיעלע שנעלע איינדריקע איינער נאָך דיא אַנדערע.

א ברענענדע זונן האָט געשיינט אויף זיי. פון ביידע זייטען פון וועג האָבען זיך דיא פולע רייפע זאַנגען געבויגט אונטער דער היץ. די היישעריקען האָבען געהוזשעט אומעטום אין די ווייץ, און דיא קאָרען, און די גערדיכטע הויכע גראָז. קיין אַנדערע שטימען האָט מען ניט געהערט אונטער דעם היציגען פינקעלנדיג בלויען הימעל, וועלכער האָט אין פלעצערווייז אָנגעהויבען צו בעפאַרבען זיך געלבליך, וויא ער וואָלט געהאַלטען אין געהן רויט ווערען אזוי ווי מעטאַלען נאָהענט פון א פייער. איינגעשלאָסען צווישען צוויי טיעפע בערגהאָבען זיי דערזעהען א שמאָלען וועג צווישען צוויי געדיכטע ציילען בוימער וואָס האָבען ניט צוגעלאָזען דיא זונן. א מין פייכטע קיהלקייט האָט זיי אַהין צוגעצויגען. קיין גראָז איז דאָרט ניט געוועזען, ניט האָבענדיג קיין ליכט און קיין פרייע לופט, אָבער א דעקע פון הייכטע מאָך האָט בעצויגען דעם גרונד.

— קומט, מיר קענען זיך דאָרט זעצען — האָט א זאָג געטהאָן זשאַנע.

זיי האבען זיך געזעצט אזוי, אַז זייערע קעפּ זיינען אויסגעקומען אין שאַטען און זייערע פיס אונטער דער זונן.

— וויא פּרעכטיג דאָ איז! וויא ליעבליך עס איז צו לאַנד. מינוטענווייז וואָלט איך דוכט זיך וועלען זיין א פליג אָדער א זומער־פויגעלע און בעהאַלטען זיך אין דיא בלומען.

און זיי האָבען זיך צורעדט וועגען זיך גופא, וועגען זייערע געוואָהנהייטען, וועגען יעדערנס געשמאַק, אין אזא טאָן וויא עס ריידען צוויי נאָהענטע מענשען, אינטים פערטרויליך. איהם איז שוין דיא וועלט איבערדריסיג געוואָרען, האָט ער איהר געזאָגט, מיעד פון אזא לעבען אָהן אינהאַלט; אַלץ דאָסזעלביגע און דאָסזעלביגע; קיין זאַך וואָס זאָל זיין האַרציג, וואָס זאָל זיין טריי.

דיא וועלט! זיא וואָלט וועלען ערשט קענען דיא וועלט. אָבער זיא איז איבערצייגט, אַז קיין זאַך קען זיך ניט פערגלייכען צום לעבען צו לאַנד. און וואָס נעהענטער זייערע הערצער זיינען געוואָרען און וואָס צערעמאָניעלער זיי זיינען געוואָרען, רופענדיג איינער דעם צווייטען „מאַסיע" און „מאַדעמואַזעל", אַלץ מעהר שמייכלענד זיינען געוואָרען זייערע בליקען קוקענדיג איינער אויף דעם צווייטען. עס האָט זיך זיי געדוכט איצט, אַז זיי זיינען ביידע בעסער געוואָרען איינער צום צווייטען, האָבען זיך אינטערעסירט צוזאַמען אין א טויזענד זאַכען וועגען וועלכע זיי האָבען פריהער גאָר ניט געטראַכט.

זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט, אָבער דער באַראָן איז שוין ניט געוועזען אויף דעם פּלאַטץ, וואו זיי האָבען איהם איבערגעלאָזען. ער האָט זיך אומגעקערט ערשט א זייגער פינף נאָך א לאַנגען שפּאַציער צווישען דיא בערג. זיי האָבען זיך ווידער געזעצט אין שיפעל. דער ים איז איצט געוועזען שטיל און דער

שיפעל האָט זיך רוהיג געגליטשט פאָרווערטס. זיי האָבען א לאַנגע צייט געשוויגען.

זשאַנע האָט ענדליך אָנגעהויבען:

— עס איז אָבער אומעטיג אליין ארומפאָהרען — האָט דער גראַף געענטפערט — מען דאַרף ווייניגסטענס פאָהרען זאַלבענאַנד, צו קענען ווערקסלען זיך מיט איינדריקע.

— יא, דאָס איז אמת — האָט זיא געזאָגט נאָך א ווײַלע נאָכדענקען — אָבער איך וואָלט גערן געגאַנגען אליין. עס מוז זיין א פאַרגניגען ארומצופאָהרען אליין.

ער האָט זיא אָנגעקוקט מיט א פעסטען בליק:

— אויך צוויי קענען טרוימען צוזאַמען.

זיא האָט אַראָבגעלאָזען די אויגען. האט זיא זיך דאָס מודה געווען אויף זיינע ווערטער? אפשר.

— איך וואָלט געוואָלט בעזוכען איטאַליען — האָט זיא אָנגעהויבען מיט א שטילער שטימע — און גריכענלאַנד און קאָרסיקא; דאָרט מוז זיין אזוי ווילד און אזוי שעהן.

אָבער ער וואָלט בעסער ארומגעפאָהרען אין דער שווייץ; דאָרט זיינען וואונדערליכע בערג און סאַזשעלקעס

— ניין, — האָט זיא זיך געשפּאַרט — איך וואָלט בעסער וועלען זיין אין גאַנצען אין נייע לענדער ערגעץ, אזוי וויא אין קאָרסיקא; אָדער ווען ניט איז לכל הפּחות אין אַלטע לענדער וויא גריכענלאַנד, וואו עס זיינען אזוי פיעל אַלטע עראינערונגען. עס מוז זיין אַנגענעהם צו זעהען דעם סליאַד פון פעלקער, וועמעס געשיכטע מיר האָבען געלערענט ווען מיר זיינען געווען קינדער, און צו זעהען דיא פּלעצער, וואו גרויסע זאַכען זיינען געשעהען.

— און איך וואָלט בעסער בעזוכט ענגלאַנד — האָט ער מיט א רוהיגקייט ערקלערט — דאָס איז א היסטאָרישע מדינה.

אזוי זיינען זיי דורכגעפאָהרען דיא גאַנצע וועלט, דיסקוטיר׳ענדיג וועגען דיא אַנגענעהמע אייגענשאַפטען פון יעדען לאַנד פון דיא פּאָלען ביז צום עקוואַטאָר און זיינען בעגייסטערט געוואָרען פון פאַנטאַסטישע לאַנדשאַפטען און פון דיא בעזונדערע מנהגים פון אַלטע פעלקער, וויא דיא כינעזער, לאַפּלאַנדער. אָבער זיי זיינען געקומען צום שלום, אז פון אַלע לענדער איז פראַנקרייך דאָס שעהנסטע מיט איהר מעסיגען קלימאַט, קיהל אין זומער און מילד אין ווינטער, רייכע פעלדער, גרינע וועלדער, גרויסע, שטילע טייכען און דער עיקר דיא קולטיווירונג פון דיא שעהנע קינסטע, וועלכע מען געפינט ערגעץ ניט אזוי וויא אין פראַנקרייך, זינט דיא גרויסע יאהרהונדערטע פון אטהען.

דאַן זיינען זיי אַנטשוויגען געוואָרען. דיא זונן, זינקענדיג אַלץ נידריגער, האָט אויסגעוויזען אזוי וויא זיא וואָלט בלוטען. דאָס לעצטע ביסעל ווינד איז איינגעשטילט געוואָרען און דאָס וואסער איז געווען איצט גלאַט ווי א שפּיגעל, און דער זעגעל איז געווען רויט. אַן אונבעגרענצטע שטילקייט האָט ארומגעכאַפּט דיא עלעמענטען פון דער נאַטור. דער ים, אזוי וויא אַן אונגעהייער גרויסע כלה וואָלט פארגעלייגט איהר גליהענדען בוזים, ערוואַרטענדיג איהר זונן־פייערינען געליעבטען, וועלכער שטייגט אראָב צו איהר. מיט האַסטיגען אימפּעט צום זינקען האָט ער זיא איינגעהילט אין פּורפּור־רויטקייט מיט תאוה ארומצונעהמען זיא. נאָט איז ער שוין מיט איהר; און ביסלעכוויז האָט זיא איהם פערשלונגען.

דאַן האָט זיך א קיהלקייט צושפּרייט פון האָריזאָנט; א שו־דער האָט צורונצעלט דעם באַוועגליכען בוזים פון׳ם וואסער.

דער בין־השמשות איז געווען קורץ:

פינסטערקייט האט זיך פארשפרייט, אויסגעזעצט מיט שטערן. פאטער לאס־טיק האט א נעהם געטהאן דיא וועס־לעס ; און זיי האבען בעמערקט וויא דער ים איז געווארען פאספאריסטיש פינקעלדיג. זשאנע און דער גראף זי־צענדיג זייט ביי זייט האבען נאכגע־קוקט דעם פינקעל־סליאד, וואס דער שיפעל האט געלאזען א הינטער זיך. איהר האנד איז געלעגען אויף דעם ביינקעל, וואו זיא איז געזעסען און א פינגער פון איהר שכן האט זיך אנגע־ריהרט אן איהר הויט אזוי וויא צופע־ליג ; זיא האט ניט אבגעצויגען, זיי־ענדיג איבערראשט, גליקליך און צו־מישט פון דיעזער לייכטער בעריהרונג.

ווען זיא איז אוועק צו זיך אין צי־מער דיעזען אבענד האט זיא געפיהלט א בעזונדער עמפפינדונג, אזא ליעב־ליכקייט און זאנפטקייט, אז אלעס האט עפעס בעוועגט זיא צום וויינען. זיא האט געקוקט אויף דעם זייגער וואס איז געשטאנען אויף דעם טישעל פון רויזען־האלץ און דער פאמפעדיטעל אין דער געשטאלט פון א ביהן האט זיך איהר געדוכט אז זיא זעהט און פיהלט דעם טיק־טאק פון א הארץ, פון א פריינדס קלאפענדעם הארץ. און זיא האט אב־געשטעלט דעם געגילטען ביהן און האט אבגעדריקט א קוס אויף זיינע פליגע־לעך. זיא וואלט געקוסט איצט אלעס. זיא האט זיך דערמאהנט, אז ערגעץ אין איהרען א שופלאד ליעגט אונטען בעהאלטען איהרע א פופע, נאך פון איהרע קינדער־יאהרען. זיא האט איהר אויסגעזוכט און מיט א שמחה, וויא איינער פיהלט ווען ער בעגעגענט זיך מיט א טהייערען, אלטען פריינד, האט זיא באדעקט מיט ווארעמע קוסען דיא געפארבטע בעקלעך אוז דיא קרויזע האאר פון דעם שפיעל־צייג. און האל־טענדיג איהר אין איהרע ארעמס האט זיא געטרוימט.

איז ער ווירקליך דער באשערטער מאן, איהר באשערטער פון טויזענדע געהיימע שטימען, וועלכע דיא השגחה האט צוגעשיקט אויף איהר וועג ? איז ער ווירקליך דיא פערזאן, וועלכע איז בעשאפען געווארען פאר איהר, צו וועלכער זיא וואלט געווידמעט איהר גאנצע עקזיסטענץ ? זיינען זיי דיא צוויי פון פאראויס באשערטע איינע פאר דעם צווייטען, וועמעס פעראייניגטע געפיהלען וואלטען זיך צונויפפלעכטען דורכוועבען אין דער ליעבע ?

זיא האט איצט מעהר ניט געפיהלט דיא אויפרעגונג אין איהר גאנצען קער־פער, יענע וואהנזיניגע רייצונגען, וועל־כע זיא האט גערעכענט פאר ליידענ־שאפט. איהר האט זיך אבער אויס־געוויעזען, אז זיא הויבט איהם אן צו ליעבען ; און זיא האט דורכאויס גע־טראכט וועגען איהם.

דיא נאכט האט זיא וועניג געשלא־פען. און פון טאג צו טאג האט זיא אנגעהויבען צו פיהלען אלץ מעהר דעם אונרוהיגען פערלאנג צו ליעבען. דאס האט זיא אין גאנצען פערכאפט. זיא פלעגט זיך נאכאנאנד פרעגען, פלעגט פרעגען זיא ראמאשקע־בליהמעלעך, דיא וואלקענס, פראבירען טרעפען דורך ווארפען א מטבעה אין דער לופטען.

איין אבענד האט איהר דער פא־טער א זאג געטהאן :

— פוץ זיך אויס מארגען אין דער־פריה.

— צו וואס עפעס, פאפא ? — האט זיא א פרעג געטהאן.

— דאס איז א סוד — האט ער איהר געענטפערט.

און ווען זיא איז אויף מארגע־ אראבגעקומען אין גאנצען פריש, אויס־געפוצט אין א העלען קלייד, האט זיא דערזעהען, אז דער טיש אין עמפפאנגס־צימער איז באדעקט מיט קעסטלעך קאנ־פעקטען און אויף א שטוהל ליגט א

גרויסער בוקעט בלומען. א קאַרעטע איז צוגעפאָהרען צום הויף. מען קען אויף איהם לעזען דעם אויפשריפט: „לעראַנט פּעקאַמפּ, דער בעקער פון צו־קער־געבעקס. חתונה־מאָהלצייטען." און דיא דיענסט, לודווין, געהט צו אין צוזאַמען מיט דעם פּוהרמאַן ציהען זיי אַרויס פון דער געעפענטער טהירעל א לאַנגען פּלאַכען קאַשיק פון וועלכען עס פיהלט זיך אַזא אַפּעטיטנער ריח.

דער גראַף דע־לאַמאַר איז ערשיע־נען. זיינע פאַנטאַלאָנעס זיינען שטייף אָנגעצויגען און אונטען פערשנאַלט אונ־טער דיא גלאַנציגע שטיוועלעך, וועלכע ווייזען וויא שמאָל זיינע פיס זיינען. זיין לאַנגער פראַק באַפּט נעט אַרום זיין פיגור, דיא זיידענע שפּיצען, וועלכע בעפּוצען זיין העמד, פאַרדעקען זיין ברוסט און דער רייכער קראַוואַט מיט פיעל פאַלבען מאַכען איהם האַלטען הויך זיין שעהנעם דונקעלען קאָפּ, אין וועל־כען מען זעהט דעם אמת'ן אַדעליגען. זשאַנע, אַן ערשטוינטע, קוקט אויף איהם אַזוי וויא זיא האָט נאָך קיין מאָל אויף איהם ניט געקוקט. איהר דוכט זיך, אַז ער איז דער גרעסטער אַדעל־מאַן, זעהר א גרויסער הערר פון קאָפּ ביז דיא פיס.

ער האָט זיך פערנייגט מיט א שמייכעל, זאָגענדיג:

— נו, מיין ווייבעליע, ביסטו פערטיג?

זיא שטאַמעלט:

— וואָרום, וואָס איז דען?

— דוא וועסט שוין באַלד וויסען.

דיא חופּה־קאַרעטע איז צוגעפאָה־רען, מאַדאַם אַדעלאַאידע איז אַראָב־געקומען פון איהר צימער אין אויסגע־פּוצטע, אנגעלעהנט אויף דעם אָרעם פון ראַזאַליען, וועלכע איז אַזוי ענטציקט פון מאַסיע דע־לאַמאַר, אַז דער באַראָן האָט זאָגאַר געמאַכט דיא בעמערקונג:

— איך, זאָג, גראַף, אונזער דינסט־מיידעל געפינט אייך אַפּנים נאָך איהר געשמאַק.

דער גראַף איז פון דער בעמערקונג רויט געוואָרען איבער דיא אויערן און האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. ער האָט גענומען דעם גרויסען בוקעט און האָט דאָס צוגעטראָגען זשאַנען. זיא האָט גענומען דעם בוקעט, זייענדיג נאָך מעהר ערשטוינט פון דאָס פּאַסי־רענדע.

אַלע פיער זיינען אַריין אין דער קאַרעטע; און דיא קעכין לודווין האָט צוגעטראָגען דער באַראָניז אויסצוטרינ־קען א קאַפּע קאַלטע טהיי אום צו קרעפ־טיגען זיך, זאָגענדיג:

— ווירקליך, מאַדאַם, לייט וועלען זאָגען, אַז דאָס איז א חתונה.

זיי זיינען צוגעפאָהרען צו דעם דאָרף איפּאָרט ביים ברעג ים, און ווען זיי זיינען דורכגעפאָהרען דעם דאָרף זיינען אַלע שיפער געווען אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג. זיי האָבען אַרויסגעשטייגט. אַלע האָבען זיך פערנייגט פאַר'ן באַראָן, געדריקט זיין האַנד און זיינען נאָכגעגאַנ־גען אין בעגלייטונג אַזוי ווי אין א פּראָ־צעסיאָן. דער גראַף האָט אָנגעשטעלט זשאַנען זיין אָרעם און זיי זיינען געגאַנ־גען פאַראויס בעפאָר אַלעמען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער קירכע, האָט זיך דיא פּראָצעסיאָן אָב־געשטעלט, און דער גרויסער זילבער־נער צלם האָט זיך געוויזען, געטראָגען פון איינעם פון דיא אינגלעך פון כאָר און נאָך איהם נאָך איינער אין רויט און ווייס האָט געטראָגען דעם בעקען מיט הייליגעם וואַסער. און ביים ברעג פון ים איז געשטאַנען א גרויסע מאַסע מענשען, וואַרטענדיג אַרום א נייעם שיפעל, וועלכער איז געווען בעפּוצט מיט בלומען און גירלאַנדעס. דער מאַסט און דער זעגעל זיינען געווען בע־האַנגען מיט לאַנגע בענדער, וועלכע האָבען געפלאַטערט אין דער לופט, גע־

בלאָזען פון ווינד, און אויבען אויפ'ן שפּיץ פון זעגעל־בוים האָט געפלאטערט דער אויפשריפט מיט גאָלדענע אותיות: "זשאַנע„.

פאטער לאַסטיק, דער בעל־הבית פון דיעזען שיפעל, וועלכער איז געבוים געוואָרען אויף דעם באראָן'ס קאָסטען, איז צוגעגאנגען צום אָנהייב פון פראָצעסיאָן. דאַן האָט דיא גאנצע מאסע אזוי וויא איין מאַן, אראָבגענומען דיא היטלען, און איין מחנה פרומאקעס, געקליידעט אין לאנגע שווארצע מאַנטלען, וועלכע היינגען אראָב אין גרויסע פאלדען פון זייערע שולטערען, האָבען געקניעט דערזעהענדיג דעם גרויסען זילבערנעם צלם.

דער גלח, צווישען צוויי כאָר אינגלעך, איז געשטאנען ביי איין ברעג פון שיפעל און אויף דעם אַנדער ברעג זיינען געשטאנען דריי אַלטע כאָריסטען אין זייערע ווייסע קיטלען, קוקענדיג אין דיא געבעט־ביכער האָבען געזונגען מיט פאַלשע טענער און קולות אין טאָג אריין,

און דער טרוים, וועלכער האָט זיא פערפאָלגט דיא גאנצע צייט האָט איצט ערשט אָנגענומען דאָס געשטאלט פון א ווירקליכקייט איינגעפאַסט אין האלוצינאציעס. זיא האָט פלוצלונג דערפיהלט, אז ער, דע־לאמאר, דריקט איהר האַנד, גאנץ ווייך פון אָנפאנג: אָבער אַלץ פעסטער און פעסטער דערנאָך און ענדליך אזוי פעסט, אז דיא האַנד קען צובראָכען ווערען. און אליין גיט ער ניט א ריהר זיין געזיכט און קיינער באמערקט דאָס גאָר ניט.

—א, זשאנע, ווען דו וואָלסט וועלען וואָלט דאָך דאָס געווען אונזער האָכצייט.

זיא האָט אָנגעבויגען איהר קאָפּ זעהר לאנגווייליג, וואָס עס האָט אפּנים בעדייטעט: „יא". און דער גלח, וועלכער האָט נאָך אַלץ געשפּריצט דאָס הייליגע וואסער, האָט איצט ארויפגעשפּריצט עטליכע טראָפּען אויף זייערע פינגער.

דאָ איז געווען דיא ענדע. דיא פרויען האָבען זיך א הויב געטהאָן. דאָס צוריק קעהרען איז געווען א מישמאַש. דער צלם אין דיא הענד פון דעם כאָרזינגערל האָט פערלאָרען זיין גאנצען ווערטה. האָט זיך גערוקט אַלץ פאָראויס שטופּענדיג זיך צווישען דער מאַסע, געשאָקעלט זיך אין דעם אינגעלס האַנד און אַט, אָט וועט ער נאָך א פאַל טהאָן און טרעפען ווען איז נאָז. דער גלח זאָגט שוין ניט מעהר קיין תפילות, נור געהט פון הינטען און וויל אניאָגען דעם עולם. און דיא מאַטראָזען מיט דיא אלע שיפס־מענשען איילען זיך קופּעס־ווייז. זייערע קעפּ זיינען פיל מיט איין געדאנק. דער ריח פון מאכליט האָט זיי פארשמעקט אַלעמען, האָט לייכטער געמאַכט זייערע פיס און וואַסערדיג געמאכט זייערע מיילער. דאָרט אין דעם פאַפּעל־בוימער שלאָס איז פאַר זיי אָנגעגרייט א מאהלצייט.

ביים מאהלצייט איז געזעסען זשאַנע צו דער רעכטער האַנד פון'ם גראף דע־לאמאר און זיא איז געשוואומען אין א ים פון גליק. זיא האָט מעהר קיין זאַך ניט געזעהען, ניט געוואוסט און האָט געשוויגען. איהר קאָפּ האָט געשווינדעלט פון שמחה.

— וואָס איז דיין ערשטער נאָמען?

— האָט זיא איהם שטיל א פרעג געטהאָן.

— זשוליאָן — האָט ער געענטפערט

—האָסטו דאָס גאָר ניט געוואוסט נאָך?

אָבער זיא האָט מעהר ניט געענטפערט; זיא האָט נור געטראכט:

— וויא אָפט וועל איך ארויסריידען דיעזען נאָמען.

ווען דער מאהלצייט איז געווען צו ענדע, האָבען זיי פערלאָזען אַלעמען און זיינען אוועק גאָר אין אן אנדער

זייט פון שלאָס. דיא באַראָנין, אָנגעלעהנט אויף דעם באַראָן'ס אָרעם האָט אָנגעהויבען נעהמען איהרע שפּאַציער־גאַנגען, פון ביידע זייטען בעגלייט פון דיא צוויי גלחים, וואָס זיינען געווען צו דער חתונה. און זשאַנע מיט זשוליאַן זיינען אַוועק צום ברייטען טהאָל און זיינען פערגאַנגען אין איינע פון דיא קליינע שטעגלעך צווישען דיא געדיכטע קוסטעס. און פּלוצלונג האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן איהרע הענד און געזאָגט:

— זאָג מיר, וועסטו זיין מיין פרוי ?

זיא האָט ווידער אָנגעבויגען איהר קאָפּ, און ווען ער האָט געשטאַמעלט: „ענטפער, איך בעט דיך !" האָט זיא אויפגעהויבען איהרע אויגען צו איהם זעהר ווייך. צערטליך און ער האָט געלעזען דעם ענטפער אין איהר בליק.

חתונה און איבעררַאשונג

עס איז אוועק אַ קורצע צייט נאָך דיעזע האלוצינאציעס און חלומות. איין אין דער־פריה איידער זיא איז נאָך אויפגעשטאַנען איז דער באַראָן אריין צו איהר אין צימער, האָט זיך געזעצט ביי איהר צופוסען אויפ'ן ראַנד בעט און האָט איהר דערצעהלט:

— דער הערר גראַף דע־לאמאר בעט דיין האַנד.

זיא האָט זיך פאַרשעהמט און האָט געוואָלט בעהאַלטען איהר פּנים אין קישען.

— מיר האָבען אָבגעלייגט אונזער ענטפער — האָט ער איהר ווייטער דער־צעהלט — אויף אַ קורצע צייט . . .

איהר האָט דער אטהעם פערכאַפּט, זיא האָט געפיהלט ווי עס פאַרקוועטשט איהר דיא ברוסט, אַז זיא ווערט שיער דערשטיקט.

דער באַראָן וועלכער האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען זיינע ווערטער, האָט געשמייכעלט און האָט איהר ער־קלעהרט:

— מיר האָבען דאָך ניט געוואָלט טהאָן וואָס ניט ריידענדיג מיט דיר פריהער וועגען דעם. דיין מוטער און איך האָבען גאָר ניט וואָס אויסצוזעצען געגען אַזאַ שידוך, אָבער פון רעכטסוועגען וואָלטען מיר ניט וועלען דיך איינשמועסען דערצו. דוא ביסט פיעל רייכער פון איהם. אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען גליקליך זיין אין לעבען דאַן וואָלטען מיר ווייניג געטראַכט וועגען געלד־זאַכען. קיין על־טערען האָט ער ניט. דאָס הייסט, אַז ווען דוא וועסט מיט איהם חתונה האָבען קומט דאָס אריין אַ זוהן אין אונזער פאַמיליע. דען ווען דוא וואָלסט חתונה האָבען פאַר אַן אַנדערן וואָלט אויסקומען דיר, אונזער טאָכטער, צו לעבען צווישען פרעמדע.

זיא איז געוואָרען רויט ביז דיא האָר, האָט געשטאַמעלט און געענט־פערט:

— איך בין איינפערשטאַנען, פּאַפּאַ.

און איהר פאַטער האָט אריינגע־קוקט איהר טיעף אין דיא אויגען און נאָך אַלץ שמייכלענדיג האָט ער געזאָגט:

— אַזוי האָב איך טאַקע געדיינקט, מאַדעמואַזעל.

זיא איז געבליעבען עפּעס וויא אַ פער'שיכור'טע פון איהרע געפיהלען ביז פאַרנאַכט. ניט וויסענדיג וואָס זיא טהוט, וואו זיא געהט; זיא פלעגט נעהמען אַ זאַך, ניט וויסענדיג וואָס און צו וואָס זיא נעהמט דאָס; איהרע פים זיינען געוואָרען שוואַך פון מיעדקייט, ווען זיא איז גאָר ניט געגאַנגען. אַ זייגער זעקס פאַרנאַכט ווען זיא

איז געזעסען מיט איהר מוטער אונטער א לינדען־בוים, איז דער גראף אנגעקומען. זשאנע'ס הארץ האט אנגעהויבען ווילד צו קלאפען. דער יונגער מענש איז צוגעגאנגען, וויא עס האט אויסגעזעהען, גאנץ רוהיג. ווען ער איז געווען שוין גאנץ נאהענט האט ער אנגענומען דיא באראנין'ס פינגער און האט זיי א קוס געטהאן; דאן דערלאנגענדיג א ציטערנדע האנד דער יונגער מיידעל, האט ער איהר געגעבען א לאנגען קוס, צערטליך און דאנקבאר.

עס האט זיך אנגעהויבען דיא גלענצענדע צייט פון פער'קנס'טע. זיי פלעגען זיך אונטערהאלטען אליין אין א ווינקעל פון זאאל, אדער זיצענדיג ערגעץ ביים ברעג וועלדעל, וואו עס איז פאר זייערע אויגען געווען דורכאויס ווילדערנעס. א מאל פלעגען זיי אויך שפאציערען אין דיא אלעען פון דער באראנין; ער פלעגט ריידען וועגען דער צוקונפט און זיא פלעגט הערען מיט איהרע אויגען אראבגעלאזען אויף דעם שטויביגען סליאד פון איהר מוטער'ס טריט.

איין מאל איז שוין אזוי בעשלאסען געווארען, האבען זיי געוואלט, אז עס זאל שוין צוגעהן שנעלער. עס איז דערפאר אבגעמאכט געווארען, אז די חתונה צערעמאניע זאל זיין אין זעקס וואכען ארום, דעם פינפצעהנטען אויגוסט; דאס יונגע פאאר זאל דאן גלייך אנהויבען דיא האכצייטס־רייזע. זשאנע האט אויסגעוועהלט קארסיקא אלס דאס לאנד וואוהין צו פאהרען, ווייל דארט קען מען זיין מעהר פאר־זיך איידער אין דיא איטאליענישע שטעדט.

זיי האבען געווארט אויף דעם מאמענט פון זייער פערבינדונג דורך דער הייראט ניט צו אונגעדולדיג, אבער שטענדיג איינגעוויקעלט אין זיססע צערטליכקייט, פערזוכענדיג דעם רייצענדען צויבער פון ליעבליכע בעריהרונגען פון געשלאסענע פינגער, פון לײדענשאפטליך אריינקוקען אין דיא אויגען ביזביידענס נשמות גיסען זיך צונויף און זיינען געווען געמאטערט פון טומאנער ערווארטונג צו בעפריעדיגען דעם ציטערנדען וואונש לייגער צו זיין איינער אין צווייטענס ארעמס פול מיט ליעבע.

דיא שוועסטער פון דער באראנין איז געווען אן אלטע מויד. נאך דעם טוידט פון זייער פאטער האט דיא באראנין געוואלט האלטען דיא שוועסטער ביי זיך. אבער דיא אלטע מויד האט זיך איינגעשמועסט, אז זיא איז אלעמען אין וועג, אז קיין נוצען ברענגט זיא ערגעץ ניט און איז נור פאר אלעמען איבערדריסיג, און דארום האט זיא זיך צוריקגעצויגען פון אלעמען, האט געלעבט איינע אליין אין איינע פון דיא וואהנונגען, וואס דער קלויסטער פלעגט פארדינגען פאר אזעלכע, וואס זיינען פארזארגט און פאראיינזאמט אין לעבען.

זיא פלעגט קומען פון צייט צו צייט צו גאסט און פארברענגען ביי איהר שוועסטער עטליכע וואכען. זיא איז געווען א קליין־וויקסיגע פרויענצימער, וועלכע האט ווייניג גערעדט, תמיד צוריקגעהאלטען; זיא פלעגט זיך ווייזען נור צום עסען און נאך'ן עסען פלעגט זיא גלייך אוועק צוריק צו זיך אין צימער און קיינער האט זיא ניט אנגעזעהען.

א מיעדען און פעראלטערטען אויסזעהען האט זיא געהאט, מיט ווייכע, טרויעריגע אויגען, און מען האט זיא קיין מאל אין דער פאמיליע ניט גערעכענט פאר עפעס אויך א פערזאן. אפילו ווען זיא איז נאך געווען א קינד, זייענדיג ניט שעהן און ניט מיאוס, האט מען זיא ווייניג געצערטעלט און זיא פלעגט תמיד עפעס זיין פעררוקט אין א ווינקעל, שטיל און זאנפט. דער־

נאָך ווען זיא איז עלטער געוואָרען האָט מען זיא אויך אלע מאָל פערנאכלעסיגט. ווען זיא איז געווען א יונגעס מיידעל האָט איהר עפּעס קיינער גאָר ניט בעמערקט.

זיא איז געווען עפּעס וויא א נויטיגער שאטען אין הויז. א געוועהנליכע זאך אויף וועלכער מען קוקט זיך ניט אום, א לעבעדיגעס שטיק מעבעל, וואָס מען איז געוואָהנט געוואָרען צו זעהען יעדען טאָג. אָבער ווענען וואָס מען קימערט זיך ווייניג.

איהר שוועסטער, דיא באָראָניז. זייענדיג אזוי שוין איינגעוועהנט פון דיא עלטערנס הויז אָן, האָט אויף איהר געקוקט וויא אויף „אויך עפּעס א באַשעפענים“, א ניט וויכטיגע בריאה. מען איז זיך מיט איהר בעגאנגען אהן צערעמאָניעס אזוי וויא מיט אן אייגענע זאך און אין דער בענעהמונג צו איהר איז עפּעס געווען בעהאלטען אַ מין גוטהערציגע פעראַכטונג.

מען האָט זיא גערופען ליז. נור אזא קינדערשען נאָמען האָט עפּעס צופיעל וועה געטהאָן. ווען מען האָט דערזעהען, אז חתונה האָבען וועט זיא שוין ניט, האָבען זיי געענדערט איהר נאָמען און האָבען זיי אָנגעהויבען צו רופען אַנשטאָט ליז טאָנטע ליזאָן. זינד זשאַנע איז געבאָרען געוואָרען רופט מען זיא אזוי טאַנטע ליזאָן — א שטילע קרובה. רייַנליך, שעהמענדיג און צוריקגעהאלטען אפילו מיט איהר אייגענער שוועסטער און אייגענעם שוואָגער, וועלכע האָבען זיא פון דעסטוועגען גאנץ ליעב געהאַט. אָבער אזא סאָרט ליעבע איז דאָס געווען, א געפיהל וואָס האָט זיך אויפגעקאָכט פון גלייכגילטיגקייט, רחמנות און נאַטירליכער וואָהלטהעטיגקייט.

צייטענווייז, ווען דיא באָראָנין פלעגט זיך צוריידען ווענען דיא לאַנג פערגאַנגענע יאָהרען, ווענען עראינערונגען פון איהר קינדהייט, פלעגט זיא א מאָל זאָגען, אום צו דערמאָהנען זיך אקוראַט אין וואָס פאַר א טאָג: „דאָס איז געווען דאָן ווען ליזאָן איז בעגאַנגען איהר אונבעאַכטע טהאַט.“

מעהר קיין ערקלעהרונגען וואָס פאַר אַ מין „אונבעאַכטע טהאַט“ דאָס איז געווען פלעגט מען ניט הערען; דאָס איז געבליעבען פערשלייערט אין א טומאָן. דאָס איז געווען איין אבענד ווען ליזע איז אַלט געווען ערשט צוואַנציג יאָהר, זיא האָט אריינגעוואָרפען זיך אין וואסער און קיינער האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס, פאַר ווען. קיינער האָט ניט געמערקט פריהער אין איהר עפּעס אזעלכעס, אז אזא זאך זאָל מען פון איהר קענען ערווארטען. מען האָט זיא ארויסגעצויגען אַ האַלב־טויטע, און דיא עלטערען האָבען נור אויפגעהויבען דיא הענד מיט פערדריסליכע איבערראַשונג, אנשטאַט צו זוכען, אויספאָרשען וואָס עס האָט געקענט זיין דיא געהיימע אורזאכע פון איהר טהאַט, און האָבען אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דער „אונבעדאכטער טהאַט“ אזוי וויא זיי וואָלטען ריידען וועגען אזא אונערווארטעטע אונאנגענעהמליכקייט, וואָס דער פערד האָט אויסגעבראָכען פּלוצלונג אַ פוס און מען האָט איהם דערשאָסען ער זאָל זיך ניט מאַטערן.

פון דאן אָן האָט מען גערעכענט ליזע, וועלכע איז געוואָרען דערנאָך ליזאָן, אַלס א תם׳עוואטע, אַ שוואַכזיניגע. דיזע גוטהארציגע פעראכטונג, וועלכע זיא האָט ערוועקט אין אַלעמען, אפילו אין איהרע נאָהענטסטע, האָט זיך שוין צושפּרייט אויף אַלעמען. און אפילו זשאַנע האָט שוין פון קינדהייט אָן געפיהלט אזוי און האָט זיך אויף דער טאַנטע ווייניג אומגעקוקט, איז קיין מאָל ניט צוגעגאנגען א קוש טהאָן זיא, האָט קיין מאָל ניט געהאַט דעם וואונש אַריינצוגעהען צו דער טאַנטע אין צימער.

און מעהר וויא ראזאליע, דיא גוטהאר־ציגע ראזאליע, האט זיך ניט צוגעקוקט צו טאנטע ליזאן'ס צימער און זעהען אויב עס איז דאָרט וואָס נויטיג.

טאנטע ליזאן פלעגט שטענדיג געהען מיט שטילע, גיכע טריט, קיין מאָל ניט מאַכענדיג קיין לאַרעם, קיין מאָל ניט אנשטויסענדיג זיך אויף עפּעס. איהרע הענד זיינען געווען אזוי ווייך, אזוי צאַרט, אז זיא פלעגט אננעהמען עפּעס פלעגט דאָס זיין אזוי לייכט, זאנפט און שטיל, אז עס זאָל ניט מאַכען דעם מינדעסטען רויש.

טאַנטע ליזאן איז געקומען צופאַה־רען אין מיטען יולי, א צוטומעלטע עפּעס פון דעם פאַל, וואָס זשאַנע געהט חתונה האָבען. זיא האָט מיטגעבראַכט א היבשע ביסעל מתנות, אָבער מען האָט דיא מתנות כמעט ניט באַמערקט. זינט דעם טאָג וואָס זיא איז אנגעקומען האָט זיך קיינער אין הויז ניט אומגעקוקט, אז זיא איז דאָ, אָבער עפּעס א בעזונדער געפיהל האָט זיך געמוזט באַוועגען אין איהר אין אויפרעגען זיא, און זיא האָט דיא אויגען ניט אראָבגענומען פון דיא פּערלאָבטע. זיא האָט ארומגעפאָדעט ארום דער גאַרדעראָבע, ארום דיא זאַ־כען וואָס מען מאַכט פערטיג צו דער חתונה אַלץ פיבעריש, נערוועז, שטאַרק באשעפטיגט און האָט געאַרבייט שווע־וויא אן איינפאַכע שניידערין, וועלכע דאַרף פאָרטיג מאַכען צו דער צייט. אָבער דאָס האָט זיא אַלץ געטאָהן אין איהר צימער, ווען קיינער האָט ניט גע־זעהען.

יעדען טאָג פלעגט זיא אראָבברינ־גען דער באַראָנין א מתנה, טאַשענטיכער וועלכע זיא האָט אליין מיט איהרע הענד געזוימט, האַנטעכלעך, אויף וועלכע זיא האָט אליין מיט איהרע הענד ארומגע־נעהט דיא קרוינדלעך. און ברייננגען־

דיג דאָס איהר שוועסטער, פלעגט זיא א פרעג טאָהן!

— איז דאָס גוט אזוי, אדעלאידע?

דיא באַראָנין פלעגט גלייכגילטיג א קוק טאָהן און ענטפערן:

— וואָס דאַרפסטו זיך נעהמען אזוי פיעל מיה, מיין ארעמע ליזאן.

איין אבענד, ענדע מאָנאַט איז דאָס געווען, נאָך א שטיקענד היציגען טאָג, דיא לבנה איז ערשיענען אין הימעל ווי זיא איז אין דיא קלאָהרע, ווארעמע נעכט, וועלכע בעאונרוהיגען, בעגייסטע־רען און וועקען אויף דיא געהיימסטע פאַנטאזיע אין אונזערע נשמות.

דער ווייכער אָטהעם פון דיא פעל־דער האָט אריינגעהויכט אין זאַאל, וואו דיא באַראָנין מיט איהר מאַן זיינען גע־זעסען און האָבען געשפּיעלט אין קאַר־טען אויף א ליכטיגען פלאַטץ אין צי־מער, וועלכע איז געווען ארומגעשטאַ־טעט פון דעם אבאזשור פון לאָמפּ. טאַנ־טע ליזאן איז געזעסען צווישען זיי ביי־דען און האָט עפּעס אויסגענעהט. דיא יונגע זיינען געשטאַנען אנגעבויגט אויף דעם אָפענעם פענסטער און ארויסגע־קוקט אין גאַרטען, וועלכער איז געווען בעלויכטען אין גאַנצען פון'ם שיין פון דער לבנה. דיא לינדען־בוימער האָבען געוואָרפען זייערע שאָטענס אויף דער גרויסער לאַנקע, וועלכע איז געווען אויסגעשפּריקט ווייט און ברייט.

זייענדיג געלאָקט פון דעם ווייכען צויבער פון דער נאַכט, וואָס האָט גע־מאַניעט, גערופען אין דער פערשלייער־טער ליכטיגקייט פון דיא בוימער און אין דיא קוסטעס, האָט זשאַנע זיך א קעהר געטאָהן צו איהרע עלטערן און האָט א זאָג געטאָהן:

— פּאַטער, מיר געהען א שפּאַציער טאָהן דאָרט אויף דיא גראָז אין פראָנט פון שלאָס.

— געהט, קינדער מיינע — האָט

דער באַראָן געענטפערט, שפּיעלענדיג ווייטער.

זיי זיינען ארויס און האָבען אָנגעהויבען ארומגעהן לאַנגזאַם איבער דער גרויסער ווייסער לאָנקע און זיינען פערגאַנגען ביז דעם אַראָב באַרג. זיי האָבען ניט באַמערקט וויא דיא צייט איז פערביי און האָבען ניט געטראַכט וועגען צוריק געהן. דיא באַראָנין איז געוועזען מיעד און האָט געוואָלט ארויפגעהן צו זיך אין צימער:

— מען האָט געדאַרפט א רוף טאָהן דיא פּערליעבטע — האָט זיא געזאָגט.

דער באַראָן איז מיט א בליק אין פענסטער דורכגעלאָפען דעם גרויסען בעלויכטענעם גאַרטען, וואו דיא צוויי שאָטענס האָבען לאַנגזאַם ארומגעוואַנדערט און האָט זיך אָבגערופען:

— אַ, לאָז זיי צורו. עס איז אזוי אנגענעהם איצט דרויסען! ליזאָן וועט אויף זיי אויפוואַרטען. ועסטו ליזאָן?

— געוויס וועל איך וואַרטען אויף זיי — האָט ליזאָן געענטפערט מיט איהר איינגעהאַלטענע שטימע, אויפהויבענדיג אונרוהיג איהרע אויגען.

דער באַראָן האָט געהאָלפען זיין פרוי אויפהויבען זיך פון פּאָץ און אליין אויך מיעד פון דעם הייסען טאָג, האָט ער געזאָגט:

— און איך רעבען, אז איך וועל אויך געהן שלאָפען.

טאַנטע ליזאָן איז געבליעבען אליין. זיא איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט זיך ארויסגעבויגען אום הנאה צו האָבען פון דער פּרעכטיגער נאַכט. דאָס יונגע פּאָארעל האָט ארומשפּאַצירט אין דער לענג פון דעם גאַרטען, האַנד אין האַנד הין און צוריק און האָבען ניט גערעדט, אזוי וויא זיי וואָלטען געוועזען פערטרונקען אין זיך גופא, צוזאַמען מיט דער טהויאיגער פּאָעזיע, וועלכע האָט ארויסגעשטייגט פון דער ערד.

זשאַנע האָט פּלוצלינג בעמערקט אין דיא ראַמען פון פענסטער אזוי וויא איינגעפאַסט דאָס געשטאַלט פון דער אַלטער מויד, וועלכע דער שיין פון לאָמפּ האָט אָבגעצייכענט.

— זעה, טאַנטע ליזאָן איז דאָרט און קוקט אויף אונז.

— יאַ, טאַנטע ליזאָן קוקט אויף אונז.

— האָט דער גראַף געענטפערט גלייכגילטיג, ניט טראַכטענדיג בעזונדערס וועגען דעם, וויא וועגען א ניט וויכטיגע זאַך.

און זיי האָבען ווייטער ארומשפּאַצירט, געטרוימט, אין ליעבע פערבראַכט. אָבער דער טהוי איז געוועזען קיהל און זיי האָבען געשווידערט אביסעל פון דיא קאַלטהייט.

— לאָמיר אריין אין הויז — האָט זשאַנע געזאָגט, און זיי זיינען אריינגעגאַנגען.

ווען זיי זיינען אריין אין זאַאל האָט טאַנטע ליזאָן זיך ווידער גענומען פאַר איהר האַנדאַרבייט; זיא האָט איהר קאָפּ אָנגעבויגט איבער איהר אַרבייט און איהרע דינע פינגער האָבען אביסעל געציטערט אזוי וויא זיי וואָלטען געוועזען מיעד פון דער אַרבייט. זשאַנע איז צו איהר צוגעגאַנגען:

— טאַנטע — האָט זיא געזאָגט — אַלע געהען דאָך שלאָפען.

דיא אַלטע מויד האָט אָבגעקעהרט איהרע אויגען; זיי זיינען געוועזען רויט אזוי וויא זיא וואָלט געוויינט. דיא פּאַרליעבטע האָבען דערויף ניט געצאָהלט קיין בעזונדער אויפמערקזאַמקייט; דער חתן האָט אָבער בעמערקט, אַז זיין געליעבטעם שיך זיינען באַדעקט מיט טהוי. ער איז געוואָרען זעהר בעזאָרגט וועגען דעם און האָט מיט ליעבע א פרעג געטהאָן:

— זיינען דיינע טהייערע פיסעלעך ניט קאַלט?

און פּלוצלונג האָבען דיא טאַנטעס פינגער אָנגעהויבען צו טרייסלען זיך

אזוי שטארק, אז די ארבייט איז ארויס־געפאלען פון איהרע הענד. דער קנויל־כעל זייד איז אראבגעפאלען און האט זיך אוועקגעקייקעלט איבער דיא דילען און פארדעקענדיג שנעל איהר פנים מיט דיא הענד האט ליזאן אנגעהויבען וויינען מיט קאנוואולסיווען שלוכצען.

דיא צוויי פערליעבטע האבען אויף איהר געקוקט מיט ערשטוינונג, ניט ריהרענדיג זיך פון פלאץ. זשאנע האט זיך אבער א הויב געטהאן פלוצלונג, איז צוגעלאפען צו איהר און צונעהמענדיג איהרע הענד, האט זיא ערשראקען א פרעג געטהאן:

— וואס איז? וואס האט פאסירט, טאנטע ליזאן?

דאן האט דיא עלענדע פרוי אנגע־הויבען צו שטאמלען, בעגיעסענדיג זיך מיט טרעהרען:

— דאס... דאס איז... וויל ער האט דיך געפרעגט: „זיינען ניט דיינע טייע־רע פיסלעך קאלט?" קיינער, קיינער האט דאס צו מיר קיין מאהל ניט גע־זאגט. קיין מאהל ניט... קיין איין מאל ניט.

זשאנע, אן איבערראשטע איז גע־ווען גריהרט, אין איהר האט זיך ער־וועקט רחמנות, פון דעסטוועגען האט זי געפיהלט אזוי וויא צולאכען זיך. ביי דער פארשטעלונג, וויא א געליעבטער איז צערטליך צו דער טאנטע ליזאן און רעדט צו איהר ווערטער פון ליעבע; דער גראף האט זיך אויך אבגעקעהרט אום ניט אויסצושיעסען איז א געלעכטער אבער דיא טאנטע האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען שנעל פון איהר פלאץ. האט זיך ניט אומגעקוקט און איז מיט שטילע שנעלע שריט ארויף אויף דיא טרעפ און גלייך צו זיך אין צימער.

אויף מארגען האבען זיי ביידע גאר ניט א טראכט געטהאן אפילו וועגען די טרערען פון דער אלטער מויד. און דיא לעצטע צוויי וואכען פאר דער האכצייט איז זשאנע געווען שטיל און רוהיג, אזוי וויא זיא וואלט געווען מיעד און מאט, אבגעשוואכט און אויסגעמאטערט פון דיא זיסע עמפפינדונגען. זיא האט קיין צייט ניט געהאט צו טראכטען ווע־גען דעם בעשטימטען טאג גופא, וועגען דעם ענטשיידענדעם טאג פון אן ענדע־רונג אין איהר לעבען. זיא איז ניט גע־קומען צו זיך ביז וואנען זיא האט זיך שוין דערזעהען לעבען דעם כארום אין קלויסטער בשעת דער חתונה־צערעמאני.

דאס הייסט, שוין חתונה געהאט! פערהייראטה! איהר האט דאס אלץ אויסגעזעהען עפעס וויא אין א חלום. עס זיינען פאראן מאמענטען, אין וועל־כע אונז דוכט זיך, אז אלעס ארום אונז האט זיך עפעס פלוצלונג געענדערט און האט גאר אן אנדער בעדייטונג. זיא האט געפיהלט עפעס וויא א צוטו־מעלטע, איבערראשטע, ערשטוינטע. ערשט מיט א טאג פריהער איז קיין זאך ניט געווען געענדערט אין איהר לעבען, זיא איז געגאנגען שלאפען א יונגע מיידעל און אט היינט איז זיא שוין א פרוי.

די צערעמאניע איז געווען צו ענדע. אזוי וויא קיין געסט זיינען ניט געווען איינגעלאדען איז אין קלויסטער געווען פוסטלאך. ווען זיי זיינען ארויס האט אזא דונער א שטורעם געטהאן, אז זיא האט זיך דערשראקען. דאס האבען דיא בויערן פון דיא ארומיגע דערפער אויס־געשאסען מיט ביקסען אין איין זאלפ אלס א בעגריעסונג, און דיא שיסעריי האט ניט אויפגעהערט ביז זיי זיינען אנגעקומען אין שלאס, וואו אין הויף האבען זיך אנגעקליבען יום־טוב'דיג פערפוצטע בויערן און בויערטעס. און אין דער צייט ווען מען האט זיי טראק־טירט אין הויף פון שלאס, איז דאס יונגע פאר אוועק שפאציערען. דורך'ן וועלדעל זיינען זיי געגאנגען אויף דעם שמאלען שטעג, וועלכער איז געווען אזוי

פערוואקסען פון בײדע זײטען, אז מען האט קוים געקענט דורכגעהן.

זיא האט געפיהלט וויא זײן ארעם נעהמט ארום באזאכט איהר טאליע, זיא האט געשוויעגען: איהר הארץ האט אנגעהויבען פעסטער צו קלאפען. אראבגעהאנגענע צווייגען האבען בעריהרט זײערע קעפ. זיא האט אראפגעריסען א בלעטעל: צוויי פויגעלאך האבען זיך דערזעהען, וועלכע זײנען געוועזן בעהאלטען הינטער דיא בלעטער:

— זעהט, זעהט — האט זשאנע איהם א זאג געטאהן — זעהט, א גאנצע פאמיליעטשקע.

זשוליאן האט צוגעלעגט זײן מויל גאנץ נאהענט צו איהר אויער און האט זיך אבגערופען:

—— דיעזען אבענד ווערט איהר מײן ווײב.

זיא האט איהם אנגעקוקט. אמת זי האט גענוג געלערנט זינט זיי שפאצירען ארום און זינט זיא איז צו לאנד. אבער זיא האט ביז איצט געטראכט נור וועגען דער פאעזיע פון ליעבע. זײן ו ו י י ב? וואס מיינט ער? איז זיא דאס דען איצט ניט?

ער האט זיא דאן אנגעהויבען קוסען מיט קלײנע שנעלע קוסען אין די שלײפען, אין נאקען, וואו דיא ערשטע האאר הויבען אן צו וואקסען. א דורכגענומענע יעדעס מאהל פון דיעזע קוסען, צו וועלכע זיא איז נאך ניט געוועהנט געוועזן, פלעגט זיא אינסטינקטיוו אבציהען דעם קאפ אום אויסצומיידען זײנע ליעבהאבערייען, און דאך זײנען איהר זײנע קוסען געוועזן אנגענעהם. אבער אט זײנען זיי שוין געוועזן בײם ברעג וועלדעל.

— לאמיר זיך אומקעהרען! — האט זיא זיך געבעטען — וואס וועלען מענשען דענקען?

ער האט אוועקגענומען דיא האנד פון איהר טאליע. זיי האבען זיך בײדע א קעהר געטהאן און אנגעקוקט אײנער דעם צווייטען אזוי נאהענט, אז יעדערער האט געפיהלט דעם צווייטענס אטהעם, אזוי וויא יעדערער פון זיי וואלט ערשט איצט וועלען ארײנדרינגען אין צווייטענס נשמה, זעהען וואס וועלען זיי זײן אײנער פאר'ן צווייטען? וואס וועט פאר יעדען פון זיי זײן דאס פערהייראטע לעבען, ווען זיי זײנען בלויז בײדע צוזאמען? און עס האט זיך זיי גדעראכט, אז זיי בײדע האבען נאך אײנער דעם צווייטען ניט געזעהען.

און פלוצלונג האט ער א לעג געטהאן זײנע בײדע הענד אויף איהרע אקסלען און האט אבגעדריקט א לאנגען פײערינגען קוס אויף איהר מויל, אזא וויא זיא האט נאך קײן מאהל ניט בעקומען. א קוס, וואס האט דורכגעדרונגען דורך איהרע אדערען און דורך דורך דעם מארך פון איהרע בײנער און געגעבען איהר אזא שוידער, אז זיא האט ווילד איהם א שטויס געטהאן פון זיך מיט בײדע הענד און איז אלײן שיער ניט אומגעפאלען אהינטער.

— לאמיר אוועק פון דאנען, לאמיר אוועק פון דאנען — האט זיא געשטאמעלט.

ער האט ניט געענטפערט, ער האט אנגענומען איהרע הענד, האט זיי געהאלטען אין זײנע און זיי האבען מעהר מיט קײן ווארט ניט איבערגעביטען זיך ביז זיי זײנען געקומען אהיים. לאנג האט זיך געצויגען דיא צײט ביז אבענד. און אין אבענד איז געווען א מאהל־צײט כערווירט, צו וועלכען עס זײנען געוועזן וועניג געסט. דער בירגערמײסטער פון איפארט, דיא צוויי גלחים, דיא חתונה־עדות; דרויסען אין הויף פון שלאס א ז צוגעגאנגען פרעהלאך. פאקלען האבען בעלויכטען דעם הויף; פוירשע פאארלאך האבען געטאנצט און דיענער פון שלאס האבען זיי טראקטירט מיט געטראנק און מיט צובייסען.

ביים מאהלצייט-טיש האט דער בירגערמייסטער זיך געוויצעלט, זאגענדיג דעם גלח פיקא, אז דאס איז געווען ניט קיין קירכליכע, נור גיכער א ציוויל-הייראטה, וואס דעם גלח איז זעהר ניט געפעלען געווארען און ער האט זיך געשפארט, אז עס איז ניט אזוי.

זשאנע מיט זשוליאן האבען זיך אויפגעהויבען פון מאהלצייט און זיינען זיך דורכגעגאנגען אין זאאל. צווישען דעם באראן און דער באראנין איז עפעס אנגעגאנגען א שטילע מלחמה; זיי האבען זיך איבערגערעדט גאנץ שטיל און פערדריסליך. דער באראן איז געשטאנען דערויף, אז דאס איז איהר פפליכט אלס א מוטער און מאדאם אדעלאידע האט זיך איינגע'עקשנ'ט, האט פערלארען דעם אטהעם נאך מעהר וויא געוועהנליך און האט ענדליך א זאג געטהאן:

— ניין, מיין פריינד; איך קען ניט. איך ווייס ניט וויא איך זאל אנהויבען מיט איהר רעדען דעם. איך קען ניט...

דער באראן איז ברוגז'לאך פון איהר אבגעטראטען און איז האסטיג צוגעגאנגען צו זשאנען.

— ווילסטו מיט מיר זיך דורכגעהן א וויילע, מיין קינד? — האט ער א פרעג געטהאן.

— וויא דו פערלאנגסט, פאפא — האט זיא געענטפערט עפעס א דערנומענע.

וויא זיי זיינען נור ארוים פון הויז האט ער אנגענומען איהר ארעם און האט געהאלטען פעסט צוגעדריקט צו זיך. איינינע מינוט זיינען זיי אזוי געגאנגען; דער קיהלער ווינד האט זיי געבלאזען אין געזיכט און דער פאטער איז עפעס געווען אונענטשלאסען, אונרוהיג. ענדליך האט ער געפאסט מוטה.

— מיין טהייערינקע — האט ער אנגעהויבען — איך גיה ערפיללען זעהר א שווערע אויפגאבע; דאס האט געדארפט טהאן דיין מוטער; אבער אזוי וויא זיא זאגט זיך אב, מוז איך פארנעהמען איהר פלאץ. איך בין ניט זיכער, אז דו ווייסט געוויסע זאכען פון לעבען: עס זיינען פאראן אזעלכע סודות, וועלכע מען האלט בעהאלטען פון קינדער, איבערהויפט פון מיידלאך, דען מיידלאך דארפען זיין ריין געהאלטען אין זייער גייסט; אזוי ריין, אז מען זאל זיי ניט קענען בעריהרען ביז א געוויסע צייט, ווען מיר גיבען זיי איבער אין די ארעמס פון'ם מענשען, וועלכער ווערט דער בעל-הבית פון זייער גליק. צו איהם בעלאנגט עס אויפצוהויבען דעם שלייער פון דער זיסער געהיימנים פון לעבען. אבער אויב מען גיט זיי קיין אנדייטונג ניט ווענען דעם ווערען זיי אויפגעבראכט מאנכע מאהל און ראנגלען זיך געגען דער עמוואס ברוטאלער ווירקליכקייט וועלכע איז געווען פערשלייערט פון זייערע חלומות. איבער דיא שמערצען וואס דאס פערארוזאכט זייער נשמה, און דערביי זיינען פאראן אפילו קערפערליכע שמערצען, דערלאזען זיי ניט דעם מאן צו דאס, וואס עס קומט איהם, צו וואס ער איז אבסאלוט בערעכטיגט על פי געזעץ... איך קען דיר מעהר ניט זאגען, מיין טהייערינקע; אבער פארגעס ניט אז דו בעלאנגסט אין גאנצען צו דיין מאן.

וואס האט זיא דערפון געקענט גענויערעם וויסען? וואס האט זיא דערפון געקענט טרעפען? זיא האט אנגעהויבען צו ציטערן; עס האט איהר הארץ פערדריקט אן אומעט, אזוי וויא דאס הארץ וואלט איהר זאגען אז אז אונגליק וועט פאסירען. אן איבערראשונג האט זיי ערווארט ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין הויז צוריק. מאדאם אדעלאידע האט געשלוכצעט אויף דעם חתן'ס ברוסט. זיא האט איהם אין גאנצען בענעצט מיט טרעהרען, וועלכע האבען זיך ביי איהר געגאסען פון מויל, פון נאז, פון דיא



זשאנע האט זיך אין איהר שלאף־צימער געלאזט אויסטאהן פון ראזאליע, פון וועמעס אויגען עס האבען געפליסט טרערען ווי פון א פאנטאן אן איהרע הענד האבען „געציטערט. זייטע 31

אויגען און האָט זיך געבעטען מוטערליך ער זאָל צערטליך זיין צו איהר טאָכטער, איהר קינד, איהר מהיערסטע.

דער באַראָן איז האַסטיג צוגעגאַנגען.

— אַ, קיינע סצענעס, איך בעט דיך; קיין שוואַכהאַרציגקייט — און אָננעהמענדיג זיין פרוי אונטערן אָרעם האָט ער זיא אַוועקגעזעצט אין אַ פאָטעל אַ וויינענדע.

— קום, קינד, קום אָן דיין מוטער — האָט ער געזאָגט צו זשאַנען — און געה, געה שלאָפען.

אליין פערטיג צו וויינען, האָט זיא געקוסט איהרע עלטערן שנעל און איז גיך אַוועק. טאַנטע ליזאַן איז שוין לאַנג אַוועק אין איהר צימער. דער באַראָן מיט זיין פרוי זיינען איבערגעבליבען צוזאַמען מיט זשוליאַן. זיי האָבען אַלע געשוויגען. אַלעס איז עפּעס געווען אָנגעצויגען, אונערטרעגליך. דער באַראָן האָט געפונען אַן אויסרייד, האָט פאַרפיהרט אַ געשפּרעך וועגען דער רייזע, וואָס דאָס יונגע פּאָאר וועט דאַרפען גלייך נאָך דער חתונה מאַכען אויף עטליכע טעג.

זשאַנע האָט זיך איז איהר שלאָף־צימער געלאָזען אויסטהאָן פון ראָזאַליע, פון וועמעס אויגען עס האָבען געפליסט נאַכאַנאַנד טרעהרען וויא פון אַ פאָנטאַן און איהרע הענד האָבען געציטערט, אַז זיא האָט ניט געקענט אָננעהמען קיין העקעל, קיין שפּילקע. וואָס וויינט זיא אַזוי פיעל? עפּעס האָט זיך טאַקע ראָזאַליע געענדערט אין דער לעצטער צייט, זעהט גאָר אַנדערש אויס וויא אַמאָהל. וואָס האָט מיט איהר דען פּאַסירט? אָבער זשאַנע האָט ניט געהאַט איצט קיין צייט צו טראַכטען פיעל וועגען ראָזאַליעס ענדערונג. ביי איהר אליין האָט זיך דער קאָפּ געמישט.

אַ זאַנדערבאַרער געדאַנק איז איהר אַרויף אויפ'ן זינען: ליעבט זיא איהר מאַן? איהר האָט זיך פּלוצלינג געדוכט, אַז ער איז איהר גאָר אַ פרעמדער, וועלכען זיא קען נאָך אַזוי ווייניג. מיט דריי חדשים צוריק האָט זיא נאָך גאָר ניט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ מענש אויף דער וועלט, און איצט איז זיא שוין זיין ווייב. פאַר וואָס איז דאָס עפּעס אַזוי? פאַר וואָס פאַלט מען דאָס עפּעס אַריין אין חתונה אַזוי וויא אין אַ גראָבען אונטער דיא פיס?

ווען זיא איז געווען אין איהר נאַכט־העמד איז זיא אַריין אין בעט; און די קיהלע ליילעכער האָבען געמאַכט איהר לייב ציטערן; עפּעס האָט זיא געפיהלט קאַלט, איינזאַם, טרויעריג — אַ שווערקייט וואָס האָט זיך אָנגעקלעבען אויפ'ן האַרצען פאַר דיא לעצטע עטליכע שטונדען. ראָזאַליע, אַ בעגאָסענע מיט טרעהרען, איז אַרויסגעלאָפען שנעל פון שלאָף־צימער. אליין איז זיא געבליעבען, וויא שווער איהר איז! דיא ערוואַרטונג פון עפּעס, פון וואָס זיא האָט אליין ניט געוואוסט און וואָס איהר פאָטער האָט איהר אָנגעזאָגט אַזוי ניט דייטליך, אַזוי געהיימניספאָל, אַזוי צומשט — דיא פאַרשלייערטקייט פון דער געהיימנים פון דער ליעבע — האָט זיא געמאַטערט.

זיא האָט דערהערט דריי מאָהל אַ לייכטען קלאַפּ אין טיהר. זיא האָט אָנגעהויבען ציטערן און האָט ניט געענטפערט. זיא האָט דערהערט וויא דיא טהיר עפענט זיך און זיא האָט בעהאַלטען איהר קאָפּ אונטער'ן דעקע אַזוי ווי זיא וואָלט מורא האָבען פאַר אַ רויבער, וואָס האָט זיך אַריינגע'גנב'עט. וועיכע, שטילע טריט האָבען זיך געהערט צוגעהענדיג און אימיצער האָט פּלוצלינג אַ ריהר געטאָהן איהר בעט. זיא האָט זיך נערוועז אַ צאַפּעל געטהאָן מיט אַ שטילען געשריי פון שרעק און האָט אַרויסגעשטעקט איהר קאָפּ. זשוליאַן איז געשטאַנען לעבען איהר און זיין פּנים האָט געשיינט מיט אַ שמייכעל:

— אַ, וויא איהר האָט מיך איבער־

געשראָקען — האָט זיא שטיל אַרויס־גערעדט.

— האָט איהר מיך גאָרניט ערוואַרט?

זיא האָט ניט געענטפערט, ער איז געווען נאָך אין זיין חתונה־אַנצוג מיט אַ שיינענדען פּנים פון אַ גליקליכען מאַן. זיא האָט זיך שרעקליך פאַרשעהמט, וואָס זיא איז אין בעט ווען דיזער שעהנער געקליידעטער מאַן שטעהט לעבען איהר. זיי האָבען ניט געוואוסט מעהר וואָס צו זאָגען איינער דעם צווייטען, וואָס צו טהאָן, האָבען אפילו ניט געוואגט אַנצוקוקען איינער דעם אַנדערן אין דיזער ערנסטער און ענטשיידענע־שטונדע, פון וועלכער עס איז אָבגעהאַנגען דיא אינטימסטע גליקזעליגקייט פון זייער גאַנצען לעבען.

ער האָט אָפּגים טומאַנע געפיהלט, וואָס פאַר אַ געפאהר פון אַזאַ קאַמפּף קען אַרויסקומען, וואָס פאַר אַ זעלבסט־קאָנטראָל עס פאָדערט זיך פון איהם און וואָס פאַר אַ קינסטליכע איידעלקייט עס איז נויטיג ניט צו פאַרלעצען איהר בעשיידענהייט. דיא דעליקאַנטע געפיהלען פון איהר מיידעלשע, טרוימערישע נשמה. גאַנץ איידעל האָט ער אָנגענומען דאָן איהר האַנד און קניענדיג לעבען איהר בעט האָט ער געמורמעלט אַזוי וויא בלויז זיין אָטהעם וואָלט ריידען:

— וועט איהר מיך ניט ליעבען?

עטוואָס בערוהיגט האָט זיא אַ הויב געטאָהן איהר קאָפּ פון צווישען דיא זיידענע שפּיצען פון איהר צוקאָפּען־קישעלע און האָט געשמייכעלט.

— איך ליעב דאָך אייך שוין איצט מיין פריינד.

וועט איהר מיר איבערצייגען, אַז איהר ליעבט מיך? — האָט ער איידעל געפרעגט אַריינגעהמענדיג דיא שפּיצען פון איהרע פינגער צווישען זיינע ליפּען.

זיא איז ווידער אונרוהיג געוואָרען, ניט פערשטעהענדיג אַליין וואָרום, און ניט וויסענדיג אַליין דיא בעדייטונג פון איהרע ווערטער האָט זיא געענטפערט:

— איך בין דאָך אייערע, מיין פריינד.

ער האָט בעדעקט איהר האַנד מיט וואַרעמע קושען און אויפהויבענדיג זיך לאַנגזאַם האָט ער געוואָלט קושען איהר געזיכט, וועלכע זיא האָט אָנגעהויבען בעהאַלטען ווידער.

פּלוצלינג האָט ער אַ ציה געטהאָן זיין האַנד אַרומכאַפּענדיג זיא איבער'ן דעקע און אונטערלייגענדיג זיין אַנדער האַנד אונטער צוקאָפּען־קישען, וועלכע ער האָט אויפגעהויבען לייכט מיט איהר קאָפּ און האָט זיא זאַנפט אַ פרעג געטהאָן:

—— וועט איהר מאַכען אַביסעל פּלאַטץ פאַר מיר לעבען זיך?

אַן אינסטינקטיווער שרעק האָט איהר אָנגעכאַפּט און זיא האָט אָנגעהויבען שטאַמלען:

— אָ, ניין נאָך, ניט איצט, איך בעט אייך.

ער האָט אויסגעזעהען אונצופריעדען, ענטוישט, פערדריסליך און האָט אַ זאָג געטאָהן עטוואָס גראָבליך.

— פאַר וואָס עפּעס שפּעטער, ווען דאָס מוז געשעהען?

זיא איז געוואָרען בייז אויף איהם פאַר ריידען אַזוי: אָבער זיא האָט זיך צוריקגעהאַלטען און האָט אונטערטעניגליך וויעדערהאָלט אַ צווייטען מאָל:

— איך בין אייערע, מיין פריינד.

דאַן איז ער פּלוצלונג פאַרשוואונדען איז אַוועק אין קליידונגס־צימער און זיא האָט געהערט זיינע בעוועגונגען, דאָס שאָרכען פון זיינע קליידער, וועלכע ער טהוט אויס, דעם קלאַנג פון געלד אין די קעשינעס. וויא עס פאַלען אַראָב דיא שיך אויף דער ערד, און פּלוצלונג אין זיינע אונטער־וועש אין סקאַרפּעטקעס איז ער גיך אַריבערגעגאַנגען איבער'ן צימער און אַוועקגעלייגט זיין זייגערל. זשאַנע האָט זיך אומגעקעהרט שנעל

אויף דעם אנדער זייט און האט פערמאכט דיא אויגען.

ווען זיא האט דערפיהלט, אז ער איז צוגעקומען, האט זיא זיך א צאפּעל געטהאן האסטיק, אזוי וויא זיא וואלט געוואלט אראבווארפען זיך אויף דער ערד. אבער דא האט זיך שנעל א גליטש געטהאן געגען איהר פוס אן אנדער פוס, קאלט און ווייך. א צוטומעלטע, פארטיג צו שרייען פון שרעק, האט זיא זיך אבגערוקט צום הינטערגרונד פון בעט.

דאן האט ער זיא איינגעשלאסען אין זיינע ארעמס, הגם זיא האט זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו איהם, און ער האט פייעריג געקוסט איהר נאקען, דיא האפּט־שפּיצען פון איהר נאכטהויב און דעם אויסגענעהטען קראגען פון איהר נאכט־העמד. זיא איז געבליעבען אונבעוועגליך, פארגליווערט פון שרעק, פיהלענדיג וויא זיין שטארקע האנד זוכט איהר בוזים, וואס איז בעהאלטען צווישען איהרע עלענבויגענס.

זיא האט געזאפּעט נאך לופט, איבערראשט פון זיין ברוטאלע בעריהרונג; און איצט מעהר אלס ווען עס איז האט זיא געפיהלט וויא צו אנטלויפען. דורכלויפען דאס גאנצע הויז און בעהאלטען זיך ערגעץ, ווייט ערגעץ בעהאלטען זיך פון דיעזען מענשען. ער איז אבער ניט געווען מעהר צודרינגליך זיא האט געפיהלט אויף איהר רוקען זיין ווארעמקייט.

איהר שרעק האט זיך ווידער איינגעשטילט און זיא האט פּלוצלונג א טראכט געטהאן, אז זיא וואלט בלויז געדארפט אומקעהרען זיך און ארומנעהמען איהם. ער איז אבער ענדליך געווארען אונגעדולדיג און האט מיט א פערדריסליכער שטימע א זאג געטהאן:

— הייסט דאס, אז איהר ווילט ניט זיין מיין ווייבעלע?

— בין איך דאס דען איצט ניט? — האט זיא ציטערענדיג געמורמעלט צווישען דיא פינגער פון איהר האנד.

— ניין, מיין טהייערסטע — האט ער מיט א שטעכיגען שפּאס געענטפערט — הערט אויף, קומט, הערט אויף צו רייצען זיך מיט מיר.

זיא איז געווען געריהרט פון דעם וואס עס הערט זיך אזא אונצופריעדענהייט אין זיין שטימע און זיא האט זיך א קעהר געטהאן מיט'ן פּנים צו איהם. זיין פערצייהונג בעטען האט זיא געוואלט. ער האט זיא וואהנזיניג א כאפּ געטהאן אין זיינע ארעמס, אזוי ווי צו שטילען זיין הונגער מיט איהר, און ער האט בעדעקט מיט שנעלע, בייסענדע, משוגענע קושען איהר גאנצען פּנים און איהר האלז. שטיקענדיג זיא מיט זיינע אומארמונגען. זיא האט צועפענט איהרע הענד און איז געבליעבען אבגעלאזען אונטער זיינע אנשטריינגונגען. ניט וויסענדיג וואס זיא טהוט אדער וואס ער טהוט. איהר צומישטקייט האט איהר ניט געלאזען פערשטעהן וואס מיט איהר האט פּאסירט.

אבער זיא האט דערפיהלט פּלוצלונג א שארפען, שניידענדען וועהטאג און זיא האט אנגעהויבען צו קרעכצען, זייענדיג געדריקט און געקניטשט אין זיינע ארעמס אין דער צייט וואס זיא איז געווארען אין גאנצען זיינע.

וואס האט דאן פּאסירט? זיא האט זעהר ווייניג דערפון געקענט געדענקען, ווארום זיא האט דעם קאפּ פערלארען; איהר האט זיך געדוכט, אז ער האט בעשאטען איהרע ליפּען מיט א שטורעם פון קליינע, דאנקבארע קושען. און דאן האט ער צו איהר גערעדט און זיא האט איהם געענטפערט.

דערנאך האט ער ווידער געמאכט אנשטרענגונגען, געוואלט בעוועלטיגען זיא, אבער זיא איז מיט שרעק ווידערשטאנען זיינע אנשטרענגונגען, און קעמפּפענדיג האט זי געפיהלט אויף איהר

בוזעם די גערדיכטע האאר, וועלכע זיא האט שוין געפיהלט פריהער אויף איהר פנים און זיא האט אבגעשוידערט פון דער בעריהרונג.

אן אויסגעמאטערטער ענדליך פון אומזיסט אנשטרענגונגען כוחות צו בע־וועלטיגען זיא, איז ער געבליעבען ליע־גען אויף זיין רוקען קראפטלאז. דאן ערשט האט זיא אנגעהויבען נאכצור־דענקען.

— אזוי! איז דאס וואס ער רופט זיין ווייב! — האט זיא זיך אליין גע־זאגט, זייענדיג פערצווייפעלט אין דער טיפעניש פון איהר הארצען, ווע־רענדיג ניכטער פון דיא בעזויפענהייט פון איהרע טרוימען. וויא אנדערש האט זיא געטרוימט! וויא פערשוואונ־דען זיינען געווארען יענע זיסע ערוואר־טונגען, יענע זיסע האפנונגען!

און אזוי איז זיא געבליעבען א היב־שע ווייל טרויסטלאז; איהרע בלי־קען האבען געוואנדערט איבער דיא פי־גורען פון דיא טאפעטען, איבער דיא געמאהלטע סצענעס פון ליעבע, איבער דיא בילדער פון אלטע לעגענדעס פון דער ליעבע, וועלכע האבען בעפוצט דיא ווענד פון צימער.

אבער אזוי וויא זשוליאן האט מעהר ניט גערעדט, האט מעהר ניט א ריהר געטהאן זיך פון פלאץ, האט זיא לאנגזאם צוגעקעהרט צו איהם איהר פנים און האט ערשט דערזעהען, אז ער שלאפט. ער שלאפט מיט זיין מויל האלב געעפענט און מיט א רוהיגען געזיכט. ער שלאפט! זיא וואלט דאס קוים גע־גלויבט; זיא איז געווען עמפעהרט, אויפגעבראכט, מעהר געקרענקט פון דיעזען רוהיגען שלאף זיינעם אלס פון זיינע ברוטאלע, ווילדע בענעהמונגען.

ער קען שלאפען אין אזא נאכט? וואס צווישען זיי איז פארגעקומען האט פאר איהר מעהר קיין בעדייטונג ניט? אה, זיא וואלט בעסער אויסגעהאלטען קלעפ, זיא וואלט בעסער געליטען זיין ברוטאלע האנדלונג, וואלט בעסער זיין צוקיילט און צוביילט פון זיינע ליעב־האבערייען ביז זיא זאל אפילו אין אונמאכט בלייבען, איידער אזא בעליי־דיגונג. — אזוי וויא ווייטער האט זיא פאר איהם קיין באטרעף ניט.

זיא איז געבליעבען רוהיג, אנגע־לעהנט אויף איהר עלענבויגען, אנגע־בויגט איבער איהם, הערענדיג דעם לייכטען אטהעם, וואס געהט דורך צווישען זיינע ליפען און וועלכער לאזט זיך פון ווייל צו ווייל אויס אלס א כראפען.

גרוי האט זיך געוויזען דער פריה־מארגען פון אנפאנג, דערנאך איז קלעה־רער געווארען, דאן האט זיך א ראזע רויטקייט בעגאסען און באלד איז גע־ווארען ברילאנט קלאהרער פריהמאר־גען. זשוליאן האט אן עפען געטהאן זיינע אויגען, האט זיך אויסגעגעניצט, האט אויסגעצויגען זיינע הענד, האט א קוק געטהאן אויף זיין ווייב, האט א שמייכעל געטהאן און געפרעגט:

— ביסט דוא גוט געשלאפען, מיין טהייערע?

זיא האט בעמערקט, אז ער בע־נוצט אזוי איינפאך דעם ווארט „דוא“ און זיא האט געענטפערט מיט דעם מעהר פארמעלען ווארט „איהר“.

— אה, יא, און א י ה ר?

— איך? א זעהר גוט.

ער האט זיך א קעהר געטהאן צו איהר, האט זיא א קוש געטהאן און האט דערנאך רוהיג אנגעהויבען צו ריי־דען. ער האט איצט צו־וויקעלט גאנצע פלענער וויא זיי זאלען ווייטער זיך פיהרען, וויא איינריכטען עקאנאמיש זייער לעבען. און דיעזער ווארט „עקא־נאמיש“ האט זיא איבערראשט.

זיא האט זיך צוגעהערט, ניט פאר־שטעהענדיג אין גאנצען וואס ער מיינט מיט זיינע ווערטער „עקאנאמיש“; זיא

האט געקוקט אויף איהם, און געטראכט האבען זיך איהר גאר טויזענדער זאכען וואס זיינען ארויפגעשוואומען איהר אויף דיא געדאנקען.

עס האט געשלאגען אכט.

— קום, עס איז צייט אויפצושטעהן — האט ער געזאגט — מען וועט פון אונז לאכען וואס מיר זיינען אין בעט אזוי לאנג.

און ער איז דער ערשטער אויפגעשטאנען. ווען ער איז אליין געווען פערטיג מיט'ן אנציהען זיך, האט ער געהאלפען איהר צורעכט צו מאכען אלע קלייניגקייטען פון איהר טואלעטע, ניט ערלויבענדיג, אז ראזאליע זאל אריינקומען טאהן דיעזע ארבייט.

ווען זיי זיינען ארויס האט ער זיא אבגעשטעלט אין מיטען.

— דוא ווייסט — האט ער געזאגט

— מיר מעגען איצט רופען איינער דעם צווייטען ד ו א, דאס איז ווען מיר זיינען אליין. אבער פאר דיינע עלטערן איז בעסער מיר זאלען נאך דערווייל זאגען „א י ה ר“. ווען מיר וועלען קומען צוריק פון אונזער האכצייטס־רייזע וועט דאס זיין פאסיגער, נאטירליכער.

זיא איז ניט ערשיענען ביז וואנען עס איז ניט געווען די פריהשטיק שטונדע, און דער טאג איז אריבער אזוי געוועהנליך אזוי וויא קיין זאך וואלט ניט פאסירט. עס איז מעהר ניט געווען מיט איין מענשען מעהר אין הויז.

קארסיקא און נייעס לעבען

פיער טעג שפעטער איז דיא קארעטע אנגעקומען, וועלכע האט זיי געדארפט נעהמען קיין קארסיקא. נאך די שמערצען פון דער ערשטער נאכט איז זשאנע צוגעוועהנט געווארען צו דער בעריהרונג פון זשוליאן, צו זיינע קוסען, צו זיינע צערטליכקייטען, הגם איהר דערווידערליכקייט געגען זיינע מעהר אינטימע בעציהונגען איז ניט קלענער געווארען. זיא האט איהם געהאלטען פאר זעהר שעהן, זיא האט איהם געליעבט; און וויעדער האט זיא זיך געפיהלט מונטער און גליקליך.

דער אבשיעד איז געווען קורץ און אהן פערדרוס. דיא באראנין אליין האט נור אויסגעזעהען אנגעגריעפען; און ווען דיא קארעטע האט געדארפט אבפאהרען, האט זיא אין איהר טאכטערס האנד אריינגערוקט א בייטעל, שווער אזוי וויא בליי:

— דאס איז פאר דיינע קליינע הוצאות אלס א יונגע ווייבעל — האט זיא געזאגט.

זשאנע האט עס אריינגעלעגט אין טאש צו זיך, און דיא פערד האבען אוועקגאלאפירט.

— וויעפיעל האט דיר דיא מוטער געגעבען דארט אין בייטעל? — האט ער זיא א פרעג געטהאן פארנאכט.

זיא האט פריהער וועגען דעם גאר ניט געטראכט, אבער איצט האט זיא אויסגעליידיגט דיא בייטעל אין שויס. א גאנצער שטראם מיט גאלד, צוויי טויזענד פראנק איז דארט געווען. זיא האט א פאטש געטהאן מיט דיא הענד.

— איך וועל דערמיט טהאן אלערליי נארישקייטען — האט זיא געזאגט צונויפנעהמענדיג דאס געלד,

נאך א וואך רייזע אין שרעקליכע היץ זיינען זיי אנגעקומען קיין מארסייל. א טאג שפעטער האט זיי דער קליינער שיף „ראא־דואי“, וועלכער איז געגאנגען קיין נעאפעל, דורכפאהרענדיג אזשאציא, זיי גענומען קיין קארסיקא.

קארסיקא! דיא באנדיטען! דיא בערג! דאס געבורטס־פלאץ פון נאפא־

לעאָן! עס האָט זיך ניט געגלויבט זשאַ־
נען, אַז דאָס איז אַ ווירקליכקייט, אַז
זיא איז דאָס אריין וואַכעדיגערהייט אין
אַ חלום. זיצענדיג זייט בײַ זייט אויפ׳ן
דעק פון שיף האָבען זיי נאָכגעקוקט וויא
דיא פעלזען פון פּראָוואַנס גליטשען זיך
פערביי. דער אונבעוועגליכער ים פון
טיעפען אזשור־קאָליר האָט זיך אויסגע־
שפרייט ווייט אונטער דעם אונענדליכען
הימעל פון אַ העלער בלויקייט.

— געדענקסטו אונזער רייזע אין
פּאַטער לאַסטיקס שיף? — האָט זיא
איהם דערמאָנט.

אַנשטאָט אַן ענטפער האָט ער
איהר אַ שנעלען קוש געטהאָן אויפ׳ן
אויער.

דיא רודערס האָבען געפּאַטשט
דאָס וואַסער, צושטערענדיג זייער שווע־
רען דרעמעל, און פון הינטען האָט זיך
אין אַ לאַנגען שוימיגען סליאַה געצוי־
גען אַ שאָקלענדער וועג, וואו דאָס וואַ־
סער האָט אין אַ צומישענעם געברויזט
אזוי וויא שאַמפּאַניער.

פּלוצלונג האָט ביים שפּיץ פון שיף,
נור אַ קליין שטרעקע ווייטער, ארויסגע־
שפּרונגען פון וואַסער אַן אונגעהייערער
פיש, האָט זיך אריינגעקוליעט צוריק
מיט׳ן קאָפּ אַראָב און איז פערשוואונ־
דען. זשאַנע, אביסעל דערשראָקען, האָט
אַ געשריי געטהאָן און איז צוגעפאַלען
צו זשוליאַנס ברוסט. דערנאָך האָט זיא
אָנגעהויבען אליין צו לאַכען פון איהר
שרעק און נאָכגעקוקט אויפמערקזאַם צו
זעהען, אויב דיא פיש וועט ווידער
ניט ערשיינען. אין איינינע סעקונדען
אַרום איז דיא פיש ווידער ארויסגע־
שפּרונגען אזוי וויא אַ גרויסע מעכאַני־
שע שפּיעלצייג. דערנאָך איז זיא אריינ־
געפאַלען און ווידער ארויסגעשפּרונ־
גען; באַלד זיינען שוין דאָרט געווען
צוויי, דערנאָך דריי, דערנאָך זעקס,
וועלכע האָבען, וויא עס האָט געשיינט,
ארומגעדרעהט זיך ארום דעם שווערען
שיף אזוי וויא זיי וואָלטען בעגלייט
זייער אונגעהייער גרויסען ברודער, דיא
הילצערנע פיש פון דיא אייזערנע שו־
פען. זיי זיינען פערבייגעשוואומען ביי
דער לינקער זייט, האָבען זיך אומגע־
קעהרט צו דער רעכטער זייט פון שיף,
דאָס אלע צוזאַמען, דאָס איינע נאָך דיא
אַנדערע, אזוי וויא אין אַ שפּיעל, אזוי
וויא אין פרעהליכען נאָכיאָגען זיך; זיי
האָבען זיך געוואָרפען אין דער לופטען
מיט אזעלכע שפּרונגען, וויא מאַכענדיג
אַ קרייז, און דאַן האָבען זיי זיך צוריק
אונטערגעטונקט איינע נאָך די אַנדערע.

זשאַנע האָט געפּאַטשט מיט דיא
הענד, און געשפּרונגען פון פערגעניגען.
האָט זיך געקוויקט מיט יעדער אויפטוי־
כען פון דיזע אונגעהייערע און בייגזאַ־
מע שווימער. איהר האַרץ איז געשפּרונ־
גען מיט זיי אין אַ וואַהנזיניגען, קינ־
דערשען פערגעניגען. פּלוצלונג זיינען
זיי פערשוואונדען. איין מאָל, צוויי מאָל
האָבען זיי זיך געוויזען ווייט אוועק צום
אָפענעם ים; דערנאָך אויס, און זשאַנע
האָט איינינע סעקונדען פערדראָסען,
וואָס זיי זיינען אוועק.

אָבענד איז אָנגעקומען. אַ רוהי־
גער, ברילליאַנטענער אָבענד, קיין טרוי־
סעל אין לופט אָדער אויפ׳ן וואַסער און
דאָס אונבעגרענצטע רוהיגקייט פון ים
און פון הימעל האָט זיך פערשפּרייט
אויך אויף דיא מיעדע הערצער וואו עס
איז אויך קיין ציטער ניט געווען.

דיא גרויסע זונן איז ווייך געזונ־
קען אונטערן האָריזאָנט, אין׳ם זייט פון
דער אונזעהבאַרער אפריקאַ; אַפריקאַ,
דאָס ברענענדע לאַנד, וועמעס ריחות
זיי האָבען שוין דוכט זיך געפיהלט.
אָבער אַ מין קיהלע גלעטונג, וואָס איז
שוין ניט געווען פון קיין ווינטעל, האָט
לייכט בעריהרט זייערע געזיכטער, דען
די שיינענדע קויל איז פערשוואונדען.

זיי האָבען ניט געפיהלט וויא צו זו־
כען זייער קאַיוטע, וואו עס האָבען זיך

געלאָזט הערען אַלע פּאַסקודנע ריחות פון אַ לאַדונגס־שיף; זיי האָבען זיך ביידע דאַרום אויסגעצויגען אויפ׳ן דעק איינע לעבען צווייטען, איינגעוויקעלט אין זייערע מאַנטלען.

זשוליאַן איז גלייך איינגעשלאָפען, אָבער זשאַנע איז געבליעבען מיט אָפענע אויגען, אויפגערעגט פון דאָס אונבעוואוסטע מיט וואָס עס איז פערבונדען אַ רייזע. דער איינטעניגער קלאַנג פון דיא רעדער האָט זיא געוויגט און זיא האָט געקוקט איבער זיך אויף דיא חילות מיט שטערן, אַזוי פינקלענדיג מיט אַ שאַרפע ליכטיגקייט דורך דעם לייכטען טהוי אין׳ם ריינעם הימעל פון זידען.

פאַרטאָג פון דעסטוועגען האָט זיא איינגעדרעמעלט. רויש און שטימען האָבען זיא אויפגעוועקט. דיא מאַטראָזען מיט זייערע ליעדער האָבען געהאַלטען אין אויספוצען דעם שיף. זיא האָט אַ טרויסעל געטהאָן איהר מאַן און זיי זיינען אויפגעשטאַנען. זיא האָט מיט געשמאַק איינגעזויגען זאַלציגע פרישקייט, וועלכע האָט זיא דורכגענומען ביז דיא שפיצען פינגער. אומעטום איז געווען ים. פון דעסטוועגען האָט זיך וויטער פון שפיץ שיף געוויזען עטוואָס גרוי, צומישט מיט דעם שטייגענדען אויפגאַנג פון פריה־מאַרגען — אַ מין אַנזאַמלונג פון זאָנדערבאַרע עקיגע, אָבגעריסענע וואָלקענס זיינען ארומגעשוואָרמען איבער דיא כוואַליעס. דערנאָך זיינען זיי ארויס דייטליכער; די פאָרמען זיינען געווען שאַרפער אויסגעצייכענט אין דעם ליכטיג ווערענדען הימעל. אַ לאַנגע רייהע פון עקיגע, פאַנטאַסטישע בערג האָט זיך ערהויבען. דאָס איז געווען קאָרסיקאַ איינגעהילט אין אַ מין דינעם שלייער.

אַהינטער דעם איז אויפגעגאַנגען די זונן, אויסצייכענענדיג אַלע דורכריסען פון דיא ברעגען פון דיא שוואַרצע שאַטענס; דערנאָך האָבען זיך בעלויכטען אַלע הויכע פלעצער און דיא איבעריגע טהיילען פון אינזעל זיינען געבליעבען איינגעדעקט אין טומאַן.

דער קאַפּיטאַן, אַ קליינער, אָבגעטריקענטער, פון זונן פאַרברענטער, קורצגעוויקסיגער מאַן, איינגעשרומפּט פון דיא רויע זאַלציגע ווינדען, איז ארויס אויפ׳ן דעק און מיט אַ הייזעריגען קול, פון דרייסיג יאָהר קאָמאַנדעווען, אָבגעניצעוועט פון בעפעהלע אויסגעשריענע אין שטורעם, האָט אַ זאָג געטהאָן צו זשאַנען:

— הערט איהר דעם ריח?

עס האָט זיך ווירקליך געהערט עפּעס אַ בעזונדער ריח פון פלאַנצען און ווילדע קוסטעס.

— דאָס איז קאָרסיקאַ — האָט ער וויטער געזאָגט — קאָרסיקאַ שמעקט בלויז אַזוי, מאַדאַם; דאָס איז איהר בעזונדערער שעהנער פרויען־גערוך. נאָך צוואַנציג יאָהר אָבוועזענהייט וואָלט איך דעם ריח דערקענען פון פאַר פינף מיילען ווייט. איך בין פון דאָרט. דער, וועמען איך פאַרגעטער, דאָרט ווייט אויף סט. העלענאַ, רעדט אויך שטענדיג, זאָגען זיי, וועגען דעם בעזונדער ריח פון זיין היימיש לאַנד. מיר זיינען פון איין פאַמיליע.

און דער קאַפּיטאַן האָט געצויגען זיין הוט און בעגריסט קאָרסיקאַ, בעגריסענדיג אויך אין דערזעלבער צייט אויף יענעם זייט אָקעאַן דעם געפאַנגענעם גרויסען אימפּעראַטאָר, וועלכער איז מיט איהם געווען פון איין משפחה. זשאַנע איז דערפון געווען אַזוי גערירט, אַז זי האָט כמעט געוויינט.

דער מאַטראָז האָט דאַן אויסגעשטרעקט זיין האַנד געגען האָריזאָנט אָנצייגענדיג, זשוליאַן, וועלכער איז געשטאַנען לעבען זיין ווייב, האָט זיא געהאַלטען ארומגענומען אַרום דער טאַליע, און זיי האָבען ביידע געקוקט ווייט אַהין צו ענטדעקען דעם פונקט. אויף

וועלכען דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעוויזען. וואָס נעהנטער זיי זיינען צוגעקומען צום האַפען, האָט זיך אַלץ מעהר ארומגע־שלאָסען א צירקעל פון בערג הינטער דעם שיף, וועלכע האָט זיך שטיל גע־זעגעלט אין דעם אזשור־בלויען וואסער אזוי דורכזיכטיג, אז מען האָט געקענט זעהען דעם גרונד פלעצער־וויין. פּלוצ־לונג האָט זיך געוויזען די שטאָדט, אין גאַנצען וויים בײ׳ם ראַנד פון ברעג, בײ׳ם פוס פון די בערג.

קליינע איטאַליעניש שיפלעך זיי־נען געווען פעראנקערט אין האַפען. פאַ־כאַזשירען זיינען געווען באַשעפטיגט מיט אָפּזוכען זייער געפּעק. זשוליאַן, וועלכער האָט אכטונג געגעבען וויא מען ברענגט אראָב זייער באַגאַזש, האָט א פרעג געטאָהן שטיל זיין פרוי:

ווען זיין גענוג צו געבען דעם דינער צוואַנציג סו?

שוין א וואָך, וויא ער האַלט אין איין פרעגען דיעזעלבע פראגע און יעדען מאָל איז דאָס איהר געוואָרען איבער־דריסיג. זיא האָט געענטפערט אביסעל אונגעדולדיג:

— ווען אימיצער איז ניט זיכער, אז ער גיט גענוג, גיט ער צופיעל.

ער האָט נור געהאַט קריעגערייען מיט די דינער פון האָטעל און מיט די פערוואַלטער, מיט די פוהרלייט, מיט אַלערליי הענדלער, פלעגט זיך דינגען, פלעגט זיך ארומרייסען און פלעגט אראָבדינגען ענדליך עפּעס, און ווען ער פלעגט אראָבדינגען, פלעגט ער מיט צו־פריעדענהייט א ריב טאָהן די הענד:

— איך האָב פיינד צו זיין בע־רויבט.

זיא פלעגט ציטערען ווען מען פלעגט איהר ברענגען אן אנווייזונג, א רעכנונג צו בעצאָהלען, וויסענדיג פריהער די באַמערקונגען, וואָס ער וועט מאַכען וועגען יעדער בעזונדער זאַך; זיא האָט זיך געפיהלט דערביי ער־ניעדריגט, בעליידיגט און פלעגט רויט ווערען ביז די וואָרצלען פון איהרע האָאָר, פיהלענדיג די פעראכטענדע בליקען פון די דינער, וועלכע פלעגען איהם נאכקוקען האַלטענדיג די אונבע־דייטענדע מטבע. וואָס ער פלעגט זיי אריינרוקען אין האַנד. ער האָט זיך גע־דונגען אפילו מיט דעם שיפער, וואָס האָט זיי צוגעפיהרט צום ברעג.

דעם ערשטען בוים, וואָס זיא האָט דערזעהען, איז געווען א פּאַלמע, זיי האָבען פארקעהרט אין א גרויסען פּוס־טען האָטעל אויף דעם ווינקעל פון א גרויסען סקוועער; זיי האָבען דאָרט פריהשטיק גענעסען. נאָך׳ן עסען, ווען זשאַנע האָט זיך אויפגעהויבען צו מאַ־כען א שפּאַציער דורכ׳ן שטאָדט, האָט זשוליאַן נעהמענדיג זי אונטער׳ן ארעם איינגערוימט איהר א סוד אין אויער:

— וויא למשל ווען מיר זאָלען זיך צולייגען א ווײַלינקע, ליעבסטע?

זיא איז איבערראַשט געוואָרען:

— געהן שלאָפען? אָבער איך בין דאָך גאָר ניט מיעד.

ער האָט זיא ארומגענומען:

— איך דאַרף דיך, פערשטעהסט דוא? עס איז שוין דאָך צוויי טעג!...

זיא איז געוואָרען רויט, פארשעהמט און האָט געשטאַמעלט:

— איצט? וואָס וועלען מענשען דיינקען? וויא קענסטו בעטען א שלאָף־צימער אין מיטען העלען טאָג? אָ, זשו־ליאַן, איך בעט דיך...

אָבער ער האָט זיא איבערגעשלאָגען:

— וואָס געהט דאָס מיך אָן, וואָס די מענשען פון האָטעל וועלען דיינקען! דוא וועסט זעהען, אז מיך קימערט דאָס גאַנץ ווייניג.

און ער האָט א קלונג געטאָהן נאָך א דינער. זיא האָט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט, האָט אראָבגעלאָזען די אויגען; איהר נשמה איז געווען אויפגע־בראַכט און איהר לייב האָט ניט גע־

קענט פארטראגען דיזע אונאויפהערליכע לוסט פון איהר מאן ; זיא האט איהם געפאלגט תמיד מיט אבשיי, ניט פראטעסטירענדיג אבער פיהלענדיג ערניעדריגט, זעהענדיג דעריין עפעס טהירישעס, בעליידיגענדעס, קורץ א צולאזענקייט. איהר זינליכקייט איז נאך ניט געוועזן אויפגעוואכט און איהר מאן האט זיא בעהאנדעלט אזוי וויא זיא וואלט טהיילען זיין ליידענשאפט.

ווען דער האטעל־דינער איז אריינגעקומען, האט זשוליאן איהם געבעטען אנווייזען זיי זייער צימער. דער דינער, א ריכטיגער קארסיקאנער, האאריג ביז די אויגען, האט ניט פערשטאנען און האט געענטפערט, אז דער צימער וועט צוגעפארטיגט ווערען אויף ביינאכט. זשוליאן איז געווארען אונגעדולדיג און האט א געשריי געטאהן .

— ניין, גלייך, שוין ! מיר זיינען מיעד פון דער רייזע און מיר ווילען רוהען.

דער דינער האט א שמייכעל געטהאן זיך אין בארד און זשאנע האט געפיהלט אזוי וויא צו אנטלויפען ערגעץ. ווען זיי זיינען, א שטונדע שפעטער אראבגעקומען צוריק פון זייער צימער, האט זיא ניט געוואגט פערבייצוגעהן פערביי די מענשען, וועלכע זיא האט באגעגענט, זייענדיג זיכער, אז זיי וועלען לאכען און איבערשעפצען זיך הינטער איהר. זיא איז אין הארצען געוועזן בייז אויף זשוליאן פאר וואס ער פערשטעהט ניט, פאר וואס איהם פעהלט עטוואס בעשיידענהייט, די נאטירליכע איידעלקייט ; און זיא האט געפיהלט א צוים צווישען זיי ביידען, בעגרייפענדיג איצט צום ערשטען מאל, אז צוויי מענשען קענען קיין מאל ניט אריינדרינגען איינער אין'ם אנדערנס זעלע, און אז זייענדיג פערבונדען צייטענווייז אבער ניט צונויפגעמישט וועט דאך די מאראלישע נאטור און די אינדיווידועליטעט פון יעדען פון אונז פערבלייבען אויף אייביג אליין דעם גאנצען לעבען.

זיי האבען זיך גענומען ארראנזשירען זייער ארומפאהרען. אום ניט צו האבען בעזונדערע שוועריקייטען. אויפ'ן וועג, האבען זיי בעשלאסען צו דינגען פערד פאר זיך אליין. זיי האבען געדונגען א פאאר גוטע קארסיקאנער פערד מיט אונרוהיגע אויגען, מאגערע, ניט מיעד ווערענדע, און אין איין פריהמארגען זיינען זיי אוועקגעריטען. א פיהרער, וועלכער איז געפאהרען רייטענדיג אויף א מויל־עזעל, האט זיי בעגלייט און האט געפיהרט פאר זיי פראוויאנט; ווארום קיין אכסניות קען מען ניט געפינען אין יענעם ווילדען געגענד.

דער וועג האט זיך געצויגען פון פון אנפאנג ביי'ם ברעג, איז דערנאך אריין אין א פלאכען טהאל אין דער ריכטונג פון די בערג־שפיצען. אפט פלעגען זיי דורכקרייצען פלוסען, וועלכע זיינען שוין כמעט טרוקען געוועזן ; א שטראם פלעגט זיך נור וויזען פליסענדיג צווישען די שטיינער, אזוי וויא א שליינגעלדיגע חיה, און האט גערוישט גאנץ איינגעהאלטען.

דאס ניט קולטיווירטע לאנד האט אויסגעזעהען נאקעט, די זייטען פון די בערג נור זיינען געוועזן באדעקט מיט הויכען גראז. געל פון דעם הייסען סעזאן. צייטענווייז פלעגט זיך זיי באגעגענען א בערג־איינוואהנער, געהענדיג צופוסען אדער רייטענדיג אויף א קליינעם פערדעל, אדער אן עזעל וואס איז ניט העכער פון א הונד. אלע האבען געטראגען א געלאדענעם ביקס אויפ'ן פלייצע — אלטע פערראסטעטע געוועהר, אבער פירכטערליך אין זייערע הענד.

א שארפער בשמים־ריח פון שמעקענדע געווירץ־פלאנצען מיט וועלכע דער אינזעל איז געוועזן באדעקט האט געדיכט געמאכט די לופט ; און דער וועג האט זיך געצויגען איידעל אראב־

צו צווישען דיא לאנגע פאלאצען פון די בערג. דיא שפיצען פון ראזע און בלויע גראניט האט צוגעגעבען דעם לאנדשאפט דאס אויסזעהען פון א צויי־בער־לאנד. איבער דיא נידריגע פעל־צער האבען דיא וועלדער פון קאסטא־ניען־בוימער אויסגעזעהען אזוי וויא גרי־נע קוסטעס.

דער בעגלייטער פלעגט פון צייט צו צייט אנווייזען אויף א משופע'דיגע הויכקייט און אגרופען א נאמען. זשא־נע און זשוליאן פלעגען קוקען, גאר נישט זעהען, דערנאך ענטדעקען ענד־ליך עטוואס גרויעס, אזוי וויא א מא־סע פון שטיקער פעלזען אראפגעפאלענע פון דער הויך. דאס איז געווען א שטעד־טעל, א דארף, היינגענדיג אזוי וויא א פויגעל־נעסט, כמעט גאר ניט קענטיג געגען דעם אונגעהייערען בארג.

דיעזע לאנגע נסיעה, וועלכע האט זיך געצויגען לאנגזאם האט מיעד גע־מאכט זשאנען.

— לאמיר א יאג טהאן זיך א ווייל'ע — האט זיא געזאגט און זיא האט א טרייב געטהאן איהר פערד.

ניט דערענדיג איהר מאן גאלאפי־רען לעבען איהר, האט זיא זיך א קעהר געטהאן אויף צוריק און האט זיך הארציג צולאכט, זעהענדיג וויא ער האלט זיך פעסט פאר דעם פערדס גריווע, בלייך, צושראקען און זיין שעהנער פנים, וועל־כער איז אזוי פאסיג פאר א „גאלאנטען קאוואליער" האט צוגעגעבען נאך מעהר לעבערליכקייט צו זיין געקרימטער פא־זע און דערשראקענע אויגען. זיי הא־בען דאן אנגעהויבען רייטען לאנגזאם, טריט ביי טריט.

זיי זיינען געווען דורשטיג, דער בעגלייטער האט זיי צוגעפיהרט צו איי־נער פון דיא פרעכטיגע קרעניצעס, וועל־כע מען טרעפט אזוי אפט אין דיא בערגיגע לענדער; א שמאלינקער שטראם וואסער האט זיך געצויגען פון א פעל־זען־לאך און געפליעסט אין א רינעם קאנאל אויסגעבילדעט פון קאסטאניען־בלעטער, וואס א פערבייגעהער האט ארומגעלעגט אום צוצופיהרען דעם שטראם צום מויל.

זשאנע האט זיך געפיהלט אזוי גליקליך, אז זיא האט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון א געשריי צו טהאן פון שמחה. זיי זיינען דערנאך אוועקגערי־טען ווייטער רונד ארום דעם ראנד פון סאגאן.

פארנאכט זיינען זיי דורכגעגאנגען דיא גריעכישע שטעדטעל קארזשעס וועלכע איז לאנג געגרינדעט געווארע־ אין דיא אמאליגע צייטען פון א קאלא־ניע אויסוואנדרערער, וואס זיינען ארום־געטריעבען געווארען פון זייער היימיש לאנד, הויכע ליעבליכע מיידלעך זיינען געשטאנען מיט א בעזונדערן חן אין א גרופע ארום א פאנטאן. אויף זשוליאנס „גוטען אבענד" האבען זיי געענטפערט מיט מוזיקאלישע שטימען אין דער האר־*מאנישער שפראך פון זייער אוועקגע־ווארפענע היים.

אנקומענדיג קיין פיאנא האבען זיי געמוזט בעטען הכנסת־אורח'עם אזוי ווי אין דיא אלטע צייטען אין פערווארפע־נע געגענדען. א ציטער פון פערגעניגען איז דורכגעלאפען זשאנען ווען זיא האט געווארט הינטער'ן טהיר, אין וועלכע זשוליאן האט אנגעקלאפט, מען זאל עפענען. א, דאס איז ווירקליך געהייסען געוואנדערט! מיט אלע ניט־פאראויס־געזעהענע פאסירונגען אויף פערלאזענע, ניט קולטיווירטע וועגען. זיי האבען גע־בעטען גאסט־פריינדשאפט פון דיא יונ־גע איינוואהנער און זיינען אויפגענומען געווארען מיט אלע קלעפערלעך פון הכנסות־אורח'עם, וויא א פאטריארך וואלט אויפגענומען אורחים, וועלכע גאט האט איהם צוגעשיקט. זיי זיינען געשלאפען אויף א שטרויענעם מאט־ראץ אין אן אלטע חורבה, וואו דיא

וועגד זיינען געווען לעבערדיג. דורכ־
געלעכערט פון ווערים, וואָס נעהרען זיך
מיט האָלץ. עס האָט אויסגעזעהען אזוי
וויא דיא וועגד וואָלטען לעבען, אטהע־
מען און גרילצען.

וויא נור דיא זונן איז אויפגעגאנגען
זיינען זיי שוין געווען ווייטער אויף דיא
פערד. זיי האָבען זיך אָבער באלד אָב־
געשטעלט. בעפאָר זייערע אויגען איז
געווען א וואלד, אַן אמת'ער וואלד פון
פורפור רויטען גראניט. ער איז בע־
שטאנען פון שפיצען, זיילען, ארקען,
טויערן, פון איבערראשענדע פאָרמען,
וועלכע דיא צייט אליין האָט אויסגע־
קינצעלט, וועלכע דער ווינד און דיא ים־
פייכטיגקייט האָט אויסגעבילדעט.

דאָס איז געווען א וואלד מיט פעל־
זען דריי הונדערט מעטער דיא הויך,
גלייכע, איידעלע, רונדע, געבויגענע, גע־
דרעהטע, געטאָקטע, געקרימטע, משונה־
דיגע, אונערוואַרטעט זאָנדערבארע, פאַנ־
טאסטישע, וועלכע האָבען אויסגעזע־
העו אקוראט אזוי וויא ביימער, פלאנ־
צען, ברואים, מצבות, מענשען, פער־
קליידעטע אבעזיאנעס, שדים מיט הער־
נער, אונגעהייערע פויגלען — א זאמ־
לונג פון משונה'דיגע זאכען, א צויבער־
טרוימערישער זאָאלאָגישער גארטען,
פארקנעכערט און פארשטיינערט לויט
דעם פערלאנג פון א קאפּריזנעם גאָט.
זשאנע האָט מעהר קיין לשון ניט גע־
האַט; איהר הארץ איז געווען פאר־
דריקט; זיא האָט אָנגענומען זשוליאן'ס
האנד, האָט זיא געדריקט שטארק,
זייענדיג איבערוועלטיגט פון דעם פער־
לאנג צו ליעבען אוים בעגייסטערונג
פאר נאטורס שעהנהייט.

און פלוצלונג האָבען זיי ענטדעקט,
וויא ערהויבענדיג זיך פון דיעזער צו־
מישענעס, ציהט זיך א נייער ברעג,
ארומגעפלאָכטען אין גאנצען מיט א
בלוט־קאָלירטע וואנד פון רויטען גרא־
ניט. דיעזע בלוט־רויטע פעלזען הא־
בען זיך אָבגעשפּיגעלט אין'ם בלויען
וואסער.

— אָ זשוליאן! — האָט זשאנע
אָנגעהויבען צו שטאמלען, ניט זייענ־
דיג אים שטאנד צו געפינען אנדערע
ווערטער און זייענדיג צונומען מיט
דיעזער פערגעטערונג; איהר האלז
איז פערשטיקט געוואָרען, צוויי טרעה־
רען האָבען זיך אראָבגעקייקעלט פון
איהרע אויגען.

ער האָט זיא אָנגעקוקט:

— וואָס האָט פּאסירט, קינדעלע?

זיא האָט אָבגעווישט איהרע באקען,
א שמייכעל האָט א שפּיעל געטהאָן אויף
איהר פּנים:

— גארנישט, גארנישט — האָט זיא
געזאָגט מיט א ציטערענדער שטימע —
איך בין נערוועז... איך ווייס ניט...
איך בין גערירט. איך בין אזוי גליק־
ליך, אז דיא קלענסטע זאך צונעהמט
מיר מיין הארץ.

ער האָט ניט פערשטאנען דיעזע
וויבליכע שוואכקייט, דיא צוטרויסלונג
פון דיעזע צוריהרטע וועזענס, וועלכע
ווערען צוטומעלט פון א קלייניגקייט,
וועמען בעגייסטערונג באוועגט אזוי ווי
א גרויסע פּאסירונג, וויא א קאטאסטראָ־
פע, וועמען א געפיהל, אַן עמפּפינדונג
וועט מאכען א גאנצע איבערקעהרעניש,
אז זיי ווערען וואהנזיניג פון שמחה אָדער
פערטרונקען אין פערצווייפלונג. דיעזע
טרעהרען האָבען איהם אויסגעזעהען לע־
כערליך. ער איז געווען אין גאנצען פאר־
נומען מיט דיא סכנות פון'ם וועג.

— דוא מוזט אכטונג געבען גוט
אויף דיין פערד.

זיי איז אויסגעקומען אראָבצורייר־
טען אויף א שטעגעלע, וועלכע איז ניט
דורכצוגעהען, דורך דאָרט צום גרונד
פון ברעג, דאן פארקירעווען צו רעכטס
און קלעטערען דעם טהאָל פון אָטא.
אָבער דער וועג איז געווען שרעקליך.
זשוליאן האָט פארגעשלאָגען צו פּרופען

געהען צו פוס, זיא איז דערפון געוועזען זעהר גערן, זיא האט זעהר הנאה געהאט צו געהען און צו זיין אליין מיט איהם נאך דיעזע צונומענהייט וועלכע זיא האט דורכגעפיהרט.

דער בעגלייטער איז אוועק פאראוים מיט זיין עזעל און מיט זייערע צוויי פערד און זיי זיינען נאכגעגאנגען לאנגזאם. דער בארג איז געוועזען צורעפענט, צושפאלטען פון אויבען ביז אונטען. דער שמאלער וועג איז געוועזען צווישען דיעזע צושפאלטונג, צווישען צוויי מורא'דיגע ווענד און א גרויסער שטראם האט געפליעסט דורך דיעזע ריסען פון דיא בערג פעלזען. דיא לופט איז געוועזען קאלט; דער גראניט האט אויסגעזעהען שווארץ, און ווייט פון אויבען, איבער זיי, האט מען נור געקענט זעהען דעם וואונדער־בלויען הימעל. דאס האט געווירקט, איבערראשענד, ערשטוינענד.

פלוצלונג האט זשאנע דערהערט עפעס א לארעם. זיא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען: אן אונגעהייער גרויסער פויגעל איז ארויסגעפלויגען פון א לאך; דאס איז געוועזען אן אדלער. זיינע צועפענטע פליגלען האבען אויסגעזעהען אזוי וויא זיי וואלטען בעריהרען דיא פעלזען־ווענד פון ביידע זייטען און ער האט א פאכע געטהאן אין דער אזשור־בלויקייט און איז פערשוואונדען.

ווייטער אהין איז זיך דיא צושפאלטונג צווישען דיא בערג צוגאנגען; דער וועג האט זיך געדרעהט צווישען דיא משונה'דיגע פעלזען־ווענד אין זיגזאגען. זשאנע איז מיט איהרע לייכטע לעבהאפטע טריט געגאנגען פאראוים, מאכענדיג דיא שטיינדלעך קייקלען זיך אונטער איהרע טריט. ער איז נאכגעגאנגען נאך איהר, אביסעל אהן אטהעם, קוקענדיג צו דער ערד און מורא האבענדיג פעסט א פוס צו שטעלען.

פלוצלונג האט דיא זונן זיי בענאסען מיט ליכט; זיי האבען געפיהלט אזוי וויא זיי וואלטען נור־וואס ארויס פון גהינום. זיי זיינען געוועזען דורשטיג; א דאמפיגער סליאד האט זיי געפיהרט דורך א צומישונג פון פעלזען צו א שמאלינקען קוואל־שטראם, וואס האט ארויסגעפליעסט פון א רעהר, אוועקגעלייגט כדי צו קענען דארט אנטרינקען דיא ציגען־סטאדעס, א טעפיך פון מאך האט בעדעקט דעם גרונד רונד ארום. זשאנע האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע צו טרינקען, און זשוליאן האט נאכגעטהאן דאסזעלביגע.

בעת זיא האט הנאה געהאט פון די ערפרישענדע קיהלקייט פון'ם וואסער האט ער ארומגענומען איהר טאליע און האט געזוכט אבצוגנב'ענען דעם פלאץ פון ברעג רעהר, וואו זיא האט געטרונקען; זיא האט ניט דערלאזען: זייערע ליפען האבען זיך בעגעגענט, בעריהרט און צושיידען. ראנגלענדיג זיך אזוי האט זיך יעדער פון זיי אנגעכאפט אן דעם עק פון רעהר מיט'ן מויל און איינגעביסען כדי ניט צו לאזען זיך אבשטויכען פון'ם צווייטען; דאס האט זיא אנגעכאפט דעם ברעג, דאס ער. און פון דיעזע ראנגלעריי האט דאס וואסער זיי בעשפריצט, בעגאסען דיא פנים'ער, דיא נאקענס, דיא קליידער, דיא הענד. קליינע טראפענס וויא פערל האבען געגלינצערט אין זייערע האאר. און דיא קוסען האבען געפליסט ווי דער שטראם.

זשאנען האט אנגעכאפט א פלוצלונגע בעגייסטערונג פון ליעבע, זיא האט אנגענומען א פולע מויל מיט דיא קלאהרע פליעסיגקייט, און מיט אויסגעפיעלטע, געשוואלענע באקען וויא א לעדער פלאש, האט זיא צוגעווינקט זשוליאנען אז זיא וויל איהם געבען טרינקען. ער האט אונטערגעשטעלט זיין מויל, פרעהלאך פערווארפענדיג דעם קאפ אהינטער, מיט צועפענטע ארעמס, און ער האט געטרונקען דעם שטראם פון דיעזען לע־

בעדיגען פליש־פאנטאן, וואס עס האט אין איהם געריצט ווילדע ליידענשאפט. זשאנע האט זיך אנגעלעהנט אויף איהם פול מיט צערטליכקייט; איהר הארץ האט געקלאפט; איהרע אויגען האבען אויסגעזעהען אזוי ווייך, פייכטיג.

זשוליאן — האט זיא געמורמעלט — איך... איך ליעב דיך.

און זיא האט איהם צוגעצויגען צו זיך.

לאנג האט זיי געדויערט צוצוקומען ביז׳ן שפיץ פון בארג, זיא איז געווען אהן אטהעם, קראפטלאז, און עס איז שוין געווען אבענד, ווען זיי זיינען געקומען קיין עוויזא און געפונען דאס הויז פון א קרוב פון זייער וועגווייזער, פאאלי פאלאברעטי. דאס איז געווען א מאן פון הויכער פיגור, עטוואס געבויגען, מיט א מרה־שחורה׳דיגען אויסזעהען פון א ליידענדען פון אויסצעהרונג. ער האט זיי אבגעפיהרט אין זייער צימער, א דונקעלער צימער מיט נאקעטע שטיינערנע ווענד, אבער שעהן פאר אזא לאנד וואו מען וויים ניט פון קיין הרחבה. ער האט אויסגעדריקט אין זיין קארסיקאנישע שפראך — א צומישענעס פון איטאליעניש מיט פראנצויז — זיין הנאה אויפצונעהמען אזעלכע געסט.

א קלאהרע שטימע האט איהם איבערגעשלאגען און א קליינע, דונקעלע פרוי מיט גרויסע, שווארצע אויגען ערווארעמטע פון זונן, מיט א גראדע פיגור און געפענטע ציינער פון שטענדיגען לאכען, איז אריינגעפאלען, האט אנגעקוסט זשאנען, האט געטרייעסלט זשוליאנס האנד, בעגריסענדיג:

— גוטען טאג, מאדאם; גוטען טאג, מיין הערר: וואס מאכט איהר?

זיא האט אראבגענומען איהר הוט, איהר אל, טהוענדיג אלעס מיט איין האנד, ווארום דיא אנדערע האנד איז ביי איהר געווען פערבונדען, דאן האט זיא אלעמען ארויסגעטריעבען, זאגענדיג צו איהר מאן:

— נעהם, געה זיך מיט זיי דורך ביז מיטאג.

הערר פאלאברעטי האט גלייך געהפאלגט, האט זיך געשטעלט צווישען די צוויי געסט און האט זיי געפיהרט זעהען דיא שטעדטעל. ער האט געשלעפט זיינע פיס און געשלעפט זיינע ווערטער, הוסטענדיג אפט און וויעדערהאלענדיג יעדע פינף מינוט:

— דאס איז דיא קאלטע לופט פון טהאל, האט דאס אנגעגריפען מיינע לונגען.

ער האט זיי געפיהרט דורך א פארשטעלטען וועג אונטער גרויסע קאסטאניען־ביימער. פלוצלונג האט ער זיך אבגעשטעלט און האט טרויעריג א זאג געטהאן:

— אט דא, אויף דעם פלאץ האט דאס מעטהיו לארי ערמארדעט מיין קוזען זשאן רינאלדי, איך בין דא אליין זשאן; ערשט איך זעה מעטהיו קומט אן אונגעפעהר א צעהן טריט פון אונז:

— „זשאן — האט ער א געשריי געטהאן — געה ניט קיין אלבערטאצצע; געה ניט אהין, זשאן, ווארום איך וועל דיך הרג׳ענען, זאג איך דיר“. איך האב א נעהם געטהאן זשאנען ביים האנד און זאג איהם: „זשאן, זאג איך, נעה ניט אהין, ער וועט דאס טהאן“. דאס איז געווען איבער א מיידעל, נאך וועלכער זיי זיינען ביידע נאכגעגאנגען. פאולינא סינאקופי האט מען זיא גערופען. אבער זשאן האט געענטפערט: „איך וועל געהן מעטהיו, און דו קענסט מיר ניט פערווערען“. מעטהיו האט דאן אנגעשטעלט זיין ביקס איידער איך האב בעוויעזען א ציעל צו טהאן זיך מיט מיינעם און ער האט אויסגעשאסען. זשאן האט א הויכען שפרונג געטהאן מיט ביידע פיס, אזוי וויא קינדער ווען זיי דארפען אריעבערשפרינגען א שטריק, יא מיין הערר, אזוי איז ער א שפרונג געטהאן און איז

אנידערגעפאַלען אויף מיר, אזוי אז מיין ביקס איז ארויסגעפאַלען פון מיינע הענד און האָט זיך אַוועקגעקייקעלט ווייט אַט אזוי ווייט וויא יענער קאַסטיאַניען בוים איז פון אונז, זשאַן האָט צועפענט זיין מויל, אָבער קיין וואָרט. ער איז געווען טוידט.

דאָס יונגע פּאָאָר האָט ערשטוינענד אָנגעקוקט דעם שטילען עדות פון'ם פערברעכען.

— און דער מערדער? — האָט זשאַנע א פרעג געטהאָן.

פּאָאלי פּאַלאברעטטי האָט זיך שטאַרק צוהוסט, דאַן האָט ער אויסגעלאָזען:

— ער איז אַנטלאָפען אין די בערג. אין א יאָהר אַרום ערשט האָט איהם מיין ברודער דער'הרג'עט. איהר ווייסט, מיין ברודער, פיליפּ פּאַלאברעטטי, דער באַנדיט.

זשאַנע האָט א ציטער געטהאָן:

— אייער ברודער א באַנדיט?

— יאָ, מאַדאַם — האָט מיט א גדלות פּנים געענטפערט דער קאַרסיקאַנער — ער איז געווען בעריהמט, ער האָט אַוועקגעלעגט זעקס זשאַנדארמען. איהם האָט ערמאָרדעט ניקאָלאי מאָראלי, ווען מען האָט זיי ארומגערינגעלט אין ניאָלאָ נאָך א זעקס־טעגיגער שלאַכט און ווען זיי זיינען שוין געווען אין גאַנצען פאַרהונגערט אויף טוידט.

ער האָט זיך דערנאָך אָבגעאָטהעמט און שטילער געזאָגט:

— אזוי געהט דאָס דאָ אין לאַנד.

ער האָט דאָס געזאָגט מיט דעמזעלבען טאָן וויא ער פלעגט זאָגען: דיא קאַלטע לופט פון טהאָל האָט דאָס אָנגעגריפען מיינע לונגען.

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צו מיטאָג און דיא קליינע קאַרסיקאַנער פרוי האָט זיי בעהאַנדעלט אזוי וויא אַלטע בעקאַנטע, אזוי וויא זיא וואָלט זיי געקענט שוין צייט א יאָהר צוואַנציג.

אָבער זשאַנען האָט פערפאָלגט אַן אונרוהיגער געפיהל. וועט זיא וויעדער געפינען אין זשוליאַנס אומאָרמונג יענעם אימפּעט־ציטער, יענע רייצבאַרקייט וועלכע זיא האָט געפיהלט ביי'ם קרעניצע אויף דעם מאָך? ווען זיי זיינען געבליעבען אליין אין זייער צימער האָט זיא אָנגעהויבען צו ציטערען; זיא האָט מורא געהאַט, אז איהרע געפיהלען וועלען ווייטער בלייבען טויב צו זיינע קושען. אָבער זיא האָט געמאַכט א טעות. דאָס איז געווען דיא ערשטע נאַכט פון איהר ליעבע.

אויף מאָרגען, ווען זיי האָבען געדאַרפט אָבפאָהרען פון דאָרט, האָט זיא געפיהלט אזוי ווי ניט צו פערלאָזען דעם פּלאַץ, דאָס ארעמע הויז, איז וועלכען עס האָט זיך איהר אויסגעוויעזען, אז א נייער גליק האָט זיך אָנגעהויבען אין איהר לעבען. זיא האָט אריינגענומען די קליינע בעל־הבית'טע צו זיך אין צימער; זיא האָט איהר ערקלעהרט, אז זיא וועט איהר ניט איינשמועסען אָנצונעהמען פון איהר איצט א מתנה; אָבער זיא מוז איהר ערלויבען צוצושיקען איהר פון פּאַריז א סאָוועניר; זיא האָט אָבערגלויביש געגלויבט אין דער נאָטהווענדיגקייט דערפון.

דיא יונגע קאַרסיקאַנער פרוי האָט זיך א היבשע ווייל געהאַמפּערט געגען דעם; זיא האָט קיין מתנה ניט געוואָלט אָננעהמען. ענדליך אָבער האָט זיא זיך געלאָזט איינריידען:

— נו — זאָגט זיא — אז אייך ווילט זיך שוין זעהר, שיקט מיר א קליינעם רעוואָלווער, נאָר א קליינעם,

זשאַנע האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען. דיא קאַריסיקאַנערין האָט איהר איצט איינגעראַמט א סוד אַלס דעם טעם, פאַר וואָס זיא דאַרף אַזאַ מתנה. זיא האָט דאָס איהר געזאָגט פערטרויענספול, זיסס, וויא מען זאָגט אַן אינטימען פריינד:

— דאָס דאַרף איך דערשיסען מיין שוואָגער.

און שמייכלענדיג מונטער, האָט זיא אויפגעוויקעלט דעם באַנדאַזש פון איהר פערבונדענע האנד א רונדען ווייסען אָרעם דורכגעשטאָכען כמעט דורך און דורך מיט א סטילעטאָ. די וואונד איז געווען שוין כמעט פערהיילט, איבערלאָזענדיג א צייכען.

— ווען איך וואָלט ניט געווען אזוי שטאַרק וויא ער, וואָלט ער מיך דאַן ערמאָרדעט. מיין מאַן איז ניט אייפערזיכטיג, ער קען מיך. און דערצו איז ער דאָך קראַנק, וויא איהר ווייסט. און דאָס שטילט זיין בלוט. איך בין אַן עהרליכע פרוי, מאַדאַם, אָבער מיין שוואָגער גלויבט אַלעס וואָס אימיצער דערצעהלט איהם. ער איז אייפערזיכטיג פאַר מיין מאַן און ער וועט געוויס נאָך אמאָל פּרובירען. ווען איך זאָל האָבען א רעוואָלווער, וואָלט איך געווען רוהיג און זיכער, אַז איך וועל זיך קענען אָברעכענען.

זשאַנע האָט איהר צוגעזאָגט צו שיקען דיא וואַפען, האָט אָנגעקוקט איהר נייע פריינדין און זיא איז אוועקגעפאָהרען מיט זשוליאַנען ווייטער. דער ווייטערער וועג איז געווען דורכאויס א טרוים, — אָהן א שיער ליעבשאַפט און פערשיכור'רונג פון קוססען. זיא האָט קיין זאַך ניט געזעהען, קיינע לאַנדשאַפטען, קיינע פּלעצער ניט בעמערקט וואו זיי זיינען איינגעשטאַנען. זיא האָט גאָרנישט געזעהען אויסער איהר זשוליאַן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין באַסטיא, האָט מען געדאַרפט אָבצאָהלען דעם וועג־וויזער. זשוליאַן האָט אָנגעהויבען שאַרען אין זיינע קעשינעס. ניט געפינענדיג דאָרט קיין געלד, האָט ער זיך א ווענד געטהאָן צו זשאַנען:

— יוא געברויכסט דאָך ניט דיין מוטער'ס צוויי טויזענד פראַנק, גיב זיי מיר; איך וועל זיי האַלטען ביי זיך, זיי וועלען זיין זיכער אין מיין גורט, און דאָס וועט מיך איינהאַלטען פון בייטען שטענדיג אויף קליינגעלד.

זיא האָט איהם אוועקגעגעבען דאָס געלד.

זיי זיינען אָנגעקומען קיין לאַגאָרן. האָבען בעזוכט דערנאָך פלאָרענץ. גענוא און דעם גאַנצען געגענד פון קאַרנישע. און איין פריה־מאָרגען זיינען זיי אָנגעקומען קיין מאַרסייל צוריק. צוויי מאָנאַטען זיינען פערלאָפען זינט זיי זיינען ארויסגעפאָהרען פון'ם „פּאַפּעל־בוימער" שלאָס. עס איז שוין איצט געווען דער פונפצעהנטער אָקטאָבער. זשאַנע איז געווען מרה־שורה'דיג. דער קאַלטער ווינד, וואָס האָט געבלאָזען פון ווייטע נאָרמאַנדיע, האָט זיא אָנגעגריפען. זשוליאַן האָט זיך עפּעס אין דער לעצטער צייט געענדערט, איז געווען עפּעס מיעד, גלייכגילטיג, און זיא האָט עפּעס מורא געהאַט, ניט וויסענדיג אליין וואָס עס שרעקט זיא.

זיא האָט אָבגעלייגט זייער רייזע אַהיים אויף נאָך פיער טעג, ניט קענענדיג בעשליסען זיך אוועקצופאָהרען פון דיעזען זוניגען לאַנד. איהר האָט זיך געדוכט, אַז זיא האָט ערשט דערגרייכט צום הויכען פונקט פון גליק.

ענדליך זיינען זיי אָבגעפאָהרען. אין פּאַריז האָבען זיי זיך געדאַרפט אָבשטעלען איינצוקויפען אַלעס נויטיגע פאַר זייער אָנקומען אין זייער „פּאַפּעל־בוימער," זשאַנע האָט הנאה געהאַט וואָס זיא וועט קענען איינקויפען פערשיעדענעס צו פערדאַנקען איהר מוטערס מתנה. אָבער דיא ערשטע זאַך וואָס זיא האָט געהאַט אין זינען איז געווען דער רעוואָלווער, וועלכען זיא האָט פערשפּראָכען דער יונגער קאָרסיקאַנער פרוי פון עוויזא.

דעם ערשטען טאָג, ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָט זיא גלייך געזאָגט איהר מאַן.

— מיין טהייערסטער, ווילסטו זיין אזוי גוט געבען מיר צוריק מיין מאַמאַ'ס געלד, ווארום איך וויל איינקויפען עפּעס.

—וויפיעל געלד דאַרפסטו? — האָט ער אַ קעהר געטאָהן זיך צו איהר מיט אַן אונצופריעדענעם פּנים.

זי איז געוועזן איבערראשט און האָט אָנגעהויבען שטאַמלען:

—וואס הייסט, וויפיעל דוא ווילסט גיעב.

—וועל איך דיר געבען הונדערט פראַנק — האָט ער געענפטערט — אָבער זיי פאָרזיכטיג, פאַרשווענדע זיי ניט.

זיא האָט ניט געוואוסט וואס צו זאָגען. זייענדיג פארשעהמט און צומישט אָבער זיא האָט דערנאָך אַ פרעג געטאָהן:

—סטייטש, איך האָב דאָך דיר געגעבען דאס געלד אויף צו...

—יא, געוויס — האָט ער זיא איבערגעשלאָגען — וואס איז דיא נפקא מינה צו דאס איז ביי דיר אין קעשינע אדער ביי מיר, ווען ביי אונז איז דאָך שוין איין קאַססע. איך זאָג דיר דען אב פון צו געבען? אָט גיב איך דאָך דיר הונדערט פראנק?

זיא האָט גענומען דיא פינף צוואַנציג-פראַנק שטיקער, ניט זאָגענדיג אַ וואָרט מעהר; אָבער זיא האָט שוין ניט געוואגט דערנאָך מעהר צו בעטען ביי איהם, און זיא האָט אויסער דעם רעוואָלווער קיין זאך ניט געקויפט.

נאָך אַ וואָך זיין אין פאריז, האָבען זיי אָנגעהויבען זייער רייזע צוריק אַהיים אין „פאַפעל-בוימער."

אוים הנאה

דיא גאנצע פאמיליע מיט דער דיענערשאפט זיינען געשטאַנען לעבען דעם ווייסען צאַם מיט דיא געמויערטע זיילען און ערווארט זיי, דיא פאָסט-קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט און עס האָבען זיך אָנגעהויבען לאנגע אומאַרמונגען. דיא באַראָנין האָט געוויינט, זשאַנע איז געוועזן גערי‌הרט, האָט אָבגעווישט צוויי טרערען; איהר פאטער איז ארום געגאנגען נערוועז הין און צוריק. דאן האָבען זיך אַלע צוזעצט אין זאַאל ארום קאַמין און עס איז געווען אויסגערעכענט דיא גאנצע רייזע. דיא ווערטער זיינען געפלאָסען פון זשאַנעס ליפּען; און אין אַ האַלבע שטונדע האָט זי דערצעהלט אין גאנצען, אַ חוץ אפשר קליינינגקייטען, וועלכע זיא האָט פארגעסען אין דעם סדר פון איהר שנעלער ערצעהלונג.

דאן האָט דיא יונגע ווייבעל אָנגעהויבען צו צועפענען דיא פּעקלאך. ראָזאַליע, זייענדיג אליין זעהר גערי‌הרט, האָט איהר געהאָלפען. ווען דאס איז געווען געענדיגט, ווען דיא וועש, דיא קלייַדער, דיא טואַלעט-ארטיקלען זיינען צושטעלט געוואָרען אויף דיא פּלעצער, האָט דיא דיענסטמיידעל פערלאָזען איהר ווירטהין, און זשאַנע, עטוואס מיעד, האָט זיך צוגעזעצט. זיא האָט געדארפט טהעטיגקייט, אַ בעשעפטיגונג פאר איהרע געדאנקען און עפּעס וואס צו טהאָן מיט איהרע הענד. זיא האָט קיין פערלאנג ניט געהאט ארונטערצוגעהן אין זאאל וואו איהר מוטער האָט געדרעמעלט; אפשר געהן אַ ווייַלע שפּאַציערען, האָט זיא אַ קלעהר געטאָהן, אָבער אלעם דרויסען האָט איהר אויסזעהען אזוי לאַנגווייליג, אַז קוקענדיג בלויז דורכ'ן פענסטער אליין האָט אויף איהר אָנגעטריעבען אַ שווערען אומעט.

און איצט ערשט האָט זיא דערפיהלט אַ מין פוסטקייט, ניטאָ פאר איהר וואס מעהר צו טאָהן, קיין זאך מיט וואס צו בעשעפטיגען איהרע גע-

דאַנקען אויף ווייטער. איהרע יונגע יאָרען אין קלויסטער זיינען געווען פערנומען מיט חלומות וועגען דער צוקונפט. זייענדיג דאַן שטענדיג פערטיעפט אין געדאנקען און האָפנונגען פון דעם וואס עס ערווארט זיא אין לעבען, זיינען אזוי אוועק איהרע טעג, איהרע יאהרען אייגבעמערקט. זיי זיינען אוועק ניט פיהלענדיג וויא אזוי, און דאַן וויא זיא האָט נור פערלאָזען דיא דיקע ווענד, אין וועלכע עס זיינען רייף געוואָרען איהרע בליהענדע פאנטאזיעס, איז שוין פערווירקליכט געוואָרען דאס, פון וואס זיא האָט אזוי לאנג געטרוימט; דיא ערווארטונג פון ליעבע האָט זיך פארווירקליכט באַלד, דער מאַן, אויף וועלכען זיא האָט געהאָפט, האָט זיך בעגעגענט מיט איהר, פערליעבט, חתונה געהאט אין צייט פון עטליכע וואָכען, וויא מענשען האָבען חתונה דורך א פלוצלינגען ענטשלוס אין שוין אריינגענומען זי אין זיינע אָרעמס איידער זיא האָט נאָך צייט געהאט ארומצוזעהען זיך, בעטראַכטען.

אָבער אָט איז דיא זיסע ווירקליכקייט פון דיא ערשטע טעג געוואָרען אַן אַלטעגליכע זאַך, וועלכע האָט פערשלאָסען דיא טהירען פון דיא אונבעשטימטע האָפנונגען, פון דיא צויבערהאַפטע אונרוהיגקייטען פון ליעבע. יא, א סוף צו ערוואַרטונגען. ניטאָ מעהר וואָס צו טהאָן, ניט היינט, ניט מאָרגען, קיין מאָל ניט. דאָס אַלעס האָט זיא געפיהלט יעצט אָנע, פארשלייערט ; זיא האָט געפיהלט וויא עס זינקען איהרע חלומות. זיא האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט צוגעפרעסט איהר שטערען צו דער קאַלטער פענסטער־שויב. און קוקענדיג אזוי א ווײלע אויף דיא שווינדענדע וואָלקענס, האָט זיא בעשלאָסען ארויסצוגעהען א ווײלע.

זיינען דאָס געווען דיעזעלביגע פעלדער, דיעזעלבע גראָז, דיעזעלבע ביימער אזוי וויא אין מאָנאַט מאַי ? וואָס איז געוואָרען פון דיא זוניגע פרייד פון דיא בלעטער, פון דיא גרינענדע פאָעזיע, פון דער לאָנקע, וואו דיא רויטע בלומען האָבען געבלוטיגט, אָדער וואו דיא ראַמאשקא־בלומען האָבען געבליהט, אָדער וואו דיא זומער־פויגעלעך האָבען ארומגעשוועבט אזוי וויא אָנגעצעפעט אָן אונזיכטבארע פעדים ? און דיא פערשיכור'ונג פון דער לופט דורכגענומען מיט לעבען, מיט ריחות און מיט פרוכטבארע אטאָמען עקזיסטירט שוין ניט מעהר.

דיא אַלעען און וועגען, אראָבגעפלייצט פון דיא שטענדיגע גוסרעגענס פון הערבסט. ציהען זיך איצט באדעקטע מיט א דיקער דעקע פון טויטע בלעטער אונטער דיא ציטערנדע דינע צווייגען פון דיא נאַקעטע פאפעל־ביימער. און אזוי וויא דער אונאויפהערליכער רעגען איז טרויעריג גענוג צו ברייגגען איינעם צו טרעהרען, אזוי זיינען דיעזע לעצטע בלעטער, וועלכע האַלטען זיך שוין קוים אויף דיא צווייגען, אלע פערגעלט, רייסען זיך אָב, קעהרען זיך איבער, ווערען געדרעהט פון ווינד און פאַלען צו דער ערד.

זיא האָט צוגעשפאציערט אזוי ווייט וויא ביז'ן קליין־וועלדעל. דאָרט איז געווען אזוי טרויעריג וויא אין א קאַמער פון א שטערבענדען, דיא גרינע ווענד פוןביידע זייטען פון דעם שעהנעם .וועג זיינען געווען שיטער ; דיא געפלאָכטענע קוסטעס, אזוי וויא געהעפטע שפיצען פון דינענקע ביימלעך, האָבען אָבגעקלאפט זייערע צווייגען איינע אַן דיא אנדערע און דער רויש פון דיא אראָבגעפאַלענע, פערטריקענטע בלעטער געטראָגענע פון ווינד זיינען צונויפגעטראָגען געוואָרען אין הויפענס. דאָס האָט געמאכט דעם איינדרוק וויא דער לעצטער זיפץ פון טויט־קאמפף. קליינע פויגעלעך זיינען ארומגעשפרונגען פון

פּלאַץ אויף פּלאַץ, זוכענדיג וואו צו בעזעצען זיך.

זשאַנע איז ארומגעגאַנגען הין און צוריק מיט לאַנגזאמע טריט אין דער באַראָנינס אַלעע. א שווערקייט אויפ'ן הארצען האָט זיא געפיהלט אַזוי וויא אַן אהנונג פון לאַנגער ערמיעדונג פון דעם מאָנאָטאָנעם לעבען. וועלכער עס הויבט זיך פאַר איהר אָן. זיא האָט זיך צוגעזעצט אויף דעם בערגעל, וואו זשוליאָן האָט צו איהר גערעדט צום ערשטען מאָל פון ליעבע; און זיא איז געבליעבען דאָרט זיצען לאַנג, פערגליווערט, כמעט אָהן געדאַנקען מיט א צווייטאָקט הארץ, וועלענדיג איינשלאָפען צו פערגעסען דיא טרויעריגקייט פון דיעזען טאָג.

פלוצלונג האָט זיא דערזעהען א ים־פויגעל, שוועבענדיג אונטער'ן הימעל; אַזוי וויא געטראָגען פון'ם ווינד. זיא האָט זיך דערמאָהנט דעם אדלער, וועלכע זיא האָט געזעהען אין קארסיקאַ אין דעם דונקעלען טהאָל פון אָטאָ. איהר הארץ האָט א צופּ געטהאָן וויא עס איז אימער ווען מען דערמאָהנט זיך עפּעס אויף א זיסער עראינערונג, וועלכע איז אויף אייביג פון אונז פערשוואונדען. און עס האָט איצט אויפגעטויכט אין איהר זכרון דער גלענצענדער אינזעל מיט זיינע ווילדע בשמים־ריחות, מיט דעם אזשור־בלויען ים־ברעג, מיט זיינע פעלזענריסען און טהאלען, וואו שטראָמען פליסען. דאָס אַלעס האָט איהר אַזוי דערנומען, אז זיא האָט זיך אויפגעהויבען און איז אריין אין הויז אום ניט אויסצוברעכען אין א געוויין.

איהר מוטער איז געזעסען לעבען קאַמין און געדרעמעלט, זייענדיג שוין געוועהנט צו דיעזע מעלאַנכאָלישע טעג און ניט פיהלענדיג דאָס מעהר. דער באַראָן און זשוליאָן זיינען געוועזען אויף א שפּאַציער אום דורכצורעדען זיך וועגען זייערע אַנגעלעגענהייטען. און דיא נאַכט איז אָנגעקומען, ווארפענדיג טרויעריגע שאָטענס איבער דעם אונגעהויער גרויסען זאַאַל, וועלכער איז געוועזען בעגאָסען מיט דעם שיין פון דעם פּלאַקערנדען פייער פון קאַמין.

דער באַראָן איז באַלד ערשיענען. נאָך איהם זשוליאָן. ווען ער איז אריין אין דעם דונקעל־געוואָרענם צימער האָט ער א קלונג געטהאָן:

— שנעלער, שנעלער, צינדט אָן ליכט! דאָ איז אַזוי דונקעל,

און ער האָט זיך אוועקגעזעצט בעפאָר דעם קאַמין. זיינע אָנגעווייקטע שטיוועל אין בלאָטע האָבען ארויסגעלאָזען א פּאַרע, געטריקענט פון דעם ברענענדען פייער אין קאַמין. ער האָט פרעהליך געריבען זיינע הענד:

— איך גלויב — האָט ער געזאָגט — אז מיר וועלען האָבען א פראָסט. דער הימעל איז בעלויכטען אין צפון־זייט, א פולע לבנה האָבען מיר און דער פראָסט וועט שארף בייסען היינטיגע נאַכט.

ער האָט זיך דאַן א קעהר געטהאָן צו זיין טאָכטער, זאָגענדיג:

— נו, טאָכטעריל, ביסטו צופריעדען וואָס דוא ביסט שוין ווידער אין דיין אייגען לאַנד, ביי זיך אין דער היים צוזאמען מיט דיינע עלטערען?

דיעזע איינפאַכע פראגע האָט זיא צוריהרט. זיא האָט זיך א וואַרף געטהאָן צום פאטער אין דיא ארעמס, איהרע אויגען זיינען געוואָרען פול מיט טרעהרען, און קוסענדיג איהם נערוועז האָט זיא אָנגעהויבען צו בעטען זיין פערצייהונג, ווארום וויא זיא האָט זיך ניט געוואָלט צוריקהאַלטען און ווייזען א פרעהליכע מינע, האָט זיא ניט געקענט; דיא מעלאַנכאָליע האָט זיא איבערוועלטיגט.

זיא האָט געטראַכט וועגען דער שמחה, וואָס זיא האָט ערווארט ווען זיא וועט צוריקקעהרען אַהיים צו איהרע עלטערען. זיא איז אַליין געוועזען פערוואונדערט איבער דער קאַלטקייט, וועל־

בע האָט פּאַראַליזירט איהרע צערטליכע געפיהלען. זיא האָט געפיהלט אַזוי וויא איינער, וועלכער האָט פיעל געטראַכט אין דער פרעמדר וועגען דיא וואָס זיינען איהם טהייער, און וועלכער פיהלט, טרעפענדיג זיי ווידער, א מין אָבשוואַכונג אין זיין צובונד צו זיי, ביז וואַנען ער וועט זיך צוריק איינלעבען מיט זיי וויא א מאָל.

לאַנג האָט געדויערט דערנאָך דער מאָהלצייט; ביי’ם טיש איז אָנגעגאַנגען א געשפּרעך, זשוליאַן האָט עפּעס אַזוי וויא אין גאַנצען פערגעסען אויף זיין פרוי, ווען זיי זיינען אַוועק פון טיש. זשאַנע איז צוגעגאַנגען צום קאַמין און האָט עטוואָס איינגעדרעמעלט זיצענדיג געגען פייער. זיא האָט זיך אין א ווײַלע ארום אויפגעכאַפּט פון צוויי שטימען, וועלכע האָבען געהאַלטען אין דיסקוטירען. דער באַראָן איז צוגעגאַנגען צו איהר נעהענטער:

— אָי, דער פייער ברענט גוט — האָט ער געזאָגט — עס איז גאַנץ קאַלט דרויסען, קינדערלעך.

ער האָט דאַן ארויפגעלייגט זיין האַנד אויף זיין טאָכטער’ס אַקסעל און ווייזענדיג אויפ’ן פייער האָט ער א זאָג געטהאָן:

— דוא זעהסט, טאָכטעריל, דאָס איז דיא בעסטע זאַך אין דער וועלט; דאָס היימיש האַרץ, דאָס האַרץ וואָס פיהלט, אַז זיינע אייגענע זיינען ארום איהם. ניטאָ קיין גלייכען אין דער וועלט צו דיזען פערגניגען, אָבער עס איז שוין צייט צו שלאָפען. איהר מוזט זיין זעהר מיעד, קינדערלעך.

ווען זשאַנע איז ארויף אין איהר צימער איז איהר ארויפגעקומען אויפ’ן זינען דער געדאַנק: וואָס פאַר אַן אונטערשיעד עס איז אין דיא צוויי מאָל, וואָס זיא איז אָנגעקומען אַהיים צוריק. פאַר וואָס פיהלט זיא עפּעס איצט אַזוי וויא זיא וואָלט געוועזען צושלאָגען, צובראָכען? פאַר וואָס זאָל דאָסזעלבע הויז, דערזעלבער טהייערער פּלאַץ צו לאַנד, אַלעס וואָס עס האָט אַזוי באַוועגט איהר האַרץ ביז איצט, זיין פאַר איהר איצט אַזאַ טרויער־פּלאַץ?

איהר בליק איז געפאַלען אויפ’ן זייגער; דער קליינער ביהן פון דעם פּאָמפּעדיטעל, וועלכער האָט זיך געוויגט הין און צוריק פון לינקס צו רעכטס און פון רעכטס צו לינקס, איז געווען דערזעלבער וואָס א מאָל. און דאָס האָט אין איהר פּלוצלונג ערוועקט א וויכקייט, א צערטליכקייט, צונומען ביז טרעהרען פון דיזער קליינער מאַשין, וועלכע האָט אויסגעזעהען אַזוי וויא לעבעדיג און האָט צו איהר אויסגעזונגען דיא שטונדע און האָט געקלאַפּט אַזוי וויא עס וואָלט געווען א האַרץ. זיא איז ניט געווען אַזוי גערירט ווען זיא האָט געקוסט איהרע לייבליכע פאָטער און מוטער. וואָס פאַר א מערקווירדיגע זאַך א האַרץ איז! דאָס האַרץ האָט אין זיך אַזעלכע געהיימניסע, וועלכע מען קען ניט אויספאָרשען מיט’ן שכל.

דאָס איז געווען דיא ערשטע צייט זינט נאָך איהר חתונה וואָס זיא איז געווען אליין אין בעט; זשוליאַן האָט פערנומען אַן אנדער צימער אונטער דעם אויסרייד, אַז ער איז מיעד. עס איז שוין געווען אַזוי איינגעאָרדענט פון פריהער, אַז יעדערער זאָל האָבען זיינע בעזונדערע צימערען. לאַנג האָט זיא זיך געקליעבען איינצושלאָפען און אין געווען עפּעס אַזוי וויא איבערראַשט ניט פיהלענדיג אימיצען ביי דער זייט, זייענדיג שוין אָבגעוואָהנט פון צו שלאָפען אליין און פיהלענדיג בעאונרוהיגט פון דעם קאַלטען ווינד, וועלכער האָט געריסען דעם דאַך. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פריה האָט א שטראַם פון ליכט בעגאָסען איהר צופוסען פון בעט. דיא פענסטער־שויבען, בעדעקט מיט פראָסט זיינען געווען מיט רויטקייט בעשיינט

אזוי וויא דער גאנצער האריזאנט וואלט געוועזן אין פלאמען.

זשאנע האט ארויפגעווארפען אויף זיך א ראפער, איז צוגעלאפען און האט צועפענט דיא פענסטער. א פראסטיגער ווינד, שארף און געזונד, האט געקנייט איהר לייב מיט אזא קעלט, אז טרערען זיינען איהר אנגעלאפען אין דיא אויגען. אין מיטען פון דעם פורפור־הימעל איז ערשיענען א גרויסע זונן פון הינטער דיא בוימער, שיינענדיג און גלאנצענדיג אזוי וויא דער פנים פון א שיכור׳ען.

דיא ערד בעדעקט מיט ווייסען פראסט, הארט און טרוקען, האט געסקריפעט אונטער דיא טריט פון דיא דארפס־מענשען. איבער איין נאכט זיינען דיא צווייגען פון דיא פאפעל־בוימער לחלוטין נאקעט געווארען — קיין איין בלעטעל אויף זיי ניט געבליעבען. זשאנע האט זיך שנעל אנגעטהאן, איז ארויסגעגאנגען, און ניט האבענדיג אנדערעס וואס צו טהאן, איז זיא אוועק בעזוכען דיא לאנד־ארבייטער.

דיא מארטינס האבען הארציג בעגרעסט דיא ווירטהין פון שלאס, האבען זיא געקוסט אויף ביידע באקען, האבען זיא מכבד געוועזן מיט א גלאז ווארעמס און זיא איז אוועק בעזוכען אן אנדער הויז, וואו עס האט געוואהנט דיא פאמיליע קולארדס. דיא קולארדס האבען אויך אזוי וויא דיא מארטינס בעגעגנט זיא מיט אפענע ארעמס. פרוי קולארד האט א גלעט געטהאן איהרע אויערן און האט זיא געבעטען אויסטרינקען א גלעזעל שווארצען וויין. זיא האט אויסגעטרונקען און איז אוועק פון דארט אהיים פריהשטיק עסען.

דער טאג איז פערלאפען אזוי וויא דער פאריגער, נור אנשטאט נעכטיגער נאסקייט איז היינט געוועזן א פראסט, און דיא איבעריגע טעג פון וואך זיינען אריבער אזוי וויא דיא ערשטע; און אלע וואכען פון מאנאט זיינען אריבער אזוי וויא דיא ערשטע וואך. ביסלעכווייז אבער האט איהר בענקשאפט אנגעהויבען אבגעשוואכט צו ווערען. געוואהנהייט האט פערצויגען א שאלעכץ פון רעזיגנאציאן איבער איהר לעבען, אזוי וויא עס זעצט זיך אב א קאלכיגע פערהאטונג פון א קאלך־וואסער־קוואל אויף זאכען.

א מין מעלאנכאליע האט זיך איינגע׳גנב׳עט אין איהר הארצען, א טומאנע אונצופריעדענהייט מיט׳ן לעבען. וואס האט איהר הארץ באגעהרט? וואס איז איהר וואונש געוועזן? זיא האט דאס אליין ניט געוואוסט. זיא האט דוכט זיך קיין זאך אין דער וועלט ניט געוואונשען; קיין לוסט פאר פערגעניגען, קיין נייגונג הנאה צו האבען פון עפעס — וואס האט זיא דערפון? וואס פאר א בעפריעדיגונג קען מען האבען פון דיא אלע תענוגים? און פונקט אזוי וויא דיא אלטע פוטעלען אין זאאל זיינען אבגעבלאקירט געווארען פון צ יט, אזוי איז יעדע זאך אבגעבלאקירט געווארען אין איהרע אויגען, האט פערלארען דעם קאליר, האט איהר אויסגעוויזען אלט, בלייך, ניט אינטערעסאנט.

איהרע בעציהונגען צו זשוליאן האבען זיך אין גאנצען געענדערט. ער איז געווארען גאר אן אנדער מענש זינט זיי האבען זיך אומגעקעהרט פון זייער האכציטס רייזען, אזוי ווי אן אקטיאר וועלכער האט שוין אבגעשפיעלט זיין ראלע און ווערט דאס וואס ער איז אין געוועהנליכען לעבען. ער האט זיא כמעט גאר ניט בעמערקט, האט צו איהר וועניג גערעדט, יעדער סליאד פון ליעבע איז פלוצלונג פערשוואונדען, און זעלטען איז ער ביינאכט אריין אין איהר צימער.

ער איז געווארען פאלנער בעל הבית פון׳ם פארמעגען און פון הויז, האט געענדערט דיא קאנטראקטען מיט דיא איינוואהנער, האט נעהאט שטענדיג

סכסוכים מיט דיא פויערים, האט פער־
קירצט דיא הוצאה, און אנגעהמענדיג
דעם אויסזעהען פון א לאנד־בעזיצער,
האט ער פערלארען לחלוטין דעם עלע־
גאנטען חתן. ער האט קיין מאהל ניט
אויסגעטהאן דעם אלטען זאמעטענעם
יעגער־זשאקעט מיט דיא מעשענע קנעפ־
לעך, וועלכען ער האט געפונען צווישען
דיא אלטווארג, ניט קוקענדיג דערויף
וואס דער זשאקעט איז געווען פערשמאל־
צען און פארפלעקט. און אזוי וויא ער
דארף שוין מעהר ניט זוכען געפעלען צו
זיין, האט ער זיך אויפגעהערט צו ראַ־
זירען אזוי, אז זיין בעוואקסענער פנים
האט אויסגעזעהען שוין גאר אנדערש;
מיאוסער. נאך יעדער מאהלצייט האט
ער זיך ניט געשעהמט אויסטרינקען
עטליכע גלעזלעך שנאפס.

ווען זשאנע האט איהם פרובירט
מאכען עטליכע מאל פארווירפע, איי־
דעל, שטיל, געלאסען, האט ער געענט־
פערט גראב און קורץ:

— א, לאז מיך, הער אויף, הערסטו?

און זיא האט שוין מעהר ניט גע־
עפענט איהר מויל. זיא האט פערשוויע־
גען אלעס און האט אליין געוואונדערט
זיך וויא זיא ליידט דאס אויס. ער
איז געווארען איהר לחלוטין א פרעמ־
דער, א פרעמדער וועמעס הארץ און
נשמה איז פאר איהר אין גאנצען פער־
שלאסען און אפט פלעגט זיא טראכ־
טען, וויא קומט דאס, אז נאך דעם
וויא זיי האבען זיך באגעגענט, פאר־
ליעבט און חתונה געהאט מיט אזא גלי־
הענדע צערטליכקייט, זאלען זיי פלוצ־
לונג ווערען פרעמד איינער צום צוויי־
טען; אזוי וויא זיי וואלטען זיך גאר
קיין מאל ניט קענען, אזוי וויא זיי וואל־
טען גאר קיין מאל ניט געשלאפען זייט
ביי זייט.

און וויא קומט דאס, אז זיא ליי־
דעט, שוין גאר זעהר דערפון ניט, אז
זיא אליין איז גלייכגילטיג? איז אזוי
טאקע דאס לעבען? האבען זיי זיך ביי־
דע געגנארט? האט דיא צוקונפט פאר
איהר קיין זאך ניט מעהר? ווען זשור־
ליאן וואלט געבליעבען ווייטער אזוי
שעהן, אזוי אויסגעפוצט און רייצענד
וויא פריהער, וואלט זיא נאך אודאי
פיעל מעהר געליטען איידער איצט.

עס איז געווען בעשלאסען, אז איהר
פאטער און מוטער זאלען נאך ביי־
יאהר אבפאהרען, אריינציהען צוריק
אין זייער הויז אין רוען אויף עטליכע
מאנאטען, און דאס יונגע פאאר זאלען
פארברייננגען דעם ווינטער אין דעם „פאַ־
פעל־בוימער" שלאס, כדי זיי זאלען זיך
מעהר איינלעבען דא, וואו זיי וועלען
דארפען ,זייער גאנצען לעבען פאר־
בריינגען און דערצו פאסט פאר דיא
נור־וואס פערהייראטע צו מאכען וויזי־
טען צו דיא ארדליגע שכנים. מען
דארף נאך בעזוכען דיא בריזווילס, דיא
קאטעליערס, דיא פארווילס, וועמען
זשוליאן דארף פארשטעלען זיין יונג
ווייבעל.

זיי האבען דיעזע אריסטאקראטישע
פאמיליען נאך ביז איצט ניט געקענט
בעזוכען דערפאר, וואס דיא פאמיליען־
קארעטע מיט דעם נייעם הערב איז נאך
ניט פארטיג. זשוליאן וועט אונטער
קיינע אומשטענדען ניט ארויספאהרען
מיט א בעזוך, וואו דער נייער הערב
פון גראף און גרעפין דע־לאמאר איז
נאך ניט פארטיג. דער נייער הערב
דארף זיין א צוזאמענבינדונג פון דיא
דע־לאמארס מיט דיא פערטואי דע־
וואו'ס.

נור איין מענש איז געווען, וועל־
כער קען צייכענען הערלדישע הערבען.
זיין נאמען איז באטיל, און זייט יאה־
רען שוין וויא ער באשעפטיגט זיך מיט
ארומפאהרען פון שלאס צו שלאס, מאה־
לענדיג דיא הערבען פון דער נארמאנ־
דישער אריסטאקראטיע אויף זייערע
קארעטעס. מען האט דערצעהלט, אז

מיט איהם האָט עפּעס געטראָפען א מיאוסע געשיכטע, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. דער פאַקט אליין, אז ער האָט געהאַט עסקים מיט אריסטאָקראַטיע, איז שוין געווען גענוג אז מען זאָל ניט ערלויבען זיך הויך צו רעדען וועגען דעם.

אין איין דעצעמבער טאָג איז באַטאַיל אָנגעקומען אין דיא „פּאַפּעל־בוימער“ מיט זיין פאַרב־קעסטעל אויפ'ן פּלייצע. מען האָט איהם אויפגענומען אלס אן אדעליגען גאַסט. זיינע שטענדיגע שיכות'ן מיט אריסטאָקראַטיע און זיין קענטנים פון העראַלדעריי האָט איהם עפּעס פּעראַדעלט און דיא אריסטאָקראַטען האָבען גאַנץ גערן אפילו דערלאַנגט איהם דיא האַנד וויא ער וואָלט גאָר געווען זייער גלייכען.

אין דער צייט וואָס באַטאַיל האָט געגעסען זיין פריהשטיק איז דער באַראָן מיט זשוליאן'ען געווען בעשעפטיגט אויסצומאַכען פערשיעדענע צייכנונגען א וועלכע הערב זיי האָבען געוואָלט. און דיא באַראָנין, וועלכע האָט זיך אימער אינטערעסירט מיט אַזעלכע אריסטאָקראַטישע זאַכען, האָט געגעבען איהרע עצות. אפילו זשאַנע האָט זיך אויך אריינגעמישט.

נאָך'ן עסען האָט מען באַטאַיל'ען געפיהרט אין'ם שטאַהל פון דיא קאַרעטעם; מען האָט אַראָבגעצויגען דיא דעקע פון א קאַרעטע. באַטאַיל האָט דיא קאַרעטע בעקוקט, האָט מיט אן אנגעצויגענעם פּנים און טיעפען ערנסט ערקלעהרט זיין מיינונג וויא גרויס דער הערב זאָל פאַרנעהמען, און נאָך א ביסעל בעראַטהען זיך, האָט ער זיך גענומען פאַר דער ארבייט.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס דער וועטער איז געווען זעהר קאַלט, האָט דיא באַראָנין געלאָזט זיך ברייננגען א ביינ־ באַטאַיל טהוט זיין ארבייט. מען האָט קעל און האָט זיך געזעצט נאָכקוקען וויא איהר איינגעדעקט דיא פיס און זיא איז דאָרט געזעסען און געשמועסט מיט דעם הערב־מאַהלער; זיא האָט איהם אויסגעפרעגט וועגען אלעס, וועגען קינדער וואָס זיינען וואו געבאָרען געוואָרען אין א פריצישען הויף, ווער עס האָט אין דער לעצטער צייט תונה געהאַט, ווער געשטאָרבען. זשוליאן איז געזעסען נעבען זיין שוויגער, האָט גערויכערט זיין לולקע און האָט זיך צוגעהערט, נאָכקוקענדיג דערוויל וויא באַטאַיל ארבייט. דער אלטער דינער, סימאָן, איז אויך צוגעגאַנגען, האָט זיך צוגעקוקט און אויך א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. דאָס איז געווען א וויכטיגע אנגעלעגענהייט, מיט וועלכער אלע האָבען זיך אינטערעסירט.

דיא מאַהלעריי איז ניט געווען פאַרטיג ביז אויף מאָרגען א זייגער עלף; דאַן האָט מען ארויסגעפיהרט דיא קאַרעטע אום מען זאָל דרויסען קענען בעסערע אורטהיילען וועגען דער ארבייט. אלע האָבען זיך אַרומגעקליבען, בעקוקט און ארויסגעזאָגט דיא מיינונג, אז דיא ארבייט איז קינסטלעריש. באַטאַיל האָט בעקומען בעצאַהלט, בעגריסט מיט דער געלונגענער ארבייט און ער האָט גענומען זיין קעסטעל אויפ'ן פּלייצע און איז אוועק ווייטער. דער באַראָן, זיין פרוי, זשוליאן און זשאַנע, אלע האָבען איהם נאָכגעזאָגט שבחים: א פעהיגער מענש און וואָלט געקענט זיין פיעלייכט א גרויסער מאַהלער.

נייע ענדערונגען האָט זשוליאן איינגעפיהרט אין דיא „פּאַפּעל־בוימער“ אום צו ערשפּאָרען הוצאות: דער אלטער קוטשער איז געוואָרען א גערטנער; אנטרייבען דיא פערד קען זשוליאן אליין. דיא ספּעציעלע פערד פאַר שפּאַצירפאָהרען האָט ער פערקויפט; צו וואָס קאָרמענען זיי דיא גאַנצע צייט? און פאָהרען קען מען מיט אנדערע פערד, אַזוי אָבער וויא מען דאַרף דאָך אימי־

צען צו טהאָן דיא ארבייט אין שטאהל, האָט ער דיא ארבייט איבערגעגעבען דעם קליינעם פאסטוך מאריום'ען. וואָס אנבעלאנגט פערד האָט ער אריינגעשטעלט א נייעם פונקט אין דיא קאָנטראקטען פון זיינע ארענדארעס: דיא מארטינס מוזען איהם צושטעלען א פערד אין בעשטימטע טעג, ווען ער וועט פערלאנגען אזוי; דיא קוילארדס אויך אזוי, און דערפאר וועלען זיי ניט דארפען צושטעלען דיא עופות וויא עס איז פריהער געווען אין קאָנטראקט.

וואָס זאָלען דיא ארענדאטאָרס טהאָן? האָבען דיא מארטינס געשיקט אן אלטע ברוינע שקאפע און דיא קוילארדס האָבען געשיקט א קליינעם שיוועז פערדעל מיט לאנגע האָאָר. דיעזע קאָמישע פאָאָר פערד פלעגט איינשפאַנען דער קליינער פאסטוך מאריום, וועלכער פלעגט אָנטהאָן דעם אַלטען סימאנס קוטשער־קאָסטיום, וואָס עס האָט צוגעגעבען נאָך מעהר לעבערליכקייט.

* * *

זשוליאַן האָט גוט אויסגעזעהען; ער האָט זיך א ביסעל צוגעפוצט; אָבער זיין באָרד האָט איהם עפּעס צוגעגעבען א פּראָסטען פּנים, ניט קוקענדיג אויף זיין צופוצען זיך.

דיא באַראָנין איז אראָבגעקומען אָנגעלעהנט אויף דעם ארעם פון דעם באַראָן, וועלכער האָט געהאָלפען אוועקזעצען זיא און ארומלייגען זיא מיט קישעלעך. דאן איז זשאַנע ארויסגעקומען. זיא האָט א לאַך געטהאָן, דערזעהענדיג דיא פּאָאָר פערד און האָט געמאַכט א וויץ:

— דער שיוועך איז דאָך דעם געלען'ס אן אייניקעל.

ווען זיא האָט דערזעהען נאָך מאריוס'ען איז דעם הויכען הוט פון דעם אלטען סימאנס, זיינע ארבעל היינגען לייגער פון דיא הענד, זייענדיג אָנגעטהאָן אין סימאנס מאנטעל, דיא פּאָלעם פון וועלכען האָבען זיך געשלעפּט איבער דער ערד; ווען זיא האָט דערזעהען וויא ער הויבט נעביך יעדער פוס אזוי וויא ער וואָלט וועלען אריבערשפּרייזען א שטראָם, האָט זיא זיך אזוי קאנוואולסיוו צולאכט, אז זיא האָט זיך בשום אופן ניט געקענט צוריקהאַלטען.

דער באַראָן האָט א קוק געטהאָן אויף מאריום און דאָס בילד איז געווען צופיעל פאַר איהם און ער האָט אויך אויסגעבראָכען אין א געלעכטער.

— קוק נור אָן מאריום — האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי — זעה, איז ער ניט קאָמיש?

דיא באַראָנין האָט ארויסגערוקט דעם קאָפּ פון פענסטער און ווען זיא האָט דערזעהען מאריוס'ען, האָט איהר אָנגעכאַפּט אזא געלעכטער, אז דיא קאַרעטע האָט זיך אָנגעהויבען צו טרייסלען אויף דיא רעסאָרען. זשוליאַן, וועלכער האָט גערעכענט, אז אלעס זעהט אויס אין בעסטע אָרדנונג, איז געוואָרען בלייך פון צאָרען, ער האָט זיך א קעהר געטהאָן:

— וואָס טהוט זיך מיט אייך? איהר זייט אפּנים משגע, אזוי צו לאַכען!

זשאַנע האָט אָבער אזוי צולאַכט זיך, אז זיא האָט ניט געקענט אויפהערען, זי איז געזעסען אויף די טרעפּ און אזוי אויך דער באַראָן. און דיא באַראָנין זיצענדיג אין קארעטע און זיי האָבען זיך אַלע געהאַלטען ביי דיא זייטען. זשוליאַן האָט זיך ערשט געכאַפּט פון וואָס זיי לאַכען; און איצט האָט זיך פּלוצלינג מאריום אליין אויך צולאַכט אונטער זיין גרויסען הוט אייבער דיא אויערן, און דיא פּאָלעס פון זיין ראָק האָבען געפלאַטערט ווי א פּאָאָר פליגלען.

זשוליאַן איז געוועזן א צוקאָכטער. ער האָט אראָבגעלאָזען דעם אינגעל אזא

פּראַסק, אז דער הוט איז איהם אַראָב־
געפאַלען פון קאָפּ. ער האָט זיך דאַן א קעהר געטהאָן צו זיין שוועער און א זאָג געטהאָן מיט כעס:

מיר דאַכט זיך, אז איהר האָט אודאי ניט פון וואָס דאָ אַזוי צו לאַכען. ווען איהר וואָלט ניט פאַרשווענדעט אייער געלד וויא איהר האָט פערשווענדעט, וואָלטען מיר ניט געווען אין אַזא פער־ענגטער לאַגע. וועמעס שולד איז דאָס, וואָס איהר זייט באַנקראָט?

דאָס האָט פאַרגליווערט אַלעמען און דער געלעכטער האָט גלייך אויפגעהערט. זשאַנע האָט שיער אויסגעבראָכען אין א געוויין. זיא האָט זיך שטיל איצט פאַרנומען דעם פּלאַץ לעבען איהר מו־טער און דער באַראָן האָט זיך געזעצט אנטקעגען זיי אין ערשטוינטער און זעהר אַראָבגעפאַלען ביי זיך. זשוליאַן האָט פערנומען זיין פּלאַץ אויף דיא קאָזלעס און האָט געהייסען מאַריוסען אוועקזע־צען זיך לעבען איהם. דעם אינגעלס פּנים איז געווען בעגאָסען מיט טרעה־רען און זיין באַק איז אָנגעלאָפען פון דעם פּאַטש.

דיא דריי אין קאַרעטע האָבען גע־שוויגען און זיינען געווען טרויעריג. זיי האָבען גערעכענט בעסער צו שווייגען, וויסענדיג גאַנץ גוט, אז ביי יעדען פון זיי קומט אין דיא געדאַנקען פאַר דאָס־זעלביגע. און זיי וואָלטען ניט געקענט אָנהויבען צו ריידען וועגען עפּעס אין ניט בעריהרען דאָס, וואָס האָט זיי פּעראורזאַכט אַזוי פיעל שמערצען.

א טרויעריגע, ביטערע נסיעה איז דאָס געווען. דיא ניט גלייכע טריט פון דיא פּאָאַר ניט צוגעפּאַסטע פערד האָט געוואָרפען דיא קאַרעטע אין אַלע זייטען פון וועג, איבערשרעקענדיג דיא הינט וואָס זיינען געלאָפען און בייז גע־בילט אויף דער משונה'דיגער קאַרעטע.

ענדליך זיינען זיי צוגעקומען צו א ברייטען שליאַך, פון ביידע זייטען בעזעצט מיט טאַנען־בוימער; דיא קאַ־רעטע האָט זיך א זעץ געטהאָן אין א זייט, זייענדיג געוואָרפען אויף דעם אונגלייכען וועג. דאָס האָט דיא באַראָ־נין אַזאַ טרויסעל געטהאָן, אַז זיא האָט אויסגעשריען פון שרעק. נור אָט זיינען זיי מיט מזל צוגעפאָהרען צו א וויסען צוים. מאַריוס איז אַראָבגע־קראָכען צו עפענען דעם טויער. א גרוי־סע לאַנקע וואָס האָט געפיהרט צו א גרויסען, טרויעריגען בנין מיט פער־מאַכטע לאַדען, האָט זיך געוויזען פאַר דיא אויגען.

דיא טהיר האָט זיך געעפענט און אַן אַלטער דינער, א קאַליקער א האַלב־פּאַראַליזירטער איז אַראָבגעקומען מקבל פּנים זיין דיא בעזוכער. ער האָט אויפגענומען זייערע נעמען און האָט זיי פאַרבעטען אין א גרויסען צימער, האָט צועפענט דיא לאַדען און האָט זיי אַזוי איבערגעלאָזען. דיא לופט איז גע־ווען דאָ קאַלט און פייכט, דורכנעהמענ־דיג דורך און דורך דיא לונגען און קיה־לענדיג דאָס האַרץ.

שנעלע שריט אין דיא אויבערשטע צימערען האָבען בעוויזען עפּעס א צוטומלענעס, אַן איילענעס. אַנדערע טריט האָבען זיך דערהערט איבער דיא דילען אַלס אַן ענטפער אויף א רוף פון א גלעקעל; א פּנים וויא דער בעל־הבית און דיא בעל־הבית'טע האָבען גע־האַלטען אין אנציהען זיך מיט אימפּעט. דיא באַראָנין, וועלכע איז דורכגעקעל־טערט געוואָרען, האָט בעקומען א קאַ־טער און האָט אָנגעהויבען נאָכאַנאַנד צו ניסען און זשאַנע איז געזעסען לעבען דער מוטער א פּערטרוי'ערטע, א פאַר־צווייפעלטע. זשוליאַן איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, וועה־רענד דער באַראָן איז געשטאַנען מיט זיין פּלייצע צום קאַמין און זיינע ברע־מען זיינען געווען אָנגעוואָלקענט.

ענדליך האָט זיך דיא טהיר גע־

עפענט און דער גראף און גרעפין דע־בירזעוויל זיינען אריינגעקומען. זיי זיינען ביידע געווען קורץ געוויקסיג און מאגער; זיי האבען ביידע אויסגעזעהען אונבעקוועמליך אין זייערע צערעמאניעלע קליידער. דיא גרעפין איז געווען אנגעטהאן אין א געבלומטער זיידענע קלייד און א גרויסארטיגער צעפיק האט בעפוצט איהרע גלאנציגע לאקען. זיא האט גערעדט שנעל, מיט א דינע, קוויטשערדיגע שטימע. דער גראף איז געווען ענג איינגעשנורט אין א גרויסארטיגען פראק און צו יעדען פערנייגונג האט ער א בויג געטהאן זיינע קניע אויסזעהענדיג זעהר אנגעבלאזען ביי זיך, ער האט געגלאנצט פון קאפ ביז דיא פיס. עס וואלט געווען זעהר שווער צו טרעפען וויא אלט זיי זיינען; זיי האבען ביידע אויסגעזעהען אזוי וויא זאכען וואס מען האט בעהאלטען איינגעוויקעלט אויף עטליכע חדשים.

נאך דיא ערשטע בעגריסונגען זיינען אלע אנשוויגען געווארען; אבער נאך א ליינגערע ווילע האט זיך פארבונדען א געשפרעך. זיי האבען אלע אויסגעשפראכען געוועהנליך די האפענונג, אז מיט דעם בעזוך אליין וועט זייער ערשטע פריינדשאפט ניט ענדיגען זיך. ווארום עס איז דאך אזא פערגעניגען צו בעזוכען איינע דיא אנדערע, און בפרט, אז פערגעניגען און צייט־פערטרייב קען מען ניט האבען צו לאנד דעם גאנצען יאהר.

דיא קאלטע לופט האט זיי דורכגענומען און דיא באראנין האט ניט אויפגעהערט צו הוסטען און צו ניסען. דער באראן האט זיך ענדליך אויפגעהויבען, וויזענדיג, אז עס איז צייט שוין צו פעראבשיעדען זיך. אבער דיא דע־בריזעווילס האבען גאר ניט געוואלט הערען דערפון:

— אזוי גיך, אך, פערבריינגט נאך א ווילע.

נור זשאנע האט זיך שוין אויפגעשטעלט, ניט קוקענדיג דערויף וואס זשוליאן, וועלכער האט גערעכענט, אז מען מעג נאך זיצען א ווילע האט צו איהר געוואונקען, זיא זאל נאך זיצען.

דיא ווירטהין האט געוואלט א קלונג טהאן און הייסען, אז דיא קארעטע זאל צופאהרען. אבער דער גלעקעל איז געווען פערראסט און האט ניט געקלונגען.

אלע זיינען ווידער אנשוויגען געווארען, ניט געווען וועגען וואס צו ריידען, האט מען אנגעהויבען צו שמועסען וועגען וועטער. זשאנע האט זיך נאכגעפרעגט ביי דיא דע־בריזווילס וויא זיי פערברענגען זייער צייט. זיא האט געשוידערט פון קעלט ריידענדיג. דיא דע־בריזווילס האבען זיא אנגעקוקט פערוואונדערט. וואס הייסט? זיי האבען גענוג וואס צו טהאן; זיי האבען אפט געשריעבען צו זייערע טיטולירטע פערוואנדטע; א חוץ דעם האבען זיי צווישען זיך שטענדיג וועגען וואס צו ריידען אז זיי איז קיין מאהל ניט אומעטיג.

ענדליך איז דיא קארעטע שוין צוגעפאהרען צום טהיר, אבער מאריוס איז ערגעץ פערשוואונדען, ער האט מסתמא גערעכענט, אז ביז פארנאכט וועלען זיי דא אלע פערברייגגען, איז ער דערווייל אוועק דורכגעהען זיך. זשוליאן איז געווען אן אויפגעקאכטער. ער האט געגעבען דיא דיענער א בעפעהל, מען זאל איהם אונטערשיקען דערנאך. מען האט זיך אנגעהויבען צו פערנייגען, געזעגנען און זיי זיינען ענדליך אבגעפאהרען צוריק אהיים.

אזוי גיך וויא דיא טהירעל פון קארעטע האט זיך צוגעמאכט, האט זשאנע אנגעהויבען נאכצואהמען דיא דע־בריזוויל'ס. זיי זיינען אביסעל געקומען צו זיך נאך זשוליאנס גראבע בענעהמונגען און זיי האבען נאכגעמאכט וויא דער גראף דע־בירזוויל איז געשטאנען אנגעבלאזען, וויא דיא גרעפין האט זיך פערנייגט אין

געקוויטשעט מיט איהר דינע שטימעלע. זשאנע האט קונציג נאכגעמאכט אלע זייערע מאנירען. דער באראנין איז אביסעל ניט געפעלען געווארען וואס מען לאכט אזוי אב פון אלטע טיטולירטע אריסטאקראטען; זי האט זיך געפיהלט בארלעצט.

— איהר דארפט פון זיי ניט אבלאכען — האט זיא געזאגט — זיי זיינען וואוילע מענשען און בעלאנגען צו א גרויסארטיגער פאמיליע.

זשאנע און איהר פאטער האבען אויפגעהערט אום ניט אבצוועסען איהר דאס הארץ. אין א ווילע ארום האבען זיי זיך אבער ניט געקענט צוריקהאלטען און האבען ווידער אנגעהויבען און דיא בארנין האט שוין אויך צוגעשמייכעלט, ניט קוקענדיג דערויף וואס איהר איז ניט געפעלען געווארען זייער געלעכטער.

— הערט אויף. עס פאסט ניט אבצולאכען פון מענשען, וואס בעלאנגען צו אונזער אייגענעם אריסטאקראטישען געשלעכט.

פלוצלינג האט זיך די קארעטע אבגעשטעלט און זיי האבען געהערט וויא זשוליאן רופט אימיצען; זשאנע און דער באראן האבען ארויסגעקוקט פון פענסטער פון קארעטע און האבען דערזעהען; וויא פון הינטער דער קארעטע אויף'ן וועג, קייקעלט זיך עפעס נאך זיי. דאס איז געווען מאריוס, לויפענדיג אהן אן אטהעם צו דעריאגען דיא קארעטע. דיא פאלעס פון זיין לאנגען ראק האבען געפלאנטערט זיינע פיס און האבען איהם געהינדערט פון קענען לויפען שנעל. מיט איין האנד האט ער געהאלטען זיין גרויסע היטעל אויף'ן קאפ, וועלכע האט פארשטעלט זיין גאנצען פנים. זשוליאן האט איהם אנגעכאפט פאר'ן קאלנער און האט איהם א שלעפ געטאהן ארויפצו אויף דיא קאזלעס. אוועקווארפענדיג דיא לייצעס, האט ער זיך איצט גענומען שלאגען דעם אינגעל; קלעפ האבען גערעגענט אויף דעם ארעמען קאפ פון דעם אונגליקליכען און ער האט געשריען קולות און געזוכט אויסצודרעהען זיך פון דיא קולאקעס. אבער זשוליאן האט איהם געהאלטען מיט איין האנד און מיט דער אנדערער געשלאגען.

—פאטער, א פאטער ! — האט געזאגט זשאנע.

דיא בארנין איז געווען אויסער זיך. זיא האט זיך אנגעכאפט פאר'ן באראנס האנד און האט א זאג געטאהן.

—זשאק, פארוואס לאזט דו איהם?

דער באראן האט אראבגעלאזען די פראנט-שויב און האט א כאפ געטאהן זשוליאנס ארעם.

—הער אויף צו שלאגען דעם קינד!

—האט ער א געשריי געטאהן.

—גיט אבער א קוק, וויא ער האט פארבלאטיגט זיין גאנצען ראק — האט געענטפערט זשוליאן — דיא בריאה איז דאך פארשמוציגט פון קאפ ביז דיא פיס.

—דאס איז ניט אייער דאגה ; און דארפסט אבער ניט זיין אזוי ברוטאל.

—דאס איז א בעזונדער זאך. דוא לאזט מיך צורות — האט זשוליאן א זאג געטאהן מיט כעס און האט אויפגעהויבען זיין האנד ווידער צו שלאגען מאריוסען. אבער דער באראן האט איהם אנגעכאפט :

—אויב דוא וועסט איהם ניט אויפהערען שלאגען—האט דער באראן אויסגעשריען—וועל איך ארויס פון קארעטע און איך וועל זיך פאר דיר א נעהם טהון.

דאס האט געווירקט. זשוליאן האט דעם אינגעל אבגעלאזען, האט א קוועטש געטאהן מיט דיא פלייצעס און האט אנגעהויבען שמייסען די פערד. די צוויי פרויען זיינען געבליעבען וויא פארגליווערט. זיי האבען זיך ניט גערוהרט פון פלאטץ און האבען קיין ווארט ניט אויסגערעדט.

אבענדס צום עסען איז זשוליאן דוי-

זעו מאהל געווען אזוי גוט און אזוי העפ־
ליך. אזוי וויא עס וואלט גאר קיין זאך
ניט פאסירט. און זיי, די גוטהארציגע
מענשען זיינען אזוי גערן געווען וואס
ער איז ניט בייז, ניט ברוגז, אז זיי האָ־
בען זיך פערהאלטען צו איהם מיט דער
געוועהנליכער ליעבשאפט. זשאנע האט
זיך ווידער צורעדט וועגען דיא דע־
בריזעווילס און זשוליאן אליין האט שוין
איצט אויך מיטגעלאכט און געוויצעלט
זיך. ער האט אבער א זאג געטאהן אין
מיטען:

— פון דעסטוועגען זיינען זיי זעהר
ויילע מענשען.

מעהר זיינען זיי ניט אויסגעפאהרען
פאר קיין בעזוך, מורא האבענדיג אז
כ'זאל ווייטער ניט פארקומען אזא גע־
שיכטע ווי מיט מאריוסען. אנשטאט
דעם האבען זיי בעשלאסען יוצא צו זיין
מיט צושיקען ניי־יאהר קארטעס און
אבלעגען דיא וויזיטען ביז פריהלינג.
אויף ווייה־נאכטען האבען זיי געשיקט
אן איינלאדונג צו דעם דארפס־גלח און
דעם בירגער־מייסטער מיט זיין פרוי.
אויף ניי־יאהר האבען זיי ווידער דיע־
זעלביגע איינגעלאדען. נאך ניי־יאהר
האט זיך אנגעהויבען ווייטער דערזעל־
בער מאנאטאנער לעבען טאג נאך טאג.

דעם נייענטען יאנואר האט דער
באראן מיט דער באראנין געדארפט אב־
פאהרען. זשאנע האט זיך געבעטען ביי
זיי, אז זיי זאלען נאך פערבלייבען מיט
איהר, אבער זיי האבען מעהר ניט גע־
קענט פארטראגען זשוליאן'ס קאלטקייט
און זיי האבען בעשלאסען אוועקצופאה־
רען. עס איז געקומען דער אבענד פאר
זייער אוועקפאהר; א פרעכטיגער אבענד
איז דאס געווען. זשאנע מיט'ן פאטער
זיינען אוועק בעזוכען איפארט. זיי זיי־
נען ניט געווען אין שטעדטעל, זינט זי
איז געקימען צוריק פון קארסיקא. זיי
איז אויסגעקומען דורכצוגעהן דעמזעל־
בען וועלדעל, אין וועלכען זיא האט
שפאציערט מיט זשוליאן'ען, אויף מאר־
גען נאך זייער חתונה. דאס איז געווען
דארט, וואו ער האט זיא דעם ערשטען
מאהל אומארעמט. דארט האט זי זיך
דאס אזוי צוגעטוליעט צו זיין ארעם
און איהר נשמה האט זיך צוגעבונדען
צו זיינער, וועמעס לעבענס־שותפ'טע זי
איז געווארען אויפ'ן גאנצען לעבען.
אויף דעמזעלבען וועג איז זיא געגאנגען,
ווען זיא האט אנגעהויבען צו שוידערן
פון דער אהנונג פון ליעבע, וועגען וועל־
כע זיא האט קיין ידיעה ניט געהאט ביז
וואנען זייערע ליפען האבען זיך בעגע־
גענט לעבען דעם קוואל אין דעם טהאל
פון אטא אין קארסיקא. דיא בוימער
זיינען איצט געווען נאקעט און עלענד.
דיא קוסטעס זיינען געווען אהן בלעטער.
אלעס איז געווען איינגעשמידט אין
פראסט, וועלכער האט געהערשט אר־
מעטום.

זיי זיינען געקומען אין שטעדטיל.
די גאסען זיינען געווען שטיל און פוסט.
לעבען דיא טיהרען פון דיא הייזלעך זיי־
נען געווען אויסגעצויגען פיש־נעצען צום
טריקענען, און דער ריח פון ים־גראז
האט געריסען די נאזלעכער. דאס שטענ־
דיגע ברויזען פון ים האט זיך געהערט
פון דער ווייטענס. אויפ'ן ברעג זיינען
געלעגען איבערגעקעהרטע פישער־שיפ־
לעך און זיי האבען אויסגעזעהען וויא
גרויסע טויטע פישען. עס איז שוין גע־
ווארען דונקעל און דיא פישער זיינען
געקומען צום ברעג גרופענ־ווייז, טרע־
טענדיג שווער, אבגעלאזען, אין זייערע
שטיפעל און גראבע קליידער, א פלאש
שנאפס אין איין האנד און א לאנטערנע
אין דער אנדער האנד.

זשאנע און איהר פאטער האבען נאכ־
געקוקט וויא זיי שלעפען צו די שיפ־
לעך צום וואסער, וויא זיי מאכען זיך
פארטיג אוועקצושיפען זיך אין ים. זיי
האבען זיך בעוועגט מיט יענער נארמא־
נישער לאנגזאמקייט, וועלכע איז אזוי

באראקטעריסטיש פאר דיזער ראסע ארײנשלעפענדיג אין שיפעל די נעץ, בעהאלטענדיג דארט א גרויסען לאבען ברויט, אן אײנגעוויקעלטען פעקעל פו־טער, א גלאז און א פלאש. ווען אלעס איז געווען פארטיג, האבען זיי דיא שיפלעך אבגעשטופט פון ברעג און סקריפענדיג איבער די שטײנדלעך האַ־בען זיך אראבגערוקט דיא שיפלעך און דערנאך אוועקגעגליטשט זיך גלאט אויפ'ן וואסער און וואס וויטער האבען זיי זיך אלץ מעהר געוויגט פון די כוואַ־ליעס ביז זיי זײנען אײנס נאך אײנס פערשוואונדען פון אויג אין וויטען ים.

דיא ווייבער פון דיא פישער, אין דינע קלײדלעך, זײנען געשטאנען און געקוקט וויא זייערע מענער ציהען אוועק אין וויטען וואסער־וועג און ווען דעם לעצטען שיפעל האט מען שוין מעהר ניט געזעהען, האבען זיי זיך שטיל אומגעקעהרט אהיים, שמועסענדיג אין דער הויך צווישען זיך. דער באראן מיט זשאנען זײנען געשטאנען אויך ביז וואנען אלע פישער זײנען פערשוואונדען אין דער ווייטקייט און זשאנע האט גע־טראכט וועגען דעם שיקזאל פון דיזע ארעמע הארעפאסניקעס, וועלכע הא־בען אײנגעשטעלט זייערע לעבענס אין סכנה, יעדע נאכט, פאהרענדיג אויף א פיש־פאנג אלץ בלויז אום צו האבען פון וואנען צו לעבען. וויא ארעם זיי זײנען אז א שטיקעל פלייש איז פאר זיי א זעלטענער מאכל.

—וויא שעהן און דאך וויא שרעק־ליך איז דער ים! — האט זיך אבגערו־פען דער באראן — איז עס ניט א פראכט, זשאנעלע?

—יא—האט זיא געענטפערט מיט א טרויעריגען שמייכעל—אבער מיר גע־פעלט בעסער דער מיטלענדישער מעער.

—דער מיטלענדישער? — האט איהר אנגעקוקט דער באראן — פששא. אז עמער וואסער; אזוי שטיל וויא א טייכעל. קוק אבער אן דעם ים!

— דיינק נור וועגען די מענשען, וועל־כע זײנען פערשוואונדען, שטעלענדיג זייער לעבען אין ים'ם געפאהר — האט דער גראף פארטגעזעצט, — זעה דיא כוואליעס אזוי וויא בערג, ווי פחדים'דיג שעהן זיי זײנען!

— דאס איז אמת! — האט זיא געענטפערט, אבער איהרע געדאנקען זײנען גאר איצט געווען אנדערשוואו, וויט אין יענע מרחקים וואו איהרע הלומות פון ליעבע זײנען בעגראבען גע־ווארען.

שטיל זײנען זיי געקומען אהיים צוריק. קײנער פון זיי האט ניט גע־רעדט. זייערע הערצער זײנען געווען בעלאדען מיט דעם טרויער פון באלדי־גען צושיידען זיך.

— דאס לעבען איז ניט דורכאויס זונען־שיין — האט זיא זיך אבגע־זיפצט.

— דאס קען מען ניט אבהעלפען, מיין טהייערסטע — האט דער באראן געענטפערט מיט א זיפץ.

אויף מארגען האט דער באראן מיט זיין פרוי פערלאזען דעם „פאפעל־בוי־מער" שלאס און זשאנע מיט איהר מאן זײנען פארבליעבען פאר זיך אליין.

זשאנעס ענטדעקונג

אלס א צייט פארטרייב האט זשוליאן איינגעפיהרט צו שפילען מיט איהר אין קארטען. יעדען אין־דער־פריה נאך פריהשטיק פלעגען זיי שפיעלען און טרינקען עטליכע גלעזלעך קאניאק. נאך דעם פלעגט זשאנע ארויף צו זיך אין צימער, פלעגט זיך אוועקזעצען לעבען פענסטער, פלעגט טהאן וועלכע ניט איז האנדארבייט, אויסנעהען, און אין דער צייט וואס דער ווינד און דער רעגען האבען געשמיסען אין פענסטער, פלעגט זיא טרוימען און טרוימען. און אין דער ווירקליכקייט האט זיא ניט געהאט וואס אנדערס צו טהאן. זשוליאן האט שוין אלעס בעזארגט אום צו בעפריעדיגען זיין פערלאנג צו זיין פאלנער בעל־הבית און אלעס זאל צוגעהען עקאנאמיש. ער איז געוועזען אזוי קארג, אז אפילו אין עסען האט ער געזעהען צו שפארען וואס מעהר. דער בעקער פלעגט בריינגען א קליינע נארמענישע געבעקס יעדען אין־דער־פריה פאר זשאנען צו פריהשטיק. זשוליאן האט איינגעפונען, אז דאס איז אומזיסטע הוצאה און זשאנע האט געמוזט עסען דעם געוועהנליכען ברויט צו פריהשטיק. זיא האט גארנישט געזאגט אום אויסצומיידען ערקלעהרונגען און האמפעריי, אבער געליטען האט זיא דערפון יסורים. איהר מאן'ס קמצנות האט זיך איהר אויסגעוויזען אלס א בייזער צו'להכעיס געגען איהר — א זאך, וואס זיא האט ניט געקענט אריבערטראגען. זיא איז געוועזען אנדערש אויסגעהאדעוועט. איהר מוטער פלעגט תמיד זאגען: „געלד דארף קיין מניעה ניט זיין."

זשוליאן איז אבער געוועזען אקוראט דער היפוך; ער איז קיין מאל ניט געוועזען אזוי גליקליך, וויא ווען איהם פלעגט זיך איינגעבען אבצושפארען נאך עטליכע גראשען, האנדלען עפעס א מציאה. ער פלעגט אפט זאגען איהר:

— וועסטו ווען עס איז אויסלעהרנען דעם ווערטה פון געלד?

מאנכע טעג פלעגט זיך זשאנע פארחלום'ען וויא אין דיא אמאליגע לאנג פערגאנגענע טעג. זיא פלעגט אוועקלייגען דיא ארבייט און איהרע בליקען פלעגען אוועקוואנדערען ווייט ערגעץ; אבער באלד פלעגט זיא דערהערען זשוליאן'ס קול, וויא ער קאמאנדעוועט מיט דעם אלטען סימאן אדער מיט אן אנדערן פון דער דינערשאפט און זיא פלעגט באלד קומען צו זיך, פלעגט ווידער א נעהם טהאן דיא האנדארבייט און א טרעהר פלעגט אפט אראבטריפען אויף איהר האנד: מיין גאט, אלעס, אלעס פערביי.

ראזאליע, וועלכע איז אלע מאל געוועזען פרעהליך און לייכטזיניג, האט זיך שרעקליך געענדערט. איהרע באקען, וועלכע זיינען געוועזען אזוי רונד, אזוי רויט־בליהענד, זיינען געווארען בלייך און איינגעפאלען.

— ביסטו קראנק? — פלעגט זשאנע איהר אפט א פרעג טהאן.

אבער זיא פלעגט דערויף שטענדיג ענטפערען:

— ניין מאדאם.

און זיא פלעגט אוועקלויפען, רויטווערענדיג.

ענדע יאנואר איז אנגעקומען און דאס אלטע הויז האט אויסגעזעהען פערלאזען, איינגעהילט אין א מאנטעל פון שנעע. זשוליאן פלעגט פארבריינגען זיין צייט אפט אין קליין וועלדעל הינטערן הויז, נאכקוקענדיג דיא לעצטע אוועקוואנדערנדע פויגלען. מאנכע מאל פלעגט א שאס אבהילכען פון וועלדעל אין דער שטילקייט פון ווינטער און א גאנצע מחנה ווראנעס פלעגט אוועקפליהען קראקענדיג מיט שרעק.

איין אין דער־פריה ווען זשאנע איז געזעסען אין איהר צימער און געוואר־רעמט איהרע פיס ביים פייער פון קא־מין איז ראזאליע אריינגעקומען פאר־בעטען דיא בעט. פלוצלונג האט זשא־נע דערהערט וויא א טיעפער זיפץ רייסט זיך ארויס פון דער מיידעלס ברוסט. ניט א קעהר טהאענדיג אפילו דעם קאפ צו איהר האט זיא א פרעג געטהאן:

— וואס איז? וואס פעהלט דיר?

— קיין זאך ניט, מאדאם — האט ראזאליע ווידער געענטפערט וויא איהר שטייגער איז. איהר קול איז געווען אזוי שוואך און עפעס אזוי ווייט, אז זשאנע האט זיך ווידער פערטראכט וועגען וואס אנדערעס און האט וועגען דעם מעהר ניט געדיינקט. אבער ענדליך האט זיא באמערקט, אז דיא מיידעל איז עפעס צו שטיל.

— ראזאליע! — האט זיא א רוף געטהאן.

דיינקענדיג, אז ראזאליע איז ארויסגעגאנגען, האט זיא ווידער ניט א קעהר טהאענדיג דעם קאפ א רוף גע־טהאן:

— ראזאליע!

זיא האט שוין געוואלט אויפהויבען זיך און געהען א קלונג טהאן אום א רוף צו טהאן זיא, ערשט זיא האט דערהערט א מורא'דיגען קרעכצען און זיא האט דערזעהען ראזאליען ליגענדיג אויף דער ערד, קוקענדיג אויף איהר ווירטהין מיט שרעקליכע פיינפולע בלי־קען און פערשטיקט מיט איהרע פאר־שצעמטע צייהנער איהרע שמערצענס־געשרייען:

— ראזאליע, וואס טהוט דיר וועה? זאג מיר! — האט מיטליידיג איהר גענומען פרעגען זשאנע.

אבער ראזאליע האט ניט געענט־פערט.

זשאנע האט איצט דערהערט זאנדערבארע געשרייען און האט דער־זעהען וויא עפעס צאפעלט זיך אונטער דעם מיידעלס קלייד. דאן האט זיא דערהערט א לאנגען, וויינענדיגען אויס־געשריי; דער ערשטער געשריי פון שמערץ פון א באשעפעניס, וואס טרעט ערשט אריין אין לעבען. זשאנע האט ענדליך פערשטאנען. זיא האט גענר־מען לויפען אראב דיא טרעפ און רו־פען:

— זשוליאן! זשוליאן!

— וואס איז דארטען? וואס ווילסטו! — האט ער געענטפערט פון אונטען.

— דאס איז ראזאליע דארט . . .

זיא האט ניט געוואוסט וויא ווייטער צו זאגען.

זשוליאן איז ארויפגעלאפען דיא טרעפ, צו צוויי אויף א מאל און איז אריינגעלאפען אין צימער. ווען ער האט דערזעהען דאס קליינע עופה'לע, וויא עס צאפעלט זיך און שרייט אויף דער ערד נעבען ראזאליע, איז זיין פנים איינגעפאלען?

— דאס האט מיט דיר ניט צו־טהאן — האט ער א זאג געטהאן ארויס־שטופענדיג זשאנען פון צימער — שיק מיר אהער דיא קעכין לודוויק און דעם אלטען סימאן.

זשאנע איז אראב אין קיך; זיא האט געציטערט מיט אלע גליעדער, פאר־טיג צו פאלען אין א אהנמאכט. און זיא האט מעהר ניט געוואגט אריינצו־געהען צוריק אין צימער. זיא האט געזעהען וויא דיא דינער לויפען אהין און צוריק, זיי האבען געבראכט דיא אלמנה דענטוי, דיא הייבאם פון דארף; דאן האט זיא געהערט אלץ שנעלע טריט ארויף דיא טרעפ און אראב דיא טרעפ, אזוי וויא זיי וואלטען עפעס אראב־טראגען, און ענדליך איז זשוליאן אראבגעקומען און געזאגט איהר, אז זיא קען אריין צוריק אין איהר צי־מער.

זיא איז אריין אין זיין צימער און אין דעם בלייכען שיין פון דער ליכט האט זיא דערזעהן:
ראזאליע ליעגענדיג אויף זיין בעט, זייט ביי ז ייט מיט איהם

זיא איז ארויף און האָט זיך צו־ריק אוועקגעזעצט ביים פייער און האָט געשווידערט פון קאָפּ ביז דיא פיס אזוי וויא זיא וואָלט געזעהען עפּעס א שרעק־ליכען אונגליק. וואָס האָט נור וואָס פּאַסירט.

— וואָס מאַכט זיא ? — האָט זיא א פרעג געטהאָן איהר מאַן.

זשוליאַן האָט אויסגעזעהען צוטראָ־גען און נערוועז. האָט ארומשפּאַצירט פון וואנד צו וואנד הין און צוריק מיט א פאַרכמאַרעטען פּנים. ער האָט ניט געענטפערט באלד, אָבער פּלוצלונג האָט ער זיך א שטעל געטהאָן לעבען איהר און האָט א פרעג געטהאָן :

— וואָס רעכענסטו צו טהאָן מיט'ן מיידעל ?

זשאַנע האָט ניט פערשטאַנען וואָס ער מיינט.

— איך פארשטעה ניט. וואָס מיינסטו ?

— וואָס הייסט וואָס איך מיין. מיר וועלען דאָך ניט האַלטען אַן אונגעזעצ־ליך געבאָרענעם קינד ביי אונז אין הויז.

זשאַנעס האַרץ איז געווען גע־ריהרט.

— אָבער, מיין טהייערער, מיר קע־נען דאָך איהם אוועקגעבען ערגעץ אויפ־האָדעווען.

זשוליאַן איז געוואָרען בייז און האָט א געשריי געטהאָן :

— וואָס ? און ווער וועט פאר'ן קינד צאָהלען ? דו אפשר ?

זשאַנע האָט זיך פערטראַכט וויא צו לייזען דיא פראגע און ענדליך איז ביי איהר אויסגעקומען :

— דער פּאַטער וועט בעצאָהלען, און ער וועט דאָך חתונה האָבען מיט ראָזאַ־ליען. דאַן וועט דאָך אלץ זיין וויא עס דאַרף צו זיין.

זשוליאַן האָט זיך א קאָך געטהאָן :

— דער פּאַטער ! . . . דער פּאַ־טער ! — האָט ער געשריען — ווייסטו דען ווער דער פּאַטער איז ? ניין ? דו ווייסט ניט ! נו . . . נו ! . . .

— אָבער ער וועט דאָך ניט זיין אזוי האַרצלאָז אוועקצוואַרפען זיא — האָט זשאַנע געזאָגט נאַאיוו און פער־דרוסליך — ער וועט דאָך ניט זיין אזא פּייגלינג ! קענען מיר דען ניט אויס־געפינען ווער ער איז. מיר וועלען ארי־בערגעהן צו איהם, ריידען מיט איהם און צווינגען איהם, זאָל ער ערקלעהרען.

זשוליאַן האָט זיך אָבגעקיהלט און האָט אָנגעהויבען ווידער צו געהען הין און צוריק איבער'ן צימער, אָבער שוין רוהיגער.

— מיין טהייערסטע, דו מאַכסט א טעות. זיא וועט ניט אויסזאָגען ווער ער איז. זיא וועט ניט מיר און ניט דיר ניט זאָגען זיין נאָמען. און וויא איז, למשל, אז ער וועט ניט וועלען מיט איהר חתונה האָבען. מיר קענען דאָך ניט האַלטען זיא ביי אונז מיט אַן אונ־געזעצליכען קינד. קענסטו דאָס ניט פארשטעהען.

— אזא מענש איז א געמיינער פּייגלינג, ווער עס זאָל דאָס ניט זיין — האָט זיא עקשנות'דיג א זאָג געטהאָן.

— און וואָס הייסט מיר קענען ניט אויסגעפינען ווער ער איז און אויף אזא דאַרף מען קיין רחמנות ניט האָבען.

זשוליאַן איז רויט געוואָרען און האָט נערוועז א זאָג געטהאָן.

— יא . . . יא . . . אָבער דערווייל ביז וואַנען וואָס.

זשאַנע האָט ניט געוואוסט וואָס זיא זאָל איהם ענטפערען אָדער וואָס צו טהאָן.

— נו, זאָג דו וואָס טהוט מען ?

— האָט זיא א פרעג געטהאָן.

— א, ווען דו וואָלסט מיך גע־פאָלגט וואָלט איך איהר געגעבען עפּעס געלד און ביידען ארויסגעוואָרפען.

זשאַנע איז עמפּערט געוואָרען.

— קיין מאָהל ניט. זיא איז דאָך וויא מיינע א שוועסטער, מיר האָבען זיך אין איינעם אויפגעהאָדעוועט און איך ליעב זיא. אמת, זיא האָט זיך פערזינדיגט. אָבער ארויסוואַרפען דערפאַר וועל איך זיא דאָך ניט. ווען נויטיג, וועל איך האָדעוועז איהר קינד.

— זעהר שעהן. א שעהנעם נאָמען וועלען מיר בעקומען! — האָט זיך צושריען איהר מאַן — לייט זאָלען נאָך זאָגען, אַז ביי אונז איז אַן אַכסניא פון זינד און פון פערברעכען. קיינער וועט מיט אונז קיין מגע ומשא ניט וועלען האָבען. ביסטו משוגע צו חסר דעה?

— איך וועל אָבער קיין מאָל ניט צולאָזען, אז זיא זאָל זיין ארויסגעוואָרפען. אויב דוא ווילסט זיא דאָ ניט האַלטען, וועל איך בעטען די מאַמען, וועט זיא איהר נעהמען צו זיך. און פריהער אָדער שפעטער וועלען מיר דאָך אויסגעפינען ווער דער פאָטער פון איהר קינד איז.

זשוליאַן'ס גרימצאָרן האָט געשטיגען.

— וואָס איז דאָ צו ריידען מיט ווייבער: זיי זיינען דומקעפ, אָט וואָס!

און ער האָט א קלאַפ געטהאָן פון כעס מיט'ן טהיר ארויסלויפענדיג.

נאָכמיטאָג איז זשאַנע אריין געוואָהר וועדען ראָזאַליען. די הייב־אַם דענטו האָט געוויגט דאָס נייגעבאָרענע קינד. די בלייכע ראָזאַליע האָט זיך צואווינט. זשאַנע האָט געוואָלט א קוש טהאָן דאָס קינד, האָט זיך אָבער צוריק געהאַלטען. אָבער די אַלמנה דענטו האָט איצט אויפגעדעקט דעם קינד'ס פנים'ל און זשאַנע האָט זיך אַנגעבויגען און איהם אָנגעקוסט. ראָזאַליע האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען.

א שוואַכער פייער האָט געברענט אין צימער און עס איז דאָרט געווען גאַנץ קאַלט. דאָס עופה'לע האָט שטאָרק געשריען. זשאַנע האָט אָנגענומען ראָזאַליעס שוואַכע האַנד און האָט איינינע מאָל ווידערהאָלט מיט רחמנות.

—בערוהיג זיך, טהייערסטע, אַלעס וועט זיין איינגעאָרדענט.

די אָרעמע מוטער האָט א בליק געטהאָן אויף איהר קינד אין דער הייב־אַם'ס הענד. אין דעם אונרוהיגען בליק איז געוועז אויסגעדריקט א שטראָם פון ליעבע און זיא האָט געשטיקט אין זיך איהרע שלוכצען.

— האָב קיין מורא ניט, מיין לעבען — האָט איהר געטרויסט אַלץ זשאַנע. — מיר וועלען אויף איהם גוט אַכטונג געבען.

און ווען ראָזאַליע האָט זיך ווידער צואווינט אויפ'ן קול איז זשאַנע שנעל ארויס פון צימער. פון דאַן אָן פלעגט זיא ראָזאַליען בעזוכען יעדען טאָג און יעדען מאָל וויא זיא פלעגט אריין פלעגט זיך ראָזאַליע צושלוכציען. ענדליך איז בעשלאָסען געוואָרען דאָס קינד איבערגעבען אין דאָרף צו א פאַמיליע, דאָרט צו האָדעווען זיך.

זשוליאַן האָט געפראָוועט ברוגז מיט זיין ווייב, אַזוי וויא זיא וואָלט איהם אָנגעטהאָן א גרויסע קריוודע, פאַר וואָס זיא האָט ניט ארויסגעוואָרפען פון הויז ראָזאַליען. אין א פאָאַר וואָכען ארום האָט ער איין טאָג אָנגעהויבען ווידער מיט איהר צו ריידען, און טאַקע וועגען דעמזעלבען ענין. זיא האָט אָבער אַלס ענטפער ארויסגענומען א בריעף, וועלכען זיא האָט ערהאַלטען פון איהר מוטער, וועלכע בעט, אַז זיא זאָל איהר צושיקען ראָזאַליען טאַקע באַלד, אויב זיי ווילען איהר ניט האַלטען אין „פאַפעל־בוימער".

— דיין מאַמע איז אַזוי גוט וויא דוא — האָט ער מיט כעס א געשריי געטהאָן, און האָט מעהר וועגען דעם ניט גערעדט.

ראזאליע איז שוין פעהיג געווען ווידער צו ארבייטען און איין טאג האט זשאנע איהר אוועקגעזעצט לעבען זיך, האט אנגענומען איהרע ביידע הענד אין קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען, האט זיא געבעטען:

— קום, ראזאליע, דערצעהל מיר; זאג מיר אלעס.

— וואס, מאדאם?

— ווער איז דער פאטער פון'ם קינד?

טרעהרען האבען זיך געגאסען פון'ם מיידעל'ס אויגען און זיא האט זיך גע־וואלט אויסדרעהען. אבער זשאנע האט זיא באדעקט מיט קושען, זאגענ־דיג:

— האב ניט מורא, טהייערינקע, מיר אללעס דערצעהלען. דוא ביסט געווען שוואך, איך וויים, אבער דוא ביכט דאך ניט די ערשטע מיט וועמען עס טרעפט אזא אונגליק. און אויב דער פאטער פון דיין קינד וועט מיט דיר הייראטהען, דאן וועט אלעס פארגע־סען ווערען.

זשאנעס ווערטער האבען געמאר־טערט ראזאליען, וועלכע האט געזוכט אויף אללערליי אופנים אויסצוקעהרען זיך פון אן ענטפער.

— איך וויים וויא דוא מוזט פיה־לען — האט זיך געבעטען ביי איהר זשאנע. קיינער פיהלט מיט דיר ניט אזוי וויא איך. איך פארשטעה, אז דוא מוזט זיך שעהמען, אבער דוא זעהסט דאך, איך בין דאך אויך דיר ניט אין כעס. ווען איך פרעג ביי דיר זיין נאמען איז דאך דאס ניט פון מיינט־וועגען, נור פון דיינטוועגען. איך דער־קען פון דיינע טרעהרען, אז ער וויל ניט טהאן זיין פפליכט, אבער איך וועל דאס ניט דערלאזען. זשוליאן וועט איהם אויפזוכען און מיר וועלען איהם צווינגען ער זאל מיט דיר הייראטהען: דוא וועסט בלייבען מיט איהם ביי אונז און איך וועל שוין זעהען, אז דוא זאלסט פאר איהם גליקליך זיין.

ראזאליע האט זיך נאך שטארקער צושלוכצעט און איז ארויסגעלאפען פון צימער, אזוי וויא זיא וואלט וואהנזיניג געווען.

זיצענדיג דעמזעלבען פארנאכט ביים טיש מיט איהר מאן, האט זשאנע דער־צעהלט וועגען דעם איהר מאן און גע־בעטען איהם, אזוי וויא ראזאליע וויל ניט אויסזוכען, זאל ער אליין זוכען אויסצוגעפינען ווער דער מאן איז וואס האט פארפיהרט דאס ארעמע מיידעל.

— לאז מיך צורוה! — האט ער בייז א געשריי געטהאן — איך וויל דערפון מעהר ניט הערען. דאס האסטו דאך געוואלט זיא זאל בלייבען, ווען איך האב געשריען, אז מען דארף זיא ארויסטרייבען. נו, טא האלט זיך מיט איהר. איך וויל פון קיין זאך ניט וויסען.

זינט ראזאליע האט געבוירען דאס קינד, איז ער עפעס געווארען נערוועז־זער, אויפגערעגטער און וויא ער פלעגט נור אנהייבען ריידען צו זשאנען פלעגט ער שוין שרייען, איז געווען אויפגע־רעגט איידער זיא האט נאך צייט גע־האט ענטפערען א ווארט. זיא אבער האט פארקעהרט, גערעדט צו איהם נאך ווייכער, נאך זאנפטער איידער פריהער און האט געגעבען זיך תמיד די מיה ניט צו בריינגען צו קיין קריי־געריי, צו קיין האמפעריי. זיא פלעגט נור אין דער שטיל, פאר זיך אליין אויסוויינען זיך, וויינען א מאל אזוי לאנג ביז זיא פלעגט איינשלאפען.

ניט קוקענדיג אבער וואס זשוליאן איז געווען שטענדיג נערוועז און אין כעס, האט ער פון דעסטוועגען עפעס אנגעהויבען זיין נאהענט צו איהר וויא אמאל. האט געצאהלט איהר מעהר אויפ־מערקזאמקייט; קיין דריי טעג פלע־גען ניט אוועק, ער זאל ניט בעזוכען

זיא אין איהר צימער איידער ער געהט צו זיך שלאָפען. און עפּעס פלוצלונג איז ער געוואָרען בעזונדער צערטליך צו איהר און זיא האָט זיך דערפון געפיהלט גליקליכער איידער זיא איז געוועזען ; יעדענפאַלס ניט אזוי אונגליקליך. נייע האָפנונגען האָבען זיך אין איהר ער־וועקט ; אָבער זיא האָט עפּעס געאהנט אן אונבעוואוסטען שרעק.

מיט אונגעדולד האָט זשאַנע ער־וואַרט ווען דער פריהלינג וועט ווידער קומען. זיא האָט זיך עפּעס געפיהלט שוואַך און קריינקליך און האָט גע־מיינט אז דאָס קומט פון'ם קאַלטען וועטער. צייטענווייז האָט זיא ניט גע־קענט עסען. קיין אַפּעטיט ; איהר האָט אָבגעשטויסען אפילו דער אנבליק פון שפּייז , און צייטענווייז פלעגט זיך אין איהר ערוועקען אזא אַפּעטיט, אז זיא פלעגט עפּעס עסען וויא ניט איין זיך, האָט ניט געקענט זאַט ווערען. איהרע נערווען זיינען געוועזען צוריטעלט און שטענדיג געררייצט, אונמעגליך צו בערוהיגען זיך.

אין איין קאַלטען אָבענד האָט זשו־ליאַן פערלאָזען דעם עס־טיש בעקלאָגענ־דיג זיך, אז ער פיהלט זעהר קאַלט. זיא איז אוועק אין איהר שלאָפצימער, פיה־לענדיג עפּעס ניט אין גאַנצען.

זשאַנע איז געגאַנגען פריה שלאָפען און זשוליאַן האָט געשיקט א דינער צו מאַכען פייער ביי איהר אין צימער (א זאַך, וועלכע ער האָט פריהער קיין מאָל ניט געטהאָן) און ווען דער דינער האָט איהם געלאָזט וויסען, אז פייער איז געמאַכט האָט ער א קוס געטהאָן זיין ווייב אין שטערען און איז אוועק צו זיך.

דאָס גרויסע הויז האָט אויסגעזעה־ען דורכגעדרונגען מיט קעלט און זשאַנע איז געלעגען אין בעט און האָט געציטערט. האָט זיך ניט געקענט דער־וואַרעמען. זיא איז א פּאָר מאָל אויפ־געשטאַנען אונטערצוואַרפען א שיי־טעל האָלץ אין קאַמין, אָבער זיא האָט אַלץ געפיהלט דורכגענומען פון קעלט; איהר האָט געקלאַפּט א צאָהן אן א צאָהן; איהר הארץ האָט עפּעס דאָס קעלט פאַר־דריקט און זיא האָט געפיהלט אזוי וויא איהר וואָלט פעהלען אטהעם, אזוי ווי זיא וואָלט האַלטען ביים שטאַרבען. זיא האָט קיין מאָל בעפאַר אזוי ניט גע־געפיהלט. זיא האָט זיך צושראָקען פאַר זיך אליין: אפשר שטאַרב איך ! — איז איהר ארויף אויף'ן זינען.

א צומישטע פון שרעק פון דיזען געדאַנק האָט זיא א קלונג געטהאָן דעם גלעקעל אריינצורופען ראָזאַליען. זיא קלינגט און קלינגט און ראָזאַליע ווייזט זיך ניט. מסתמא שלאָפט ראָזאַליע אזוי שטאַרק, אז זיא הערט ניט. און זשאַנע, שיער פאַלענדיג אין אונמאַכט, איז א באָרפוסע אוועק צו ראָזאַליעס צי־מער. געפינענדיג דיא טהיר אָפען האָט זיא א רוף געטהאָן :

— ראָזאַליע !

אָבער קיין ענטפער. זיא איז אריין אינווייניג און צוגעהענדיג צום בעט, האָט זיא דורכגעפיהרט מיט'ן האַנד איבער דיא בעט־געוואַנד אין דער דונקעלהייט — דיא בעט איז ליי־דיג און קאַלט. זיא איז געוועזען ער־שטוינט. וואָס ? איז זי ארוים דרוי־סען ? אין אזא וועטער ? איהר הארץ האָט אָנגעהויבען נאָך שטאַרקער צו קלאַפּען ; איהרע פיס האָבען זיך געבויגען, און זיא איז געגאַנגען צו־ריק, געהענדיג אויפוועקען פּיעלייכט זשוליאַנען, אזוי וויא אָט אָט וועט זיא אומפאַלען. זיא איז געוועזען זיכער, אז זיא איז עפּעס אין געפאַהר. איז דאָס דער טויט אָדער דאָס קומט אן אונמאַכט? זיא מוז איהם אויפוועקען איידער זיא פאַלט אנידער.

זיא איז אריין אין זיין צימער און אין דעם בלייכען שיין פון דער ליכט

האָט זיא דערזעהען ראַזאַליע ליגענדיג אויף זיין בעט, זייט ביי זייט מיט איהם. א שרעקליכער געשריי האָט זיך פון איהר ארויסגעריסען.

פון איהר געשריי האָבען זיי זיך ביידע אויפגעכאַפּט און געבליעבען זיצענדיג.

זיא איז געשטאַנען א מינוט א פארשטיינערטע. פּלוצלונג האָט זיא גענומען לויפען; צו איהר צימער איז זיא געלאָפען. זשוליאַן האָט זיא גערופען און דערהערענדיג זיין שטימע האָט איהר אַנגעכאַפּט אן אימה.

וויא קען זיא הערען זיין קול? וויא קען זיא אַנקוקען איהם, וויא קען זיא צוהערען זיך וויא ער וויל זיא נאַרען? ניין, זיא קען ניט!

דיעזער געדאַנקען האָט איהר געגעבען כח און זיא איז געלאָפען, שנעלער וויא ווען עס איז אין איהר לעבען איז זיא איצט געלאָפען. אראָב דיא טרעפּ, א באָרפוסע, אין איהר נאַכט־העמד בלויז. זיא איז געלאָפען ניט אַכטענדיג אויף קיין געפאַהר, בעפאַלען בלויז פון איין געדאַנק, צו אנטלויפען, אַנטלויפען פון אלעם; קיין זאך ניט הערען; קיין זאך ניט וויסען!

ווען זיא איז געוועזען שוין אראָב דיא טרעפּ איז זיא געבליעבען זיצען אויף'ן לעצטען טרעפּעל צומישט און צוטומעלט.

זשוליאַן האָט זיך גיך אַנגעטהאַן און ווען ער איז שוין געוועזען ביי דיא טרעפּ איז זיא אויפגעשפּרונגען און האָט גענומען לויפען ווייטער.

— זשאַנע, הער! — האָט ער געשריען; אָבער זשאַנע איז געלאָפען. ניין. זיא וועט ניט הערען, זיא וועט איהם ניט לאָזען אַנר־הרען זיך אן איהר.

זיא איז דורכגעלאָפען דיא קאָרידאָרען און איז ארייגעלאָפען אין עסס־צימער; ניט זעהענדיג קיין אַנדער פּלאַץ וואו צו בעהאַלטען זיך, איז זיא אונטערגעקראָכען אונטערן טיש. זשוליאַן נאָך איהר מיט א ליכט אין דער האַנד האָט גערופען:

— זשאַנע! זשאַנע!

זיא איז ארויסגעלאָפען פון אונטערן טיש און ארייגעלאָפען אין קיך. ווי א געיאָגטע, צושראָקענע חיה'לע איז זיא געלאָפען, זוכענדיג וואוהין צו ענטרינען.

זשוליאַן איז שוין געוועזען נאָהענט לעבען איהר, האָט זיא שיער אַנגעכאַפּט, אָבער זיא האָט א שטויס געטהאַן דיא טהירעל פון גאַרטען און איז געפלויגען אין דער טיפענים פון נאַכט.

וואהנזיניגערהייט איז זיא געלאָפען ווייטער און ווייטער, ווילעוויז זינקענדיג אין שנעע ביז דיא קניע, דורך דעם גאַרטען, איבער גראָבענס, אין פעלד מיט שנעע.

זיא האָט ניט געפיהלט דיא קעלט, הגם זיא איז געוועזען כמעט נאַקעט, זיא האָט קיין זאך ניט געפיהלט. דיא בעריהרונג פון דעם פראָסטיגען שנעע אונטער דיא פיס האָט איהר וויא צוגעגעבען מעהר כוחות, מעהר קוראַזש. אַנטלויפען, ענטרינען איז געוועזען איהר איינציגער געדאַנק און קאָפּ.

קיין לבנה איז ניט געוועזען דיעזע נאַכט, אָבער דיא שטערען האָבען ליכטיג געשיינט אין קלאָהרען, קאַלטען הימעל, בעלייכטענדיג איהר וועג. העלפענדיג איהר ענטרינונג אין דער נעכטליכער שטילקייט. פעסטער איז זיא געלאָפען, פערהאַלטענדיג דעם אָטהעם, ניט ארומקוקענדיג זיך, אַהן א שום זינען.

פּלוצלונג איז זיא צוגעקומען צום בּרעג פון פעלזען־באַרג און האָט זיך אינסטינקטיוו אָבגעשטעלט.

אויפ'ן רעכטען פעלזען-ברעג איז זיא זיצען געבליעבען, איהר קאפ אין דיא הענד און דיא צולאזענע האאר פלאטערנדיג פון ווינד, אהן א שום געדאנקען, אהן שום פיהלען. א לאנ-גע צייט איז זיא דארט געזעסען אין זעלבען צושטאנד, אונבעוועגט.

אויף איין מאל האט איהר גאנ-צער קערפער, פון קאפ ביז דיא פיס, אנגעכאפט א קאנוואולסיוועס ציטע-רען; עס האט זיא געטרויסעלט, גע-שוידערט, געווארפען, און דאן איז איהר זינען געקומען, קלאהרער און דייטליכער איידער ווען עס איז. ביל-דער האבען פארגעשוועבט בעפאר איהרע אויגען. ערינערונגען נאך ערינערונגען. דיא רייזע אין פאטער לאסטיקס שיפעל, זייער געשפרעך ווע-גען אלערליי אנגענעהמע פוסטע זאכען, דיא ערשטע אהנונג פון ליעבע, וואס זיא האט צו איהם דערפיהלט און דאן דיא סצענע ביים שיפעל.

דיא זכרונות האבען נאך אויפ-געבלעטערט דאס פריהעריגע בעפאר-דעם. דעם טאג פון איהר אנקומען אין „פאפעל-בוימער" האט זיך אויפ-געבלעטערט אין איהר זכרון, און איצט איז אלעס, אלעס, אלעס פערביי! איהר לעבען איז צושמע-טערט. ניטא מעהר קיין פרייד פאר איהר; מעהר וויא דיא יסורים פון זשוליאן'ס אבנארען זיא און אייביגע ליידען, ליידען האט זיא דאך ניט וואס צו ערווארטען.

בעסער דער טויט; דאן וועט זיין אלעם אריבער!

פלוצלונג האט זשוליאן'ס קול אבגעקלונגען אין דער שטילער נאכט-לופט:

— דא, דא, גיכער, אט איז א כליאד פון טריט. אהער!

א, זיא קען ניט, זיא וועט איהם גיט אנקוקען מעהר. צו-פוסען, אונטען ברויזט און קרעכצט דער גרויסער ים, און דיא כוואליעס, וואס קלאפען אין פעלזען-ברעג רופען זיא: קום!

זיא האט זיך אויפגעשטעלט, פאר-טיג א שפרונג צו טהאן, דאס לעצטע ווארט פון שטארבענדען איז געווען אויף איהרע ליפען, דאס זיסע ווארט, וועלכען א יונגער זעלנער מורמעלט מיט זיין שטערבענדען אטהעם: „מו-טער!"

אין דיעזער רגע האט דאס גע-שטאלט פון איהר מוטער, א וויינענדע, פארגעשוועבט פאר איהרע אויגען. אט זעהט זיא דעם פאטער אויף דיא קניע לעבען איהר טויטען קערפער און אין דיעזער איין מינוט פון טויט-שמערץ האט זיא דורכגעלעבט דיא יסורים, וואס זיי וואלטען האבען, ווען זיי וואלטען זיא פארלירען. זיא איז אז אונמעכטיגע אנידערגעפאלען אויף צוריק אין שנעע.

און ווען זשוליאן איז צוגעקומען צו איהר און נאך איהם סימאן און מא-ריוס, ווען זיי האבען זיא אבגעשלעפט אויף צוריק, אזוי ביים סאמע ברעג איז זיא געלעגען, האט זיא זיך שוין ניט געראנגעלט; זיי האבען שוין גע-קענט טהאן מיט איהר וואס זיי ווילען. זיא האט נאך געפיהלט וויא זיי טרא-גען זיא, וויא זיי לייגען זיא אוועק אין בעט, וויא זיי רייבען איהר קער-פער מיט הייסע האנטיכער און דאן— אוים!

דאן א לאנגע נאכטוואנדלונג . . . איז דאס געווען א נאכט-וואנדלונג? זיא האט געמיינט אז זיא איז אין איהר אייגענעם צימער, אז זיא איז ביי זיך אין בעט, אז עס איז גרויסער ליכטי-גער טאג, אבער זיא קען זיך ניט אויפ-הויבען, און זיא האט זיך געוואונ-דערט פארוואס. איהר האט זיך גע-דוכט, אז זיא הערט א לייכטען סקראבס-קען. זיא האט א קוק געטהאן, ערשט

אין דיעזער רגע האט דאס געשטאלט פון איהר מוטער, א וויינענדע פארגעשוועבט פאר איהרע אויגען.

דאס איז א קליין מיוזעל, א גרויע מייזעל קריכט אויף איהר בעט, קריכט צו איהר. זיא האט זיך ניט געשראקען. אט קומט א צווייטע, א דריטע און זיי געהען אלע צו איהר. זיא האט גאר קיין מורא ניט פאר זיי. זיא וויל זיי נור א כאפ טהאן, אבער זיא קען ניט. דאן זיינען זיי געקומען גאנצע צעהנדליגע, הונדערטע, טויזענדע, פון אלע זייטען קומען זיי; זיא קען פיהלען וויא זיי פויזען ארום איבער איהר גאנצען קערפער. זיא ראנגעלט זיך אנצוכאפען איינע, אבער זיא קען ניט. זיא האט א געשריי געטהאן און וויל נעהמען לויפען, אבער אימיצער האלט זיא, און זעהען זעהט זיא קיינעם ניט.

וויא לאנג איז זיא געלעגען אין אזא צושטאנד האט זיא אליין ניט געוואוסט.

ענדליך איז געקומען דאס ערוואכען. זיא האט לאנגזאם געעפענט איהרע אויגען, און איז גאר ניט געווען איבערראשט, ווען זיא האט דערזעהען איהר מוטער זיצענדיג לעבען איהר בעט. א גרויסער מאן, וועלכען זיא האט קיין מאל פריהער ניט געזעהען, איז געזעסען לעבען איהר מוטער און גערעדט.

— איהר זעהט, זיא איז ווידער ביים בעוואוסטזיין — האט ער געזאגט.

און איהר מוטער האט זיך צווויינט.

— בערוהיגט זיך, מאדאם, איך בעט אייך — האט געזאגט דער גרויסער מאן — איך גיב אייך מיין ווארט, אז זיא איז ארוים פון געפאהר. אבער הויפטזעכליך בעט איך אייך, באוועגט זיא ניט צו ריידען. זאל זיא שלאפען.

זשאנע האט זיך אויסגעוויזען, אז זיא איז דארט געלעגען א לאנגע צייט איז א צושטאנד פון האלב־בעוואוסט־זיין און אז זיא איז ניט אים שטאנדה געווען צו טראכטען. זיא האט ניט געוואלט טראכטען. א טומאנע פארשטעלונג פון דער ווארהייט האט א בליץ געטהאן אין איהר זינען, און זיא האט מורא געהאט צו דערזעהען דיא ווירקליכקייט.

ווען זיא האט זיך אויפגעכאפט אין איין פריהמארגען, איז איהר בליק געפאלען אויף זשוליאן, וועלכער איז געזעסען לעבען איהר בעט, און זיא האט אין דעם אויגענבליק זיך דערמאנט אלעס. א שרעקליכער שמערץ האט איהר א שניט געטהאן אין הארצען, און וויעדער האט איהר אנגעכאפט דער וואונש צו לויפען, אנטלויפען. זיא האט א שאר געטהאן דיא דעקע אן א זייט און איז ארויסגעשפרונגען, אבער איהרע פיס האבען זיא ניט געקענט אויפהאלטען. זשוליאן איז צו איהר צוגעלאפען, אבער זיא האט געשריען און געראנגעלט זיך. זיא האט פון איהם אבגעצויגען זיך מיט א מין טויט־שרעק, טאמער וועט ער זיא אנריהרען.

טאנטע ליזאן און דיא אלמנה דענטו זיינען ארויפגעלאפען דיא טרעפ און נאך זיי דער באראן און דיא באראנין, דיא לעצטע אין גאנצען אהן אטהעם מיט א שרעק אין דיא אויגען. זיי האבען זיא ארייגעלייגט צוריק אין בעט און גלייך האט זיא פערשלאסען איהרע אויגען, גלייך אזוי וויא זיא וואלט געשלאפען. זיא האט ניט געוואלט ריידען; זיא האט געוואלט טראכטען אונגעשטערט.

איהר מוטער און טאנטע ליזאן האבען זיך צוגעבויגט צו איהר; זיי האבען זיא אונרוהיג געפרעגט:

— הערסטו אונז, זשאנינקע?

אבער זיא האט ניט געענטפערט. זיא איז געלעגען אזוי וויא זיא וואלט גארנישט געהערט.

דער אבענד איז אנגעקומען און זיא האט געזעהען וויא דיא וואכטערקע האט פערנומען איהר פלאטץ לעבען איהר בעט. זיא האט געטרונקען אהן

ווערטער וואָס דיא וואַכטערקע האָט איהר צוגעטראָגען און איז געבליעבען ליגען ווידער אויף איהר קישען. גע־שלאָפען האָט זיא ניט; זיא האָט נור געטראַכט.

זיא האָט געזוכט צונויפצובינדען אין איהרע געדאַנקען בעזונדערע פּונק־טען, בעזונדערע פּאַסירונגען, וועלכע זיא האָט עפּעס פאַרגעסען. ביסלעכווייז איז דער טומאַן פון איהרע געדאַנקען קלעהרער געוואָרען און אַלעס איז געקו־מען אין איהר זינען צוריק. זיא האָט זיך עקשנות'דיג אָבגעשטעלט אויף יע־דער פאַקט און האָט איהם גוט בע־טראַכט. זיי זיינען אַלע דאָ, איהר מו־טער, איהר פאָטער און טאַנטע ליזאַן, דאָס ווייזט אַז זיא האָט געמוזט זיין זעהר קראַנק.

האָבען זיי עפּעס געוואוסט? וואָס האָט זיי זשוליאַן געקענט דערצעהלען? און ראַזאַליע — וואו איז זיא? וואָס וועט זיא איצט טהאָן? וואָס קען זיא טהאָן?

א פּלוצלונגער רעיון איז איהר ארויפגעקומען. זיא וועט פאָהרען צוריק קיין רוען און וועט דאָרטען לעבען צו־זאַמען מיט איהר פאָטער און מוטער אַזוי וויא אַ מאָל.

ווארום ניט? זיא וועט זיין אַן גרושה, דאָס איז אַלעס. און זיא האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אַלעס וואָס געהט פאָר ארום איהר; זיא האָט אַלעס קלאָהר פערשטאַנען, אָבער האָט זיך פאַרשטעלט אַלס גלייכגילטיג.

דיעזעלבע נאַכט איז זיא ענדליך געבליעבען אַליין מיט איהר מוטער, און זיא האָט געמורמעלט:

— מוטער טהייערע!

וויא געענדערט עס האָט זיך איהר שטימע; זיא קען אַליין איהר קול קוים דערקענען.

דיא באַראָנין איז צומישט געוואָ־רען. זיא האָט אַ כאַפּ געטהאָן איהר טאָכטער'ס הענד:

— טאָכטערל, טהייערע! מיין טהייערע זשאַנינקע! דערקענסט דוא מיך ווירקליך?

— יא, מאַמינקע. אָבער דו זאָלסט ניט וויינען. מיר האָבען זעהר פיעל וועגען וואָס צו ריידען. האָט דיר זשוליאַן געזאָגט, פאַר וואָס איך בין אנטלאָפען יענע נאַכט?

— יא, מיין לעבען. דו ביסט גע־ווען געפעהרליך קראַנק.

— איך וויים, מאַמע, איך האָב דערנאָך בעקומען אַ היץ־קראַנקהייט. האָט ער דיר געזאָגט, וואָס האָט מיר געבראַכט אַזא היץ־קראַנקהייט און פאַר וואָס בין איך אנטלאָפען? — האָט נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט זשאַנע.

— ניין, מיין לעבען.

— נו, דאָס איז געווען דערפאַר וואָס איך האָב געפונען ראַזאַליען אין זיין צימער.

דיא באַראָנין האָט געמיינט, אַז זיא האָט ווידער אָנגעהויבען ריידען פון היץ. און זיא האָט געזוכט צו בע־רוהיגען זיא.

— זעהסט, מיין קינד, דו ביסט זעהר מיעד; בעסער שלאָף איין, מיין לעבען — האָט זיא איהר אָנגעהויבען איינריידען.

אָבער זשאַנע איז געווען פער־עקשן'ט.

— דוא מיינסט, אַז איך רייד פון היץ; אָבער דוא האָסט אַ טעות, מאַמע, איך בין קלאָהר, בין ביים זינען; איך פלוידער ניט אַזוי וויא ווען איך בין געוועזען אין פיבער. דיא נאַכט, אין וועלכער איך בין אנטלאָפען, האָב איך געפיהלט זעהר קראַנק און איך בין גע־גאַנגען צו איהם אין צימער אויפצו־וועקען איהם. ערשט איך זעה, ראַזאַליע איז מיט איהם דאָרט. איך האָב מיין זינען פערלאָרען און בין ארויסגעלאָפען, בין געלאָפען אין טיעפען שנעע, האָב זיך געוואָלט אראָבשליידערען פון דיא פעלזען.

— יא, מיין קינד, דוא ביסט גע־ווען זעהר קראַנק — האָט געזאָגט דאָס איהריגע ווידער דיא באַראָנין.

— אָבער איך זאָג דאָך דיר, מאַמע, טהייערע, מאַמינקע; איך האָב געפונען ראַזאַליע מיט זשוליאַנען, און איך וועל

מיט איהם מעהר ניט לעבען. וועסט מיך נעהמען צו אייך קיין רוען, איך וויל וואָהנען מיט דיר און מיט'ן טאַטען צוזאַמען. וועסט דוא, מאַמע?

דיא באַראָנין האָט מורא געהאַט אויפצורעגען זיא, צו זאָגען עפּעס דאַ־געגען, ווידערשפּרעכען איהר. דער דאָק־טאָר האָט דאָך געראַטהען, אַז מען זאָל זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט איהר דעריין. און דיא מוטער האָט ניט ווידערשפּראָ־כען איהר.

— יא, מיין לעבען, — האָט זיא איהר בלויז געענטפערט.

אָבער זשאַנע איז געוואָרען אונ־געדולדיג.

— איך זעה, אַז דוא גלויבסט מיר ניט, מאַמע. ברייננ מיר דעם טאַטען; ער וועט מיך פאַרשטעהן.

דיא באַראָנין האָט זיך שוועך אויפגעהויבען און מיט דער הילף פון דיא צוויי שטעקלעך אויף וועלכע זיא האָט זיך אָנגעלעהנט געהענדיג איז זיא ארויס, שלעפּענדיג איהרע קראַנקע פיס נאָך זיך. אין א ווײַלע ארום איז זיא געקומען צוריק אָנגעלעהנט אויף דעם באַראָנ'ס ארעם.

זיי האָבען זיך ביידע אוועקגע־זעצט לעבען בעט און זשאַנע האָט זיי אַלעם דערצעהלט. לאַנגזאַם, קלאָהר, מיט א ריינער שטימע האָט זיא דער־צעהלט זיי וועגען זשוליאַנ'ס גראָבען כאַראַקטער, וועגען זיין בייזקייט, וועגען זיין שלעכטסקייט און צום סוף וועגען זיין אונטרייהייט.

דער באַראָן האָט געזעהען אַז זי איז ביים פולען זינען, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואָס איהר דערויף צו ענטפערען אָדער וואָס צו טהאָן.

ער האָט אָנגענומען איהרע הענד אין זיינע און האָט צערטליך גערעדט צו איהר.

— הער זיך צו, מיין קינד, מיר דאַרפען זיין פאָרזיכטיג, באַראַכט און ניט האַנדלען צו ראַש. זעה, טראַג אַרי־בער ביז מיר וועלען זעהען וואָס מיר קענען טהאָן. פאַרשפּרעך מיר, מיין לע־בען, אַז דוא וועסט זיין איינגעהאַלטען.

— איך פאַרשפּרעך דיר, פאַטער, אָבער איך וועל דאָ ניט בלייבען ווען איך וועל געזונד ווערען.

זיי האָבען געשוויגען.

— וואו איז ראָזאַליע? — האָט זיא א פרעג געטהאָן.

— בארוהיג זיך, מיין קינד, דוא וועסט זיא מעהר ניט זעהען.

— אָבער וואו איז זיא? זאָג מיר —איז צוגעשטאַנען זשאַנע.

דער באַראָן האָט איהר דאַן ער־קלעהרט, אַז ראָזאַליע איז געבליבע אין הויז, אָבער ער האָט זיא פאַרזיכערט, אַז זיא וועט פערלאָזען דאָס הויז.

ווען זיי זיינען ארויס פון איהר צימער, איז דער באַראָן געווען שרעקליך אויפגעבראַכט. ער איז געווען אונגע־הייער געקריינקט פון דער בעהאַנדלונג וואָס זיין קינד האָט געהאַט פון איהר מאַן. ער איז געווען טיעף אָנגעגריפען. ער איז געגאַנגען גלייך צו זשוליאַנען אין צימער און האָט איהם א זאָג געטהאָן שניידענד:

— מיין הערר, איך בין געקומען פאָדער'ען אַ ערקלעהרונג וועגען אייער אויפפיהרונג און בעהאַנד־לונג פון מיין טאָכטער. איהר זייט געווען איהר אונטריי, און מיט וועמען, מיט איהרע א דיענסט, וואָס איז נאָך שלימער.

זשוליאַן האָט זיך געמאַכט אזוי ווי ער וואָלט איבערראַשט געווען. ער האָט געלייקענט שטיין און ביין. ער האָט גע־שוואָרען, אַז עס וויים ניט פון וואָס צו זאָגען; ער איז אונשולדיג, דאָס שווערט ער ביי אַלעם וואָס איז הייליג. דערצו איז דאָך סתם גערעדט. וועלכע בעווייזע האָט מען דאַפיר? זשאַנע איז ניט ביים זינען. זיא האָט דאָך געליטען פון מאָרך־ענטצינדונג. והא ראיה, זיא איז אזוי ניט געווען ביים זינען, אַז זיא איז אין מיטען נאַכט, אין א פראָסט ארויסגעלאָ־פען א נאַקעטע, א באָרפוסע אין שנעע. דאָס האָט געטראָפען אַקוראַט דיזעלבע נאַכט, ווען איהר דוכט זיך, אַז זיא האָט געזעהען אזא משונה'דיגע זאַך, ראָזאַ־

ליע אין זיין צימער. דאָס איז אַלץ פון פיבער־היץ.

ער האָט דאָס אַלץ גערעדט אין דער הויך, אויפגעבראכט, עמפּערט וואָס מען מאכט געגען איהם אַזעלכע מיאוסע בעשולדיגונגען. ער האָט אפילו געסטראשעט, אַז ער וועט אָנקלאָגען זיי פאַר פאַלשע בעשולדיגונגען.

דער באַראָן איז געוואָרען צומישט און האָט געבעטען זשוליאַן אום ענטשולדיגונג. ער האָט איהם דערלאַנגט דיא האַנד וויזענדיג פריינדשאַפט און טרייהייט. זשוליאַן האָט זיין האַנד ניט געוואָלט אָננעהמען, אַזוי עמפּערט איז ער כלומרשט געווען.

ווען זשאַנע האָט דערהערט וואָס זשוליאַן טענה'ט, איז זיא ניט אויפגערעגט געוואָרען מעהר און האָט נור רוהיג געענטפערט:

— ער זאָגט ליגען, פאטער, אָבער עס וועט קומען א טאָג, מיר וועלען בעווייזען זיין פערברעכען.

צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט זיא געשוויגען. אויף דעם דריטען טאָג האָט זיא געפאָדערט אַז זיא וויל זעהען ראָזאַליען. אָבער דער באַראָן האָט ניט דערלאָזען און האָט איהר געזאָגט אַז זיא איז ניטאָ, זיא איז אַוועק. זשאַנע האָט אָבער געפאָדערט ניט אַנדערש, אַז מען זאָל זיא געפינען און ברייגען צו איהר. און זיא איז געוואָרען אַזוי אויפגערעגט, אַז זיא האָט זיך שטאַרק צו־וויינט און געשריען שלוכצענדיג:

— איך וויל זיא זעהען! איך מוז זעהען ראָזאַליען.

אין דיזער מינוט איז דער דאָקטאָר אריינגעקומען און דער באַראָן האָט איהם אַלעס דערצעהלט, פרעגענדיג ביי איהם אַן עצה וואָס צו טהאָן.

דער דאָקטאָר האָט אָנגענומען זשאַנעס האַנד און האָט איהר אַ זאָג געטהאָן געלאַסען, בערוהיגענד, ווייך.

— מאַדאַם, זייט רוהיג. יעדע אויפרעגונג קען זיין געפעהרליך. אייער לעבען און אויך דאָס לעבען פון דער עופה'לע אין אייך, איז אין געפאהר דאַן. זשאַנע איז געווען ערשטוינט און האָט מיט אַמאָל דערפיהלט אַזוי וויא עטוואָס וואָלט זיך בעוועגען אין איהר. זיא איז געלעגען רוהיג, שטיל, האָט ניט געצאָהלט דיא מינדעסטע אויפמערקזאמקייט וואָס מען האָט גערעדט לעבען איהר, זייענדיג אַליין פערטיעפט אין איהרע געדאַנקען.

זיא האָט יענע נאַכט ניט געשלאָפען. דאָס איינציגע מיט וואָס איהר קאָפּ איז געווען פערנומען איז געווען דער געדאַנק, אַז אַ קליין קינד וועט ערשיינען אויף דער וועלט. איהר קינד; זשוליאַנס קינד. אַ שרעק האָט איהר אָנגעכאַפּט און זיא האָט געשוידערט ביי דער פאָרשטעלונג אַז דאָס קינד קען אפשר אויסזעהען אַזוי וויא זשוליאַן.

איין אין דער פריה האָט זיא געלאָזט רופען איהר פאטער.

— פאטער, טהייערינקער, — האָט זיא זיך געבעטען — איך מוז אַלעס וויסען. אבסאָלוט אַלעס, הערסטו? איך בעט דיך, ווידערשפּרעך מיר ניט, ספּעציעל איצט, דאָס וואָלט געווען געפעהרליך. געה אַריבער און רוף דעם גלח. ווען ער וועט דאָ זיין וועט זיך ראָזאַליע מודה זיין, זיא וועט זאָגען דעם אמת. ברייגגט איהם אַהער און דו און מאַמאַ זאָל אויך זיין דערביי. אָבער זייט פאָרזיכטיג, אַז זשוליאַן זאָל זיך ניט דערוויסען, אַז ניט וועט אַלעס זיין אומזיסט.

אין אַ שטונדע אַרום איז שוין דער גלח געווען ביי איהר אין צימער. ער האָט זיך געזעצט, ניט קענענדיג אָבגאָפען דעם אַטהעם פון פעטקייט, האָט געסאַפּעט שווער, האָט געריבען דעם פאַרשוויצטען שטערען מיט זיין גרויסער קאָלירטער פאטשיילע. ווען ער האָט שוין בעקומען ווידער אַטהעם, האָט ער אָנגעהויבען וויצלען זיך.

— וויא איך זעה, באַראָנין, ווערט איהר ניט מאָגערער. איך גלויב, אַז מיר וואָלטען ביידע געווען אַ גוטע פּאָר.

ער האָט זיך דערנאָך אַ קעהר געטהאָן צו זשאַנען:

— וואָס איך הער, יונגע וויבעלע, מיר וועלען אין גיכען האָבען אַ מזל־טוב.

האַ־האַ, דאָס וועט זיין א גוטער באַשי־צער פון פאטערלאנד... סיידען אפשר א צערטליכע פרוי, א גוטע מוטער, אזוי וויא איהר אליין, מאַדאַם — האָט ער זיך פערנייגט העפליך פאר דער באַראָנין.

דיא טהיר האָט זיך געעפענט און ראַזאַליע איז אריין. זיא איז אריינגע־שטופּט געוואָרען פון דעם באַראָן, און איז געבליבען שטעהען ביים טהיר. זיא האָט ניט געוואָלט אריינגעהן ווייטער און האָט זיך איינגעשפּארט מיט אלע כוחות. דער באַראָן איז געוואָרען אונגע־דולדיג און האָט זיא מיט כעס א שטויס געטהאָן, אז זיא איז געבליבען אין מי־טען צימער. זיא איז געשטאַנען שטיל א ווײַלע, דער פּנים פאַרדעקט מיט ביי־דע הענד און האָט זיך אזוי צושלוכצעט, וויא איהר הארץ וואָלט צוריסען געוואָ־רען.

זשאַנע האָט זיך אויפגעהויבען אין כעס און איהר פּנים איז געוואָרען בלייך אזוי וויא טויט, ווען זיא האָט דערזעהען ראַזאַליען. איהר הארץ האָט אזוי גע־קלאַפּט, אז זיא האָט ניט געקענט אָטהע־מען. זיא איז געווען אזוי באַוועגט, אז זיא האָט געפיהלט וויא זיא ווערט דער־שטיקט.

ענדליך האָט זיא זיך אָנגעשטריינגט צו ריידען:

— איך... איך דארף ניט... האָב ניט וואָס אויסצופרעגען דיך... אויף דיין פּנים... קען מען זעהען דיין פאַרברעכען.. דאָס אליין איז גענוג...

זיא האָט זיך אָבגעשטעלט און אין א ווײַלע ארום ווייטער אָנגעהויבען:

— אָבער איך מוז וויסען אלעס... אלעס. איך האָב געבעטען דעם הייליגען פאטער, ער זאָל זיין דערביי, אזוי וועס־טו זאָגען דיא וואהרהייט... דאָס וועט זיין א וידוי... פערשטעהסטו?

ראַזאַליע איז געשטאַנען אונבע־וועגליך, דיא הענד פאַרדריקט. דער באַראָן האָט קוים געקענט איינהאַלטען זיין כעס, האָט א כאַפּ געטהאָן איהר ארעם און האָט זיא א שטעל געטהאָן אויף דיא קניע, זאָגענדיג:

— ועסטו ריידען? ענטפער!

ראַזאַליע האָט געקניעט לעבען בעט און האָט בעהאַלטען איהר געזיכט אין דיא הענד. דער גלח האָט אָנגעהויבען:

— קום, ראַזאַליע, טהו וואָס מען הייסט דיר און ענטפער. מיר וועלען דיר קיין זאך ניט טהאָן; מיר ווילען בלויז ווי־סען דיא ווירקליכע פאקטען.

— איז דאָס ניט אמת — האָט זשאַנע א זאָג געטהאָן אָנבויגענדיג זיך איבער'ן ברעג פון בעט — איז דאָס ניט אמת, אז איך האָב דיך געזעהען מיט איהם, ווען איך בין אריין יענע נאכט צו זשוליאן אין צימער?

—יאָ, מאַדאַם — האָט געשלוכ־צעט ראַזאַליע, האַלטענדיג נאך אלץ פאַרדעקט זיין פּנים.

דיא באַראָנין האָט זיך שטארק צו־וויינט און איהרע שלוכצען האָבען זיך צומישט מיט דיא שלוכצען פון ראַזאַליע.

— וויא לאַנג איז דאָס אזוי אָנגע־גאַנגען? — האָט זשאַנע געפרעגט מיט א פאַרשענדען בליק.

— זינט... זינט ער איז געקומען אהער... זינט....

זשאַנע האָט ניט פערשטאַנען.

—זינט ער איז געקומען אהער?... דאָס הייסט זינט... לעצטען פריהלינג?

— יאָ, מאַדאַם.

זשאַנע איז איצט צוגעשטאַנען מיט פראַגען און האָט גערעדט שנעל.

— זאָג מיר, זאָג מיר וויא דאָס איז געשעהן. וויא אזוי האָט ער דיך געבע־טען? וואָס האָט ער צו דיר גערעדט? וויא אזוי האָסטו זיך אונטערגעגעבען? ווי אזוי האָסטו געקענט אָבגעבען זיך איהם?

ראַזאַליע האָט ענדליך אראָבגענו־מען דיא הענד פון פּנים, זייענדיג בעפאַ־לען פלוצלינג פון א פערלאַנג צו ריידען... דערצעהלען... דערצעהלען אלעס.

— איך ווייס ניט וויא אזוי. דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג, ווען ער איז געקומען אהער צום ערשטען מאָהל צו מיטאָג. ער האָט זיך בעהאַלטען אין שאַילקע, און ווען אלע האָבען שוין גע־

שלאָפֿען איז ער אריין צו מיר אין צי־מער. איך האָב מורא געהאַט צו שרייען, עס וואָלט דאָך ווערען א לאַרעם, א סקאַנדאַל, איז ער געבליבען אין מיין צימער דיא גאַנצע נאַכט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס מיט מיר איז געווען. איך האָב איהם געלאָזען טהאָן מיט מיר וואָס ער האָט געוואָלט, ווארום ער איז מיר געפעלען געווען!

— דאָס הייסט... אז דיין קינד... איז דאָס זיינס?... — האָט זשאַנע גע־מאַטערט אויסגעשריגען.

— יאָ, מאַדאַם — האָט געזאָגט ראָזאַליע, וויינענדיג שרעקליך.

א מורא׳דיגע שטילקייט איז איינ־געטראָטען. בלויז דיא שלוכצען פון ראָ־זאַליע און פון דער באַראָנין האָבען אי־בערגעריסען דיא שטילקייט. זשאַנע איז געווען פערטויבט פון יסורים. איהרע אויגען זיינען אָנגעלאָפען מיט טרעהרען, וועלכע האָבען שטיל זיך גענומען קייק־לען איבער איהרע באַקען. איהר דינסט־מיידעלס קינד איז פון דעם זעלבען פאַ־טער וואָס איהר אייגען קינד. איהר צאָרן איז שוין פערשטיקט געוואָרען פון אי־נערליכע יסורים. א דומפע פערצווייפ־לונג האָט זיא אין גאַנצען איבערוועל־טיגט. און זיא האָט שוין געפרעגט אונ־גליקליכערהייט מיט א פערשטיקטע שטימע.

— און דערנאָך, ווען מיר זיינען גע־קומען צוריק... צוריק פון אונזער רייזע, ווען האָט ער ווידער אָנגעהויבען זיינע בעציהונגען צו דיר?

—גלייך דיא ערשטע נאַכט—האָט געענטפערט ראָזאַליע. אין איהרע ווער־טער האָבען געשניטען זשאַנעס הארץ וויא מיט א מעסער.

וויא? דיא ערשטע נאַכט, גלייך ווי זיי זיינען אָנגעקומען צוריק אין „פאַפּעל בוימער“, האָט זשוליאַן שוין אָבגע־קעהרט זיך פון איהר און איז אוועק צו דיעזער? איז דאָס געווען דיא אור־זאַכען פון זיין קאַלטקייט צו איהר? א, איצט האָט זיא שוין געוואוסט גע־נוג. מעהר וויסען וויל זיא שוין ניט.

— אוועק! אוועק! לאָז מיך! — האָט זיא אָנגעהויבען פערצווייפעלט צו שרייען.

ראָזאַליע איז געבליבען אונבעוועג־ליך. דיא אונגליקליכע מיידעל איז גע־ווען פאַראַליזירט פון שרעק.

— נעהם זיא צו! זאָל זיא אוועק פון דאַנען! — האָט זשאַנע זיך געבעי־טען ביי איהר פאָטער. און דער גלח, וועלכער האָט אין דער גאַנצער צייט פון דער סצענע קיין וואָרט ניט גערעדט, האָט געהאַט דערוויל דיא מעגליכקייט אויסצואַרבייטען א שטיקעל דרשה:

— דוא האָסט בעגאַנגען א שרעקליכע עולה — האָט ער זיך געווענדעט צו ראָזאַליען. — איך האָב מורא, אז גאָט וועט דיר דאָס קיין מאָל ניט מוחל זיין. בעדיינק נור, אין גהינום וועסטו אריינפאַלען אויב דו וועסט ניט תשובה טאָהן! פון דיין אייגענעם קינד׳ס וועגען מוזטו ווערען בעסער און פרימער פון איצט אָן. קיין צווייפעל ניט, אז דיא באַראָנין וועט טאָהן פאַר דיר וואָס עס איז נאָר פאַר איהר מעגליך, און מיר וועלען געפינען פאַר דיר א מאַן...

און ער וואָלט אזוי גע׳דרשנ׳ט און גע׳דרשנ׳ט, אָבער דער באַראָן האָט א כאַפּ געטאָהן ראָזאַליען פאַר דיא אַקס־לען און האָט זיא ארויסגעוואָרפען פון צימער וויא מען ווארפט ארויס א קלו־מיק מיט אַלטוואַרג. ווען ער איז אריין צוריק אין צימער איז ער געווען בלייך וויא דער טויט; בלייכער אפילו פון זשאַנען.

דער גלח האָט געהאַלטען זיין דרשה ווייטער:

— אזוי זיינען זיי אלע דאָ ארום; זיי האָבען ניט חתונה וואו זיי האָבען פריהער שוין ניט געהאַט א קינד! אלע מאָל אזוי, מאַדאַם. דאָס איז שרעקליך, איך ווייס, אָבער וואָס קען מען מאַכען. דעם מענשען׳ס נאַטור איז שוואַך און מיר מוזען זיין בארעמהערציג. דאָס איז שוין אזא מנהג דאָ הפנים — האָט ער געענדיגט מיט א שמייכעל.

אָבער ער האָט זיך באַלד א קעהר

געטאָהן און האָט שוין געברויכט אַ בייזען טאָן:

— אפילו דיא קינדער אויך אזוי: מיינט איהר אפשר איך האָב צוויי פון זיי ניט געכאַפּט אויפ'ן בית עולם פאַראַ־יאָהרען? איך האָב דערצעהלט דאָס זייערע עלטערן, און ווייסט איהר וואָס זיי האָבען מיר געענטפערט? „דאָס איז ניט אונזער שולד, הייליגער פאָטער, מיר לערנען זיי ניט, אַז זיי זאָלען דאָס טאָהן." אָט האָט איהר אייך; אייער דיענסט איז אזאַ וויא זיי אלע.

— אָ, איך בעשולדיג ניט דאָס מיידעל — האָט אַ זאָג געטאָהן דער באַראָן, ציטערנדיג פון כעס—דאָס איז ער, דער פייגער לומפּ, ער איז דאָס דער פערברעכער, און איך וועל פון איהם אַוועקנעהמען מיין טאָכטער.

ער האָט אָנגעהויבען שפּרייזען איבער'ן צימער אויפגערעגטערהייט און איז מיט יעדער מינוט געוואָרען אלץ צאָרנדיגער.

— אַ געמיינער, פייגער לומפּ איז ער, אַזוי אָבצונאַרען מיין טאָכטער! און איך וועל איהם דאָס זאָגען. איך... איך וועל איהם טויטען!...

דער גלח האָט לאַנגזאַם אָנגענומען פון פּושקע אַ שמעק טאַבאַק און האָט געטראַכט בשעת מעשה וויא צו שפּיעלען דאָ דיא ראָלע פון אַ שלום־מאַכער.

— נו, וואָס איז דאָרט. הערט, צווישען זיך גערעדט, האָט ער דאָך געטאָהן וואָס אלע מענער טהוען. קענט איהר עפּעס פיעל מענער, וואָס זיינען טריי? אָט איהר אליין, כדומה למשל, — האָט דער גלח גנביש אַ פינטעל געטאָהן מיט'ן אויג — איהר אליין האָט אפשר געטאָהן דאָס זעלביגע.

דער באַראָן איז געבליבען שטעהן און האָט אָנגעקוקט דעם גלח, וועלכער האָט גערעדט ווייטער:

— יאָ, יאָ. איהר האָט געטאָהן מסתמא וויא זיי אַלע. איך זאָג אייך, אַלע זיינען זיי אַזעלכע. און איהר האָט דאָך פון דעסטוועגען ניט ווייניגער געליעבט אייער פרוי, ניט אַזוי?

דער באַראָן איז געשטאַנען שטיל; אין גאַנצען אַ צוטומעלטער. געוויס האָט ער אויך געטאָהן דאָס זעלביגע, ווען ער האָט נור געהאַט אַ געלעגענהייט, איבערהויפּט ווען עס איז נור געווען אַ שעהנע דיענסט. איז ער דען אַבער דעם געווען אַ לומפּ? פאַר וואָס אורטהיילט ער אַזוי שטריינג זשוליאַנען, ווען ער האָט זיין אייגענע אויפפיהרונג קיין מאָל ניט גערעכענט פאַר שלעכט?

דיא באַראָנין, נאָך אלץ אַ וויינענדיגע, האָט שוואַך אַ שמייכעל געטהאָן ביי דער דערמאָהנונג פון איהר מאַן'ס מעשים. זיא איז געווען פון אַ ווייכער, זיסער, סענטימענטאַלער נאַטור, לייכט גערירט פון רחמנות און שנעל צו פערצייהען. ליעבעס אנגעלעגענהייטען זיינען פאַר איהר געווען אַ טהייל פון אלעמענס לעבען.

זשאַנע איז געלעגען אויפ'ן רוקען, מיט אויסגעשטעלטע אויגען, טראַכטענדיג וועגען ראַזאַליעס מודה זיין זיך. איהרע ווערטער זיינען איהר פון קאָפּ ניט אַרויס און האָבען זיא געפּייניגט; דיא ווערטער: „איך האָב איהם געלאָזען טאָהן מיט מיר וואָס ער וויל, וואָרום ער איז מיר געפעלען געווען". ער איז איהר דאָך אויך געפעלען געווען און דאָס איז געווען דיא איינציגע אורזאַכע, וואָס זיא האָט זיך איהם אָבגעגעבען, האָט פערבונדען איהר לעבען מיט זיין לעבען. זיא איז אַריינגעפאַלען אין זיין נעץ און דיא בעלאָהנונג פאַר דעם איז אונגליק, יסורים, פערצווייפלונג! פאַר וואָס? דערפאַר וואָס ער איז איהר, אויך אַזוי וויא ראָזאַליען, „געפעלען געוואָרען".

דיא טהיר האָט זיך אַן עפען געטהאָן מיט געוואַלד און זשוליאַן איז אַריינגעקומען, אויסזעהענדיג פירכטערליך. ער האָט געטראָפען ראָזאַליען אויף דיא טרעפּ וויינענדיג און ער איז אַרויפגעלאָפען, טרעפענדיג אַז עפּעס האָט דאָ געמוזט פּאַסירען; ער האָט מורא געהאַט טאָמער האָט זיא זיך אויסגערעדט. דערזעהענדיג דעם גלח איז ער געבליבען שטעהן און האָט געוואָלט מאַכען דעם איינדרוק אַז ער איז רוהיג.

— וואָס איז געשעהן? — האָט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַן אונרוהיגע שטימע.

דער באַראָן, וועלכער איז מיט אַ מינוט צוריק געוועזן אַזוי געפעהרליך אין כעס, האָט איצט געשוויגען. ער האָט געטראַכט וועגען דעם גלח׳ס רייד און וועגען זיין אייגענער אויפפיהרונג. דיא באַראָנין האָט זיך איצט נאָך שטאַרקער צו־וויינט. זשאַנע האָט זיך אויפגעהויבען און האָט געקוקט אויף זשוליאַנען, וועלכער האָט איהר פעראורזאַכט אַזעלכע שרעקליכע יסורים.

— געשעהען איז — האָט זיא ארויסגעשטאַמעלט — געשעהען איז דאָס, וואָס מיר זיינען שוין ניט מעהר אונוויסענד, מיר ווייסען אלעס... אלעס, הערסטו? דיין לומפעריי, דיין פייגע, געמיינע אויפפיהרונג זינט... זינט דעם טאָג וואָס דו ביזט אריינגעקומען אהער אין הויז; אַלעס איז פאַר אונז איצט אָפען. ראָזאַליעס קינד איז דיינס, אַזוי וויא מיין קינד... זיי וועלען זיין ברידער . . .

זיא האָט מעהר ניט געקענט בעוועלטיגען זיך און איז אַנידערגעפאלען אין בעט שרעקליך שלוכצענדיג.

זשוליאן איז געוועזן בעטויבט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ריידען און וואָס צו טהאָן. דער גלח איז ווידער געקומען צו הילף.

— הערט, טהייערע מאדאם, הערט זיך צו; באַדיינקט בעסער און נעהמט זיך ניט אלעס אַזוי צום הארצען.

ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און אַרויפגעלייגט זיין האַנד אויף זשאַנעס שטערען. דיא בעריהרונג פון זיין האַנד האָט עפּעס געשטילט, בערוהיגט — אַ האַנד, וואָס איז שוין געוויינט געוועזן צו בערוהיגען, צו שטילען און בעגאַבט מיט דער געהיימער קראַפט צו מאַכען פיהלען בעסער. דער גלח האָט גערעדט ווייטער:

—מיר מוזען פערצייהען, מאַדאם, איהר ליידעט, דאס איז אמת. אָבער גאט אין זיין באַרעמהערציגקייט האָט אייך געשיקט אַ גרויסע שמחה, צו בעלאָהנען אייך פאַר אייערע יסורים. אייער קינד וועט פאַר אייך זיין אַ טרויסט. און אין זיין נאָמען, אין אייער קינדס נאָמען בעט איך אייך, פערצייהעט אייער מאַן. דאס קינד וועט זיין דער באַנד וואס וועט אייך ביידען צוזאַמענהאַלטען; דאס וועט זיין דיא זיכערהייט פון זיין טרייהייט אין דער צוקונפט. וואָלט איהר דען געקענט לעבען, זייענדיג אויף אימער געשיידט פון דעם פאַטער פון אייער קינד.

זשאַנע האָט ניט געענטפערט. זייענדיג צובראָכען קערפערליך און גייסטיג, האָט זיא קיין כח ניט געהאט אין כעס צו זיין אדער צו פערגעבען.

—פאַרגיב איהם, זשאַנע, טהייערע

—האָט געזאָגט די באַראָנין, וועלכע האט ניט געקענט וויעדערשטעהן דעם איינפלוס.

דער גלח האט גענומען זשוליאַנס האַנד און האָט זי ארויפגעלעגט אויף דער האַנד פון זיין פרוי, געבענדיג זיי אַן איידעלען ריהר אַזוי ווי צונויפשליסען זיי, און ער האט מיט דערזעלביגער מונטערקייט ווייטער געזאָגט:

—אָט אַזוי, גלויבט מיר, אַזוי איז בעסער.

זייערע הענד, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט אויף אַ מאָמענט זיינען באַלד צוריק געפאלען בעזונדער. זשוליאַן האט ניט געוואגט צו קוסען זשאַנען און ער האט אַ קוש געטהאָן די באַראָנין אין שטערען. ער האט דערנאָך אַ נעהם געטהאָן דעם באַראָנס אָרעם און האָט פאָרגעשלאָגען, זיי זאָלען ארויסגעהן אַ רויכער טאָהן.

דער באַראָן איז געוועזן אַזוי גערן וואס אלעס איז איינגעאָרדענט געוואָרן אויף אַ צופריעדענעם אופן און ער האָט שוין פאַרגעסען יעדען כעס געגען זיין איידים. ווען זיי זיינען ארויס איז זשאַנע, אַן ערמיעדעטע, איינגעשלאָפען און דער גלח מיט דער באַראָנין האָבען גערעדט שעפּצענדיג. דער גלח האָט פאָרגעלעגט זיינע פּלענער און די באַראָנין האָט צו אלעס צוגעשטימט.

—אלזאָ, אַזוי בלייבט דאס, דעם

בארוויל הויף שיינקט איהר פאר ראָזאַ־ליען—האָט ענדליך געשלאָסען זיינע רייד דער גלח—און איך וועל שוין פאר איהר אויסזוכען א מאַן. אָה, דאס וועט שוין זיין גאַר ניט אזוי שווער צו געפי־נען. מיט צוואַנציג טויזענד פראנקס נדן וועלען זיך שוין ווייזען גענוג חתנים; עס וועט נור פיעלייכט זיין שווער צו געפינען דעם רעכטען, דעם פּאַסיגען.

דיא באראָנין האָט געשמייכעלט; זיא איז געווען גליקליך, הגם אויף איהר געזיכט איז נאָך געווען דער סליאַד פון טרעהרען.

—אבער גערענקט—האָט זי גע־זאָגט — דער בארוויל מאַיאָנטאַק איז ווערטה לכל הפחות צוואַנציג טויזענד פראנק, און דאס מוז זיין פארשריעבען אויף'ן נאָמען פון'ם קינד; דיא עלטערן זאָלען האָבען נור דיא נוצען דערפון כל זמן זיי לעבען.

דער גלח האָט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן און האָט געגעבען דער באראָנין זיין האנד, זאָגענדיג:

—בעמיהט זיך ניט, באראָנין, בלייבט זיצען; איך ווייס וואס דאס איז; יעדער טריט איז א טרחה.

ארויסגעהענדיג האָט ער זיך גע־טראָפען מיט טאַנטע ליזאַן, וועלכע איז געגאַנגען געוואָהר ווערען זשאַנען. וויא געוועהנליך, האָט זיא גאָרנישט פער־דעכטיגט, אז עס איז עפּעס פאָרגעקו־מען, האָט קיין זאַך ניט געוואוסט און מען האט איהר קיין זאך ניט דער־צעהלט.

מוטערשאַפט און חתונה

ראָזאַליע האָט פערלאָזען די „פּאַפּעל־בויבער" און אויף איהר פּלאַץ איז אַנגעקומען א גרויסע געזונדע פּוי־ערטע, וועלכע האָט געהאָלפען דער באראָנין שלעפּען זיך, ווען זי פלעגט געהן שפּאַציערען אין דיא אלעען פון שלאָס, וואו דער סליאַד פון איהרע שווערע טריט האָט זיך יעדען טאָג איינ־געדריקט אלץ טיעפער.

זשאַנע איז דורכגעגאַנגען דיא שמערצליכע צייט פון שוואַנגערשאַפט. זיא האָט ערוואַרט דאס געבורט פון איהר קינד אָהן פּארגניגען, אָהן איינ־טערעס. נאָך אלץ אונטער דער משא פון איהרע יסורים האָט זיא דערביי מורא געהאַט, אז עפּעס א נייער אונ־גליק זאָל איהר ניט טרעפען.

דער פריהלינג איז געקומען. עס איז נאָך אלץ אָבער געווען קאַלט, אָבער אונטער דיא טויטע בלעטער האָבען זיך נייע שפּראָצונגען אָנגעהויבען צו וויי־זען.

זשאַנע, וועלכע איז עפּעס אלץ נאָך געווען קראַנקליך, פלעגט שפּאַציע־רען אָנגעשפּאַרט אויף איהר פאָטערס אָרעם און טאַנטע ליזאַן, צוטראָגען און צושראָקען פון דער קומענדער עראייג־ניס, די געהיימנים פון וועלכע זי וועט אין איהר גאַנצען לעבען ניט וויסען, האָט געשפּאַציערט ביי דער צווייטע זייט און געהאַלטען זשאַנעס האנד.

זיי פלעגען שפּאַציערען אזוי שטונדען־לאַנג, אלע שווייגענדיג, ניט ארויסריידענדיג קיין וואָרט. און זשו־ליאן, וועלכער האָט עפּעס אָנגעהויבען שטאַרק ליעב צו האָבען צו פאָהרען ריי־טענדיג, פלעגט זיין צייט פערברענגען אין ארומרייטען גאַנצע טעג. דער באַ־ראָן, די באראָנין און זשוליאַן האָבען אויך געמאַכט עטליכע וויזיטען צו בע־נאַכבאַרטע גוט־בעזיצער; זיי האָבען בעזוכט די דע־פאַרווילס, מיט וועלכע זשוליאַן איז עפּעס געוואָרען בעזונדער בעפריינדעט, זיי האָבען אויך געמאַכט נאָך א בעזוך דיא דע־בירזעווילס, וועל־כע האָבען בעצאָהלט צוריק א וויזיט. און ווייטער האָט קיין זאַך מעהר ניט געשטערט דיא לאַנגווייליגע סדרה פון זייער לעבען.

איין נאָכמיטאָג, א זייגער פיער, איז א מאַן און א פרוי געקומען צוריי־טען און זשוליאַן, וועלכער האָט זיי גע־

זעהען, איז אריינגעלאָפען אין זשאַנעס צימער אן אויפגערעגטער און א זאָג געַטאָהן:

—גיבער, גיבער, געה אראָב, דאָס זיינען דיא דע־פארווילס, וועלכע זיינען געקומען געוואָהר ווערען וואס דוא מאַכסט. זאָג זיי, אז איך בין ניטאָ, נור איך וועל באלד זיין צוריק. איך מוז זיך געהן אָנציעהען.

זשאַנע איז געווען איבערראשט. זיא איז אראָבגעגאנגען אויפצונעהמען דיא געסט.

א שעהנע יונגע פרוי, מיט א מעלאנכאָלישען, בלייכען פנים און גרויסע, לייכטענדע אויגען, האָאר דונקעל־בלאָנד האָט פאָרגעשטעלט זשאַנען איהר מאַן. מאָסיע דע־פארוויל איז געווען א מין גבור, מיט גרויסע, רויטע וואָנצעס.

—מיר האָבען זיך געטראָפען מיט אייער מאַן איינינע מאָהל און מיר האָבען פון איהם געהערט, אז איהר זייט ניט געזונד, האָבען מיר בעשלאָסען ניט אָבצולעגען אונזער בעזוך אויף לענגער. מיר זיינען געקומען איינפאך אלס שכנים געוואָהר ווערען וואס איהר מאכט. וויא איהר זעהט, זיינען מיר געקומען אָהן צערעמאָניעס, רייטענדיג. מיר האָבען געהאט דעם פערגניגען צו האָבען א בעזוך פון אייער פאטער און מוטער מיט א פּאָאר טעג צוריק.

די מאדאם דע־פארוויל האָט גערעדט לייכט, פאמיליאר, אָבער זי איז געווען זעהר אדעליג, זעהר ראפינירט. זשאַנע איז געווען בעצויבערט פון איהר און האט איהר גלייך ליעב בעקומען.

—אָט דאָס איז א פריינד—האָט זיא א טראַכט געטאָהן.

דער גראף דע־פארוויל האָט געמאַכט אקוראט א פערקעהרטען איינדרוק פון זיין פרוי. ער איז עפּעס געווען וויא ניט אויף זיין פלאַטץ און האָט זיך געפיהלט אונבעקוועהם. ווען ער האָט זיך אוועק געזעצט האָט ער אוועק געלעגט זיין הוט אויפ'ן שטוהל נעבען איהם און ניט געפינענדיג גלייך וואו אַהין צו טאָהן זיינע הענד, האָט ער זיי צונויפגעלעגט אקוראט וויא אין א געבעט. און דערווייל איז זשוליאַן אריינגעקומען. ער האָט איצט אויסגעזעהען אזוי שעהן פאַרפּוצט, אז זשאַנע האָט איהם ניט דערקענט.

זשוליאַן איז געווען גלאַט ראַזירט, שעהן אָנגעטהאָן און האָט אויסגעזעהען עלעגאַנט, וויא ער האָט אויסגעזעהען פאר דער חתונה. ער האָט בעגריעסט מיט א האַנד־דרוק דעם גראף און געקוסט דיא האַנד דער גרעפין, וועלכע איז דערביי עטוואס רויטליך געוואָרען. דאָס איז גאָר געווען אַן אַנדער זשוליאַן. זיין אמאָליגע פריינדליכע בענעהמונג, זיין געוועזענע העפליכקייט האָט זיך דאָ ווידער געוויעזען; זיינע גרויסע, גלאַנציגע אויגען האָבען בעקומען דעם ווייכען, צערטליכען בליק ווידער. זיינע האָאר, וועלכע זיינען מיט איין ווילע פריהער געווען צושויבערט, זיינען איצט געווען גלאַט פערקאַמט און גלאַנציג.

ווען דיא דע־פארווילס האָבען גענומען אבשיעד, האָט דיא גרעפין א זאָג געטהאָן צו זשוליאַן:

— מיין געעהרטער גראף, וועט איהר מיט מיר אויספאָהרען דאָנערסטאָג?

— איך וועל זעהר גערן זיין, מאַדאַם — האָט זשוליאַן געענטפערט מיט א טיעפע פערנייגונג.

דיא גרעפין האָט אָנגענומען זשאַנעס האַנד און האָט געזאָגט מיט א זיסען שמייכעל:

— ווען איהר וועט געזונד ווערען, וועלען מיר אַלע דריי רייטען צוזאַמען; דאָס וועט זיין ליעבליך!

און אָננעהמענדיג איהר רייט־קלייד האָט זיא לייכט א שפרונג געטהאָן און אריינגעזעצט זיך אין זאַטעל. איהר מאַן איז איהר נאָכגעריטען אויף זיין גרויסען נאָרמאַנישען פערד. ווען זיי זיינען פערשוואונדען פון אויג האָט זשוליאַן א זאָג געטהאָן צו זשאַנען:

— וואָס פאַר צויבערליכע מענשען!

זיי זיינען דיא רעכטע מענשען, מיט וועמען עס איז ווערטה צו זיין בעקאַנט.

— דיא גרעפין איז א פרעכטיגע פערזאָן — האָט איינגעשטימט זשאַנע — איך פיהל, אז איך וועל זיא ליעב בעקומען. אבער איהר מאַן זעהט אויס אזוי אונגעהובעלט! וואו האָסט דוא זיך מיט זיי באגעגענט?

און זשאַנע האָט זיך עפּעס געפיהלט גליקליך פון דעם בעזוך, אליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס.

— איך האָב זיי בעגעגענט אין הויז פון דיא דע־בירזעווילס — האָט זשוליאַן געענטפערט רייבענדיג דיא הענד מיט צופריעדענהייט — איהר מאַן איז א גרויסער יעגער. ער איז אביסעל רוי, אָבער ער איז אן אמת'ער אדעליגער.

ביים מיטאָג זיינען זיי ביידע געוועזען גוט אויפגעלעגט, אזוי וויא א פּלוצלונגער גליק וואָלט געקומען אין זייער לעבען.

ווייטער האָט קיין זאַך ניט פּאַסירט ביז דער ענדע פון מאָנאַט יולי. איין אבענד ווען זיי זיינען געזעסען אונטער דעם שאַטען פון א בוים לעבען א הילצערנעם טישעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען זשוליאַנס פלאַש קאָניאַק, האָט זשאַנע פּלוצלונג א געשריי געטהאָן און איז געוואָרען שרעקליך בלייך. א שניידענדען שמערץ האָט זיא דערפיהלט אין גאַנצען קערפּער אין איינע מינוטען ארום ווידער אמאָל אזא שניידענדען שמערץ, וועלכער האָט שוין געדויערט לענגער פון ערשטען.

מיט גרויס מיה האָט מען זיא, מיט דער הילף פון איהר פאַטער און איהר מאַן, ארויפגעטראָגן צו איהר אין צימער זיא האָט שרעקליך געקרעכצט און יעדע מינוט האָט דאָס איהר נעבויגט אנידערצוזעצען זיך, אזוי וויא עס וואָלט פאַר איהר אונמעגליך געוועזען אויפצוהאַלטען דיא געוויכט פון איהר קערפער. דיא געבורטס־צייט איז נאָך ניט געקומען און זיי האָבען מורא געהאַט, עס זאָל ניט פּאַסירען אַ אונגליק — א פריה־צייטיגע געבורט. מען האָט גלייך געשיקט נאָך דעם דאָקטאָר. ער איז אָנגעקומען אין מיטען נאַכט און האָט גלייך דערזעהען איהר לאַגע. מען האָט זיא אוועקגעלעגט אין בעט. דיא שמערצען זיינען עטוואָס גרינגער געוואָרען, אָבער א פּחד האָט איהר אָנגעכאַפּט, אזוי וויא א פאָראָהנונג פון טויט. דער צימער איז געווען פול מיט מענשען. דיא באַראָנין איז געזעסען אין א פאָטער־שטוהל און האָט שווער געאָטהעמט. דער באַראָן האָט זיך לגמרי פערלאָרען און איז ארומגעגאַנגען פון איינעם צום צווייטען, צוטראָגענדיג אלץ פערשיעדענע קלייניגקייטען, וועלכע מען האָט גאָר ניט געדאַרפט, און ער האָט יעדע מינוט נאָכגעפרעגט זיך ביים דאָקטאָר. זשוליאַן איז ארומגעגאַנגען הין און צוריק, אָבער רוהיג.

ביים צופוסען פון בעט איז געשטאַנען די אלמנה דענטו, מיט א טעמפּען אויסדרוק אויף איהר פּנים אזוי וויא זיא וואָלט פון קיין זאַך ניט זיין געריהרט. זיא איז געוועזען א וואַרטערין, א הייבאַם, א שמש'טע ביי טויטע, אלץ מיט אנאַנדער. זיא פלעגט ארייננעהמען אין איהרע הענד א נייגעבאָרענעם קינד מיט דערזעלביגער גלייכגילטיגקייט האָט איהם געבאָדען, איינגעשטילט, בערוויעגט, און ווען אימיצער פלעגט שטאַרבען, פלעגט זיא דאָרט אויך זיין מיט דעמזעלביגען אויסדרוק אויפ'ן פּנים, הערענדיג דאָס לעצטע וואָרט פון'ם שטערבענדען, זעהענדיג זיין לעצטען אָטהעמצוג. זיא פלעגט דאָס צורעכט מאַכען דיא טויטע, זיצענדיג לעבען בר־מינן ביינאַכט, אויסריכטען איהם צו דער קבורה. דיא קעכין לודווין און טאַנטע ליזאָן האָבען זיך פער־

שטעקט הינטערן טהיר, צוצוהערען זיך און צוצוקוקען.

פון צייט צו צייט האט זשאנע רחמנות'דיג געקרעכצט. פארטאג האט איהר אנגעכאפט נאך א שרעקליכערע שמערץ און זיא האט א טראכט געטאהן וועגען ראזאליע, וועלכע האט גאר אזוי פיעל ניט געליטען און וועמעס אונגע־זעצליך קינד איז עפעס געקומען אויף דער וועלט אהן גרויסע אנשטרענגונגען.

זיא האט זיך פערגליעכען איצט מיט ראזאליען, און אין איהרע יסורים האט זיא געפלוכט גאט, וועמען זיא האט גע־רעכענט פאר א גערעכטיגען; זיא האט געפלוכט די אונגערעכטיגקייט פון שיק־זאל, וועלכער האט איהר דוקא גע־בראכט אזעלכע ליידען. ווען זיא האט זיך אויף אייניגע מינוטען בערוהיגט, האט זיא ניט געקענט אבגרייסען איהרע בליקען פון זשוליאן. א ציטער האט אנ־געכאפט איהר הארץ, ווען איהר איז ארויף אויף'ן זינען, וויא ער האט גע־האנדעלט דעם טאג, ווען ראזאליע האט געבוירען איהר קינד; זיא האט זיך דער־מאנט וויא ער האט אויסגע־זעהען. וויא ער האט זיך בע־נומען. און איצט האט זיא געלעזען אויף זיין פנים דיעזעלביגע איבערדריסי־סיגקייט, דיעזעלביגע גלייכגילטיגקייט וויא דאן — דיעזער בליק פון קאלט־בלוטיגקייט, נאכלעסיגקייט און נור אי־בערדריסיגקייט און אייגענליעבע. פלוצ־לונג איז זיא בעפאלען געווארען פון שרעקליכע ספאזמען.

— איך שטארב — האט זיא א טראכט געטהאן און א ביטערער האס האט אנגעפיעלט איהר הארץ, א האס צו דיעזען מענשען, וועלכער איז געווען דיא אורזאכע פון איהרע יסורים. זיא האט דערפיהלט א שמערצליכען וואונש צו שילטען איהם, פלוכען, פערפלוכען דאס אונבעקאנטע קינד, וועלכעס בריינגט איהר טויט! זיא האט פירכ־מערליך געקעמפפט אייניגע מינוט, און דאן האט חער שמערץ אויפגעהערט; איהרע ליידען זיינען אריבער.

דער דאקטאר און דיא הייב־אם האָ־בען זיך איבערגעבויגען איבער איהר. זיא האט געזעהען וויא זיי נעהמען עפעס אוועק. דאן האט זיא דערהערט דעמ־זעלבען קלעגליכען קול'כעל, וועלכען זיא האט שוין איין מאהל פריהער געהערט; דאס האט אנגעפיעלט איהר הארץ, איהר נשמה, איהר גאנצען וועזען מיט התלהבות, און אונבעוואוסטערהייט האט זיא צועפענט איהרע ארעמס. א געפיהל פון רוהע און פרייד איז איצט געווען אין איהר הארץ. זיא איז געווען גליקליך, אה, וויא גליקליך זיא איז גע־ווען! זיא איז א מוטער! זיא האט גע־בעטען זעהען איהר קינד.

קיין האאר אויף'ן קעפעלע, קליינע נעגעל אויף דיא פינגערלעך — געבארען געווען צו שנעל; אבער ווען זיי האבען איהר דערלאנגט דאס קינד איז איהר שמחה געווען גרויס אהן א שיעור; זיא האט געפיהלט, אז זיא איז א געראטע־ווענע. זיא וועט שוין מעהר קיין יסורים ניט האבען. דאס קליינע קינד איז איהר שיצער פון ליידען.

פון איצט אן וועט זיא שוין קיין אנדער זאך ניט האבען וויא בלויז איין געדאנק — איהר קינד. זיא האט איהם געליעבט פאנאטיש, געפעהרליך! און נאך טהייערער געליעבט דערפאר טאָ־קע, ווייל זיא איז געווען אבגענארט אין איהר ליעבע. זיין וויעגעלע מוז זיין ניט אנדערש וויא תמיד לעבען איהר בעט. און ווען זיא איז בעסער געווא־רען, ווען זיא האט שוין געקענט אויפ־שטעהען, פלעגט זיא זיצען שטונדען לאנג און וויעגען איהם.

זיא איז געווארען אייפערזיכטיג אויף דער אם, און ווען דער קליינינקער האט געשריען נאך דער ברוסט, פלעגט איהר אנכאפען א מין וואהנזיניגער

פערלאַנג ארויסצורייסען איהם פון דיא אָרעמס פון דער אַם און מיט איהרע נעגעל צורייסען דיא ברוסט פון דער פויערטע. זיא אַליין, ניט אַנדערש, האָט געמוזט פּאַרטיג מאַכען יעדע קליידעלע פאַר איהם, זיין גאַרדעראָבע מיט שפּיצען און בענדליך בעפּוצען. איהר האָט ווענינ געקימערט וואָס עס ווערט גערעדט ארום איהר, אָבער זיא פלעגט אָברייסען מענשען פון מיטען זייער געשפּרעך, זיי זאָלען זיך צוקוקען צו א נייעם ציפּיקעל, אַ נייעם בענדעלע, אַ שנירעלע פאַר איהר קינד. יעדע זאַך, וואָס איז געווען פאַר איהר קינד, פלעגט זיא האַלטען אין איהרע הענד מיט ליבע און מיט שטאָלץ, זאָגענדיג:

— וויא שעהן ער וועט אויסזעהען דעריין!

דער באַראָן און דיא באַראָנין פלעגען צערטליך שמייכלען, אָבער זשוליאַן וועמעס געוואָהנהייטען זיינען געווען געשטערט דורך דעם און וועלכער איז געווען אונבעוואוסטערהייט אייפערזיכטיג, וואָס דאָס קינד האָט פערנומען זיין פּלאַץ אַלס הערשער פון הויז, פלעגט אונגעדולדיג און בייז אַלץ אַ זאָג טהאָן:

— וואָס פאַר אַן אַנשיקעניש זיא איז דאָ מיט איהר קינד.

ליידענשאַפטליך איז זשאַנע צוגעבונדען געוואָרען צו איהר קינד; גאַנצע נעכט האָט זיא פערבראַכט וואַכענדיג איבער זיין וויעגעלע, קוקענדיג וויא עס שלאָפט; זיא האָט פון קיין רוה ניט געוואָלט וויסען; זיא איז געוואָרען שוואַך און אָבגעצעהרט און האָט אָנגעהויבען אָפט צו הוסטען. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל דאָס קינד ניט האַלטען לעבען איהר און מען זאָל איהם יעדע נאַכט אריינטראָגען אין דער אַם'ס צימער פיר ביינאַכט אום זשאַנע זאָל קענען שלאָפען. זשאַנע האָט געוויינט, האָט זיך געבעטען מען זאָל דאָס ניט טהאָן, מען זאָל לאָזען דעם קינד לעבען איהר. אָבער איהר געבעט איז געווען אומזיסט. יעדע נאַכט האָט דיא אַם אוועקגענומען דאָס קינד צו זיך אין צימער און זשאַנע פלעגט בלייבען שטעהען לעבען טהיר אַ באָרפוסע און צוהערען זיך צו וויינט ער ניט.

איין נאַכט איז זשוליאַן, וועלכער איז געווען צו אַ מאָהלצייט ביי דיא דע־פאָרווילס, געקומען אהיים זעהר שפּעט, און ער האָט געפונען זשאַנען אין איהר געוועהנליכען פּלאַץ לעבען טהיר פון דער אַם'ס צימער. אויף מאָרגען האָבען זיי זיא פערשפּאַרט אין איהר צימער, זיא זאָל ניט קענען ארויסגעהען און זאָל געצוואונגען זיין צו שלאָפען.

ענדע אויגוסט האָט מען געפּראַוועט דיא טויף־צערעמאָניע. דעם באַראָן און טאַנטע ליזאָ'ן האָט מען מכבד געווען מיט געפאַטערשאַפט און דעם קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבען פּיער סימאָן פּאָול; געברויכט האָט מען נור דעם נאָמען פּאָול. אנפאַנג סעפּטעמבער איז טאַנטע ליזאָן אוועקגעפאָהרען, און זיא איז אוועק פּונקט אזוי שטיל וויא זיא איז געקומען.

איין אָבענד, נאָך'ן עסען, איז דער גלח געקומען צו בעזוך. ער איז געווען עפּעס אין אַ פערלעגענהייט, אזוי וויא עס וואָלט געווען וואָס ביי איהם אויפ'ן הארצען און וואָלט ניט געוואוסט וויא אָנצוהויבען. ענדליך האָט ער אַ בעט געטהאָן דעם באַראָן און דיא באַראָנין זיי זאָלען איהם שענקען אייניגע מינוטען אייפמערקזאַמקייט, ער האָט מיט זיי וואָס צו ריידען פּריוואַט.

זיי זיינען ארויס דרויסען, האָבען שפּאַציערט לאַנגזאַם אונטער דיא פּאַפּעל־בוימער. וועהרענד זשוליאַן האָט זיי פון וויימען נאָכגעקוקט נערוועז, פּאַרדעכטיג, דענקענדיג וואָס קען דאָס

זיין פאַר אַ סעקרעט. ווען דער גלח האָט גענומען אבשיעד האָט זשוליאַן ערקלעהרט, אז ער געהט איהם בעגלייטען ביז'ן קירכע. דער אבענד איז געווען א קאַלטער און אַלע זיינען שוין געווען אין הויז ווען זשוליאַן איז געקומען צוריק.

ער איז געבליבען שטעהן לעבען טהיר, ברענענדיג מיט כעס. ער האָט ניט א טראַכט געטהאַן אפילו טאָמער איז זשאַנע דאָרט און נאָך ניט אריינקומענדיג אין זאאל האָט ער ש אַנגעהויבען לאַרעמען אויף זיין ש.דער און שוויעגער.

— איהר מוזט זיין משוגע, אוועקגעבען דער דיענסט־מיידעל צוואַנציג טויזענד פראַנק!

זיי זיינען געווען אזוי איבעראשט פון דיעזען ארויספאהר פון זייער איידים, אז זיי האָבען קיין ווערטער ניט געפונען. און ער האָט אַנגעהויבען צו שרייען נאָך העכער:

— סיידען איהר זייט פון זינען אראָב, ניט אַנדערש! וואָס ווילט איהר אונז לאָזען אָהן א גראָשען.

דער באַראָן איז ערשט געקומען צו זיך און האָט געזוכט איינצושטילען איהם.

— הער אויף, זשאַנע איז דאָ.

— וואָס געהט דאָס מיך דעראָן, אויב זיא איז דאָ אָדער ניט? — האָט ער געשריען מיט קולות — זאָל זיא הערען. דאָס איז גזלה, דאָס איז רציחה!

זשאַנע איז געווען ערשטוינט און האָט געקוקט פון איינעם צום אַנדערן.

— וואָס איז דאָס אזוינס? — האָט זי געפרעגט שטאַמלענדיג פון איבערראַשונג.

זשוליאַן האָט זיך איצט געווענדעט צו איהר, דערצעהלענדיג איהר מיט עמפּעהרונג: סטיוטש, זיי האָבען געמאַכט א פּלאַן צו פערשלייערן ראָזאַליען און געבען איהר פאַר'ן קינד דעם באַרוויל מאַיאַנטעק, וועלכער איז ווערטה צוואַנציג טויזענד פראַנק.

— דיינע עלטערען זיינען משוגע, מיין לעבען — האָט ער ווידערהאָלט, — משוגע, חסר דעה זיינען זיי! צוואַנציג טויזענד פראַנק! פאַר וועמען? פאַר אַ אונגעזעצליך קינד צוואַנציג טויזענד פראַנק. ניט אַנדערש, אז זיי זיינען צומישטע און האָבען דעם קאָפּ פערלאָרען!

זשאַנע האָט צוגעהערט רוהיג און קאַלט. זיא האָט זיך געוואונדערט אליין אויף זיך וויא איהר קימערט קיין זאַך ניט מעהר, ווייבאַלד דאָס האָט ניט צו טהאָן מיט איהר קינד. דער באַראָן איז געווען אויסער זיך. ער האָט א טופּע געטהאַן מיט'ן פוס און א זאָג געטהאָן.

— דוא בעסער קאָנטראָליר זיך! עס איז דאָך שרעקליך! וועמעס שולד איז דאָס וואָס מיר זיינען מחויב צו בעזאָרגען דאָס מיידעל? וועמעס קינד איז איהרער? און וואָס ווילסטו, אוועקוואַרפען זיא און גאָר אפילו ניט בעזאָרגען? וויא שענדליך!

זשוליאַן איז אביסעל געלאַסענער געוואָרען און האָט שוין אַנגעהויבען מיט א רוהיגער שטימע:

— פונפצעהן הונדערט פראַנק וואָלט אויך געווען איבער גענוג. זיי האָבען דאָ אַלע קינדער פאַר דער חתונה. וואָס איז דיא נפקא מינה צו וועמען דאָס קינד בעלאַנגט. און דער פאַקט אליין, אז איהר שענקט איהר אזא נדן וועט זיך פאַר מענשען ווייזען פאַרדעכטיג און זיי וועלען זיך דערוויסען דעם אמת. איהר האָט דאָך לכל הפחות געדאַרפט א טראַכט טהאָן וועגען אונזער נאָמען, וועגען אונזער שטאַנד.

ער האָט גערעדט שטרענג, וויא א מענש וואָס איז זיכער, אז ער איז אַלע מאָהל גערעכט און זיכער אין דעם וואָס ער רעדט. דער באַראָן האָט ניט געענטפערט אויף

זשוליאַנס שטרענגע אַרגומענטען. און זשוליאַן האָט זיך בענוצט דערמיט.

— עס איז נאָך גוט — האָט ער געזאָגט — וואָס ס'איז נאָך גיט אַלעס בעשלאָסען געוואָרען. איך קען "עס מאַן וואָס וויל חתונה האָבען מיט ראָזאַליען. ער איז אַ וואוילער יונג און מען קען מיט איהם איינשטימיג, און דאָס איז וואָס ער האָט געדאַרפט.

מורא האָבענדיג, אַז עס זאָל זיך ווידער ניט אָנהייבען אַ געשפּרעך וועגען דעם, האָט ער זיך אַ הויב געטהאַן מיט צופריעדענהייט וואָס אַלע שווייגען און איז ארויסגעלאָפען; ער האָט שוין געקענט רעכענען, אַז אַלע זיינען מיט איהם איינשטימיג, און דאָס וואָס ער האָט געדאַרפט.

אזוי גיך וויא ער איז פערשוואונדען איז דער באַראָן ערשט געקומען צו זיך פון זיין איבערראַשונג און ער האָט אויסגעשריען:

— אַ, דאָס איז שוין צופיעל!

זשאַנע האָט אַ קוק געטהאַן אויף איהר פּאַטער'ס בייזען פּנים און האָט אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער — יענער קלאָהרער געלעכטער פון אַמאָל, ווי זיא פלעגט זיך צולאַכען, ווען זיא האָט געהערט עפּעס שפּאַסהאַפטעס.

— האָסטו געהערט, פּאַפּאַ, וויא ער האָט דאָס געשריען: „צוואַנציג טויזענד פראַנקס!"

דיא באַראָנין, וועלכע איז געוועזען פּינקט אזוי שנעל געריהרט צו געלעכטער וויא צו טרעהרען, האָט איצט אָנגעהויבען צו לאַכען צוזאַמען מיט זשאַנען, מיט יענעם הארציגען געלעכטער, וויא אַמאָל. זיא האָט איצט זיך פאַרגעשטעלט איהר איידים'ס בייזען פּנים, זיינע ווילדע ווערטער, זיינע זשעסטיקולירונגען, זיין שטרענגען בעפעהל, אַז מען טאָר דעם אָרעמען מיידעל ניט געבען קיין צוואַנציג טויזענד פראַנקס, געלד וואָס בעלאַנגט גאָר ניט צו איהם. זיא איז געוועזען גליקליך פון קענען הארציג לאַכען און וואָס זשאַנע לאַכט אזוי פרעהלאַך ביז טרעהרען האָבען זיך אָנגעהויבען צו קייקלען פון איהרע אויגען. דער באַראָן איז אויך אָנגעשטעקט געוואָרען פון דעם געלעכטער און ער האָט זיך אויך צולאַכט. אזוי האָבען זיי אַלע דריי געהאַלטען אין איין לאַכען, אַקוראַט וויא אין דיא אַמאָליגע יאָהרען, אין זייערע גליקליכע טעג.

ווען זיי האָבען זיך אַביסעל בערוהיגט פון געלעכטער האָט זשאַנע געזאָגט:

— איז דאָס ניט זאָנדערבאַר, אַז קיין זאַך ווירקט אויף מיר איצט ניט? ער זעהט פאַר מיר איצט אויס אזוי וויא אַ גאַנץ פרעמדער. איך קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אַז איך בין זיין ווייב. דוא זעהסט, איך לאַך, איך לאַך גאָר פון זיין רוהיגקייט!

און דיא דריי, נאָך אַלץ שמייכלענדיג אונוויליג, האָבען זיך צוקוקט מיט הארציגקייט.

אין צוויי טעג ארום, ווען זשוליאַן איז אוועק אויף זיין געוועהנליכען רייטשפּאַציער, האָט זיך אַ געזונדער, פעסטגעבויטער יונגערמאַן, פון אַ יאָהר 25, אָנגעטהון אין אַפּויערישע בלויע בלוזע, שפּאַגעל-נייע און שטייף, אריינגעשאַרט אויף אַזאַן אופן אזוי וויא ער וואָלט וואַרטען פון אין דער פריה אַן אויף אַ געלעגענהייט דערצו. ער האָט אַראָבגענומען זיין היטעל און האָט זיך פערנייגט אונגעלומפּערט. ווען ער איז שוין געוועזען גאַנץ נאָהענט האָט ער צושטאַמעלט זיך.

— דאָס בין איך, דעזירע לעקאָק.

אזוי וויא פון דעם נאָמען האָט דער באַראָן גאָר נישט געקענט וויסען, האָט ער אַ פרעג געטהאַן:

— וואָס פערלאַנגט איהר?

זעהענדיג, אַז מען וויים ניט ווער ער איז און אַז ער דאַרף דאָ געבען אַן

ערקלעהרונג, איז דער יונגער פויער נאָך מעהר צומישט געוואָרען. ער האָט גע־קנייטשט דיא היטעל אין האַנד, און האָט ניט געוואוסט וויא אָנצוהויבען. ענדליך האָט ער אָנגעהויבען:

— זיין היילינקייט, דער גלח האָט מיט מיר גערעדט וועגען דער אַנגעלע־גענהייט — און ער האָט זיך אָבגעשטעלט האַבענדיג מורא צו זאָגען צו פיעל, טאָמער וועט ער אריינפאַלען מיט אַן אונ־פּאַסיגען וואָרט.

דער באַראָן, וועלכער האָט נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען וואָס ער וויל, האָט ווידער אַ פרעג געטהאָן:

— וועלכע אַנגעלעגענהייט? וועגען וואָס רעדט איהר? ערקלעהרט מיר.

און ערשט איצט האָט דער פויער זיך ענטשלאָסען צו ערקלעהרען אין גאַנצען.

— דיא אַנגעלעגענהייט וועגען ראָ־זאַליע — האָט ער געזאָגט אַביסעל שטילער.

זשאַנע, וועלכע האָט געטראָפען וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, איז באַלד ארויס פון צימער מיט איהר קינד אויף דיא הענד.

— קומט אהער, נעהענטער — האָט דער באַראָן איהם צוגערופען און האָט איהם אָנגעוויזען אויף דעם שטוהל, פון וועלכען זשאַנע האָט זיך אויפגעהוי־בען. דער פויער האָט זיך אונבעקוועם עפּעס האַלב־זייטיג אַוועקגעזעצט, זאָ־גענדיג:

— איהר זייט גוטהערציג.

און ער האָט זיך אָבגעשטעלט, אַזוי וויא ער וואָלט מעהר ניט האָבען וואָס צו זאָגען. נאָך אַ לאַנגער פּויזע, האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום באַלקען און האָט עפּעס ארויסגעפּלאַפּעלט:

— מיר האָבען שוין פּאַהאַדע פאַר דיעזער צייט פון יאָהר. דאָס וועט זיין גוט פאַר תבואה. — און ער איז ווידער אַנשוויגען געוואָרען.

דער באַראָן איז געוואָרען אונגע־דולדיג און האָט שאַרף אַ פרעג געטהאָן דעם פויער:

— דאָס הייסט, דוא ווילסט חתונה האָבען מיט ראָזאַליען?

דער פויער האָט ניט ערוואַרטעט אַזוי גלייך דיא פראַגע און האָט מורא געהאַט ער זאָל דאָ מיט עפּעס ניט אריינפאַלען, האָט אָנגעהויבען ענטפערען ניט אהין ניט אהער, וואָס איז אַלע מאָהל כאַראַק־טעריסטיש אין אַ נאָרמאַנישען פויער.

— דאָס ווענדעט זיך, וויא, ס'הייסט עס קען זיין יאָ און עס קען זיין ניין.

דער באַראָן איז געוואָרען אונגע־דולדיג איבער דיעזען קוויינקלען פון'ם פויער און האָט אַ זאָג געטהאָן.

— אַ, צום טייפעל, ענטפער דאָך. ווילסטו זיא נעהמען, יאָ אָדער ניין?

דער יונגערמאַן האָט זיך צושראָקען און האָט זיך אַנידערגעשטעלט.

— אויב איך וועל קריעגען וואָס דער היילינער פאָטער פערשפּרעכט, וועל איך זיא נעהמען; אָבער אויב איך וועל מעהר ניט בעקומען וואָס הערר זשוליאַן זאָגט, וועל איך ניט.

— וואָס האָט הערר זשוליאַן גע־זאָגט?

— הערר זשוליאַן האָט געזאָגט, אַז איך וועל בעקומען אַנדערהאַלבען טוי־זענד פראַנק און זיין היילינקייט האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל בעקומען צוואַנציג טויזענד. פאַר צוואַנציג טוי־זענד וועל איך זיא נעהמען, אָבער ניט פאַר פופצעהן הונדערט.

דיא באַראָנין האָט אונטערדריקט איהר געלעכטער; איהר איז געווען אַמו־זאַנט צו זעהען וויא דער פויער דינגט זיך. דער פויער האָט נעביך ניט פער־שטאַנען, פון וואָס איהר לאַכט זיך דאָס. איז געוואָרען ברוגז און האָט אויף איהר קרום אַ קוק געטהאָן מיט איין ווינקעל פון אויג.

דעם באַראָן איז דיא גאַנצע האַמפּע־

ריי ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט ביזלעך אַ זאַג געטהאָן, וויא אַבגעהאַקט:

— איך האָב געזאָגט דעם גלח, אַז איך וועל דיר געבען דעם באַרוויל מאַיאָנטעק פאַר דיין גאַנצען לעבען, און נאָך דיין טויט זאָל דער מאַיאָנטעק בעלאַנגען צום קינד. ווען איך זאָג אַ וואָרט איז געזאָגט, און קיין חרטה האָבען אויף מיין וואָרט פּאַסירט ביי מיר ניט. דער מאַיאָנטעק איז ווערטה צוואַנציג טויזענד פראַנק. ווילסטו אַזוי אָדער ניט?

דער פויער האָט זיך אונטערטעניגליך אַ בויג געטהאָן און האָט בעקומען אויף איין מאָהל לשון.

— אַ, אויב אַזוי, דאַן זאָג איך ניט ניין. ווען דער רעוורענדישער פאָטער האָט צו מיר גערעדט, האָב איך גלייך איינגעשטימט. דאָס וועט געפעלען זיין דעם פּריץ, האָב איך געקלעהרט, און איך וועל דערביי גאָרנישט צוליינען. אָבער ווען הערר זשוליאַן איז צו מיר געקומען, האָט ער מיר מעהר ניט געבאָטען וויא פונפצעהן הונדערט פראַנק, האָב איך מיך געזאָגט: געה בעסער און געפין אויס וואָס איז וויא. ניט ווייל איך זאָל ניט גלויבען, נור ווייל איך וואָלט וועלען וויסען. געשעפט איז געשעפט, אייער עהרווירדיגקייט!...

דער באַראָן האָט איהם איבערגעשלאָגען, פרעגענדיג:

— ווען ביסטו פאַרטיג חתונה צו האָבען?

דער פויער איז ווייטער געוואָרען אין אַ פערלעגענהייט.

— צו וואָלטען מיר ניט בעסער אָבשרייבען זיך? — האָט ער געזאָגט מיט ישוב־הדעת.

דער באַראָן איז אין כעס געוואָרען.

— צום טייפעל, דוא וועסט דאָך האָבען דעם הייראַטס־קאָנטראַקט. דאָס איז דאָס בעסטע אָבשרייבען זיך.

אָבער דער פויער איז געשטאַנען אויף דאָס זייניגע:

— יע, אָבער אָבשרייבען זיך קען מען דאָך סאַי וויא סאַי. וואָס וואָלט געהויבען פון זיין פּלאַץ דער באַראָן — דאָס וועה טאָהן?

— הער זיך צו — האָט זיך אויפּענטפּער מיר, יאָ אָדער ניין, אָבער גלייך, אויב דוא ווילסט דאָס ניט אָננעהמען, דאַן זאָג אַז דוא ווילסט ניט; איך האָב אַנאַנדער חתן פאַר איהר.

דער געשעפטליכער פויער האָט זיך דערשראָקען פאַר אַ קאָנקורענט; ער האָט דערלאַנגט זיין האַנד דעם באַראָן, וויא עס איז זייער מנהג, ווען מען מאַכט אַ מסחר.

— נו, אַ תקיעת־כף; אָבגעמאַכט.

דער באַראָן האָט אָנגענומען זיין האַנד און האָט אַ רוף געטהאָן:

— לודיווין, דערלאַנג אונז אַ פלאַש וויין.

דיא קעכין האָט אריינגעטראָגען אַ פלאַש וויין און זיי האָבען געטרונקען מזל־טוב אויף דער קומענדער האָכצייט. דער פויער איז ארויס מיט גרינגערע טריט.

זשוליאַנען האָבען זיי קיין זאַך וועגען דעם ניט דערצעהלט. דיא תנאים זיינען געמאַכט געוואָרען אָהן זיין וויסען און איין מאָנטאַג אין־דער־פריה איז געווען דיא חתונה פון ראָזאַליע מיט דעם פויער דעזשע לעקאָק. אַ שכן האָט נאָכגעטראָגען דעם קינד הינטער דער כלה און חתן, ווען זיי זיינען געגאַנגען צו דער חופה אַלס אַ סימן פון געראַטענעם. קיינער איז ניט געווען איבערראַשט; זיי האָבען נור מקנא געווען לעקאָקען, וואָס פאַר אַ גליק איהם איז באַשערט. ער איז געבאָרען געוואָרען אַ גליקליכער, האָבען זיי אַלע גערעדט אַ פינטעל טהאָנ׳דיג דערביי מיט׳ן אויג, אָבער אָהן בייזקייט, אָהן גיפטיגע שטעכיגקייט.

ווען זשוליאַן האָט דערהערט פון דעם מסחר איז פאָרגעקומען אַ שרעקלי־

בע סצענע; ער האט געמאכט אזא סקאנדאל, אז איבער דעם אליין האט דער בראון מיט דער בראנין געמוזט שנעלער פארלאזען „פאפעל־בוימער“. זשאנע איז ניט געווען אזוי טרויעריג דיעזען מאל. איהר קינד איז געווארען דער קוואל פון גליק. דער גאנצער צוועק פון איהר לעבען.

ענטדעקונג און טויט

זשאנע איז שוין אין גאנצען געזונד געווארען, און זשוליאן האט פארגעשלאגען, אז זיי זאלען אבצאהלען דיא דע־פארווילס א וויזיט. און זיי זאלען אויך אבשטאטען א וויזיט דעם מארקיז דע־קאוטעליע. ער האט אויף אן אויקציאן געקויפט א פאעטאן, וועלכער האט מעהר ניט געפאדערט וויא איין פערד, און זיי קענען דאך שוין אויספאהרען צוויי מאל אין מאנאט.

אין איין שעהנעם דעצעמבער־טאג האט מען דעם גרויסען פערד איינגעשפאנט אין דעם נייעם פאעטאן און זשאנע מיט זשוליאן זיינען געפאהרען אויף בעזוך צו דיא דע־פארוויל'ס. דער שלאס „לא־ווריעלעט“ איז געווען ארומגערינגעלט פון איין זייט מיט א גרויסער פיש־סאזשעלקע, און פון אנדער זייט מיט א וואלד פון טאנענבוימער. אום ציצוקומען צום שלאס, איז געווען נויטיג צו קרייצען אן אלטען שלוס־בריק און דאן דורכפאהרען א מאסיווע אייזערנע טויער אין דעם סטיל פון דער צייט פון לואי דעם דרייצעהנטען. דער שלאס אליין איז אויך געווען לויט דער ארכיטעקטור פון דערזעלבער צייט. זשוליאן האט פריהער שוין געשילדערט יעדער טהייל פון שלאס זשאנען, אזוי וויא איינער וואס איז גוט בעקאנט מיט'ן פלאץ.

— קוק נור אן דעם אריינפאהר; איז דאס ניט גרויסארטיג? גיב א קוק אויף דעם בנין, וויא פרעכטיג! דיא גאנצע לענג פון דער אנדער זייט קוקט ארויס צום סאזשעלקע, א ברייטע וואַרענדא פיהרט צו אהין. דארט זיינען פעראנקערט פיער שיפען; צוויי פאר דעם גראף און צוויי פאר דער גרעפין. אויף דער רעכטער זייט, דארט וואו דוא זעהסט דיא פאפעל־בוימער, איז דיא ענדע פון דער סאזשעלקע און עס הויבט זיך דארט אן דער טייך. דאס פיהרט גלייך צו פעקאמפ. דער גראף האט זעהר ליעב צו געהען אויף געיעג ארום דיעזער סאזשעלקע, ווייל דא איז פול מיט וואַסער־עופות. אט דאס רוף איך א שלאס!

דיא טהיר האט זיך געעפענט און דיא בלייכע גרעפין איז ערשיענען. זיא איז דאס ארויסגעקומען בעגעגענען דיא בעזוכער; זיא איז געווען אנגעצויגען אין א וויכען קלייד און האט אויסגעזעהען ווירקליך וויא א גוט־בעזיצערין. א פאסענדעס בילד פאר דער פרעכטיגע ראהם. זיא האט זיי פארבעטען אין עמפפאנגס צימער, א גרויסער זאאל מיט אכט פענסטער, פיער פון וועלכע זיינען ארויס צום וואסער.

דיא גרעפין האט געהאלטען זשאנעס האנד אין איהרע, אזוי וויא זיא וואלט זיא שוין קענען צייט איהר לעבען. זיא האט זיא אוועקגעזעצט און האט זיך אליין צוגעזעצט לעבען איהר אויף א נידער־גען ביינקעל. זשוליאן, וועלכער איז פאר דיא לעצטע פינף מאנאטען געווארען ווידער א פריינדליכער וויא זשאנע האט איהם פון אנפאנג דערקענט, האט געשמייכעלט און האט פאמיליאר גערעדט. דיא גרעפין האט זיך מיט איהם צורעדט וועגען זייערע שפאציערס רייטענדיג. זיא האט געמאכט שפאס פון זיין רייטען און האט איהם א נאמען געגעבען „שאקעלדיגער קאוואַ־

ליער” און ער האט זיא גערופען „דיא צענטורען־קעניגין”. א שאס האט זיך דערהערט אונטער׳ן פענסטער, דאס איז דער גראף געווען אויפ׳ן סאזשעלקע אויף געיעג. זיין פרוי האט איהם גערופען פון פענסטער און באלד האט זיך געלאזט הערען דאס פאטשען פון וועסלעס אויפ׳ן וואסער, דאן וויא דער שיפעל האט זיך אבגעקלאפט אן דער שטיינערנער וואנד און באלד איז ערשיענען דער גראף, נאך וועלכען עס זיינען נאכגעלאפען צוויי הינד. און זיי האבען זיך אויסגעצויגען אויף דעם פאלאוויק פון דרויסען ־ זייט טהיר. ביי זיך אין דער היים האט דער גראף אויסגעזעהען ניט אזוי אונגעלומפערט און ער האט זעהר הנאה געהאט פון זשאנעס און זשוליאנס בעזוך. ער האט געהייסען דיא דיענער אונטערווארפען נאך עטליכע שייט האלץ אין קאמין און אריינברייגנען מאדיירא וויין און צוקער־געבעקס.

— איהר וועט ביי אונז בלייבען צו מאהלצייט, געווים ? — האט ער פלוצלונג א זאג געטהאן. אבער זשאנע, וועלכע האט איהר קינד אויף קיין מינוט ניט געקענט פארגעסען, האט זיך אבגעזאגט. דער גראף איז געשטאנען אויף דאס זייניגע, האט געזוכט איינצוריידען, אבער זיא האט עקשנות׳דיג ענטזאגט זיך פון דעם פערגניגען. זשוליאן האט א מאך געטהאן מיט׳ן האנד אונגעדולדיג. זיא האט שוין דאן געמוסט איינוויליגען אום עס זאל ניט ארויסקומען א קריעגעריי איבער דעם; זיא האט ניט געוואלט אריינברינגען איהם אין כעס, און ניט קוקענדיג דערויף וואס זיא האט געליטען פון דעם געדאנק, אז זיא וועט דא בלייבען שפעט און וועט ניט קענען זעהען איהר פאול ביז אין דער פריה, האט זיא דיא איינלאדונג אנגענומען אום ניט אנצוהויבען זיך מיט איהר בייזען מאן.

זיי האבען דארט פערבראכט אן אנגענעהמען אויף־דער־נאכט. זיי האבען שפאצירט צו דיא וואסערפאלס; זיי זיינען געפאהרען אין א שיפעל; דער גראף האט גערודערט, וויהרענד זיינע צוויי הינד זיינען געזעסען אויף ביידע זייטען פון איהם. זשאנע איז געזעסען אליין און האט פון צייט צו צייט איינגעטונקט איהרע הענד אין׳ם קאלטען וואסער; זיא האט הנאה געהאט פון דער קיהלקייט, וועלכע איז דורכגעלאפען איהר קערפער פון דיעזער בעריהרונג.

זשוליאן מיט דער גרעפין זיינען געזעסען ביים ענדע פון שיפעל, שמייכלענדיג איינער צום אנדערען — יענער אייביגער שמייכעל פון מענשען, וואס זיינען איבערגליקליך. אבענד איז אנגעקומען. דיא אונטערגעהענדע זונן האט געהאלטען אין שנעל פערשווינדען הינטער דיא גיגאנטישע טאנען־בוימער און דער רויטער הימעל האט עפעס אלעמען געמאכט קיהלער קוקענדיג דערויף.

זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אין עמפפאנגס־צימער, וואו א גרויסער פייער האט איצט געברענט אין קאמין. דיא ווארעמקייט איז געווען אן אנגענעהמע און דאס האט זיי געמאכט אלעמען פיהלען מונטער. דער גראף, א גליקליכער, האט א כאפ געטהאן זיין פרוי מיט זיינע פעסטע ארעמס ארום טאליע, האט זיא אויפגעהויבען וויא זיא וואלט געווען א קינד און האט זיא שטארק, קלינגענד אנגעקוסט אויף ביידע באקען. זשאנע האט פרעהליך געשמייכעלט, קוקענדיג אויף דעם גרויסען, גוטמוטהיגען גבור, וועלכען יעדערער האט געהאלטען פאר אן „אנשיקענעס”, און האט געטראכט: וואס פאר א טעות מיך מאכען מאנכע מאל. ניט וועלענדיג האט זיא זיך א קעהר געטהאן און א קוק געטהאן אויף זשוליאן, און דער אויסדרוק פון זיין פנים האט איהר

דערשראָקען. ער איז געשטאַנען אין טהיר, שרעקליך בלייך און זיינע אויגען אויסגעשטעלט אויפ'ן גראַף.

— ביסטו קראַנק ? — האָט זשאַנע א פרעג געטהאָן — וואָס פעהלט דיר ?

— אה, קיין זאַך ניט — האָט ער געענטפערט מיט כעס — איך האָב זיך פאַרקיהלט. לאָז מיך צופריעדען.

ווען זיי זיינען געגאַנגען צום עסען, האָט דען גראַף געבעטען ערלויבניס אריינצונעהמען זיינע הינד אין עסס־צימער. ביידע הינד זיינען געלעגען ביי איהם פון ביידע זייטען, דערהערענדיג מיט דיא עקען און סקאווינצענדיג מיט בעזונדער צופריעדענהייט. דער גראַף פלעגט זיי צוואַרפען א ביסען יעדע ווייל און לאשצען זיי איבער דיא גלאַטע אויערן.

באלד נאָכ'ן עסען איז דער גראַף צוגעשטאַנען צו זיי און געבעטען זיי זאָלען זיך פאַרברייננגען א ווייל און זיי וועלען זעהען וויא ער פאַנגט פיש ביי פאַקעל־בעלייכטונג. ער האָט זיי אוועקגעזעצט אויפ'ן וועראַנדא, האָט זיך אַליין אריינגעזעצט אין א שיפעל, נאָך וועלכען עס איז נאָכגעפאָהרען א דינער מיט אַן אָנגעצונדענעם פאַקעל און געפיהרט א נעץ. דאָס ליכט פון'ם ברענענדען פאַקעל האָט געוואָרפען משונה'דיגע שאָטענס אויף דיא בוימער, און דער גראַף, שטעהענדיג אין שיפעל, האָט אויסגעזעהען וויא א פאַנטאַסטישער גיגאַנט. ער האָט אויפגעהויבען דיא נעץ, וועלכע ער האָט געהאַלטען, און זיינע אויפגעהויבענע הענד האָבען אויסגעזעהן אַזוי וויא זיי וואָלטען וועלען דערלאַנגען דיא שטערען. ער האָט דאַן אראָפּגעלאָזען דיא נעץ און דיא דריי, זיצענדיגע אויף דער ווערענדא האָבען דערהערט א פּליוך אין וואַסער; דער אָבשלאָג פון הערוועזשאַזעף־זשערמער דע־וואַרנעוויל זיין שאָטען האָט זיך געזעהען אויפ'ן וואַנד פון שלאָס.

— גילבערט — האָט זיך דערהערט דעם גראַף'ס שטימע — איך האָב געכאַפּט אכט שטיק.

אין א ווייל ארום איז ער שוין געווען צוריק אויף דער ווערא:נדא, בעגלייט פון זיין דינער מיט דעם פאַקעל און ער האָט א וואַרף געטהאָהן זיין נעץ. ענדליך האָבען זשאַנע און זשוליאַן גענומען אבשיעד; זיי האָבען זיך איינגעוויקעלט אין שאַלען און דעקעס, וועלכע זייערע פריינד האָבען זיי אויסגעליהען.

— וואָס פאַר א גוטער יונג דער גיגאַנט איז — האָט זשאַנע א זאָג געטהאָן צו זשוליאַנען.

— יאָ, אָבער ער וויים ניט וויא אויפצופיהרען זיך, ווען פרעמדע זיינען דא — האָט זשוליאַן געענטפערט.

אין א וואָך ארום זיינען זיי געפאָהרען בעזוכען דיא דע־קאַטעליערס, וועלכע זיינען געווען גערעכענט אלס די אַנגעזעהענסטע פאַמיליע אין דעם גאַנצען געגענד. זייער נייער שלאָס רעמיניל, וועלכער איז געבויט געוואָרען איז דער צייט פון לואי דעם פערצעהנטען איז געווען פערשטעקט הינטער א פּרעכטיגען פאַרק און דער פאַרק איז געווען ארומגערינגעלט מיט געמויערטע ווענד. אויפ'ן בארג האָבען זיך געזעהען נאָך דיא חורבות פון'ם אלטען שלאָס. דינער אין גלענצענדע ליווּרען האָבען אויפגענומען דיא געסט און אריינגעפיהרט זיי אין א גרויסען שטאַטליכען זאַאל, אין מיטען פון וועלכען עס איז געשטאַנען א מין פּעדעסטאַל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַן אונגעהייער גרויסע וואַזע. אויפ'ן פונדאַמענט פון דיעזער וואַזע, איז געווען א ראַהם, אין וועלכען עס איז געווען איינגעפאַסט אַן אויטאָגראַפישער בריעף פון דעם קעניג, איז וועלכען ער בעט דעם מאַרקיז לעאָפּאָלד־

דע־ראַלעבאַסק דע־קאַטעליע אַנצונעמען פון זיין פּאַטער דיזע מתנה.

זשאַנע און זשוליאַן האָבען פערהערליכט דיזע קעניגליכע מתנה, ווען דער מאַרקיז און זיין פרוי זיינען אריינגעקומען. דיא מאַרקיזעס האָאַר זיינען געווען געפּודערט. זי איז געווען פריינדליך דורך דער געוואָהנהייט פון העפליכע מאַניערען. זיא האָט זיך געוויזען גנעדיגליך־גוט צו זיי, אָבער מיט אזא איידעלקייט, אז עס האָט געמאַכט א גוטען איינדרוק. דער מאַרקיז איז געווען גרויס, דיק; זיינע ווייסע האָאָר זיינען געווען פערקאַמט ארויף־צו; זיינע בעוועגונגען, זיין שטימע, זיין גאַנצע האַלטונג איז געווען מיט גאוה, מיט גדלות, אזוי וויא ער וואָלט מיט אלעם געוואָלט מאַכען אן איינדרוק אויף דיא בעזוכער וואָס פאַר א וויכטיגע פּערזענליכקייט ער איז. דאָס זיינען געווען מענשען, וואָס זיינען שקלאַפען פון דער עטיקעטע. זייערע געדאַנקען, זייערע האַנדלונגען, בעוועגונגען, מאַניערען, זיינען געווען תמיד פּינקטליך, קאָרעקט. זיי האָבען געהאַלטען א שטענדיגען געשפּרעך, ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער; זיי האָבען געשמייכעלט זייענדיג גלייכגילטיג, אזוי וויא זיי וואָלטען ערפילט א פליכט, וועלכע איז נויטווענדיג פאַר זייער שטאַנד, ווען זיי נעהמען אויף מיט העפליכקייט אדעליגע פון דער נאַכבאַרשאַפט.

זשאַנע מיט זשוליאַנען האָבען זיך געגעבען דיא מיה צו מאַכען א גוטען איינדרוק, אָבער געפיהלט האָבען זיי זיך דאָרט ניט יום־טוב'דיג. זיי האָבען מורא געהאַט צו בלייבען צו לאַנג און זיי האָבען דאָך ניט געוואוסט אויב עס פּאַסט שוין צו נעהמען אבשיעד און וויא זיי זאָלען אנהויבען אוועקגעהן. אָבער דיא מאַרקיזע אליין האָט געמאַכט א סוף צו זייער וויזיט; זיא האָט פּשוט אָבגעהאַקט דעם געשפּרעך אין מיטען, אזוי וויא א קעניגין לאָזט אָב העפליך אַן אונטערטהאַן.

געהענדיג אהיים האָט זשוליאַן א זאָג געטאָהן:

— אויב דיר וועט זיין אנגענעהם וועלען מיר מעהר וויא דיא דע־פאַרווילס ניט בעזוכען; פאַר מיר זיינען זיי גענוג.

זשאַנע איז געווען מיט איהם איינפערשטאַנען.

דער מאָנאַט דעצעמבער איז געווען זעהר לאַנגווייליג. דאָס איז געווען אלץ דערזעלבער לעבען זיצענדיג אין הויז, אזוי וויא ער איז געווען לעצטען יאָהר. זשאַנע האָט אָבער ניט געפיהלט לאַנגווייליג, זיא האָט געהאַט איהר פאָול וועגען וועמען צו טראַכטען דיא גאַנצע צייט. זשוליאַן האָט אויסגעזעהען דיא גאַנצע צייט אונצופריעדען און איז געווען פערדריסליך ווען נור ער האָט א קוק געטאָהן אויף דעם קינד. צייטענווייז ווען זשאַנע האָט געהאַלטען דעם קינד אויף דיא הענד מיט יענעם אָנפאַל פון צערטליכקייט, וועלכער פּאַסירט מיט אלע מוטערס, פלעגט זיא קושען. האָלובען איהם און אויסשטרעקען איהם צו זשוליאַנען, זאָגענדיג:

— פאַר וואָס קוסט דו איהם ניט? עס זעהט אויס, אז דו ליעבסט איהם ניט!

זשוליאַן פלעגט דאַן, געגען זיין אייגענעם ווילען, צובויגען זיך און א ריהר טאָהן דעם קינד'ס שטערען מיט זיינע ליפּען און אליין אָברוקען זיך ווייטער, אזוי וויא מורא האָבענדיג, אז דאָס עופה'לע זאָל זיך ניט אנכאַפּען פאַר איהם מיט דיא הענטלאַך. ער פלעגט דערנאָך גלייך אָבטרעטען, אזוי וויא דער אָנבליק פון קינד וואָלט איהם אָבשטויסען.

פון צייט צו צייט פלעגען דיא דעלאַמאַרס איינלאַדען צו מיטאָג דעם בירגערמייסטער פון דער נאָהענטער

שטעדטעל, דעם גלח, און דעם דאָקטאָר. אמאָל אויך דיא דע־פּארווילס, מיט וועלכע זיי זיינען וואָס וויימער געוואָרען אלץ אינטימער בעפריינדעט. דער גראַף דע־פּארוויל האָט זעהר ליעב געהאַט דעם קליינעם פּאָול. ווען ער פלעגט מיט דער פרוי קומען צום בעזוך אין דיא „פּאַפּעל בוימער" פלעגט ער נעהמען פּאוּלען אויפ'ן שוים און פלעגט זיך מיט איהם שפּיעלען; אמאָל פלעגט ער איהם אזוי אבהאלטען דעם גאַנצען נאָכמיטאָג אויף זיין שוים. ער פלעגט איהם האלטען אזוי פאָרזיכטיג, אזוי צערטליך, אַז עס האָט געמאכט אַן איינדרוק וויא ער וואָלט מורא האָבען, אַז דעם קינד וועט וועה טאָהן, ווען ער נעהמט איהם אַן מיט זיינע גרויסע, שטאַרקע הענד; ער פלעגט איהם קיצלען דעם נעזעל מיט זיינע וואָנצעס און צייטענווייז צוכאַפּען זיך קושען איהם ליידענשאַפטליך. זיין איינציגע שטענדיגע זאָרג איז געווען, וואָס גאָט האָט זיי ניט געבענשט מיט קינדער.

דער מאָנאַט מערץ איז געקומען, קלאָהר און שעהן; עס איז געווען כמעט גאר אזוי וויא שוין פריהלינג. מאַדאַם גילבערט, גרעפין דע־פּארוויל האָט ווידער אָנגעהויבען שמועסען מיט זשוליאַנען וועגען אויספאָהרען רייטענדיג צוזאַמען.

זשאַנע, וועלכע איז געווען אַ ביסעל מיעד פון דיא לאַנגע מאָנאָטאָנע טעג און נעכט, האָט צוגעשטימט צו בעטהייליגען זיך אין דיא רייט־שפּאַצירען. אַ גאַנצע וואָך האָט זיא זיך אמוזירט מיט פערפערטיגען אַ רייט־קאָסטיום פאַר זיך. דאַן האָבען זיך אָנגעהויבען די עקסקורסיאָנען. זיי האָבען אַלע מאָהל געריטען פּאָאַרווייז, דיא גרעפין מיט זשוליאַן פאָראויס און דער גראַף מיט זשאַנען נאָך זיי, אַ פּוס הונדערט אָבגעווייטערט. דיעזע ביידע פלעגען זיך שמועסען שטיל, רוהיג, וויא צוויי אַלטע גוטע פריינד. זייערע איינפאַכע און עהרליכע נאַטורען האָבען סימפּאַטיזירט איינע מיט דער אַנדערע, און מחמת דעם טעם זיינען זיי געוואָרען שטאַרקע פריינד.

דיא אַנדערע צוויי פלעגען ריידען סודות, שעפּצענדיג, און צייטענווייז אויסברעכען אין שטאַרקען געלעכטער. דאַן פלעגען זיך ווידער זייערע בליקען באַגעגענען, אזוי וויא דיא אויגען וואָלטען ריידען אַזעלכע זאַכען, וואָס זייער צונג קען ניט ארויסזאָגען, און זיי פלעגען אוועקגאַלאָפּירען, אזוי וויא פּלוצלונג בעפאַלען מיט אַ וואַהנזיניגען וואונש צו אַנטלויפען; זיין ווייט פון אימיצענס אויגען. אַמאָהל פלעגט גילבערטעס געררייצטע שטימע קלינגען פון ווייטען, און דער גראַף פלעגט זיך דערביי אַ ווענד טהאָן צו זשאַנען מיט אַ שמייכעל און זאָגען:

— מיין פרוי איז ניט אימער גוט אויפגעלייגט.

איין נאַכט, פאָהרענדיג אהיים, איז דיא גרעפין געווען מעהר אויפגערעגט אַלס אימער. זיא האָט צוואָגט איהר פערד און דאַן מיט איין מאָהל איהם אָבגעשטעלט.

— זייט פאָרזיכטיג אום גאָטעס ווילען — האָט זשוליאן ווידערהאָלט איהר איינינגע מאָהל — אייער פערד וועט זיך צוטראָגען.

— וואָס אַרט דאָס מיך! עס איז ניט אייער עסק — האָט זיא געענטפערט. איהרע ווערטער האָבען געקלונגען שאַרף און קלאָהר אין דער שטילער לופט. דער צורייצטער פערד האָט אָבגעזעצט צוריק און איהם האָט געשלאָגען פּינע פון מויל. דער גראַף איז געוואָרען אונרוהיג.

— זיי דאָך פאָרזיכטיג, גילבערטע! — האָט ער צו איהר אַ געשריי געטהאָן.

אָבער דיא גרעפין, וויא אויף צו להכעיס, האָט געגעבען איהר קלאַטשע ווידער אזא שמיץ מיט איהר רייט־בייטש איבער'ן קאָפּ, אַז דיא קלאַטשע האָט אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אָבגעזעצט צוריק, האָט זיך אַ שטעל געטהאָן

דיבאָם און האָט זיך דערנאָך א לאָז געטהאָן איבער׳ן וועג מיט א געפעהרליכען גאַלאָפּ. איבער פעלדער און לאַנקעס איז זיא געפלויגען, אזוי געפלויגען, אז מען האָט ניט געקענט דערקענען פערד און רייטער.

זשוליאַן איז געווען פּאַראַליזירט פון שרעק. ער איז געשטאַנען אויף איין פּלאַץ, רופענדיג אונמעכטיג: מאַדאַם! מאַדאַם!

דער גראַף האָט זיך א בויג געטהאָן אין א מינוט איבער זיין גרויסען נאָרמאַנדישען פערד און געבענדיג איהם א זעץ מיט דיא שפּאָרענס און א העצע מיט זיין שטימע, איז ער פערשוואונדען אין א מינוט, גאַלאָפּירענדיג נאָך זיין פרוי. זשאַנע האָט נאַכגעקוקט וויא ער איז פערשוואונדען אין דער ווייט. דאַן איז זשוליאַן צוגעריטען צו זשאַנע און האָט א זאָג געטהאָן מיט א בייזער שטימע:

— זיא איז היינט משוגע הפּנים.

לאַנגזאַם זיינען זיי געריטען אויף זייערע פערד טאָמער וועלען זיי בעגעגענען זייערע פריינד. אין א מינוט ארום, האָבען זיי בעגעגענט זיי רייטענדיג צוריק און זיי זיינען געריטען צוזאַמען. דער גראַף איז געווען רויט און בעדעקט מיט שוויים, אָבער ער האָט אויסגעזעהען גליקליך; ער האָט פרעהלאָך געשמייכעלט און האָט מיט זיין פעסטער האַנד געהאַלטען דעם צוים פון זיין פרוי׳ס פערד. ער האָט טריאומפירט, גילבערטעס פּנים איז געווען בלייך און איינגעפאַלען. זיא איז געווען אַנגעלעהנט אויף איהר מאַנס שולטער אזוי וויא אָט אָט וועט זיא פאַלען אין אונמאַכט. פון דעם טאָג אָן האָט זשאַנע געוואוסט, אז דער גראַף איז וואַהנזיניג פערליעבט אין זיין פרוי.

דעם פאָלגענדען מאָנאַט איז דיא גרעפין געווען פרעהליכער איידער ווען עס איז פריהער, זינט זשאַנע האָט זיא געקענט. זיא פלעגט אָפט קומען אין פּאַפּעלבוימער צו בעזוך און איז אַלע מאָל געווען מונטער און האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכען פון פרייד. עס פלעגען איהר אַנכאַפּען פלוצלונגע אָנפעלע פון אזא גליק, אז זיא פלעגט זיך צוכאַפּען קוסען זשאַנען, אזוי וו״א א מיסטיריעזער גליק וואָלט עפּעס געקומען פלוצלונג אין איהר לעבען. איהר מאַן איז געווען גליקליך צו זעהען וויא גליקליך זיא איז און האָט פון איהר דיא אויגען ניט אראָבגענומען; יעדער מינוט פלעגט ער זוכען אָנצוריהרען איהר האַנד, איהר קלייד. איין אָבענד האָט ער א זאָג געטהאָן צו זשאַנען:

— איך בין איצט איבערגליקליך. גילבערטע איז קיין מאָהל פריהער אזוי גוט געווען. זיא ווערט איצט קיין מאָל ניט אין כעס וויא עס פלעגט פּאַסירען מיט איהר פריהער; איהר כאַראַקטער איז איצט א שטילער, רוהיגער; איך פלעג אַלץ צווייפלען אויב זיא ליעבט מיך, אָבער איצט ווייס איך אז יאָ.

זשוליאַן האָט זיך עפּעס אויך געענדערט. ער איז געווען פרעהליכער, פריינדליכער; אזוי וויא דיא פריינדשאַפט צווישען דיא צוויי פאַמיליען וואָלט געבראַכט גליק און פריעדען פאַר זיי אַלעמען.

א פריהער און בעזונדער וואַרעמער פריהלינג איז געווען דעם יאָהר און זשאַנע האָט עפּעס געפיהלט זאָנדערבאַר. צייטענווייז ביי דעם איין אַנבליק פון א קליינע בליהמעל, פלעגט זיא זיך זיסס פערחלום׳ען; שטונדען גאַנצע פלעגט זיא אזוי מעלאַנכאָליש טרוימען. אין איהר נשמה האָבען זיך וויעדערהאָלט טרוימעריש־זיסס דיא ערינערונגען פון איהרע ערשטע טעג פון ליעבע. דאָס איז ניט געווען מחמת דעם וואָס איהר ליעבע צו זשוליאַנען האָט זיך אָבגערופען צוריק, אָה, ניין, דאָס איז לאַנג פערשוואונדען אויף אימער. אָבער איהר גאַנצעס וועזען איז געווען זאָנדערבאַר געריהרט, עפּעס אזוי וויא א נייער, צערטליכער געפיהל וואָלט אין איהר ערוואַכט. זיא איז געווען גערען צו זיין אַליין; זיא האָט אין גאַנצען געוואָלט איבערגעבען זיך צו דיא וואַרעמע שטראַהלען פון זוהן.

איין פריהמאָרגען, ווען זיא איז גע־

ווען אין איהר געוועהנליכען טרוימעריי־שען צושטאנד, האט זיך איהר פארגע־שטעלט עפעס פאר איהרע אויגען — א מין פאנטאזיע, א פארשטעלונג פון יע־נעם פלאץ אין וואלד לעבען עטרעטאט, ווען דער יונגערמאן, וועלכען זיא האט דאן געליעבט האט צום ערשטען מאהל גערעדט צו איהר דיא זיסע ווערטער פון ליעבע. דאס איז געוועזן דארט דער פלאץ, וואו זיא האט געטרוימט פון א גלענצענדער צוקונפט און פון דער פער־ווירקליכונג פון איהרע האפנונגען. נאך איין מאהל האט זיך איהר געוואלט זע־העו יענעם פלאץ; דאס איז געוועזן א מין עולה־רגל זיין, א מין הייליגער בע־זוך אויף דעם יום־טוב פלאץ פון איהרע אמאליגע געפיהלען; עס האט זיא גע־צויגען, וויא דער אנבליק פון פלאץ אליין וועט ברייננען אן ענדערונג אין איהר לעבען.

זשוליאן איז נאך אין דער פריה אוועק פון דערהיים; זיא האט ניט גע־וואוסט וואוהין. זיא האט געלאזט אנ־זאטלען איהר קליינעם ווייסען פערד און איז אוועק מאכען דעם הייליגען בעזוך. עס איז געוועזן א שעהנער, פרעכטיגער, קלאהרער טאג; איינער פון יענע טעג ווען דיא גראז, דיא בוימער, אלעס איז רוהיג, שטיל, אזוי וויא דיא גאנצע נא־טור וואלט געוועזן אין א הרעמעל. זשא־נע איז לאנגזאם געריטען; דער קליינער ווייסער פערד איז זיך געגאנגען טריט ביי טריט זיא איז געוועזן גליקליך אין איהרע טרוימען.

זיא איז געריטען אראב דעם טהאל, וועלכער פיהרט צום ים; איז דורכגע־ריטען דיא פעלזען־ארקע, וועלכע מען האט גערופען דער טויער פון עטרעטאט און פון דארט געריטען צום וואלד, אויס־צוגעפינען דעם פלאץ. נאך וועלכען עס האט אזוי געבייקנט איצט איהר הארץ. זיא האט געוואנדערט רייטענדיג איבער פערשיעדענע וועגען און שטעג־לעך, אבער האט דעם פלאץ בשום אופן ניט געקענט געפינען.

פלוצלונג, ווען זיא האט געדראפט איבערקרייצען א ברייטען שליאק, האט זיא דערזעהען פון ווייטען צוויי געזא־טעלטע פערד, צוגעבונדען צו א בוים. זיא האט זיי באלד דערקענט.

דאס זיינען געוועזן זשוליאנס און גילבערטעס רייט־פערד. זשאנע איז גע־ווען אביסעל מיעד פון איהר איינזאמ־קייט און די אונערווארטעטע בעגעגע־ניס האט איהר דערפרעהט. זיא האט א שפארען געטהאן איהר פערד אום צו־צורייטען צו זיי. ווען זיא איז געקומען צום פלאטץ, וואו די צוויי פערד זיינען געשטאנען אזוי געדולדיג, וויא זיי וואל־טען שוין געוועזן געוועהנט צו לאנגע פעריאדען פון ווארטען, האט זי א רוף געטאהן. אבער זיא האט קיין ענטפער ניט בעקומען. א פרויען־האנד־שוה און צוויי רייט־בייטשען זיינען געלעגען אויפ'ן גראז.

—אט דא זיינען זיי געוועזן — האט זיא געטראכט — און זיי זיינען מסתמא אבגעגאנגען אביסעל ווייטער.

זיא האט אויפגעווארט און געוואונ־דערט זיך, ווען עס זיינען אריבער פונפצעהן, צוואנציג מינוט, וואו קענען זיי דאס זיין. זיא איז אראבגעשטיגען פון פערד און האט זיך אנגעשפארט אן א בוים. צוויי קליינע פויגעלעך זיינען אראבגעפליוגען און זיינען צוגעקומען גאנץ נאהענט וואו זיא איז געשטאנען. זי איז געשטאנען אזוי רוהיג, אז דיא פויגעלעך האבען זי ניט געזעהען. דער „ער"־פויגעל איז ארומגעשפרונגען ארום דער „זי"־פויגעלע, האט אנגעבויגט דאס קעפעלע און האט ארומגעטענצעלט סוויטשערענדיג. זשאנע האט זיי נאכ־געקוקט און האט געטראכט:

—איך האב פארגעסען, עס איז פריהלינג.

דאן איז אן אנדער געדאנק איהר ארויף אויפ'ן זינען, א מין פערדאכט האט זיך ערוועקט אין איהר. זיא האט ווידער א קוק געטאהן אויף דער האנד־

שוה, אויף דיא רייט־בייטשען און אויף דיא פערלאָזענע פערד; זיא איז שנעל ארויפגעשפרונגען אין זאָטעל און איז אוועק געריטען שנעל. זיא האט א שפּאָרען געטאָהן איהר פערד און האָט גאלאָפּירט אויף דעם וועג צוריק. און פאָהרענדיג, האט זיא געטראכט און ארגומענטירט מיט זיך אליין. זיא האט פערבונדען איין פאקט מיט אַן אנדערן — א גאנצע רייהע פון פאקטען. וויא האָט זיא דאס פריהער ניט געזעהען? וויא האט זיא געקענט זיין אזוי בלינד ביז איצט? וויא אזוי האָט זיא דאס ביז אהער ניט פערשטאנען די מאָטיווען פון זשוליאנס שטענדיגע רייט־שפּאצירען, פון זיין אויספּוצען זיך גאָר וויא אין אמאָליגע טעג פאר זייער חתונה; זיינע קאָקעטישע בענעהמונגען, זיין פריינדשאפט און זיין גוטסקייט? זיא האָט זיך איצט דערמאָהנט אויף דער ענדערונג אויך אין גילבערטעם כאראקטער; איהרע פלוצלינגע אָנפעלע פון צערטליכקייט, פון ליעבליכקייט; איהר בעזונדערע נערוואזיטעט, און ענדליך יענע פלוצלינגע ענדערונג אין איהר וואס האָט געמאכט איהר מאָן אזוי גליקליך!

זי האָט אָבגעשטעלט איהר פערד, ווארום דאס שנעלע גאלאָפּירען האָט איהר געשטערט צו טראכטען מיט א סדר, צו טראכטען ערענסט. אין אייניגע מינוטען ארום האָט זיא געוואונען צוריק איהר רוהיגקייט. קיין אייפערזוכט און קיין האסס איז ביי איהר ניט געווען אין הארצען, נור פעראכטונג. זיא האט אפילו ניט געטראכט וועגען זשוליאן; וואס ער זאָל ניט טאָהן, וויא ער זאל ניט האנדלען וואָלט זיא שוין מעהר ניט איבערראשט ווערען; אָבער דיא פאלשקייט, דער פערראטה פון דער גרעפין, פון איהר פריינדין, האט זיא שטארק אויפגעבראכט. איז ווירקליך אין דער וועלט קיין זאך ניטאָ וויא בלויז פערראטה און פאלשקייט?

אָבער זיא האט בעשלאָסען צו בעהאלטען איהרע געפיהלען. פון איצט אָן וועט זיא פארשליסען איהר הארץ פון אלעמען און פון אלעס, בלויז איהר פאול און איהרע עלטערן וועלען זיין ביי איהר אין הארצען. אלעס אנדערע וועט זיא אויסהאלטען. אריבערטראָגען אזוי שטיל וויא נור מעגליך.

אזוי גיך וויא זיא איז געקומען אהיים האָט זיא גענומען איהר פאול אויף דיא הענד, איז אוועק מיט איהם צו זיך אין צימער און האָט איהם א שטונדע נאָכאנאנד געקוסט אָהן אָן אויפהער. זשוליאן איז געקומען צום עסען. ער איז געווען בעזאָנדערס אויפגעלעגט, ליעבליך, א נחת צו זעהען.

—וועלען דיינע עלטערען ניט קומען צו בעזוך גאָר האי־יאהר? —האָט ער א פרעג געטאָהן זשאנען.

זשאנע איז איהם אזוי דאנקבאר געווען פאר דיעזער פראגע, אז זיא האָט כמעט פארגעסען אפילו איהר ענטדעקונג אין וואלד. א דרינגליכער פערלאנג צו זעהען איהרע עלטערן האָט אָנגעפילט איהר הארץ; זיי זיינען איהר געווען דיא טהייערסטע נאָך איהר קינד. דעם גאנצען אבענד האָט זיא פארנומען מיט שרייבען זיי, בעטענדיג זיי, אז זיי זאָלען זיך אונטעראיילען מיט זייער בעזוך, זאָלען קומען וואס שנעלער.

זיי האָבען געענטפערט, אז דעם צוואנציגסטען מאי קומען זיי, און דאס איז ערשט געווען דער זיעבעטער מאי. זשאנע האָט אָנגעהויבען צעהלען דיא טעג מיט אונגעדולד. ניט דערפאר, ווייל זיא האט געברענט מיט אזא פערלאנג צו זעהען זיי, נור ווייל זי האָט געוואָלט אויסגיסען דאָס הארץ. פאר קיינעם ניט, אָבער פאר זיי -- מיט זיי קען זיא דאָך הארציג ריידען; זיא קען זיך פערטרויען פאר זיי אלס פאר גוטע, עהרליכע מענשען, וועמעס האנדלונגען, וועמעס געדאנקען, וועמעס פערלאנגען זיינען ריין, אונפארפלעקט, א חוץ שוין וואס זיי זיינען איהרע עלטערן. זיא האט זיך אויסגעלערענט צו זיין פארשטעלט מיט אנדערע, אָבער פאר זיי וואָלט זי דאָך געקענט זיין אָפענהערציג. זיא פלעגט בעגריסען דיא גרעפין מיט אָפענע

ארעמס און שמייכלענדיג. זי האט איצט נור געפיהלט דיא איינזאמקייט, זיין ווייט פון אלעמען, א מין פעראכטונג צו אלעמען. מיט יעדען טאָג האָט זיך דיזער געפיהל געשטארקט אין איהר. און ווען מען פלעגט איהר קומען דערצעהלען וועגען פערשיעדענע קלאנגען וואס געהען ארום אין דער נאכבארשאפט, האָט דאס איהר בלויז אָבגעקעלט, געווען איהר איבערדריסיג, ווייטער ניט.

מאסיע גוילארדס טאָכטער האָט געהאט א קינד און אין גיכען וועט מען פראווען איהר חתונה. די דיענסט פון דיא מארטינס און דיא 15 יאהריגע מיידעל, זייער שכנה, זיינען שוין אויך אויף דער צייט. די אָרעמע, הינקעדיגע אלמנה, וועלכע מען רופט מיט׳ן צונאָמען „שמוץ“ ווייל זיא איז אזוי ברודנע, איז אויך אין אזא צושטאנד. יעדען טאָג האט מען איהר געבראכט אנדערע „פּאָטשטען“. דער פריהער, זעהר ווארעמער פריהלינג האָט, ווי עס ווייזט אוים, גערייצט די ברואים אזוי וויא די פלאנצען.

זשאנע, וועמעס הארץ איז געווען צובראָכען, וועמעס זינליכקייט און ליידענשאפט איז געווען טויט, וועמעס סענטימענטאלע נאטור איז געווען בלויז פול פון עקזאָלטירטע טרוימען, פלעגט זיך וואונדערן און איז געווען עמפּעהרט פון דיעזע פאסירונגען. זיא האָט פערהאסט געלבערטע, אָבער ניט דערפאר וואס זיא האָט פון איהר אוועקגענומען איהר מאַן, נור דערפאר וואס זיא אויך איז פערזונקען געוואָרען אין זומפּ. זיא איז ניט געווען פון יענעם מין, וועלכער איז איבערוועלטיגט פון ניעדריגע תאוות; זי איז געווען גאָר פון אן אנדער נאטור. וויא וואָלט זיא דען געקענט אריינפאלען אויף דעמזעלבען אויפ׳ן ווי דיעזע ברואים?

אין דעם טאָג, ווען זיא האָט ערווארט, אז דיא עלטערן וועלען קומען, האָט זשוליאן ווידער ארויסגערופען אין איהר עקעל און אבשטוים מיט א מעשה, וואס ער האָט איהר דערצעהלט מיט גרוים געלעכטער; ער האָט איהר דערצעהלט עפּעס וויא א גאנץ נאטירליכע געשיכטע, אז מיט א טאָג פריהער, ווען עס איז ניט געווען קיין באַק־טאָג האָט פאסירט עפּעס ביים בעקער. דער בעקער האָט דערהערט עפּעס א גערודער אין אויווען, האָט ער געמיינט, אז דאָס האָט א קאץ פערבלאָנדזשעט אהין; אָבער אָנשטאָט א קאץ האָט ער געפונען זיין ווייב, וועלכע „האָט דאָרט געבאקט קיין ברויט חלילה.“

—נו האָט דער בעקער פערמאכט די אויווען—האָט געענדיגט דערצעהלען זשוליאן — און זיי זיינען דאָרטען שיער אָבגעבראָטען געוואָרען אויף טויט. איהר קליינער איינגעל האָט אליין געזעהען וויא זיי זיינען אהין אריינגעקראָכען און האָט געווארענט די שכנים. נו, לעזט זיך דאס ניט, וויא א פאבעל פון לא־פאנטען.

ווען דיא קארעטע איז צוגעפאָהרען צום טהיר און זשאנע האָט דערזעהען איהר פאָטער׳ס פנים אין פענסטער, האָט זיך איהר הארץ א צאפּעל געטהאָן; זיא האָט דערפיהלט, אזא קינדערשע שמחה, אזא צערטליכקייט צו איהר׳ע עלטערן, וואו זיא האָט נאָך קיין מאָל פריהער ניט געפיהלט. אָבער אָט איז איהר מוטער ארוים פון קארעטע, און ווען זיא האָט דערזעהען איהר מוטער, וויא פארעלטערט, וויא קראנק זיא זעהט אוים, האָט איהר ווי א דונער־שלאָג געטראָפען, אז זיא איז שיער געפאלען אין אונמאכט. דיא באראָנין האָט אויסגעזעהען אזוי וויא מיט צעהן יאָהר עלטער פאר דיעזע זעקס מאָנאט בלויז וואָס זיא האָט איהר ניט געזעהען. און אזא קראנקליכע געשטאלט, אזא פערלאָשענקייט אין די אויגען, אז דאָס הארץ האָט געריסען קוקענדיג אויף איהר. זיא האָט שוין גאָר קיין כח ניט געהאט צו האלטען זיך אויף דיא פיס.

נאָך דעם וויא זשאנע האָט זיי בעגלייט אין זייער צימער, איז זיא אריינגעלאָפען אין איהר אייגענעם צימער, וואו קיינער האָט איהר ניט געשטערט און האָט זיך שרעקליך צואוויינט. ווען זיא איז ארוים צוריק צו דיא עלטערן

זיינען איהרע אויגען נאָך אַלץ געווען נאַס פון טרעהרען. דער פאָטער האָט זי בעגעגענט און זיא האָט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען און האָט אויסגעשריען:

— אה, פּאַפּאַ, וויא שרעקליך מאַמאַ האָט זיך געענדערט! זאָג מיר, וואָס האָט מיט איהר פּאַסירט? וואָס איז געשעהען?

אָבער דער באַראָן איז געווען איבערראַשט פון איהרע פראַגען. ער, וועלכער איז געוועהנט געוואָרען יעדען טאָג צו זעהען זיין פרוי, זייענדיג שטענדיג מיט איהר, האָט גאָר ניט בעמערקט דיעזע שרעקליכע ענדערונג.

— וואָס דאַכט זיך דיר, זשאַנע? —האָט ער געפרעגט — איך זעה ניט קיין אונטערשיעד; זיא האָט אימער געליטען, און זיא איז, דוכט זיך, ניט ערגער אַלס שטענדיג.

זשוליאַן האָט אָבער יא באַמערקט דיא ענדערונג און ער האָט זיך אבענדס אָבגערופען צו זשאַנען:

— דיין מוטער זעהט אוים שרעקליך. זיא מוז זיין זעהר קראַנק.

און וויעדער האָט זשאַנע אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

— אָט הויבט זיך אָן — האָט ער אונצופריעדען אַ זאָג געטהאָן — איך האָב ניט געזאָגט, אַז זיא שטאַרבט שוין. דוא האָסט אימער ליעב צו מאַכען זאַכען ערגער וויא זיי זיינען. זיא האָט זיך זעהר געענדערט, דאָס איז אַלעס, און דאָס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך פאַר אַ פרוי אין איהרע יאָהרען.

נאָך אַ וואָך צייט האָט זשאַנע זיך שוין צוגעוואָהנט צו איהר מוטער'ס אויסזעהען און צו איהר צושטאַנד. זעלטען פלעגט מען איצט זעהען אַ שמייכעל אויף דער באַראָנינס געזיכט; זיא האָט קיין מאָל מעהר שוין ניט געלאַכט. בלויז איהרע אויגען האָבען נאָך קלאָהר געזעהען, וויטער זיינען אַלע גליעדער געווען אין אַ קראַנקהאַפטען צושטאַנד. אָפט פלעגט זיא בעטען, אַז מען זאָל איהר דערלאַנגען איהר „סאַוועניר־קעסטעל". זיא פלעגט פון דאָרט ארויסנעהמען פּעקלעך אַלטע בריעף, וואָס זיינען איהר זעהר טהייער געווען און זיא פלעגט שטונדען־ווייז זיי לעזען. ווען זי פלעגט זיין אַליין, פלעגט זיא מאַנכע פון דיעזע בריעף קוסען געהיים, מיט אַ מין פערהייליגונג, אַזוי וויא מען קוסט אַ בינטעל האָאר, וואָס איז געבליעבען פון אַ טהייערסטע אַלס אַנדיינקונג.

צייטענווייז פלעגט זשאַנע זיא געפינען וויינענדיג. זיא פלעגט צושטעהן דאַן צו דער מוטער מיט פראַגען:

— מאַמינקע, טהייערע, וואָס איז דיר?

דיא באַראָנין פלעגט זיך אָבזיפּצען און פלעגט נור ענטפערן:

— קיין זאַך ניט, טאָכטערל; דיזע אַנדיינקונגען מיינע האָבען אויף מיר געווירקט. איך האָב זיך דערמאָהנט אויף זאַכען, וועלכע זיינען אַזוי טהייער מיין האַרצען און וועלכע זיינען שוין פערביי, אויף אייביג פערביי. ווען דו טראַכסט וועגען מענשען, וועלכע דוא האָסט שוין אין גאַנצען כמעט פערגעסען, דוכט זיך, אַז אָט זעהסטו זיי וויעדער, הערסט זייערע רייד, און דאָס צונעהמט אַזוי דאָס האַרץ. דאָס זיינען געפיהלען, וועלכע דוא קענסט נאָך איצט ניט וויסען, דוא וועסט אַמאָל, שפּעטער דאָס פיהלען.

אין איין שעהנעם פריה־מאָרגען, ווען דער באַראָן איז ניט געווען צו הויז און דיא באַראָנין האָט געפיהלט עפּעס בעסער, האָט זשאַנע גענומען אויף דיא הענד איהר פּאָול און האָט אוועקגעשפּאַצירט איבער דיא פעלדער, קוקענדיג דאָס אויף איהר קינד און דאָס אויף דיא בלומען. זיא האָט אָנגעהויבען צו טרוימען פון איהר קינדס צוקונפט. וואָס וועט ער זיין? זיא וואָלט אַזוי וועלען עס זאָל פון איהם זיין אַ גרויסער מאַן, אַ וויכטיגע פערזענליכקייט. אָבער ניין, זאָל ער בעסער זיין אַ שטילער, געוועהנליכער מענש, דאַן וואָלט ער זיין שטענדיג לעבען איהר; דיא וועלט וואָלט איהם ניט אָברייסען פון איהר, און ער וועט זיא שטענדיג און צערטליך ליעבען, זיין איהר איבערגעבען. זיא האָט איהם געליעבט מיט אַ מוטערליכער איי־

גענליעבע; זיא האט געוואונשען, ער זאל בלייבען איהר זוהן און מעהר ניט. און צייטענווייז פלעגט איהר פערשטאנד שטרייטען געגען איהר הארץ און פלעגט פערלאנגען ער זאל דוקא אויסוואקסען א גרויסע פערזאן.

אזוי איז זיא געזעסען איצט פערטראכט, ווען זיא האט פלוצלונג דערהערט וויא אימיצער רופט זיא; זיא האט זיך א הויב געטהאן און ארומגעקוקט זיך, ערשט זיא האט דערזעהען, וויא מאריוס לויפט איבער'ן פעלד צו איהר. ווען ער איז שוין געווען גאנץ נאהענט, האט זיא דערהערט וויא ער שרייט:

— מאדאם, מאדאם, דיא באראנין איז זעהר שוואך געווארען.

זשאנע האט דערפיהלט וויא א שוידער איז איהר איבערגעלאפען איבער'ן לייב. זיא איז געלאפען אהיים אזוי שנעל וויא דיא פיס האבען איהר געקענט טראגען. זיא האט שוין פון ווייטען געזעהען וויא א רעדעל מענשען שטעהען אונטער א בוים ניט ווייט פון הויז. זיי האבען אבגעטראטען, מאכענדיג פאר איהר א וועג און זיא האט דערזעהען ווי איהר מוטער ליגט אויף דער ערד און קישעלעך אונטערגעלייגט איהר צוקאפענס. איהר פנים איז געווען שווארץ, איהרע אויגען געשלאסען און איהר ברוסט האט זיך ניט באוועגט. דיא דיענסט האט צוגענומען דעם קינד פון זשאנעס הענד און איז אבגעטראטען מיט איהם. זשאנע האט מיט ערשראקענע בליקען געפרעגט:

— וואס האט פאסירט? לויפט נאך'ן דאקטאר, שנעל. וויא איז זיא דאס דא? איז זיא אומגעפאלען?

דער גלח איז שוין דא אויך געווען. אימיצער האט זיך איינגעקעהרט צו לויפען נאך איהם.

— מען דארף זיא אריינטראגען אין הויז און אוועקלייגען אין בעט — האט דער גלח געזאגט צו דיא ארומיגע.

זיי האבען זיא אריינגעטראגען אין איהר צימער און אריינגעלייגט אין בעט. דיא אלמנה דענטו איז דא שוין אויך געווען, אזוי וויא זיא וואלט דערשמעקען דעם טויט. אימיצער איז געלאפען נאך'ן דאקטאר, און דיא אלמנה דענטו האט א מורמעל געטאהן צום גלח:

— ניטא וואס צו בעמיהען זיך, זיא איז טויט.

דער דאקטאר איז געקומען, האט אלעם אויסגעפרעגט און האט נור געקענט זאגען צו זשאנען.

— פאסט זיך, מאדאם, איך האב מורא... איך רעכען, אז אלעם איז פערביי.

זשאנע האט א הויב געטאהן דיא הענד אין דער הויך און איז אנידערגעפאלען אויף איהר מוטער'ס קערפער. אין דער מינוט איז זשוליאן אריינגעקומען. ער האט ניט געוואוסט און עס איז פאר איהם געקומען אונערווארטעט.

—איך האב געוואוסט, אז זיא וועט ניט לאנג ציהען — האט ער נור געזאגט און ער האט כלומר'שט א וויש געטאהן דיא אויגען, אזוי וויא ער וואלט אין אמת'ן געוויינט.

ער האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע, האט זיך איבערגע'צלמ'ט און האט עפעס געשעפצעט. אין אייניגע מינוטען ארום האט ער זיך אויפגעהויבען, האט אנגענומען זשאנען אונטערן האנד און האט זיא געוואלט אויפהויבען. אבער ער האט ניט געקענט. זיא האט געהאלטען ארומגענומען איהר מוטער'ס קערפער פעסט אין איהרע ארעמס און האט זיא בעדעקט מיט קוסען. עס האט אויסגעזעהען וויא זיא וואלט פערלארען איהר זינען, זיי האבען ענדליך מיט גוואלד געמוזט זיא אבּרייסען פון'ם טויטען קערפער.

אלעס אין הויז האט זיך איצט פערוואנדעלט אין טרויער. נאכט איז אנגעקומען. דער גלח איז צוגעגאנגען צו זשאנען און אנגעהמענדיג איהר

האנד האָט ער געזוכט זיא צו טרייסטען. ער האָט גערעדט וועגען דער פערשטאָרבענער ליבענדיג איהר אנדיינקונג, מיט דיא אָנגענומענע טרויער פון דיא, וועלכע עס האָבען פרנסה פון טויט. ער האָט איהר פאָרגעשלאָגען צו זיצען מיט איהר לעבען דער פערשטאָרבענער און פערברייינגען דיא גאנצע נאכט אין בעטען פאר איהר נשמה.

זשאנע האָט וויינענדיג אָבגעזאָגט זיך דערפון. זיא האָט געוואָלט זיין אליין, לחלוטין אליין מיט איהר מוטער.

— אָבער דאָס איז דאָך אונמעגליך — האָט געזאָגט זשוליאן — איך וועל אויך זיין מיט דיר צוזאמען.

זשאנע איז ניט געווען אים שטאנד איצט צו האמפּערען זיך, אָבער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: „ניין!“ און ווען זיי זיינען צוגעשטאנען מעהר מיט איינרעדענים, האָט זיא געענטפערט:

— דאָס איז דאָך מ י י ן מוטער. לאָזט מיך, איך וויל בלייבען אליין מיט איהר.

דער דאָקטאָר האָט זיי אָבגערופען און האָט זיי איינגעראמט וויא א סוד שטילערהייט:

— זיא איז צו נערוועז, האמפּערט זיך ניט צו פיעל מיט איהר. זאָל זיין אזוי וויא זיא וויל. דיא דיענסט קען זיין אין דע רשטיל אין צווייטען צימער.

דער גלח מיט זשוליאנען האָבען זיך אין הארצען אין אמת'ן דערפרעהט דערפון. זיי האָבעןביידע געטראכט, וויא זאָל עפּעס פּאסירען אזוי אז זיי זאָלען קענען שלאָפען בעסער דיא נאכט אונגעשטערט. דער גלח האָט זיך געשטעלט אויף דיא קניע אין געבעט איידער ער האָט פערלאָזען דעם צימער, און ארויסגעהענדיג האָט ער געזאָגט מיט דיזעלבע פרומקייט וויא ער האָט מתפלל געווען:

— זיא איז געווען א הייליגע.

זשוליאן, וועלכער האָט ערשט אָבגעגעסען זיין אבענד מאָהל צייט, איז צוגעגאנגען צו זשאנען און האָט וויך געפרעגט:

— וועסטו עפּעס פיעלייכט נעהמען אין מויל אריין?

— ניין — האָט זיא געענטפערט.

— ווילסט דו דאָך, איך זאָל דיך לאָזען אליין? — האָט ער א פרעג געטאָהן דערלאנגענדיג איהר זיין האנד.

— יא, לאָז מיך — האָט זיא געענטפערט אונוויליג אָננעהמענדיג זיין האנד.

ער האָט איהר א קוס געטאָהן אין שטערען און האָט געזאָגט שטיל:

— איך וועל אלע ווייל ארייינקומען — און ער איז ארויס.

דיא אלמנה דענטו איז אויך נאָך איהם ארויס פון צימער און האָט זיך אוועקגעזעצט אין צווייטען רום דרעמלען.

זשאנע איז געבליעבען אליין, האָט פערמאכט דיא טיהר, האָט ברייט צועפענט ביידע פענסטער. א זיסער גערוך פון דיא פריש-אָבגעשניטענע היי האָט א בלאָז געטאָהן פון דרויסען און האָט געצערטעלט איהר פנים. וואָס פאר אן איראָניע פון שיקזאל. איהר האָט דאָס פערדראָסען און זיא איז גלייך אוועק צוריק צו איהר מוטער'ס טויטען קערפּער. זיא האָט זיך אין איהר גוט איינגעקוקט. עס האָט אויסגעזעהען אזוי וויא דיא מוטער וואָלט בלויז ריהיג שלאָפען. א גאנצע מאסע עראינערונגען האָבען זיך פלוצלונג ערוועקט אין זשאנעס געהירען.

זיא געדיינקט וויא איהר מוטער פלעגט קומען אין מאָנאסטיר איהר בעזוכען, וויא זיא פלעגט איהר בריינגען א גאנצען זעקעל צוקער-געבעקס. איהרע ווערטער, איהרע גרימאסען, איהרע בליקען האָט זיא זיך איצט דערמאָהנט. און איצט — —

זי איז טויט! — וויא דאס וואָלט פלוצלונג איהר ערשט איצט געגעבען א קלאַפּ אין קאָפּ. דיזער טויטער קערפּער איז דאָס איהר מוטער, איהר טהייערע, ליעבע מוטער. און זיא וועט שוין מעהר ניט ווייזען איהר ליעבען שמייכעל, וועט

מעהר ניט בעגריסען זיא אין־דער־פריה: „גוט מאָרגען זשאַנינקע.“ זיי וועלען זיא אריינלייגען אין א טרונע, וועלען פאַרשלאָגען מיט נעגעל און וועלען אראבלאָזען אין דער ערד, און דאן — אלעס פערביי; זיא וועט איהר שוין מעהר קיין מאָהל ניט זעהען!

איז עס מעגליך? נאָך עטליכע שטונדען בלויז קען זיא קוקען און בעטראכטען דעם פנים פון איהר ליעבע מוטער, און נאָך דעם וועט שוין קיין זאַך פון איהר ניט פערבלייבען, מעהר ניט וויא עראינערונגען וועגען איהר. זיא איז געפאַלען אויף דיא קניע מיט א הארצ־ברעכענדען שלוכצען: „א, מאַמאַ, מאַמאַ, מיין אונגליקליכע, גוטע מאַמאַ!“

זיא האט געפיהלט, אז זיא פערליערט איהר פערשטאַנד אזוי וויא אין דער נאכט ווען זיא איז א נאַקעטע, א באָרפיסע געלאָפען אין שניי. זיא האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום פענסטער. דיא קיהלקייט פון דער נאכט האט אויף איהר געאטהעמט מיט פרישע לופט, און די שטילקייט פון דער נאכט, דיא ריחות פון דיא פריש־געשניטענע היי האט זיא געשטילט און זיא האט ווייך געוויינט, געוויינט מיט דער שטילקייט פון א קינד פארן איינשלאָפען. ווידער איז זיא צוגעגאנגען צום בעט און אנגענומען איהר מוטער'ס האנד, אזוי וויא דאס וואלט געווען דיא האנד פון א קראנקער. א גרויסער אינזעקט, צוגעצויגען פון דער ברענענדער ליכט, איז אריינגעלאָפען אין צימער און האט ארומגעשוועבט פון איין ווינקעל צום אנדערן. זשאַנע האט נאָכגעקוקט דעם אינזעקט א ווייל און האט באלד וועגען דעם פארגעסען. דער טיק־טאַק פון א זייגער האט געצויגען איהר אויפמערקזאמקייט. דאס איז געווען איהר מוטערס זייגעריל, אנגעשפילעט אן איהר קלייד, וועלכע מען האט נאכלעסיג אוועקגעלייגט אויף א שטוהל; דער זייגעריל געהט נאָך, און איהר מוטער'ס הארץ קלאַפּט שוין ניט מעהר. זיא האט א קוק געטאהן אויפ'ן זייגער; ערשט האלב נאָך צעהן. א שוידער האט זיא פלוצלונג אנגעכאפט ביי דעם געדאנק, אז זיא וועט דאָ בלייבען אליין די גאנצע נאכט.

און דאן האבען זיך דיא געדאנקען ווידער א מיש געטאהן: איז דען אין דער וועלט מעהר ניטאָ, וויא צרות, יסורים און טויט? און איהר זיינען ארויפגעקומען אויף דיא געדאנקען איהרע צרות, וואס זיא האט דורכגעלעבט: וועלכע ענטוישונגען, ראזאליע, גילבערטע. א, אלעס איז בלויז פאלשקייט, נאררעריי און יסורים. וואס בלייבט איהר אין לעבען אויסער יסורים און טרערען? וואו וועט זיא געפינען רוהע, סיידען אויך ווען דיא נשמה וועט זיך בעפרייען פון גוף. דיא נשמה! און וואו איז דיא נשמה פון דיעזען קאַלטען, אונבעוועגליכען קערפער? וואו איז איהר מוטער'ס נשמה? אפשר דאָ נאָהענט, אין צימער, שוועבט ארום דעם לעבלאזען קערפער? פלוצלונג האט זיא דערפיהלט אזוי וויא אן אטהעם, א גייסט וואלט ארומשוועבען ארום איהר. איהר האט אנגעכאפט אזא פחד, אז זיא האט ניט געוואגט א ריהר צו טאָהן זיך פון פלאַץ, אן אטהעם צו טאָהן, אדער א קוק טאָהן אן א זייט. איהר הארץ האט געקלאפט אזוי וויא אָט אָט וועט זיא פּלאַצען.

דער אינזעקט האט ווידער אנגעהויבען צו שוועבען און זשאנען האט געוואָרפען אין שרעק, אבער זיא האט זיך איינגעקוקט, האט זיך איבערצייגט, אז דאס איז אן אינזעקט און זיא האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו איהר מוטער'ס שרייב־טישעל. א זיסער, אנגענעהמער און זאנדערבארער געדאנק איז איהר ארויף אויפ'ן זינען. זיא וועט לייענען דיא בריעף, דיא אלטע בריעף, וועלכע איהר מוטער האט געהאלטען אזוי טהייער. עפּעס וויא א היילינגע



פּלוטצלונג האָט זיך אַ חשד ערוועקט אין דזשאָנעס געדאַנקען.

זאָך פאר דעם אָנדיינקען פון איהר מוטער וואָלט זיא דאָס געטאָהן. פיעלייכט זיינען דאָס דיא בריעף פון איהר באָבען און זיידען צו איהר מוטער. וואָס פאר א היילינע אָנדיינקונג!

זיא האָט געעפענט דעם שרייב-טיש, האָט ארויסגענומען פון טיש-קעסטעל עטליכע פעקלעך, אָבגעבלאקירטע, פארגעלטע פאפיער, נעט פארבונדען. מיט א פארעהרונג האָט זיא זיי גענומען, אוועק געלייגט אויף איהר מוטער׳ס בעט, לעבען קערפער, האָט זיך געזעצט און אָנגעפאנגען לעזען. דער ערשטער בריעף, וואָס זיא האָט געעפענט, איז געוועזן געווענדעט „צו מיין ליעב קינד“ — אז אַנדערער „מיין ליעבע אדעלאאידע.“ דיא בריעף זיינען געוועזן פול מיט צערטליכקייט און מיט הונדערטע איינצעלהייטען, קליינינקייטען, אלץ וועגען מענשען און נעמען, וועלכע זיינען איהר אזוי פרעמד. אָ, מען דארף זיי אוועקלייגען אין קבר, אזוי וויא בלומען.

אז אנדער פעקעל האָט זיא אז עפען געטאָהן און האָט אָנגעהויבען לעזען איינעם נאָכ׳ן אנדערן: „איך קען ניט לעבען אָהן דיר, איך ליעב דיך ביז וואהנזינן“ און קיין אונטערשריפט. זיא האָט א קוק געטאָהן דעם אדרעסס: „צו דער בארא־נין „לע פערטואַ-דע-וואו“, ווידער איינעם האָט זי געעפענט און געלעזען: „קום היינט ביינאכט אזוי גיך וויא ער געהט אוועק; מיר וועללען האבען א שטונדע א גאַנצע. איך פערגעטער דיך,“ דאן אז אנדערער: „איך האָב פערבראכט א וואהנזיניגע נאכט, אומזיסט האָפענדיג און ערווארטענדיג דיך. דוא ביסט געוועזן אין מיינע ארעמס, מיינע ליפען האָבען בעריהרט דיינע, און דאן האָב איך געפיהלט וויא ארויסצושפרינגען פון פענסטער ביי דעם געדאנק, אז אין דערזעלבער שטונדע ביסט דוא אין זיינע ארעמס.“

זשאַנע איז געוועזן צומישט. צו וועמען זיינען דיזע ווערטער געוועזן אדרעסירט? אלץ אזעלכע ליעבעס-ערקלעהרונגען אויך אין דיא וייטערע בריעף און אונטען אונטערגעשריעבען: „זיי זיכער צו פארברענען דיזע בריעף“ און דער נאָמען „פאול ד׳ענעמאר.“ איז דאָס דער, וועמען דער בארָאן, איהר פאָטער פלעגט שטענדיג דערמאָהנען אלס „מיין אלטער פריינד פאול“ און וועמעס וייב איז געוועזן איהר מוטער׳ס בעסטער פריינד?

פלוצלונג האָט זיך א חשד ערוועקט אין איהרע געדאנקען. און באלד איז דער חשד געוואָרען אז איבערצייגונג. דיזער מאן איז געוועזן איהר מוטער׳ס געליעבטער! זיא איז אויפגעשפרונגען און האָט א וואָרף געטאָהן דיא ליעבעס־בריעף אזוי וויא אָבשפרינגענדיג פון א שלאנג און זיא האָט אויסגעבראָכען אין א שרעקליך געוויין.

דאָס האָט זיא אזוי צובראָכען, געטריבען אין אזא פערצווייפלונג, אז זיא איז געזונקען צו דער ערד. זיא האָט ביטערליך געשלוכצעט, בעהאלטענדיג

איהר געזיכט אין דיא הענד, אז עס זאָל זיך ניט הערען איהר כליפען.

זיא וואָלט אזוי געבליבען אויף דער ערד וויינענדיג דיא גאנצע נאכט, אָבער טריט האָבען זיך דערהערט אין דעם נאָהענטען צימער און זיא האָט זיך אויפגעהויבען. אפשר איז דאָס איהר פאטער און דאָ זיינען צוואוואָרפען דיא בריעף אויפ׳ן בעט און אויף דיא דילען; ער וואָלט נור גערארפט אויפהויבען איינעם פון זיי און איבערלעזען און ער וואָלט דאן דערוויסען זיך שוין וועגען אלעס! זיא האָט שנעל אויפגעהויבען דיא בריעף: דיא וואָס זיינען געוועזן פון איהר מוטער׳ס געליעבטען, דיא וואָס זיינען געוועזן פון איהרע עלטערן, דיא וואָס זיא האָט געלעזען און דיא וואָס זיא האָט ניט געלעזען, וויא אויך דיא וואָס זיא האָט נאָך גארניט אויפגעבונדען און האָט זיי אלע אריינגע־

וואַרפען אין קאמין ; דאן האָט זיא גענומען דיא ליכט און האָט זיי אונ־טערגעצונדען. ווען זיי זיינען אלע פארברענט געוואָרען און עס איז פון זיי מעהר ניט געבליעבען וויא א הייפעל אש, האָט זיא זיך צוריק אוועקגעזעצט לעבען פענסטער ; זיא האָט ניט ענטשלאָסען זיך צוצוגעהען וויעדער צו דער מוטער. זיא האָט וויעדער פארדעקט איהר פנים מיט ביידע הענד און האָט געקלאָגט :

— א, מיין אונגליקליכע מאמא, מיין אונגליקליכע מאמא !

א שרעקליכער געדאנק איז איהר ארויפגעקומען. וויא וואָלט זיין ווען איהר מוטער וואָלט ניט געווען טויט ; אויב זיא איז דאָס נור איינגעשלאָפען און וועט זיך אויפכאפּען. וואָלט דאן די שרעקליכע ענטדעקונג פון איהר גע־היימניס ניט צושטערען דיא ליעבע צו איהר ? וואָלט זיא דען געקענט קוסען איהר מוטער מיט דערזעלבער איבערגע־בענהייט, מיט דיזעלבע הייליגע גע־פיהלען וויא ביז איצט ? ניין ! דאָס וואָלט זיין אונמעגליך. דיעזער גע־דאנק האָט איהר פעראורזאכט גענוג הארצווייטאג.

דיא נאכט האָט אָנגעהויבען צו פארשווינדען ; דיא שטערען האָבען כמעט אין גאנצען זיך שוין בעהאלטען און דיא לבנה איז שנעל געזונקען צום ים. זשאנעס געדאנקען האָבען זיך א קעהר געטהאָן צו דער צייט, ווען זיא איז ערשט אָנגעקומען אין פאפעל־בוי־מער. זיא איז דאן אויך דיא גאנצע נאכט געזעסען לעבען פענסטער, אָבער אונטער גאנץ אנדערע אומשטענדען. וויא אלעס איז אנדערש געווען ; וויא אנדערש האָט אויסגעזעהען דיא צו־קונפט !

עס האָט שוין געטאגט, — א פרעכטיגער פריה־מאָרגען, און זשאנע האָט זיך געוואונדערט וויא עס האָט געקענט מעגליך זיין, אז אין אזא פרעכטיגען טאָג, אין אזא פראכט פון דער נאטור זאָל קיין גליק, קיין פרייד ניט זיין אויף דער ערד. א גערויש פון אימיצען עפענדיג דיא טהיר האָט זיא אָבגעריסען פון איהרע געדאנקען. דאָס איז געווען זשוליאן.

— נו, ביסט דוא מיעד ? —האָט ער א פרעג געטהאָן.

— ניין, — האָט זיא געענט־פערט און איז כמעט גערן געווען צו זע־הען איהם.

— וואָלסט אפשר בעסער געגאנ־גען אָברוהען זיך איצט — האָט ער געזאָגט.

זשאנע איז שטיל און טרויעריג צוגעגאנגען, א קוש געטהאָן איהר מוטער און איז אוועק צו זיך אין צי־מער. דיעזען אבענד איז דער באראָן געקומען צוריק פון זיין רייזע. ער האָט ביטערליך געוויינט. אויף מאָרגען האָט געדארפט זיין דיא לויה.

ווען זשאנע האָט צום לעצטען מאָל א קוש געטהאָן איהר מוטער אין שטערען, ווען זיא האָט געזעהען וויא זיי פארשלאָגען איהר טרונע, זיינען בעזוכער אָנגעקומען און זי האָט אָבגע־טראָטען אן א זייט. דיא ערשטע איז געקומען גילבערטע. זיא איז געפאלען זשאנען אויפ'ן האלז, האָט זיא גע־קוסט און האָט געוויינט. אייניגע פרויען, געקליידעט אין טרויער, זיינען אריינגעקומען. זשאנע האָט זיי ניט געקענט. דיא מארקיזע דע־קאלטעליער און דיא גרעפין דע־בירזעוויל זיינען אויך געקומען, האָבען געקוסט זשאנען מיט טרויעריגע פנית'ער. פלוצלונג האָט זיא דערזעהען טאנטע ליזאן, וויא זי וואָלט שטילערהייט זיך צוגעגליטשט צו איהר ; זיא האָט איהר צוגעדריקט צו איהר ברוסט אזוי שטארק, אז דיא אלטע מויד איז שיער געבליעבען אין אונמאכט. זשוליאן איז אריינגעקומען, אָנגעצויגען אין טיעפען טרויער און דאָס האָט איהם געקליידעט. ער האָט א שעפּצע געטהאָן צו זיין פרוי, פרע־גענדיג איהר עצה וועגען עפּעס. דאן האָט ער געענדיגט העכער :

— דער גאנצער אדעל איז דאָ, עס וועט זיין א גרויסארטיגע לויה.

ער האָט זיך פערנייגט צו דיא דאַ־

מען און איז ארוים. טאַנטע ליזאַ'ן און גילבערטע זיינען געבליבען לעבען זשאַנע'ן אין דער גאַנצער צייט פון דער צערעמאָניע. גרעפין גילבערטע האָט געהאַלטען אין איין קוסען איהר זאָגענדיג:

— מיין טהייערינקע, אונגליק־ליכע!

ווען דער גראף איז געקומען נעה־מען זיין פרוי, האָט ער געוויינט ביי־טערליך, הארציג, אזוי וויא ער וואָלט דאָס פערלירען זיין אייגענע מוטער.

דער גלח און דיא בעלוינונג.

טרויעריג זיינען געווען דיא פאָל־גענדע טעג, ווארום דאָס הויז האָט אויסגעזעהען פוסט עפּעס איבער דער אבוועזענהייט פון א געליעבטער פער־זאָן, וועלכע איז אויף אייביג אוועק פון דער וועלט, וועהרענד, אז עס זיינען געבליעבען דיא זאכען, וועלכע זיינען איהר געווען טהייער און וועלכע זיא האָט געברויכט ביים לעבען, און דאָס איז געווען וויא א משא אויף דיא הער־צער פון דיא פארבליעבענע. אָט איז דיא גלאָז, פון וועלכע זיא האָט גע־טרונקען און וועלכע דיא דינסט האָט זיך פארגעסען צוצונעהמען; דער פּו־טעל, אין וועלכען זיא פלעגט זי־צען; איהר שירעם איז נאָך גע־שטאַנען אין קארידאָר! און אזוי אין יעדען צימער האָבען זיי געפונען עפּעס, וואָס זיא האָט דאָרט איבערגעלאָזען: איהרע שיכלעך, איהר האנדשוה, א בוך וועלכען זיא האָט שטענדיג געלעזען, און אזוי א דוצענד אלערליי זאכען, קליינינקייטען, וועלכע האָבען פּראוור־זאכט שמערצען, צער, ווארום זיי האָבען אלץ דערמאָהנט וועגען איהר, וועגען איהרע געוועהנהייטען.

איהר שטימע האָט זיי אויך פער־פאָלגט; זיי האָט זיך געדוכט, אז זיי הערען דיעזע שטימע און זיי וואָלטען גערן געווען אוועקצופאָהרען ערגעץ נור צו אנטלויפען פון דער פערפאָלגונג פון דיעזע אלע ערהאינערונגען. און זשאַ־נע — זיא איז דאָך נאָך דערצו געווען נידערגעשלאָגען פון איהר ענטדעקונג.

דאָס איז געווען שטענדיג אזוי וויא א משא אויף איהר געהירען; איהר פערוואונדעטע הארץ האָט ניט געוואָלט געהיילט ווערען. זיא האָט זיך גע־פיהלט נאָך איינזאמער איבער דער געהיימניס, וואָס זיא האָט געטראָגען אין הארצען, דיעזע שרעקליכע געהיימ־ניס איבער וועלכער זיא האָט פערלאָ־רען איהר לעצטען גלויבען, איהר לעצ־טען פערטרויען אין מענשען.

דער באראָן איז אין א קורצער צייט ארום אוועקגעפאָהרען. איהם איז אזוי נויטהיג געווען אן איבערבייט, אנ־דערע לופט, אנדערע אומגעבונג. ער האָט געהאָפט דורך דיעזער ענדערונג צו ערהאלטען זיך א ביסעל פון דעם טרויער, וואָס האָט איהם אלץ מעהר און מעהר געדריקט. און דאָס לעבען אין'ם גרויסען שלאָס, וועלכען דיא אלטע בעלי בתים האָבען איינער נאָך איינעם פערלאָזען, האָט אָנגעהויי־בען פליסען געוועהנליך, שטיל און וואָ־כעדיג.

דאן האָט פאסירט, אז פּאָול איז קראנק געוואָרען און זשאנע, א פער־זאָרגטע, א פארשמערצטע איז געזע־סען צוועלף מעת־לעת לעבען זיין בעט־טעל וויא טאָג אזוי נאכט, זעלטען נעהמענדיג וואָס אין מויל, זעלטען צור־מאכענדיג מיט אן אויג.

פּאָול איז ענדליך בעסער געוואָרען. אבער זיא איז נאָך אלץ געווען אונטער דעם שרעק פון'ם גדאנק, אז זיא האָט איהם געקענט פערליערען. וואָס וואָלט פון איהר געוואָרען? און אין איהר האָט זיך אָנגעהויבען צו ערוועקען א בייקונג נאָך א צווייטען קינד. איהר אלטער חלום צו זעהען צוויי קינדער שפּיעלען זיך ארום איהר, א מיידעלע און א אינ־געלע, האָט פערכאַפּט איהר גאַנצעס הארץ און איז געוואָרען אזא דרינגענדער וואונש, אז דאָס האָט זיא אין גאַנצען בעהערשט.

אבער זינט דיא פאסירונג מיט ראָ־זאַליען האָט זיא געלעבט אבגעזונדערט

פון זשוליאנען, און עס האט אויסגעזעען אונמעגליך, אז עס זאל צווישען זיי זייז אז אייניגונג אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען, דערצו האט דאך איהר מאן געהאט אן אנדער ליעבהאבעריז. זי איז דעריין זיכער געווען, און ווען זיא פלעגט נור א טראכט טהאן וועגען אויפנעהמען איהם, פלעגט א שוידער איבערלויפען איהר איבער'ן לייב. דער וואונש צו האבען נאך א קינד האט פון דעסטוועגען איבערוועלטיגט איהר אבשטוים פון איהם. זיא האט אבער ניט געוואוסט וויא זיא זאל מיט איהם פריעדען שליעסען. זיא וואלט דוכט זיך בעסער שטארבען איידער לאזען איהם וויסען איהר פערלאנג, ווארום עס איז געוועזן קענטיג, אז זיא אארט איהם אין גאנצען ניט.

זשאנע וואלט אפשר נאך ענטזאגט זיך אין דיזען ליעבליכען וואונש אבער זיא האט איצט שוין יעדע נאכט געזעהען אין טרוים א קליינע מיידעלע שפיעלענדיג אונטער'ן לינדען־בוים מיט פאול'ען, אזוי, אז זיא האט מאנכע מאהל געפיהלט אז אונאיבערוועלטיגענדען איינפלוס אויפצושטעהען און זוכען איהר מאן אהן ווערטער. צוויי מאהל איז זיא צוגעגאנגען שטיל צו זיין טיהר, אבער איידער זיא האט אן עפען געטאהן האט זיא זיך אבגעצויגען צוריק, בעפאלען פון א ברענענדע שעהמעוודיגקייט.

דער באראן האט דעם שלאס פערלאזען; איהר מוטער איז טויט; זיא האט קיינעם ניט פאר וועמען איהר הארץ אויסצורעדען, מיט וועמען מיישב צו זיין זיך, וועמען צו פערטרויען איהר אינטימע געהיימנים. וואס זאל זיא טאהן? זיא האט בעשלאסען צו געהן צום גלח, פאטער פיקאט, און זאגען איהם, אלס א געשטענדניס, אלס א מתודה זיין זיך וועגען דיא שווערע פלענער, וואס זיא טראגט אין הארצען.

זיא האט איהם געפונען אין א קליינעם פרוכט־גארטען לעזענדיג. נאך דעם וויא זיי האבען גערעדט וועגען עטליכע אלטעגליכע זאכען, האט זיא רויט ווערענדיג אנגעהויבען צו שטאמלען:

— איך וויל זיך פאר אייך מתודה זיין.

דער גלח האט איבערראשט זיא אנגעקוקט, און פערריכטענדיג זיינע שפאקולען אום גוט איינצוקוקען זיך אין איהר פערלעגענהייט האט ער א לאך געטאהן:

— איך גלויב ניט, אז איהר האט זעהר גרויסע זינד אויף אייער געוויסען.

ניט קוקענדיג אויף איהר פערלעגענהייט האט זיא זיך געשטארקט און געענטפערט:

— ניין, אבער וויא איהר זעהט וויל איך זיך מיט אייך אן עצה האלטען אין א זאך, וואס... וואס... עס איז אזא דעליקאטע פראגע, אז איך קען וועגען דעם ניט ריידען אויף אזא'ן אופן...

ער האט אויפגעהערט צו זיין שפאסהאפט און זיין געזיכט האט אנגענומען א פרומען אויסדרוק:

— אויב אזוי, מיין קינד, דאן וועל איך אויסהערען דיין וידוי אין קאנפעסיאנס־צימער. לאמיר געהן אין קלויסטער.

אבער זשאנע האט פלוצלונג דערפיהלט, זיא וואלט בעסער פערשפארט צו ריידען אין דער הייליגער שטילקייט פון קלויסטער וועגען אזעלכע שענדליכע אנגעלעגענהייטען; זיא האט א ציה געטאהן איהם צוריק פאר'ן ארעם:

— ניין, הערר פריסטער... אויב... אויב איך מאכט ניט אוים, וואלט... וואלט איך אייך בעסער דא דערצעהלען.. וועגען וואס איך בין געקומען. לאמיר זיך זעצען אין ביידעל.

זיי האבען לאנגזאם צוגעשפאצירט צום ביידעל און האבען זיך אנידערגעזעצט זשאנע האט געזוכט ווערטער ווי אנצוהויבען.

— געעהרטער פּאַטער — האָט זיא אנגעהויבען אזוי וויא זיא וואָלט זיך ווירקליך מתודה זיין אָבער זיא האָט זיך אבגעשטעלט איז רויט געוואָרען און האָט אָנגעהויבען ווידער — געעהרטער פּאַטער.

דער גלח האָט צונויפגעלייגט זיינע הענד און האָט מיט א געדולדיגען פּנים געוואַרט. אָבער זיא איז געווען אין אזא פערלעגענהייט, אז זיא האָט ניט געקענט ריידען ווייטער. ער האָט געזעהען, אז ער מוז זיא ערמוטהיגען:

— מיין קינד, וויא איך זעה ביסטי אביסעל צושראָקען, האָסט מורא? דער־צעהל, דערצעהל מיר.

זיא האָט זיך אָנגענומען ענדליך מיט מוטה און האָט אויסגעשאָסען שנעל:

— פּאַטער, איך וויל נאָך א קינד האָבען.

אזוי וויא ער האָט ניט פערשטאַנען פון דיזע ווערטער וואָס זיא מיינט, האָט ער זיך ניט געאיילט צו ענטפערען. זעהענדיג. אז ער פערשטעהט זיא ניט האָט זיא שוין אָנגעהויבען קלעהרער צו געבען איהם פערשטעהן, אָבוואָהל עס איז פאַר איהר געווען שמערצליך צו ריידען אזוי אָפען.

— איהר ווייסט, פּאַטער, אז איך בין דאָך עלענד, גאַנץ אליין אין דער וועלט; מיין פּאַטער איז אוועק, ער שטימט ניט מיט מיין מאַן; מיין מוטער איז טויט און — דאַ האָט זיא געזאָגט אזוי שטיל, קוים הערבאַר — און ניט לאַנג איז מיין פּאול געווען אזוי קראַנק, אז איך האָב איהם שיער פערלאָרען! וואָס וואָלט פון מיר דאַן ווערן?

זיא האָט זיך אָבגעשטעלט; דער גלח האָט אויף איהר געקוקט מיט א בליק פון איבעראַשונג.

— נו, רעדט ווייטער, ערקלעהרט דאָך אום וואָס עס האַנדעלט זיך.

— איך וויל נאָך א קינד — האָט זיא ווידערהאָלט בלויז.

ער האָט געשמייכעלט; ער איז געוועהנט געווען צו הערען אָפענע, פּשוט'ע רייד פון דיא פויערים און פויערטעס. זיי האָט ניט געקימערט וואָס ער איז א גלח, א הייליגער פּאַטער. ער האָט איהר געענטפערט מיט א בעשטימטע בעוועגונג מיט'ן קאָפּ.

— נו, איך רעכען, אז דאָס הענגט דאָך אָב פון אייך.

זיא האָט אויפגעהויבען איהרע פערשעהמטע אויגען און האָט געשטאַמעלט:

— יא... אָבער איהר ווייסט דאָך... זינט יענער געשיכטע מיט... מיט דער דיענסטמיידעל... זיינען... זיינען מיר... איך און מיין מאַן... זיינען מיר בעזונדער

דער גלח, וועלכער איז געוועהנט געווען צו דער לייזער מאָראַל פון דאָרף, איז געווען איבעראַשט פון אזא ענט־דעקונג און איהם האָט זיך שוין איצט אויסגעוויזען, אז ער פערשטעהט דעם פערלאַנג פון דער יונגער ווייבעל. ער האָט דערפיהלט מיטלייד מיט איהר, זעהענדיג אין וואָס פאַר א פערצווייפלונג זיא איז פון איהר לאַגע.

— יא, יא, איך זעה, איך זעה. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך, אז... אז אייער לעבען וויא א וויטווע זאָל פאַר אייך זיין אונאַנגענעהם. איהר זייט יונג און געזונד. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך.

און דיא לייזע נאַטור פון א דאָרפּיי־שען גלח האָט זיך באַלד געוויזען וויעדער אין א שמייכעל, וועהרענד ער האָט געגלעט פּאַטערליך איהר האַנד, זאָגענדיג:

— און דאָס איז אויך גאַנץ ערלויבט; דיא געבאָט הייסען אזוי. איהר זייט פערהייראַטה? נו, הייסט דאָך דאָס, אז איהר האָט ניט חתונה געהאַט כדי צו עסען קאַרטאָפעל; ניט אזוי?

אָנפאַנגס האָט זיא ניט פערשטאַנען

דעם געדאַנק פון זיינע ווערטער, אָבער ווען זי האָט באַלד זיך געכאַפּט וואָס ער מיינט, האָט איהר גאַנצער פּנים זיך בעגאָסען מיט א רויטקייט און דיא אויגען האָבען זיך אָנגעפּיעלט מיט טרעהרען:

— א, הערר פּריסטער, וואָס מיינט איהר? איהר דיינקט דען... אַ, איך שווער אייך. שלוכצען האָבען געשטיקט איהר האַלז.

דער גלח איז ווידער איבערראשט געוואָרען. ער האָט געזוכט איצט צו בערוהיגען זיא.

— נו... נו... איך האָב דאָך ניט געמיינט צו פערלעצען אייערע געפיהלען. איך האָב נור אזוי, אין שפּאַס. דאָס מאַכט ניט אויס; ווען א פרוי איז זיטליך בריינגט דאָס קיין שאַדען. אָבער פערלאָזט זיך אויף מיר; איהר קענט זיך פאַלשטענדיג אויף מיר פערלאָזען, איך וועל זיך זעהען מיט העררן זשוליאַן.

א וואָך איז אריבער. זשאַנע איז געוועזען פיעבערהאַפט אונרוהיג. איין אָבענד ביים עסען, האָט זשוליאַן אויף איהר קרום געקוקט, מיט א מין אָבלאָכענדען שמייכעל. ער פלעגט זיך אפילו בענעהמען געגען איהר סארקאסטיש העפליך; נאָך'ן עסען ווען זיי האָבען שפּאַציערט צוזאַמען אין דער מוטערס אַלעע, האָט ער זיך אָנגעבויגט צו איהר און האָט א שעפּצע געטאָהן:

— איז צווישען אונז אָבגעמאַכט, ניט אמת?

זיא האָט ניט געענטפערט. זיא האָט אויסגעפאָרשט א סליאַד, א גלייכע ליניע אויפ'ן וועג, וועלכע איז שוין מיט גראָז בעוואקסען, דאָס איז געוועזען דער סליאַד פון איהר מוטערס טריט; עס איז קוים קענטיג געוועזען אזוי וויא דיא פערבליעבענע ערינערונג וועגען דער פערשטאָרבענער. ער האָט אָבער ניט געוואַרט אויף איהר ענטפער און האָט ווייטער געזאָגט:

—איך בין זעהר צופריעדען דער־פון. איך האָב נור מורא געהאַט אַז דיר וועט דאָס ניט געפעלען זיין.

דיא זונן איז אונטערגעגאַנגען הינטער דיא בוימער; דיא אבענד־לופט איז געוועזען מילד. זשאַנע האָט געפיהלט אזוי וויא אויסצוּאוויינען זיך, ארויספאַלען אימיצען אויפ'ן האַלז און אויסגיסען איהר הארץ פאר אימיצען, וואָס זאָל איהר מיטפיהלען. דיא טרעהרען האָבען געשטיקט איהר האַלז און צועפענענדיג איהרע ארעמס איז זיא געפאַלען אויף איהר מאַן'ס ברוסט.

זיא האָט געוויינט, געשלוכצט מיט צובראָכענקייט, אין דער צייט וואָס ער האָט אויף איהר אראָבגעקוקט ניט פערשטעהענדיג וואָס דאָס איז עפּעס פאר אן ענדערונג; איהר געזיכט איז געוועזען בעהאַלטען אין זיין ראָק און ער האָט בלויז געקענט זעהען דיא וועללענ־ארטיגע מאַסע פון איהרע האָאר. דיינקענדיג אז זיא ליעבט איהם נאָך אַלץ זעהר שטאַרק, האָט ער זיך אָנגעבויגט און האָט געקוסט איהר קאָפּ. זיי זיינען געגאַנגען צוריק צום הויז שטום, קיין וואָרט ניט אויסריידענדיג. און זיי זיינען ארויף אויבען צו איהר אין שלאָפצימער.

זייערע איבערגעריסענע בעציהונגען זיינען ווידער פאָרטגעזעצט געוואָרען. ער האָט ערפּיעלט זיין טהייל אזוי וויא ער וואָלט אויסגעפיהרט גאָר ניט קיין אונאַנגענעהמע פפליכט; זיא האָט געדולדעט דאָס, וואָס זיא האָט בעטראַכט א שמערצליכע און אָבשטויסענדע נויטהווענדיגקייט; אין הארצען האָט זיא בעשלאָסען, אז זיא וועט אויפהערען אויף אימער צו האָבען מיט איהם יעדע פערבינדונג אזוי גיך וויא זיא וועט ווערען ווידער מוטער.

זיא האָט אָבער באַלד בעמערקט אַז זשוליאַנס בענעהמונג האָט זיך געענדערט. ער האָט זיך בענומען ניט מיט דער זיכערהייט פון א מאַן, נור מיט דער פאַרזיכטיגקייט פון א ליעבהאָבער. דאָס האָט איהר איבערראַשט און זיא האָט בעשלאָסען נאָכצושפּירען.

איין מאָהל, ווען איהרע ליפּען זיי־

נען געווען אויף זיינע, האָט זיא געשעפּ־צעט:

— פאר וואָס ביסט דוא עפּעס ניט אזוי וויא דוא פלעגסט זיין?

— דערפאר ווייל איך וויל מעהר קיין קינדער ניט האָבען — האָט ער גע־ענטפערט מיט גדלות.

— פארוואָס? — האָט זיא אונרו־היג איהם א פרעג געטאָהן.

ער איז פון ערשטוינונג געבליבען אָהן לשון און האָט ענדליך אן ענטפער געטאָהן:

— וואָס ביסטו משוגע? נאָך א קינד? איך מיין עפּעס אז ניט! איז איין קינד ניט גענוג צו מאכען א גאנצען חורבן אין הויז און זאָל אָבקאָסטען אזוי פיעל געלד? א קינד? ניין, איך דאנק דיר!

ארומנעהמענדיג מיט איהרע אָרעמס איהם ארום האלז האָט זיא מיט א קוסם געבעטען זיך:

— א, זשוליאן, איך בעט דיך, לאָז מיך האָבען נאָך איין קינד.

אָבער ער איז אזוי אין כעס געוואָ־רען אזוי וויא זיא וואָלט איהם געגעבען א פּאטש:

— ניט אנדערש, אז דוא האָסט פערלאָרען דיין פערשטאנד, זשאנע. הער אויף מיט דיינע דומע געדאנקען.

זיא האָט געשוויעגען, אָבער אין הארצען האָט זיא בעשלאָסען צו צווינ־גען איהם זי זאָל קענען עררייכען דעם גליק נאָך וועלכען זי בײנקט. זי האָט זיך פארשטעלט ווי זי וואָלט געווען ליי־דענשאפטליך, האָט געשפּילט מיט איהם דיא קאָמעדיע פון תאוה האָט איהם לאנג געקוסט. אָבער עס איז אלץ געווען אומזיסט, ווארום ער האָט זיך פאָל־שטענדיג קאָנטראָלירט.

זעהענדיג אז איהרע אנשטרענגונ־גען זיינען אומזיסט און זייענדיג פער־צווייפעלט אין איהר פערלאנג צו האָבען נאָך א קינד, א מיידעלע, האָט זיא זיך ענטשלאָסען ניט אָבצושטעלען זיך פאר קיין זאך און וואגען אלעס. זיא איז אוועק ווידער צו פאטער פיקאָט. דער גלח האָט נור וואָס געהאט אָבגעגעסען פריהשטיק און איז געווען רויט, ווארום ער האָט אימער בעקומען נאָך'ן עסען א הארץ־טרויסלונג. וויא ער האָט נור דערזעהען זשאנען, האָט ער אויסגע־שריען:

— נו?

ער איז געווען זעהר נייגיעריג צו וויסען דעם רעזולטאט פון זיינע פער־מיטלונגען.

זיא האָט באלד געענטפערט און האָט זיך שוין מעהר ניט געשעהמט אזוי **וויא פריהער:**

— מיין מאן וויל ניט האָבען נאָך קיין קינד.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט ער א פרעג געטהאָן, וועלענדיג לייזען דיא מערקווירדיגע רעטעניסען, וואָס האָט אָפּט איהם אזוי הנאה געטהאָן צו הערען ווען מען פלעגט זיך פאר איהם מתודה זיין.

אָבער ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיא האָט זיך ענטשלאָסען, דוכט זיך, ניט אָבצוהאלטען זיך פאר קיין זאך, האָט זיא דאָך זיך געפיהלט אין א פערלעגענ־הייט.

— אָבער... ער... ער וויל ניט לאָזען... לאָזען מיך ווערען א מוטער.

דער גלח האָט שוין איצט פער־שטאנען, ווארום ער האָט פון אזעלכע זאכען געוואוסט. ער האָט זיא פון דעסט־וועגען אָנגעהויבען גענויער אויסצופרע־גען. נאכטראכטענדיג א ווײלע, האָט ער אָנגעהויבען גאנץ שטיל, רוהיג אזוי וויא זיי וואָלטען דיסקוטירט וועגען אויסזיכטען פון גערעטענעס, און ער האָט פארגעשלאָגען מיט אלע גענויאיג־קייטען א פּלאן, וועלכען זיא דארף פאלגען.

— עס בלייבט נור איין זאך צו טהאָן, מיין קינד — האָט ער געזאָגט — שמועסט איהם איין אז איהר זייט שוואַנגער.

זיא איז געוואָרען רויט ביז דיא וואָרצלען פון איהרע האאר, אָבער זיא האָט זיך געשטארקט און האָט מיט ענטשלאָסענהייט א פרעג געטהאָן:

— און וויא איז, אז ער וועט מיר ניט וועלען גלויבען ?

דער גלח האָט שוין געקענט גוט דיא מענער און ער האָט געענטפערט :

— דערצעהלט אלעמען דיא נייעס און אייער מאַן וועט הערנאָך אליין שוין אנהויבען צו גלויבען.

ער האָט זיך אָבער באלד פערכאַפּט אום צו פאַרענטפערען זיך פאַר געברויכען אזא טאַקטיק :

— פאַרגעסט ניט, אז איהר האָט א רעכט אזוי צו טהאָן, ווארום דיא אמונה דולדעט אזעלכע בעציהונגען בלויז פאַר דעם צוועק צו האָבען קינדער.

זשאַנע האָט געפאָלגט זיין קונציגע עצה און, אין א וואָכען צוויי ארום, האָט זיא געלאָזט וויסען זשוליאַן, אז זיא דיינקט, זיא וועט ווערען א מוטער. ער האָט זיא אָנגעקוקט און האָט אויסגעשריען :

— דאָס איז אוממעגליך !

זיא איז אָבער געשטאַנען אויף דאָס איהריגע און האָט איהם געזאָגט אויף וועלכען גרונד זיא דיינקט אזוי. אָבער ער האָט נור געענטפערט :

— עט ! ווארט אָקאָרשט א ווייל. מיר וועלען נאָך זעהען.

יעדען טאָג האָט ער זיך נאָכגע־פרעגט : „נו ?“ אָבער זיא האָט אלץ ווייטער געענטפערט : „ניין, פאַרלויפיג נאָך ניט. איך וואָלט געוועזען איבערראשט, ווען עס זאָל זיך ארויסשטעלען, אז איך בין ניט מעוברת.“

ער איז אויפגעקאָכט געוואָרען, האָט געשריען, האָט ניט געוואָלט גלויבען און איז ארומגעגאַנגען ווידערהאָלענ־דיג :

— איך קען דאָס ניט פארשטעהן; איך זעה ניט וויא אזוי דאָס האָט גע־קענט פּאַסירען ; דאָס איז איינפאַך אוממעגליך.

אין א מאָנאַט ארום אונגעפעהר, האָט זיא אלעמען דערצעהלט דיא נייעס וועגען זיך, א חוץ דער גרעפין גילבער־טע. זיא האָט איהר ניט דערצעהלט מחמת דעם דעליקאַטען געפיהל פון בע־שיידענהייט.

זינט דער ערשטער ווארנונג האָט זשוליאַן אויפגעהערט צו בעזוכען זיין פרוי ; אָבער אין איינינע צייט ארום האָט ער געמוזט אונטערוואַרפען זיך צו דאָס אונפערמיידליכע. אמת, ער האָט מיט כעס ערקלעהרט :

— דא קומט דיר איינער גאָר אונ־געבעטען.

אָבער ער האָט ווידער בעגיית זיי־נע בעציהונגען צו איהר. און וואָס דער גלח האָט ערווארט האָט פאַסירט. זיא איז טאַקע געוואָרען מעוברת — און דאַן, זייענדיג איבערגליקליך, האָט זיא פאַר־שלאָסען איהר טהיר אויף אימער פאַר זשוליאַן׳ען, און אין דער בעגייסטע־רונג פון דאַנקבאַרקייט דער פאָרזעהונג האָט זיא זיך א נדר געטהאָן צו בלייבען ריין אויף אייביג.

זיא איז געוועזען ווידער גליקליך און זיא האָט זיך געוואונדערט אויף זיך אליין, וואָס איהר פריינד האָט אין איהר איינגעשטילט איהר טרויער אויף דער מוטערס טויט. זיא האָט פריהער דאָך געדיינקט, אז זיא וועט קיין מאָל ניט אויפהערען צו טרויערן אויף דעם טויט פון איהר מוטער. און איצט, עס זיינען ערשט אין גאַנצען א צוויי מאָ־נאַט פערביי און איהר וואונד האָט זיך שוין געהיילט.

אין איהר איז מעהר ניט פאַרבלי־בען א לייכטער, ווייכער טרויער, אזוי וויא א לייכטער שלייער וואָלט זיך פאַר־צויגען אויף איהר לעבען. זיא האָט געמיינט אז קיין אנדער פּאַסירונג וועט שוין מעהר ניט פערוואונדען זיא אזוי שטאַרק. איהרע קינדער וועלען אויס־וואַקסען און זיי וועלען פאַר איהר זיין א טרויסט. און זיא וועט קענען פאַר־**ברייגנען איהרע עלטערע יאָהרען אין**

רוהע און צופריעדענהייט, ניט טראכטענדיג לגמרי וועגען איהר מאַן.

בײ ענדע סעפּטעמבער האָט דער גלח, פּאטער פּיקאָט, אָבגעשטאַט א צערעמאָניעלען וויזיט. ער איז געקומען פאָרשטעלען זיין נאָכפאָלגער, דעם יונגען גלח פּאטער טאָלביאַק. דאָס איז געווען נאָך גאר א יונגער פּריסטער מיט א פרומע מינע, וועמעס געזונקענע אויגען ארונגערינגעלט פון טיעפע קרייזען האָבען געצייגט זיין שטאַרקען כאַראַקטער. דער אַלטער גלח איז געווען ערוועהלט אַלס רעקטאָר אין גאָדערוויל.

זשאַנע האָט געהאַט גרויס פּערדרוס, וואָס דער אַלטער גלח פערלאָזט זיי. זיין פּנים איז שוין געווען פאַר איהר עפּעס אַ אונפערמיידליכע ערשיינונג אין אַלע פּאַסירונגען פון איהר יונגען פרויען־לעבען. ער איז געווען דער מסדר קדושין צו איהר חתונה, ער איז געווען דער טויפער פון איהר קינד; ער האָט מקבר געווען איהר מוטער. זיא האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען אַ בילד פון דעם געגענד פון עטואוואַן אָהן דעם פּנים פון דעם פּאַטער פּיקאָט, וויא ער געהט אַרום פון איין דאָרף צו דער אַנדערער. און זיא האָט זעהר געליעבט דעם אַלטען; ער איז אַזאַ פרעהליכער און נאַטירליכער.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט דאָך באַקומען אַזאַ הויכע אַמט, פון דעסטוועגען האָט ער ניט אויסגעזעהען זעהר פריילין.

— דאָס איז פאַר מיר אַ שווערע זאַך, זעהר שווער מאַדאַם גרעפין — האָט ער איהר געזאָגט — איך בין דאָ געוועהנט געוואָרען; שוין אַכטצעהן יאָהר אויף איין פּלאַץ. דיא געמיינדע איז אַ אַרעמע און ברייגנט ניט פיעל איין. דיא מענער זיינען ניט פרום און דיא פרויען פיהרען זיך אויף לייכטזיניג. דיא מיידלעך קומען צו מיר. איך זאָל זיי מסדר קדושין זיין נאָכדעם וויא זיי זיינען שוין אין אַ אונאַנגענעהמליכער לאַגע, אָבער אין דערזעלבער צייט בין איך שוין דאָ געוועהנט, בין דאָ געווען גליקליך.

דער יונגער פּריסטער איז געוואָרען רויט און האָט אָנגעהויבען צו צייגען צייכענס פון אונגעדולד. ער האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטהאָן:

— דאָס אַלעס וועט מוזען געענדערט ווערען פון איצט אָן!

ער האָט אויסגעזעהען וויא אַ ברוגזער קינד, אַזוי דין און מאָגער האָט ער אויסגעזעהען אין זיין אויסגעטראָגענעם הייליגען, שוואַרצען קיטעל. פּאַטער פּיקאַט האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן האַלב־זייטיג; ער האָט געהאַט אַזאַ איינפאַל אַלע מאָהל, ווען ער האָט געוואָלט זיין וויציג און האָט אַ זאָג געטהאָן:

— זעהט איהר, יונגער פּאַטער אום דאָס ניט צו דערלאָזען, וועט איהר דאַרפען צושמידען אויף אַ קייט אייער סטאַדע, און אַפילו דאָס וועט ניט העלפען פיעל.

דער קליינער גלח'ל האָט שאַרף געענטפערט:

— נו, מיר וועלען זעהען.

דער אַלטער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און האָט גענומען אַ שמעק טאַבאַק.

— אַ, דיא יאָהרען וועלען אייך אַ ביסעל איינשטילען און דערצו אויך ערפאַהרונג; אַלץ וואָס איהר וועט אויספיהרען, אַז איהר וועט פערטרייבען דיא דאַוונער פון קירכע, ווייטער גאָרנישט. אין דיעזע געגענדען זיינען דיא פויערים רעליגיעז אָבער זיינען עקשנים. דאַרום זייט בעסער פאָרזיכטיג. פאַרשטעהט איהר מיך, ווען אַ מיידעל מיט אַ ברייטלעך געוואָרענע טאַליע

קומט צו מיר הערען וויא איך פריידיג, טראַכט איך נור: אַט וועט זיא מיר ברייגנען נאָך א דאַווענער — און איך זעה, אַז זיא זאָל חתונה האָבען.

—איהר קענט ניט מאַכען זיי — האָט דער אַלטער געזאָגט — ניט צו זיין צולאָזען, פארשטעהט איהר, אבער איהר קענט געהן צו דעם מאַן און זעהן אַז ער זאָל ניט אָבזאָגען זיך פון דער מוטער. מאַכט זיי חתונה, מאַכט זיי חתונה, און זאָרגט זיך ניט פאר וואס אנדערעס.

—און איך דיינק אַנדערש — האָט פארביסען געענטפערט דער יונגער — איז וואס נוצט עס צו שפּאָרען זיך איבער דעם.

פאטער פּיקאט האָט ווידער אָנגעהויבען צו בעדויערן וואס ער מוז פערלאָזען דעם פּלאַץ, אין וועלכען ער האָט זיך שוין איינגעלעבט; ער האָט בעדויערט וואס ער וועט ניט קענען זעהען מעהר דעם ים, קוקענדיג אין פענסטער, דיא קאַנוס־פאָרמיגע טהאָלען, פון וועלכע ער האָט געזעהען דיא ווייסע זעגלען אויפ׳ן ווייטען ים. די צוויי גלחים האָבען גענומען אבשיעד און דער אַלטער האָט געקוסט זשאַנען, ביי וועלכער טרעהרען זיינען אָנגעלאָפען אין דיא אויגען.

אין א וואָך ארום איז פאטער טאַלביאך ווידער געקומען צו בעזוך. ער האָט דערצעהלט פון דיא רעפאָרמען וועלכע ער האָט איינגעפיהרט אין דער געמיינדע, אַזוי ווי א פירסט רעדט פון לענדער, וועלכע ער האָט איינגענומען. ער האָט געבעטען דיא גרעפין, אַז זיא זאָל למעה״ש קומען זונטאָג צו גאָטעס־דיענסט און זי זאָל בייכטען אין יעדער קירכען יום־טוב.

—איהר און איך — האָט ער ערקלעהרט — זיינען די פיהרער אין דיזען פּלאַטץ; מיר מוזען רעגיערען און ווייזען א ביישפּיעל; און מיר מוזען ארביטען צוזאמען, אַזוי אַז מיר זאָלען זיין מעכטיג און זאָלען זיין רעספּעקטירט. ווען די קירכע און דער שלאָס געהן האַנד אין האַנד, וועלען די איינוואהנער פון די געוועהנליכע הייזער מוזען מורא האָבען און פאָלגען.

זשאַנעס רעליגיאָן איז געווען בלויז געפיהלען. אין איהר איז געווען יענער טרוימערישער גלויבען, פון וועלכען א פרוי טרעט קיין מאָהל ניט צוריק און אויב זיא האט אבגעהיט איהרע רעליגיעזע פפליכטען איז דאס געווען בלויז דערפאר, ווייל זיא איז אַזוי ערצויגען געוואָרען אין קלויסטער. דיא לופטיגע פילאָזאָפיע פון איהר פאטער האָט שוין לאנג איבערגעקיהרט איהרע איבערצייגונגען. פאטער פיקאט פלעגט זיך צופריעדען שטעלען מיט דאס ביסעל פון איהר זייט, און האָט איהר קיין מאָל ניט אויסגערעדט דערפאר. אָבער ווען זיין נאָכפאָלגער האָט בעמערקט פאָריגען זונטאָג אַז זיא קומט ניט צו גאָטעס־דינסט, איז ער געקומען צולויפען אין שלאָס א בעזאָרגטער און זעהר שטרענג.

אזוי וויא זיא האָט ניט געוואָלט איינרייסען מיט דער קירכע האָט זיא איהם פערשפּראָכען, אַז זיא וועט קומען צו גאָטעס־דינסט אַלע זונטאָג, אָבער זי האָט ביי זיך אָבגעמאַכט, אַז נאָך דיא ערשטע עטליכע וואָכען, וועט זיא ניט זיין אַזוי פינקטליך. קומענדיג יעדען זונטאָג צו גאָטעס־דינסט האָט זי זיך דערווייל צוגעוועהנט, און גאַנץ אונבעוואוסט פאר איהר אַליין איז זיא געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון דעם מאָגערן פריסט, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו בעל־הבית׳עווען אין געגענד. זיין בעגייסטערונג האָט זיך צוגעפּאַסט צו איהר מיסטישע נאטור. ער האָט געוואוסט ווי צו ערוועקען רעליגיעזע פאָזיע, וואס ליגט בעהאַלטען אין דער נשמה פון יעדער פרוי.

זיין פעסטער גלויבען, זיין פעראַכטונג פון דער וועלט מיט איהרע תענוגים, זיין איבערדריסיגקייט פון מענשליכע אַמביציאָן, זיין ליעבע צו גאָט, זיין יונגע און גאוה׳דיגע אונערפאהרענהייט, זיין דירעקטער ריידען, זיין אונבויגזאמער ווילען, האָט אויף זשאַנען געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אַזוי

האָבען געמוזט זיין די מאַרטירער; און זיא, די ענטטוישטע ליידענדע, איז געווען צוגעצויגען פון דעם שטרענגען פאַנאטיזם פון דיעזען אינגעל־פריסטער.

ער האט צו איהר גערעדט פון קריסטוס'ען; ער האט איהר געגעבען צו פארשטעהן, אז דיא פריידען פון רעליגיאָן וועלען איינשטעלען אלע איהרע יסורים און זיא פלעגט קניען אין בייכטצימער און פיהלען זיך אזוי קליין און שוואך געגען דיעזען פריסטער, וועלכער האט אויסגעזעהען נאָך אזוי איינגעלש.

אָבער באלד האָט דער גאנצער געגענד איהם אָנגעהויבען צו האסען. זייענדיג שטרענג צו זיך אליין איז ער געווען פאר אנדערע אין גאנצען אונערטרעגליך. מעהר פון אלעם אנדערע איז ער געווען! אויפגעבראכט און ערביטערט געגען איין זאך: געגען ליעבע. ער האט דיא ליעבע פערמיאוסט פון זיין בימה, האָט געברויכט דיא משונה'דיגסטע ווערטער צו שילדערן זי און האט געדונערט געגען דעם זינדיגען לעבען, ציטערענדיג פון צאָרען בעת ער האט גערעדט וועגען דיא מיאוסע מעשים פון דיא זינדיגע.

די מענער און די מיידלעך פלעגען זיך איבערקוקען, ווען ער האט געדרש'ענט, און דיא אלטע פויערים, וועלכע האָבען ליעב געהאט צו וויצלען זיך וועגען געוויסע זאכען, האָבען קריטיקירט די האלטונג פון דעם יונגען גלח'ל, ווען זיי פלעגען געהן אהיים פון קירכע מיט זייערע פרויען און זיהן.

דער גאנצער געגענד איז געווען אויפגעטומעלט, יעדערער האָט זיך בעקלאגט וועגען דער שטרענגקייט פון'ם יונגען גלח בעת מען איז זיך פאר איהם מתודה און מען פלעגט דערצעהלען וועגען דיא צו שטרענגע תשובות וואס ער פלעגט ארויסגעבען. ער האט הארטנעקיג ענטזאגט זיך פון אויסצובעטען א מחילה וסליחה פאר די מיידלעך וועמעס אונשולד עס איז געווען אין ספק, זיין סטאדע האָט אָנגעהויבען אָבצולאכען פון איהם. אנדערע מיידלעך פלעגען בלייבען זיצען אויף זייערע פלעצער, ווען מען פלעגט דארפען אין קירכע צוגעהען צום הייליגען שולחן צום בייכטען.

ער האט אָנגעהויבען וויא א יעגער צו געהן נאָכשפירען און פאנגען ליעבהאבענדע פארלאך, פלעגט זיי נאָכשפיאָנירען, אומזיסט אָנווענדענדיג זיינע כחות צוצויאגען זיי. ער פלעגט זיי פעריאגען פון די קוסטעס, פון הינטער דיא שייערס אין דיא לבנה־נעכט. איין מאָהל האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף א פאָרעל, וועלכע האָבען זיך ניט צושיידט אפילו, ווען ער האט זיך געוויזען. זיי זיינען געגאנגען צוזאמען, אין א שטיינערנעם טהאָל און האָבען זיך געקוסט אויף יעדער טריט. ער האט צו זיי געשריען:

—וועט איהר אויפהערען, איהר גראָבע מחות!

אָבער דער בחור'ל האָט זיך נור א קעהר געטאָהן און האט א געשריי געטאָהן צוריק.

—דאס איז ניט אייער עסק, הערר גלח. דאס האט מיט אייך ניט צו טהון.

דאן האָט דער גלח אויפגעהויבען עטליכע שטיינער און האט געוואָרפען אין דיא אפיקורסים אזוי וויא זיי וואָלטען געווען הינד. זיי זיינען ענטלאָפען און האבען זיך צולאכט. דעם קומענדען זונטאג האָט ער אויסגערופען זייערע נעמען אין דער הויך פון בימה אין זיין דרשה. דאן האבען אלע פון ארום אויפגעהערט אין גאנצען צו געהן אין קירכע.

דער יונגער גלח פלעגט יעדען דאָנערשטאג זיין צו מיטאג אין שלאָס, אָבער ער פלעגט א חוץ דעם קומען אָפט א פאָר מאָהל אין וואָך צו האָבען א געשפרעך מיט דער, וועלכע ער האָט באַקעהרט צו דער קירכע. זיא איז געוואָרען אזוי בעגייסטערט אזוי וויא ער; זיי פלעגען דיסקוטירען צוזאמען וועגען געטליכע זאכען און עס פלעגען אין זייערע געשפרעכען אויפקומען אלטע און קאָמפליצירטע רעליגיעזע פראגען. צוזאמען פלעגען זיי שפאצירען אין דער

אלעע פון דער פערשטאָרבענער באראָ־
נין, שמועסענדיג וועגען קריסטוס׳ן און
וועגען דיא עלטעסטע גרינדער פון דער
קירכע, אזוי וויא זיי וואָלטען געווען
זייערע פערזענליכע בעקאַנטע.

ציימענווייז פלעגען זיי זיך אָב־
שטעלען און פאַרגעבען איינער דעם
צווייטען עפּעס א הארבע שאלה, אין
וועלכער זיי פלעגען זיך מיסטיריעז
אריינטראכטען; זשאַנע פלעגט פאַר־
פליהען אין א פּאעטישער הויכקייט מיט
איהרע ארגומענטען, וועלכע פלעגען שי־
נען צום הימעל אזוי וויא ראַקעטען, און
דער גלח וועמעס שכל איז געווען לאָגי־
שער, פלעגט ענטפערען דערויף מיט
מעהר אויסגערעכענטע בעווייזע, אזוי ווי
א מאטהעמאטיקער וואָלט וועלען בע־
ווייזען דיא פיער־עקיגקייט פון א קייל־
כיגען קרייז.

זשוליאַן פלעגט בעהאנדלען דעם
נייעם פאטער פון קירכע מיט גרויס
רעספּעקט, ווידערהאָלענדיג תמיד.

— איך ליעב דעם פּריסטער, ער
קוויינקעלט זיך ניט.

און ער פלעגט געהן מתודה זיין
זיך, ווען נור מען האָט געדאַרפט, ווײ־
זענדיג דערמיט א ביישפּיעל פאַר אַנ־
דערע.

ער פלעגט איצט זיין מעהרסטע
צייט פאַרברייגגען מיט דיא דע־פאַר־
ווילס, געהענדיג אויף געיעג מיט דעם
מאַן, וועלכער האָט איהם זעהר ליעב בע־
קומען און ארומרייטענדיג שפּאַצירען
מיט דער גרעפין וואָס פאַר א וועטער
עס זאָל ניט זיין, ווינד אָדער רעגען.
דער גראף פלעגט דערביי אלע מאָהל
מאַכען דיא באמערקונג.

— זיי זיינען ווירקליך פערריקט
אויף ארומרייטען, אָבער דאָס ווירקט
זעהר גוט אויף מיין פרוי.

אין מיטען נאָוועמבער איז זשאַ־
נעס פאטער געקומען צוריק פון זיין רײ־
זע. ער האָט זיך זעהר געענדערט, איז
געוואָרען עלטער און איינגעבויגען פון
דער משא טרויער, וועלכע האָט, וויא
עס האָט געשיינט, געדריקט זיין קאָפּ.
זיין ליעבע צו דער טאָכטער איז שטאַר־
קער געוואָרען, אזוי וויא דיא עטליכע
חדשים איינזאמקייט וואָלטען אין איהם
ערוועקט א שטארקערע פאָדערונג פון
צערטליכקייט און ליעבע.

זשאַנע האָט זיך צוריקגעהאלטען
פון ארויסצוזאָגען פאַר איהם איהרע
רעיונות וועגען גלויבען, איהר נאָהענטע
פריינדשאַפט מיט׳ן גלח און איהר רע־
ליגיעזע בעגייסטערונג, אָבער גלייך וויא
דער באראָן האָט דערזעהען דעם יונגען
פּריסטער האָט ער דערפיהלט א שמערצ־
ליכע אונליעבע צו איהם, ווען דיא טאָכ־
טער האָט דערנאָך אין אבענד איהם א
פרעג געטהאָן :

— וויא געפעלט ער דיר ? האָט
דער באראָן דערויף געענטפערט :

— דער מאַן איז אן אינקוויזי־
טאָר ! איך רעכען, אז ער מוז זיין
זעהר א געפעהרליכער מענש.

ווען ער האָט דערנאָך פון דיא
פּויערים דערוואוסט זיך וויא שטרייגג
און וויא ווילד דער יונגער גלח איז און
וואָס פאַר א פערפאָלגונג ער פיהרט
אָן געגען נאַטירליכע געזעצע און איינ־
געבאָרענע אינסטינקטען, האָט ער
נאָך מעהר איהם פיינד בעקומען, האָט
איהם פשוט אָנגעהויבען צו האַסען.

ער אליין איז געווען איינער פון
יענע אלטע פילאָזאָפען, וועלכע פאַר־
געטערען דיא נאַטור און ווערען גע־
ריהרט פון אלע איהרע ערשיינונגען ;
ער האָט פּראַקטיצירט א מין פּאנטע־
איזם און איז געווען אויפגעבראַכט גע־
גען דער קאטוילישער אויפפאסונג פון׳ם
אלמעכטיגען ; פאַר איהם האָט דער
אלמעכטיגער בעדייטעט א הערשער,
וועלכער בעזיצט דיא ביטרע פעהיגקיי־
טען פון א יעזואיט און דיא מאַכט פון
א טיראַן, — א בעגריף פון גאָט,
וואָס איז לעבען, ליכט, ערד, זונן,
פלאַנצען, פעלזען, מענשען, לופט,
חיות, שטערן, גאָט גופא און אינזעק־
טען, אלעס אין איינעם, און שאַפט
דערפאַר ווייל עס איז שעפּפונג, מעכטי־
גער פון ווילען, העכער פון אלע אר־
גומענטען.

שעפּפונג, לויט זיין בעגריף, ענט־

האלט אלע זוימען פון וועלכע געדאנקען און לעבען האָבען זיך ענטוויקעלט וויא בלומען און פרוכט וואקסען אויף בוימער, פּראָדוצירען אָהן א צוועק, אָהן א טעם און אָהן א גרעניץ אלערליי פאָרמען, וואָס מען קען נור בעגרייפען, לויט דיא נויטווענדיגקייט פון צופאל און נאָך דער מאסס פון דיא זונען, וועלכע ערהיצען דעם אוניווערזום. נאָך זיין מיינונג איז דורות ארויסברייגגען, רעפּראָדוקציאָן, דער גרויסער אוניווערסאלער געזעץ, דער הייליגער, עהרווירדיגער, העכערער אקט, דורך וועלכען דער פאָרטוועהרענדער בלינדער צוועק פון דעם וועלט־וועזען ווערט עררייכט.

געהענדיג פון דאָרף צו דאָרף, פון הויף צו הויף האט ער אָנגעהויבען א פייעריגע מלחמה געגען דעם אונטאלעראנטען, פערפאָלגענדען פריסטער. זשאנע האט זיך זעהר גענומען צום הארצען וואס דאס האט זיך אזוי א קעהר געטהאָן און זיא האט זיך געבעטען ביים פאטער, אז ער זאָל אויפהערען. אָבער דער באראָן פלעגט איהר אימער ענטפערען:

— דיעזע מענשען מוזען באקעמפפט ווערען. דאָס איז אונזער רעכט און אונזער פפליכט. זיי זיינען אומענשליך.

און טרויסלענדיג זיינע לאנגע, ווייסע גרייזע האָאר פלעגט ער שרייען:

— זיי זיינען אונמענשליך; זיי פארשטעהען גאָרנישט; זיי האנדלען אונטער א פאלשען איינדרוק. זיי זיינען געגען דער נאטור.

ער פלעגט מיט אזא שארפקייט ארויסריידען דיא ווערטער „געגען נאטור" אזוי וויא ער וואלט ארויסריידען א פלוך.

דער יונגער גלח האט גאנץ גוט געוואוסט פון דיעזער שנאה. אָבער אזוי וויא ער האט ניט געוואלט אויפגעבען זיין קאָנטראָלע אויף זשאנען און אויפ'ן שלאָס, האט ער געווארט געדולדיג ביז זיין צייט וועט קומען, פיהלענדיג זיכער, אז סוף כל סוף וועט דער נצחון זיין זיינער.

דערצו האט ער געהאט אין זינען א בעשטימטע אידעע; פער צופאל האט ער זיך דערוואוסט וועגען דער אינטימער פערהעלטנים צווישען זשוליאן און גילבערטע, און ער האט געוואלט מאכען אן ענדע דערצו אום יעדען פרייז.

איין טאג איז ער אוועק צו זשאנען און נאָך א לאנגען, רעליגיעזען געשפרעך, האט ער זיך צו איהר געווענדעט מיט א בקשה, זיא זאָל זיך מיט איהם פעראייניגען און איהם העלפען אויסראָטען א זינד, וואס עקזיסטירט אין איהר אייגענער פאמיליע; זיא זאָל איהם העלפען ראטעווען צוויי נשמות, וועלכע ווערען פערזונקען. זיא האט ניט גלייך פערשטאנען וואס ער פערלאנגט פון איהר און האט איהם געפרעגט. ער האט אָבער איהר געענטפערט:

— ווארט, דיא צייט איז נאָך ניט געקומען, איך וועל קומען אייך ווידער זעהען.

און ער איז גלייך אוועק.

דער ווינטער איז שוין געווען כמעט פערביי. דאס איז געווען א גרינגער ווינטער, מילד און פייכט. אין עטליכע טעג ארום נאָך דעם פריהערדיגען געשפרעך האט זיך דער פריסטער ווידער געוויזען און האט אָנגעהויבען צו ריידען צו זשאנען אין פערשטעלטע ווערטער וועגען א שענדליכע אויסגעלאסענהייט, וועלכע עקזיסטירט צווישען צוויי פערזאָנען, וועמעס אויפפיהרונג עס האט געדארפט זיין העכער פון יעדען פערדאכט. דיא וואס ווייסען דערפון זיינען מחויב צו מאכען אן ענד דערצו מיט אלע מעגליכע מיטלען. ער האט דאן א נעהם געטהאָן זשאנעס האנד און האט איהר געווארענט, אז זיא זאָל אראָבווארפען דיא דעקלעך פון איהרע אויגען און זאָל פארשטעהען וואס עס קומט פאָר ארום איהר און זאָל איהם העלפען אין זיין הייליגער אויפגאבע.

דעם מאהל האט זיא שוין פערשטאנען דעם אמת, אָבער זיא האט געשווי־

גען, ווארום זיא האָט זיך געשראָקען פאר דעם געדאנק, וואָס פאר א חורבן דאָס וועט ברענגען אין איהר שטילען הויז. זיא האָט דארום געמאכט זיך אזוי וויא זיא וואָלט איהם ניט פארשטעהען. זעהענדיג, אז זיא פארשטעהט ניט, האָט ער זיך צורעכט גאנץ אָפען.

— איך האָב אויסצופיהרען א שמערצליכע פפליכט, מאדאם גרעפין — האָט ער אנגעהויבען — אָבער איך קען זיך דערפון ניט צוריקהאלטען. מיין שליחות אויף דער ערד צווינגט מיך אויפצוקלעהרען אייך וועגען א געוויסער אנגעלעגענהייט, צו וועלכער איהר מוזט מאכען אן ענד, אייער מאן פיהרט א פערברעכערישע פריינדשאפט מיט מאַדאם דע-פאַרוויל.

זשאַנע האָט אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ אויפ'ן ברוסט, הילפלאָז און אראבגעפאלען. דער גלח האָט גערעדט ווייטער:

— נון, וואָס האָט איהר אין זינען צו טהאָן?

— וואָס קען איך, וואָס זאָל איך מהאָן, הערר פריסטער? — האָט זיא געשטאַמעלט.

— שטעלט זיך אוועק אין וועג פון דיעזער פערברעכערישער ליידענשאפט!
— האָט ער געענטפערט גראָב.

זשאַנע האָט זיך צוואווינט און האָט מיט א פערצווייפעלטער שטימע געזאָגט:

— ער האָט מיך שוין גענונג גענארט מיט דער דיענסטמויד; ער וועט מיך דען הערען? ער ליעבט מיך מעהר ניט. ער בעהאנדעלט מיך שרעקליך אזוי גיך וויא איך פערלאנג עפּעס וואָס איהם געפעהלט ניט. וואָס קען איך דען מהאָן?

דער גלח האָט ניט געענטפערט אויף איהר פראגע, נור האָט אויסגעשריען:

— דאָס הייסט, אז איהר העלפט דעם פערברעכען, איהר זייט אן אנ-טהייל נעהמערין! זנות עקזיסטירט אונטער אייער אייגענעם דאך און איהר דולדעט דאָס! דער פערברעכען שפּיעלט זיך אָב אונטער אייערע אויגען און איהר קעהרט זיך אָב, איהר זעהט ניט. זייט איהר א פרוי? זייט איהר א קריסטין? זייט איהר א מוטער?

——— וואָס ווילט איהר אָבער זאָל איך טהאָן? — האָט זיא געשלוכצעט.

— טהוט אלעס, טהוט וואָס ניט איז, נור ניט דערלאָזט אזא שווידערליכקייט. וואָס ניט איז טהוט, זאָג איך, פערלאָזט אייער מאַן. אנטלויפט פון דיעזען פער-זינדיגטען הויז.

— אָבער איך האָב דאך קיין געלד ניט, הערר פריסטער, און עס פעהלט מיר קוראַזש אויך; און א חוץ דעם וויא קען איך אוועק ניט האָבענדיג קיי-נע בעווייזע? איך האָב דאך דאָס גאר קיין רעכט ניט צו טהאָן.

ציטערנדיג פון אויפרעגונג, האָט זיך דער פריסטער א שטעל געטהאָן,

— מאדאם, איהר זייט בעווירקט פון פייגהייט. און איך האָב גערעכענט, אז איהר זייט גאנץ אנדערש. איהר זייט ניט ווערטה, אז גאָט זאָל אייך מוחל זיין.

זשאַנע איז געפאלען אויף איהרע קניע:

— א, האָט רחמנות, ווארפט מיך ניט אוועק, גיט מיר אן עצה!

— איהר דארפט עפענען גראף דע-פאַרווילס אויגען. ער איז דיא פערזאָן, וואָס דארף צוברעכען דיעזע זינדיגקייט!
— האָט דער גלח קורץ געענטפערט.

זיא איז א צושראָקענע געוואָרען פון אזא פארשלאַג:

— א, ער וועט מיך דער'הרג'ענען, הערר פריסטער. און איך וואָלט דאך דאָס געטהאָן א מסירה, א, ניין, אלעס נור ניט דאָס!

דער גלח האָט מיט צאָרען אויפ-

געהויבען זיין האַנד אַזוי וויא צו פער־
פלוכען זיא:

— דאַן בלייבט מיט אייער שאַנדע און מיט אייער פאַרברעכען, וואָרום איהר זייט אַזוי זינדיג וויא זיי, נאָך זינדיגער פון זיי. איהר זייט דיא פרוי וואָס דערלאָזט רוהיג אַלעס! איך האָב דאָ מעהר אין הויז ניט וואָס צו טהאָן.

און ער איז אַוועק; זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פון צאָרען און אויפרעגונג. זשאַנע איז אַרויס נאָך איהם פון צימער; זיא איז שוין געווען פאַרטיג אונטערצוגעבען זיך און האָט שוין אָנגעהויבען צו מאַכען פאַרשפּרעכונגען. אָבער ער איז געווען אַזוי אין כעס, אַז ער האָט זיך ניט אָבגעשטעלט, איז אַוועק מיט שנעלע טריט, פאָכענדיג בייז מיט זיין בלויען שירעם.

פּלוצלונג האָט ער דערזעהען זשוליאַן שטעהענדיג לעבען פאַרקען, אַכטונג געבענדיג אויף דיא אַרביימער: דער גלח האָט זיך אַ קעהר געטהאָן לינקס און האָט אַ זאָג געטהאָן:

— מאַדאַם, לאָזט מיך, איך האָב מעהר מיט אייך ניט וואָס צו ריידען.

אין רעכטען מיטען פון זיין וועג, אין הויף איז געשטאַנען אַ רעדעל זיך צוגעקוקט צו עפּעס מיט נייגעריגקייט און שווייגענדיג. דער באַראָן איז געשטאַנען אין מיטען רעדעל, מיט זיינע הענד אַ הינטער און האָט אויך געקוקט. ער האָט אויסגעזעהען וויא אַ שוהל־לעהרער. אַרום וועלכען עס האָבען זיך אַרומגעקליבען קליינוואַרג. ווען ער האָט דערזעהען דעם גלח האָט ער זיך אָבגעקעהרט און איז אַוועק אום אויסצומיידען אַזאַ באַגעגעניש.

זשאַנע איז נאָך אַלץ נאַכגעגאַנגען און האָט זיך געבעטען:

— הער פּריסטער, גיט מיר עטליכע טעג צייט, און דאַן קומט ווידער. איך וועל אין דער צייט נאַכדיינקען אין וועל אייך זאָגען וואָס איך קען טהאָן און וואָס איך האָב פאַר דער צייט פאַרטיג געבראַכט און מיר וועלען זיך דאַן ווידער מיישב זיין.

זיי זיינען צוגעקומען צו דיא קינדער, און דער גלח האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו זיי אום צו זעהען וואָס עס האָט זיי אַזוי פאַראינטערעסירט. דאָס איז דיא צויג מירזא געלעגען געוואָרען. פינף הינטעלעך זיינען שוין אַרומגעקראַכען אַרום דער מוטער, וועלכע האָט זיי צערטליך באַלעקט, און אַקוראַט ווען דער פּריסטער איז אונטערגעגאַנגען און האָט זיך אָנגעבויגען אַ קוק צו טהאָן איז אַ זעקסטער הינטעלע ערשיענען. די אינגלעך האָבען אָנגעהויבען פּאַטשען מיט דיא הענד, אַפּלאַדירען און שרייען:

— אַט איז נאָך איינער, נאָך איינער!

פאַר זיי איז דאָס געווען אַ פאַרשטעלונג, אַ פאַרשטעלונג פון דער נאַטור, אין וועלכער עס איז קיין אונפיינעס ניט געווען. זיי זיינען געשטאַנען און געקוקט וויא הינטעלעך ווערען געבוירען וויא זיי וואָלטען אויף עפּעל געקוקט וואָס פאַלען אַראָב פון אַ בוים.

אַנפאַנגס איז דער גלח געווען ערשטוינט. דערנאָך האָט איהם ערשט אָנגעכאַפּט אַן אַנפאַל פון ווילדען צאָרען; ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן זיין גרויסען שירעם און האָט גענומען שלאָגען מיט איהם דיא קינדער איבער דיא קעפּ. דיא צושראָקענע קינדער האָבען גענומען לויפען אין אַלע זייטען וויא שנעל דיא פיסלעך האָבען זיי נור געטראָגען. און דער גלח איז געבליעבען אַליין מיט'ן הונד, וועלכער האָט זיך געמאַטערט צו שטעלען אויף דיא פיס. אָבער ער האָט איהם ניט געלאָזען אויפשטעלען זיך און האָט גענומען שלאָגען דאָס אָרעמע טהיער מיט זיין גאַנצען כח. דער הונד האָט ניט געקענט אַנטלויפען, וואָרום ער איז געווען אויף אַ

קיט און ער האָט שרעקליך געסקאָווי־יוצעט פון וויטאָג. דער שירעם איז צובראָכען געוואָרען. ניט האָבענדיג מעהר מיט וואָס צו שלאָגען האָט ער אָנגעהויבען טרעטען אויפ׳ן הונד מיט דיא פיס, קאָלעטשען, הרג׳ענען מיט א ווילדען, וואָהנזיניגען צאָרען. און דאַן האָט ער מיט דיא קנאָפעל פון זיי־נע שטיוועל דערשלאָגען ביז טויט דעם צוקאָלעטשעטען, פאַרבלוטיגטען קער־פער, וועלכער האָט אין קאָנוואולסען געצאַפּעלט זיך נאָך אונטער זיינע פיס אין דער צייט וואָס דיא אקאָרשט גע־בוירענע הינטעלעך, בלינד און צו־קרימט, האָבען געזוכט שוין צו זויגען, נאָהרונג צו בעקומען.

זשאַנע איז אַנטלאָפען. אָבער פּלוצ־לונג האָט דער גלח דערפיהלט א האַנד אויף זיין האַלז. זיין הוט איז אַראָב־געשליידערט געוואָרען און דער באָראָן, א מיעדער, א פאַרמאַטערטער, האָט איהם געשלעפט צום פאַרקאַן און האָט איהם אריבערגעוואָרפען אין וועג. ווען דער באָראָן, הערר לע־פּערטואי האָט זיך דערנאָך א קעהר געטהאָן אויף צו־ריק, איז זיין טאָכטער געשטאַנען אויף דיא קניע לעבען דיא ערשט געבאָרענע הינטעלעך, וויינענדיג און זיא האָט זיי אויפגעקליבען אין איהר קלייד. דער באָראָן איז צו איהר צוגעגאַנגען מיט כעס, זשעסטיקולירענדיג מיט דיא הענד און שרייענדיג:

— אט דאָס איז אקוראט וויא עס פּאַסט פאַר איהם, פאַר דעם געטליכען מאַן! איצט זעהסטו שוין וואָס ער איז?

דיא ארבייטער פון דיא הויפען זיי־נען געקומען צולויפען, יעדער האָט געוואָלט זעהען דעם דער׳הרג׳עטען הונד, און מוטער גווילאַרד האָט געשריען:

וויא קען דאָס א מענש זיין אזא ווילדע חיה?

אָבער זשאַנע האָט צונויפגעקליבען דיא זיבען הינטעלעך און האָט עקלעהרט, אז זיא וועט זיי אויסהאָדעווען. זיא האָט זיי געגעבען מילך, אָבער אין איין טאָג זיינען דריי פון זיי גע׳פּגר׳ט. פאַטער סימאָן האָט דאַן גענומען זוכען א ציוג, וואָס זאָל קענען זיין א מאַמע פאַר דיא קינדער: אזוי וויא ער האָט קיין פּאַסענדע ניט געקענט געפינען, האָט ער גאָר געבראַכט א קאַטץ און האָט גע׳טענה׳ט, אז זיא וועט זיין אזוי גוט וויא א ציוג. זיי האָבען דאַן דער׳הרג׳ט דיא איבעריגע דריי הינטעשע עופה׳לעך כדי זיי זאָלען זיך ניט מאַ־טערן אומזיסט. און איינעם האָבען זיי געגעבען דער קאַץ, און דיא ניי־געפונענע מוטער, גאָר פון אן אנדערן מין האָט אדאָפּטירט דאָס הינדישע עופה׳לע.

אין א פּאָאָר וואָכען ארום האָט מען דעם הינטעלע ענטוויינט, אז ער זאָל ניט אויסמאַטערן, זויגענדיג דיא אדאָפּ־טירטע מוטער, און זשאַנע האָט איהם געהאָדעוועט מיט געבען מילך טרינקען. זיא האָט דעם הינטעלע א נאָמען געגע־בען „טאָטאָ“ אָבער דער באָראָן האָט אנגעווענדעט זיין אויטאָריטעט, אז מען זאָל דעם הינטעל טויפען אונטער דעם נאָמען „הריגה“.

דער גלח איז שוין מעהר אין פּאַ־פּעל־בוימער ניט געקומען, אָבער דעם פאָלגענדען זונטאָג, האָט ער פון דער בימה, אין זיין דרשה, געשאָלטען און געפלוכט דעם שלאָס, שרייענדיג, אז פּערדאָרבענע געוויסען דאַרפען אויס־געריסען ווערען מיט דיא וואָרצלען. ער האָט געשטורעמט און גערונערט געגען דעם באָראָן (ווענען דאָס האָט זעהר אמוזירט) און האָט אין פאַרשטעלטע ווערטער אנגעוויעזען אויף זשוליאַן׳ס ליעבהאָבעריי. דער לעצטער איז אויפ־געבראַכט געוואָרען פון דעם גלח׳ס אנ־גריעף, ער האָט אָבער אונטערדריקט

זיין כעס מורא האָבענדיג צו ערוועקען א סקאַנדאַל.

און פון איצט אָן האָט ער אין יעדער דרשה ניט אויפגעהערט צו ערקלעהרען, אַז ער וועט זעהען נקמה און אַז גאָטס האַנד וועט טרעפען אַלע זיינע שונאים. זשוליאַן האָט ניט געשוויגען, ער האָט אָנגעשריעבען א רעספּעקטפולען, אָבער שטריינגען בריעף צו דעם ערץ־בישאָף. פּאַטער טאַלביאַק האָט בעקומען דיא וואָרנונג, אַז מען וועט איהם אַראָבוואַרפען פון זיין שטעלע און ער איז פאַר א געוויסער צייט איינגעשטילט געוואָרען. מען פלעגט איהם דערנאָך אָפט זעהען וויא ער שפּרייזט איינער אַליין אַרום אין דיא פעלדער, א פערטראַכטער, א פאַרקלעהרטער.

זשוליאַן און גילבערטע פלעגען איהם זעהען יעדער טאָג, ווען זיי פלעגען זיין אויף זייער שפּאַציער רייטענדיג; זיי פלעגען זעהען א שוואַרצען פלעק אין א פעלד, אויף א ברעג פון א פעלז אָדער שפּרייזענדיג און לעזענדיג זיין פרומען בוך ערגעץ אין א טהאָל. זיי פלעגען דאַן פאַרקירעווען דיא פערד אום אויסצומיידען איהם.

דער פריהלינג איז אָנגעקומען און מיט דעם פריהלינג מעהר ליידענשאַפט. יעדען טאָג זיינען גילבערטע מיט זשוליאַנען געוועזן צוזאַמען, דאָס אין איין פּלאַץ, דאָס אין אַן אַנדערן, אונטער יעדער בעהאַלטונגס־פּלאַץ, און אַזוי וויא דיא בלעטער אויף דיא בוימער זיינען נאָך געוועזן קליין און שיטער און דיא גראָז איז געוועזן פייכט און אַזוי וויא עס איז געוועזן אונמעגליך פאַר זיי צו בעהאַלטען זיך אין דיא קליינע קוסטעס, פלעגען זיי זיך אָפט בענוצען מיט דער וואַגען־ביידעל פון א פּאַסטוך, וועלכער איז געבליעבען שטעהען נאָך פון לעצטען הערבסט אויף דעם באַרג פון וואָקאָט.

דיעזע פאַהרענדע הויז, א ביידעל אויף הויכע רעדער, וועלכע איז איבערגעלאָזען געוואָרען אויף דעם פּלאַץ, האָט זיך איינגעפונען אויף 500 עלען פון דעם פעליען־ברעג פון באַרג, דאָרט האָבען זיי קיין מורא ניט געהאַט, אַז מען וועט זיי כאַפּען, ווארום פון דאָרט האָבען זיי געקענט זעהען דיא גאַנצע ברייט פון לאַנקע, און דיא פערד, צוגעבונדענע צו דיעזען וואַגען־ביידעל האָבען געדולדיג געוואַרט אויף זיי ביז זיי זיינען אַרויסגעקומען.

אָבער איין טאָג, ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען פון זייער בעהאַלטונגס־פּלאַץ, האָבען זיי דערזעהען, אַז דער גלח זיצט צווישען דיא קוסטעס, וואָס זיינען געוואַקסען אויפ'ן באַרג.

— מיר וועלען בעסער איבערלאָזען וויטער דיא פערד אין טהאָל — האָט א זאָג געטהאָן זשוליאַן — ווארום אַיבער זיי קען מען אויסגעפינען פון ווייטען וואו מיר געפינען זיך.

און פון דעם טאָג אָן פלעגען זיי צובינדען דיא פערד אויפ'ן וועג, וואָס האָט זיך איינגעפונען צווישען געדיכטע קוסטעס.

איין מאָל, איין אָבענד, ווען זיי זיינען ביידע געריטען צוריק קיין „לאַוורילעט", וואו זיי האָבען אָבגערעדט צו עסען מיטאָג צוזאַמען מיט דעם גראַף, האָבען זיי בעגעגענט דעם גלח וויא ער קומט אויפ'ן וועג וואָס ציהט זיך פון שלאָס. ער האָט אָבגעטראָטען אין א זייט, האָט געצויגען זיין מיטץ און האָט זיי דורכגעלאָזען, ניט א קוק טאָהנדיג אפילו אויף זיי.

זיי האָבען זיך א ביסעל צושראָקען, און אויף זיי איז אַרויפגעפאַלען עפּעס א פאַרגעפיהל, וועלכער איז אָבער אין גיכען פערשוואונדען און אַלעס איז געגאַנגען אויף דעמזעלבען שטייגער וויא געוועזן.

איין נאָכמיטאָג, ווען זשאַנע איז געזעסען לעבען קאַמין (דאָס איז געווע־

אנפאנגס מאַי און עס איז נאָך געווען קיהל) האָט זיא אונערוואַרטעט דער־זעהען וויא דער גראף דער פאַרוויל קומט אן מיט שנעלע שריט צום שלאָס. איהר איז גלייך אַרויף דער געדאַנק, אז עפּעס א שרעקליכער אונגליק האָט פּאַסירט. זיא איז געלאָפען אנטקעגען אום אויפ־צונעהמען איהם. אָבער ווען זיא האָט דערזעהען זיין פּנים האָט זיא געמיינט, אז ער איז אַראָב פון זינען. ער האָט געטראָגען א גרויסע פוטערנע היטעל, וועלכע ער פלעגט טראָגען נור ביי זיך אין דערהיים, און זיין יאגד מאַנטעל. ער איז געווען אזוי בלייך, אז זיינע רויטע וואָנצעס, וועלכע האָבען אימער הארמאָנירט מיט דעם רויטען פּארב אין זיינע באַקען, האָבען אויסגעזעהען אזוי וויא פייער. זיינע אויגען זיינען געווען ווילד פערקאַטשעט אין זייערע אויגען־לעכער.

— מיין ווייב איז דאָ, איז זיא ניט? — האָט ער געשטאַמעלט.

— ניין, איך האָב זיא היינט ניט געזעהען — האָט זשאַנע געענטפערט א צומישטע.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אזוי ווי זיינע קניע וואָלטען זיך א בויג געטהאָן אונטער דער משא. האָט אַראָבגענומען זיין פוטערנע היטעל און האָט מעכאַ־ניש געריבען דעם שטערען עטליכע מאָל מיט זיין טאַשענטוך. דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען און איז צוגעגאַנגען צו זשאַנען מיט אויסגעשטרעקטע אַרעמס און צועפענטע ליפּען, פאַרטיג צו ריי־דען, מאַכען עפּעס א שרעקליכע ענט־דעקונג. אָבער פּלוצלונג איז ער גע־בליעבען שטעהען און אויסשטעלענדיג אויף איהר זיינע בליקען האָט ער אנגע־הויבען צו שטאַמלען וויא ער וואָלט גע־ווען שיכור:

— אָבער דאָס, . . . דאָס איז דאָך אייער מאַן . . . און . . . און איהר אויך . . .

און ער האָט זיך גלייך א וואַרף גע־טהאָן לויפען אויף'ן וועג צום ים.

זשאַנע איז נאָך איהם נאָכגעלאָפען מיט א קלאַפּענדען הארצען און האָט גערופען איהם צוריק מיט א געבעט, ער זאָל זיך בערוהיגען:

— ער האָט ענטדעקט אַלעס! — האָט זיא געטראַכט — וואָס וועט ער טהאָן? אָ, איך האָף, אז ער וועט זיי ניט געפינען.

אומזיסט איז זיא נאָך איהם געלאָ־פען; זיא האָט איהם ניט געקענט דער־יאָגען; ער האָט זיך ניט געוואָלט צוהע־רען צו איהרע ווערטער, צו איהר געבעט. ער איז געלאָפען אָהן אָבשטעל, אזוי ווי זיכער אין'ם צוועק, צו וועלכען ער לויפט. ער איז געשפּרונגען איבער קאַ־נאַווען, איבער שטראָמען, ביז ער איז ענדליך אָנגעקומען צום פעלזען־בארג. זשאַנע איז געשטאַנען און האָט געוואַרט מיט א ציטעריגע הארץ ביז ער איז פער־שוואונדען פון איהרע אויגען; זיא איז דאַן אונרוהיג און צושראָקען אוועק צו־ריק.

קומענדיג צום פעלזען־בארג האָט ער א קעהר געטהאָן רעכטס און האָט אָנגעהויבען לויפען נאָך שנעלער. דער ברויזענדער ים איז געווען ווייס מיט שוים; גרויסע, שווארצע וואָלקענס האָ־בען אויסגעגאָסען א גוס־רעגען אויף דעם בארג. דער ווינד האָט געפּייפט און געהוזשעט, בויגענדיג דיא יונגע בוימלעך און טרייבענדיג פון ים־לופט גרויסע, ווייסע פויגלען צו דער יבשה; זיי האָ־בען אויסגעזעהען פון ווייטען ווי גרויסע שנעע־שטיקער.

דער רעגען האָט געשמיסען דעם גראף אין פּנים, האָט דורכגעווייקט זיינע באַקען, זיינע וואָנצעס, וועלכע זיינען אַראָבגעהאַנגען גלייך אַראָבצו; אין זיינע אויערן האָט געהוזשעט, אין זיין הארץ איז געווען א מהומה; בע־פאַר איהם איז געווען דער טהאָל פון וואָקאָט. קיין זאַך האָט זיך ניט געזעהן אויסער א פּאַסטוך'ס הייזעל אויף רע־דער, וועלכע איז געשטאַנען אין פער־לאָזענעם פעלד. צוויי פערד זיינע געווען



און מיט דעם כוח פון אן אקס האט ער גענומען שטופען דיא שטיבעל אויף רעדער מיט די
וואס זיינען אינוועניג געווען צום ברעג פון משי פע'דיגען אראפ בארג.

צוגעבונדען צו דער וואגען־ביידעל. פאר וועמען איז דען געווען מורא צו האָבען אין אזא שטורעמדיגען וועטער?

וויא נור ער האָט דערזעהען דיא פערד, האָט ער זיך אראָבגעלאָזען אויף זיינע הענד און קניע און האָט אָנגעהויבען קריכען אויף אל דיא פיער צום פאָרדערנדען שטיבעל; ער האָט אויסגעזעהען, מיט זיין שווערען קערפער באַדעקט מיט בלאָטע און דער קאָפּ אין א פוטער־היטעל, אזוי וויא אַן אונגעהייערע חיה. ער איז אזוי צוגעקראָכען צו דער איינזאמער שטיבעל אזוי מען זאָל איהם ניט קענען דערזעהען דורך דיא שפּאַלטען אין דיא ווענדלעך.

ווען דיא פערד האָבען איהם דערזעהען זיינען זיי געוואָרען אונרוהיג און ער האָט איבערגעשניטען זייערע צוימען מיט וועלכע זיי זיינען געווען אָנגעבונדען צו דער שטיבעל; ער האָט דאָס איבערגעשניטען מיט אַן אָפענעם מעסערל, וועלכען ער האָט געהאלטען אין האַנד. אין דער מינוט האָט א שטאַרקער ווינד א בושעווע געטהאָן און דיא פערד האָבען זיך א לאָז געטהאָן, אַוועקגאַלאָפּירענדיג געיאָגטע פון׳ם פאָגעל, וועלכער האָט געקלאַפּט אויפ׳ן דעכעל פון דער שטיבעל אויף רעדער. דיא שטיבעל האָט זיך געוויגט אויף דיא הויכע רעדער, זייענדיג באַוועגט פון שטורעם.

דער גראף האָט דאַן, שטעהענדיג אויף דיא קניע איינגעקוקט אין שטיבעל מיט איין אויג דורך דעם שפּאַלט, וואָס איז געווען אין טהיר. ער איז געבליבען אונבעוועגליך. עס האָט אויסגעזעהען אזוי וויא ער וואָלט אויף עפּעס וואַרטען. א קליינע ווײלע איז אריבער; דאַן האָט ער זיך אויפגעשטעלט; ער איז געווען איינגעשמירט אין בלאָטע פון קאָפּ ביז דיא פיס.

מיט א וואַהנזיניגער באַוועגונג האָט ער פערשפּאַרט פון דרויסען דעם ריגעל, וועלכער האָט פערשלאָסען דיא טהיר פון דרויסען. ער האָט דאַן אָנגעכאַפּט דיא אַקסען פון ביידעל און האָט דאָס געגעבען א טרויסעל אזוי וויא ער וואָלט זיא וועלען צושמעטערען אין טויזענד שטיקעלעך. ער האָט זיך דערנאָך מיט א מאָל א שפּאַר געטהאָן צום וואַגען, האָט איינגעבויגט זיין גרויסע, הויכע פיגור מיט א פערצווייפעלטער אַנשטריינגונג און מיט דעם כח פון אַן אָקס האָט ער גענומען שלעפּען די שטיבעל אויף רעדער מיט דיא וואָס זיינען אינוויינעג געווען צום ברעג פון משופּע׳דיגען אראָב׳ן באַרג. פון אינעווייניג האָבען זיך געהערט געשרייען פון שרעק און קלאַפּעריי, וואָרום זשוליאַן און דיא גרעפין האָבען ניט געוואוסט וואָס עס האָט אזוינס פּאַסירט מיט זייער שטיבעל.

ווען דער גראף איז צוגעקומען צום רעכטען שפּיץ, האָט ער א לאָז געטהאָן דיא וואַגען־שטיבעל אראָב דעם משופּע׳דיגען באַרג. אַן אַלטער שלעפּער, וועלכער איז געלעגען אין א גראָבען האָט דערזעהען וויא עפּעס קייקעלט זיך אריבער איבער זיין קאָפּ און ער האָט געהערט שוידערליכע געשרייען פון אינוויינעג.

דיא הילצערנע ביידעל האָט פּלוצלונג פערלאָרען איינע פון איהרע רעדער, האָט זיך איבערגעקעהרט אויף א זייט און האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו קוליען אראָב׳ן באַרג, אזוי וויא א הויז, וואָס איז אראָבגעשווינקט געוואָרען און אראָבגעפאַלען פון א שפּיץ באַרג. ווען עס איז צוגעקומען צום ברעג פון׳ם לעצטען טהאָל האָט דאָס געגעבען א שפּרונג אין דער הויך און דערנאָך א זעץ אראָב אויפ׳ן סאַמע אונטען פון באַרג און איז צושאָטען געוואָרען, וויא אַן אייערשאָלעכץ.

דער אַלטער שלעפּער, וועלכער האָט געקוקט מיט ערשטוינען וויא דאָס האָט זיך אראָבגעקייקעלט אראָב׳ן באַרג, האָט גענומען אראָבקלעטערען צום גרונד וואו דאָס איז געבליבען ליגען. ער איז אָבער ניט צוגעגאַנגען צו דער חורבה און איז געלאָפען צו דעם נאָהענסטען הויף צו לאָזען וויסען וועגען דעם אונגליק.

דיא ארבייטער פון הויף זיינען גלייך

געלאָפען צו דער סצענע; זיי האָבען אויפגעהויבען דיא ברעטער און האָבען געפונען צוויי קערפּערס, שרעקליך צוקאלעטשעט און צובלוטיגט. דעם מאנס־פארשוינס קאָפּ איז געווען צושפּאָלטען און דער פּנים צוקוואשעט. די פרוי׳ס א באק־ביין איז ארויסגעזעצט געוואָרען און זייערע ביידענס גלידער זיינען געווען אזוי צוקוועטשט, אזוי וויא אין דיא גלידער וואָלטען קיין מאָל קיין ביינער ניט געווען.

אָבער ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיי זיינען געווען אזוי צוקאלעטשעט האָט מען זיי דאָך דערקענט און יעדער האָט איצט אָנגעהויבען צו קלעהרען, וועגען דער אורזאכע וויא אזוי עס האָט געקענט פּאסירען אזא אינגליק.

— וואָס האָבען זיי דאָ געטהאָן אין שטיבעל? — האָט איין פרוי א פרעג געטהאָן.

— זיי האָבען מסתמא געזוכט וואו צו בעהאלטען זיך פון שטורעם — האָט געענטפערט דער שלעפער — און דער שטארקער ווינד האָט מסתמא אראָבגעשליידערט דיא שטיבעל פון בארג און זיי זיינען גע׳הרג׳ט געוואָרען. איך אליין האָב געוואָלט בעהאלטען זיך אין שטיבעל, האָב איך אָבער געזעהען צוויי רייט־פערד צוגעבונדען, האָב איך פערשטאנען, אז אימיצער איז שוין דאָ אינווייניג. ווען זיי וואָלטען ניט געווען אינווייניג וואָלט איך דאָס געלעגען איצט דאָ אזא צובלוטיגטער.

— דאָס וואָלט אפשר בעסער געווען — האָט זיך אימיצער אָבגערופען.

— פאר וואָס וואָלט דאָס עפּעס געווען בעסער? — איז דער אלטער אויפגעקאָכט געוואָרען — ווייל איך בין א קבצן און זיי זיינען רייך? נו, קוקט זיך איצט אין זיי איין — האָט ער אָנגעוויזען מיט כעס, א דורכגעווייקטער פון רעגען — מיר זיינען בה״ש אלע גלייך, ווען מיר זיינען טויט.

מעהר פויערים האָבען זיך אונטערדעסען אָנגעקליעבען און זיי זיינען געשטאנען און געקוקט אויף דיא קערפּערס צושראָקענע. זיי האָבען זיך איצט אלע בעראטהען וואָס צו טהאָן, און האָבען אלע בעשלאָסען, אז אזוי וויא מען וועט דאָך מסתמא בעקומען דערפאר א בעלוינונג אין שלאָס, דארף מען פיהרען דיא קערפּערס אהין. מען האָט איינגעשפּאנט צוויי פוהרען.

אָבער דאָ האָט זיך געוויזען א נייע מניעה. אימיצער האָט פאָרגעלייגט אריינצולייגען א פּאָאר בינטלעך שטרוי אין וואגען אונטערצובעטען אונטער די הרוגים, און דיא איבעריגע, אויס רעספּעקט פאר דיא טויטע, האָבען גערדינקט, אז עס פּאסט זיך בעסער אונטערצולייגען מאטראצען.

— אָבער זיי וועלען דאָך שרעקליך פארפלעקט ווערען — האָט אויסגעשריען א פרוי — און מען וועט דערנאָך האָבען אן עסק אָבצוואַשען.

— נו, וועלען זיי דערפאר אייך בעצאהלען — האָט זיך אָבגערופען א פעטער לאנד־ארבייטער מיט א רונדען פעטען פּנים — וואָס מעהר עס וועלען ווערטה זיין דיא מאטראצען אלץ טהייערער וועלען זיי האָבען צו בעצאהלען.

דיעזע טענה האָט געווירקט. מען האָט אלזאָ איינגעשפּאנט צוויי פוהרען אויף הויכע רעדער אהן רעסאָרען. איינעם האָט מען אוועקגעפיהרט רעכטס, איינעם לינקס מיט דיא קערפּערס פון דיא צוויי געליעבטע, וועלכע האָבען זיך געטרויסעלט אינווייניג.

דער גראף איז געלאָפען אזוי גיך וויא דיא פיס זיינע האָבען איהם געקענט טראָגען באלד וויא ער האָט געזעהען, אז דער וואגען־שטיבעל מיט דיא צוויי געליעבטע קוליען זיך אראָב׳ן בארג. ער איז געלאָפען מיט אימפּעט צווישען דיא קוסטעס, איבער דיא שטעגען, געשפּרונגען איבער קאָנאוועס. ער איז אָנגעקומען אין שלאָס, ווען עס איז שוין געווען פארנאכט און האָט אליין ניט געוואוסט וויא אזוי און מיט וועלכען וועג ער איז אָנגעקומען אין שלאָס.

דיא צושראָקענע דינער האָבען געווארט אויף איהם און האָבען איהם דערצעהלט, אז דיא צוויי פערד זיינען

געקומען צולויפען אהן רייטער. זשו־ליאן'ס פערד איז געקומען צולויפען נאך דעם אנדערען אויך אין יענעמס היים. גראף דע־פארוויל איז צוטומעלט גע־ווארען:

— עפעס האט געמוזט פאסירען מיט זיי — האט ער געזאגט מיט א פארשטיקטען קול — יעדער מוז געהען איצט זוכען, וואו זיי זיינען אהינגעקו־מען.

און ער אליין איז אויך געגאנגען. אבער אזוי גיך וויא מען האט איהם מעהר ניט געקענט זעהען, האט ער זיך בעהאלטען אונטער דיא קוסטעס און האט פון וייטען געקוקט וויא עס וועט זיך צוריק קעהרען דיא, וועלכע ער האט נאך אלץ געליעבט מיט א ווילדער ליידענשאפט און וועלכע מען וועט דאך זיכער ברייננגען אהיים א טויטע אדער א שטערבענדע, א צוקאלעטשעטע אויף אייביג.

א פוהר איז פערבייגעפאהרען פער־ביי איהם, פיהרענדיג עפעס א זאנ־דערבארע משא. דיא פוהר האט זיך אבגעשטעלט פאר'ן שלאס און איז אריינגעפאהרען אין טויער. יא, דאס איז עס געווען, דאס איז געווען זיא; אבער א מורא'דיגע ציטערנים האט איהם וויא צוגעשמידט צום פלאץ, דער פחד פון'ם אמת האט איהם צוגעהאל־טען אויפ'ן פלאץ אונבעוועגליך און פלעגט איהם אויפטרויסלען, אזוי ווי א הירשין פון דעם קלענסטען גערויש.

א שטונדע אדער צוויי האט ער אזוי געווארט. דער וואגען איז נאך צוריק ניט געפאהרען. ער האט זיך פארגעשטעלט אז זיין פרוי האלט אין גוסס'ן און דיא פארשטעלונג, אז ער וועט זיא זעהען, אז ער וועט באגעגע־נען איהר בליק האט איהם אנגעפילט מיט שוידער, אז ער האט שוין אנגע־הויבען מורא האבען, מען זאל זיך ניט דערוויסען פון דער געשיכטע און ער זאל ניט זיין געצוואונגען צו זעהען איהר מאטערנעס מיט'ן טויט. ער האט זיך אויפגעהויבען און איז געלאפען, אין וואלד איז ער געלאפען. אבער דאן איז איהם ארויף דער רעיון, אז אפשר דארף מען העלפען און קיינער קען זיא ניט ראטעווען און ער האט זיך א ווארף געטהאן צוריק אהיים.

ווען ער איז געקומען צוריק אין שלאס, האט ער באגעגענט דעם גערט־נער און ער האט א געשריי געטהאן: נו?

דער גערטנער האט ניט געהאט קיין הארץ איהם צו ענטפערען. דער גראף האט כמעט וויא ארויסגעברומט:

— איז זיא טויט?

— יא, הערר גראף — האט דער מאן געענטפערט.

ער האט גלייך דערפיהלט וויא איהם איז גרינגער געווארען. פאלשטענ־דיג רוהיג איז פלוצלונג געווארען זיין בלוט און זיינע אנגעשטריינגטע גליע־דער האבען זיך דערפיהלט קרעפטיגער. מיט פעסטע טריט איז ער שוין איצט געגאנגען אויף דיא טרעפ.

דיא אנדער פוהר איז אנגעקומען אין „פאפעלבוימער". זשאנע האט גע־זעהען וויא מען האט אריינגעפיהרט די פוהר אין הויף פון שלאס, האט גע־זעהען דיא מאטראצען, האט געטראפען אז אויף זיי ליגט א קערפער און האט פערשטאנען וואס עס האט פאסירט. איהר שרעק און מורא איז געווען אזוי גרויס, אז זיא איז אנידערגעפאלען צו דער ערד אין חלשות.

ווען זיא איז געקומען צו זיך איז איהר פאטער געשטאנען לעבען איהר, האט געהאלטען איהר קאפ און האט גע־וואשען איהר שטערן מיט עססיג.

— ווייסט דוא שוין? — האט ער זיא געפרעגט פארזיכטיג.

— יא, פאטער, איך ווייס — האט זיא געשעפצעט קוים הערבאר.

אבער ווען זיא האט זיך געוואלט אויפהויבען האט זיא דערפיהלט שרעק־ליכע שמערצען און האט ניט געקענט.

דיעזעלביגע נאכט האט זיא גע־בראכט א טויטע קינד אויף דער וועלט; א מיידעלע.

זיא האט ניט געזעהען זשוליאן'ס לויה; זיא האט קיין זאך ניט געזעהען

און ניט געוואוסט וועגען דעם. אין א טאָג אָדער צוויי ארום האָט זיא געמערקט בלויז, אז טאנטע ליזאן איז וויעדער געקומען; און אין איהר פיבער־היץ, אין דיא פאנטאזירענדע נעכט, פלעגט זיא זיך אלץ וואונדערן, ווען האָט דען טאנטע ליזאן פערלאָזען דעם שלאָס, וואָס זיא איז וויעדער געקומען און אונטער וועלכע אומשטענדען איז זיא דען אוועק געפאָהרען.

זיא האָט אָבער ניט געקענט דערקלעהרען זיך קיין זאך אין איהר פיבערישען צושטאנד, אפילו אין דיא מינוטען, ווען דיא היץ האָט זיא א ביסעל אָבגעלאָזען; זיא האָט נור געדיינקט איין זאך, אז נאָך דער מוטערס טויט האָט זיא דאָרט געזעהען דיא טאנטע ליזאן און אז איצט איז זיא וויעדער דאָ.

פאול׳ס ענטוויקלען זיך

דריי חדשים איז זשאנע געלעגען קראנק און האט ניט געקענט פערלאָזען איהר צימער. זיא איז געוואָרען אזוי בלייך און אזוי שוואך פאר דער צייט, אז אלע האָבען שוין געמיינט, אז זיא איז א פערלאָרענע. אָבער ביסלעכווייז, גאנץ לאנגזאם זיינען איהרע כחות געקומען צו איהר צוריק. איהר פאטער און טאנטע ליזאן זיינען דיא גאנצע צייט געווען לעבען איהר און זיינען געבליעבען איבער איהר שוין שטענדיג וואהנען אין „פאפעל־בוימער". דער שלאג וואָס האָט מיט איהר געטראָפען האָט אָבער געלאזען א סליאד; זיא איז געבליעבען מיט קראנקע נערווען; דעם קלענסטען גערויש פלעגט זיא ניט קענען פארטראגען, פלעגט פאלען פון יעדע קלייניגקייט אין אונמאכט.

זיא האָט קיין מאָל ניט נאָכגעפרעגט זיך וועגען זשוליאן׳ס טויט. וואָס איז איהר דיא נפקא מינה? איז ניט גענוג וואָס זיא האָט שוין געוואוסט? אלע זיינען געווען אונטער דעם איינדרוק, אז דאס איז געווען אן אונגליקסצופאל, אבער זיא האָט דאך געוואוסט בעסער פון זיי. דעם סוד וואָס זיא האט געוואוסט און וואָס האָט איהר געמאטערט, האָט זיא געהאלטען פערשלאסען ביי זיך אין הארץ, דאָס הייסט דעם פאקט פון דער ליעב־האבעריי פון איהר מאן מיט גילבערטען און דעם גראף׳ס קורצער און שטורמעדיגער בעזוך אין דעם טאג, ווען דיא קאטאסטראפע האט פאסירט.

מערקווירדיג, איהר הארץ האט איצט געפיהלט נור דיא צערטליכע ערינערונגען פון דער קורצ־צייטיגער ליעבע וואס זיא האָט א מאָל געפיהלט צו איהר מאן. יעדעס מאָל פלעגט זיא זיך עפעס דערמאהנען אונערווארטעט אויף א מאמענט פון יענער ליעבע; ער האָט זיך איהר איצט פאָרגעשטעלט אין זעלבען געשטאלט ווי זיא האָט איהם געזעהען אין דער קורצער צייט פון זייער פער׳קנס׳ונג און וויא ער האָט פאר איהר אויסגעזעהען אין דער צייט פון זייער האניג־רייזע באלד נאך דער חתונה, דיא איינציגע צייט וואָס זיא האט ווען עס איז געפיהלט ליידענשאפט אונטער דער ברענענדער זונן פון קאָרהיהא.

אלע זיינע חסרונות זיינען פארקלענערט געוואָרען אין איהר ערינערונג; אלע זיינע גראָבקייטען און בייזקייטען זיינען פערשוואונדען; אפילו זיינע אונטריהייטען זיינען אָבגעבלאָקירט געוואָרען אין דעם שטח איצט, וואס זיין קבר איז געווען פון איהר.

נאך מעהר. זיא איז איצט אין גאנצען בענומען געוואָרען מיט א מין דאנקבארקייט צו דעם מענשען, וועלכער האט זיא געהאלטען אין זיינע ארעמס; זיא האט איהם מוחל געווען איהרע פערגאנגענע יסורים און אין איהר זכרון

זיינע בלויז פערבליעבען דיא גליקליכע מאמענטען פון זייער פערהייראטען לעבען. און דאן, ווען מאנאטען זיינען פערביי, איין מאנאט נאך דעם אנדערען. פארציהענדיג א שלייער איבער איהרע ליידען און איבער איהרע ערואינערונגען, האט זיא זיך אנגעהויבען אבגעבען אין גאנצען מיט דער ערציהונג פון איהר זוהן.

ער איז געווארען איהר גאט; דער איינצעלנער אלעם איינשלינגענדער געדאנק. פון זיין מוטער איז ער געווארען; דער ליעבלינג פון זיין זיידען און פון זיין טאנטע, און ער האט געהערשט איבער זיי וויא א דעספאט. א מין אייפערזוכט האט זאגאר עקזיסטירט צווישען דיעזע דריי שקלאפען; זשאנע פלעגט ווערען נערוועז ווען זיא פלעגט זעהען וויא ער קוסט און נעהמט ארום דעם זיידען, נאך דעם וויא דער לעצטער פלעגט איהם הוידען אויף זיינע קניע. און טאנטע ליזאן, אויף וועלכער דאס קינד האט זיך אונערבערמליך ניט ארומגעקוקט, אזוי וויא אלע אנדערע פלעגען זיך באגעהען מיט איהר און מיט וועלכער ער פלעגט זיך מאנכע מאל באגעהען וויא מיט א דיענסט, אבוואהל ער האט נאך קוים געקענט פלאפלען ווערטער, פלעגט זיך פערשפארען אין איהר צימער און פלעגט וויינען איבער דיא מינדעסטע שטיקעל צערטליכקייט וואס זיא האט געבעטען פון איהם און זעהענדיג, אז דאס קינד האט בלויז ליעב זיין מוטער און זיין זיידען, וויא איהר האט אויסגעוויען.

צוויי יאהר זיינען אזוי פערביי און עס האט קיין באזונדער זאך ניט פאסירט. אין אנהויב פון דעם דריטען ווינטער האבען זיי בעשלאסען איבערצוקלייבען זיך קיין רועז ביז פריהלינג. דיא גאנצע פאמיליע האט צונויפגעפאקט זיך און האט פערלאזען „פאפעל־בוימער“. אבער ווען זיי האבען אריינגעקליבען זיך אין רועז, אין דעם פערלאזענעם פייכטען הויז, איז פאול קראנק געווארען אויף בראנכיט אזוי שטארק, אז מען האט מורא באקומען עס זאל זיך דערפון ניט ענטוויקלען א פלעוריט. אלע האבען בעשלאסען, אז דער בעסטער און געזינדסטער פלאץ פאר איהם איז צו לאנד, און אזוי גיך וויא ער איז בעסער געווארען האבען זיי זיך צוריק איבערגעקליעבען אין „פאפעל־בוימער“.

דאן האט זיך אוועקגעצויגען א רייהע פון גליקליכע און מאנאטאנע יאהרען. תמיד ארום דעם אינגעל, דאס אין צימער פון זיין ערציהערין, דאס אין זאאל, א מאל אין גארטען, פלעגען זיי שטענדיג ענטציקט ווערען פון זיין פלאפלען; וויא קאמיש ער רעדט ארויס ווערטער, וויא ער מאכט מיט'ן הענטעל, וויא ער לויפט מיט דיא פיסלעך, וויא ער באוועגט זיך: זיין מוטער האט איהם מיט ליעבשאפט גערופען מיט'ן צערטליכען נאמען „פאלעט“, אבער אזוי וויא ער האט שארף ניט געקענט ארויסריידען דעם ווארט, פלעגען זיי זיך גליקליך צולאכען אלע מאל וויא ער פלעגט מיט זיין קינדערשען צינגעל ארויסזאגען „פאיעט“ און מען האט שוין איהם אנגעהויבען דורכאויס אזוי רופען.

אזוי ווי ער איז שנעל געוואקסען, איז געוועזען דער בעסטער צייטפערטרייב פאר זיינע דריי ערציהער, וועלכע דער בארא האט אין שפאס גערופען „דיא דריי מאמעס“, צו מעסטען אויף וויפיעל ער איז צוגעוואקסען. דיא טהיר פון זאאל איז געוועזען פול מיט געצייכענטע סמנים מיט א מעסערל דיא מאס וויפיעל ער איז צוגעוואקסען. א צייכען פאר יעדער מאנאט וויפיעל איהם איז צוגעקומען אין דיא הויך.

אין א קורצער צייט ארום איז א נייע בריאה ערשיענען אויף דער סצענע און האט אנגעהויבען צו שפיעלען א וויכ־

טיגע ראָלע אין דער פאַמיליע. דאָס איז געווען „הריגה“, דער אויסגעהאָדעוועטער הינטעל, וועלכער איז שטאַרק פערנאַכלעסיגט געוואָרען איבער דעם וואָס זשאַנע איז געווען אין גאַנצען פערנומען מיט איהר זוהן. ער איז דיא גאַנצע צייט געווען צוגעבונדען אויף אַ קייט צו זיין ביידעל לעבען שייער און האָט געלעבט אַן איינזאַמען, אַבגעזונדערטען לעבען; דיא קעכין לודיווען פלעגט איהם בלויז בעזאָרגען מיט עסען.

פאול האָט איין טאָג דערזעהען דעם הונד און האָט זיך צערוויינט, אַז ער וויל איהם לאַשצען. זיי האָבען איהם צוגעפיהרט צום הונד, מורא האָבענדיג, אַז עס זאָל עפּעס זיך שלעכטעס ניט טרעפען. אָבער דער הונד האָט אויפגענומען דעם אינגעל מיט גרויס ליעבע. דער קליינער אינגעל האָט זעהר הנאה געהאַט פון דער שטומער בריאה און האָט זיך צערישען, ווען מען האָט זיי געוואָלט צערשיידען. נו. האָט מען „הריגה“ אַבגעבונדען פון קייט און ערלויבט איהם צו וואָהנען אין הויז.

דיא צוויי זיינען געוואָרען אונצערשיידבאַר; זיי זיינען אַרומגעשפּרונגען צוזאַמען, האָבען זיך געקייקעלט ביידע אויפ'ן טעפּיך. און באַלד האָט מען געמוזט דעם הונד אויך ערלויבען צו שלאָפען אויף דער זעלבער בעט מיט זיין חבר, וועלכער האָט קיין מינוט ניט געוואָלט זיין אָהן איהם. זשאַנע האָט געוואָלט ווירקען, אַז די פריינדשאַפט זאָל ניט זיין אַזוי גרויס איבער די פליי פון'ם הונד. און טאַנטע ליזאַן האָט דעם הונד ניט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט אוועקגענומען אַ גרויסע טהייל פון דעם אינגעלס ליעבע, וועלכע האָט על פי יושר געדאַרפט בעלאַנגען צו איהר.

צייטענווייז פלעגט די פאַמיליע בעזוכען די דע־בריזעווילס און די דע־קאַטעליערס. אָבער צו זיי פלעגען נור דער בירגער־מייסטער און דער דאָקטאָר קור־מען רעגולער צו בעזוך. דיא קירכע האָט זשאַנע ניט בעזוכט, זינט דער פּריסטער האָט דער'הרג'עט מיהזא'ן און זינט דעם שרעקליכען סוף פון זשוליאַן און גילבערטע: איהר חשד אין דאַן געפאַלען אויף דעם גלח. זי איז געווען אויפגעבראַכט, אַז גאָט זאָל דאָס האָבען אַזעלכע שלוחים.

דער גלח, פאַטער טאַלביאַק, פלעגט אָפט פלוכען דעם שלאָס אין זיינע דרשות, ערקלערענדיג, אַז בייזע רוחות האָבען שליטה אויפ'ן שלאָס. דער גייסט פון ווידערשפּעניגונג, דער גייסט פון פאַלשקייט און פערקריכען אין שלעכטע וועגען, דער גייסט פון בייזהייט, פון זינד און פערדאָרבענהייט, דיעזע אַללע רוחות האָט ער צוגעשריעבען צו דעם אַלטען באַראָן.

פאַקטיש איז די קירכע געווען פוסט: אַלע האָבען זיא פערלאָזען; און ווען דער גלח פלעגט געהן דורך די פעלדער, וואו די פויערים זיינען געווען בעשעפטיגט מיט אַקערען, האָבען זיי זיך אפילו ניט אָבגעשטעלט צו ריידען מיט איהם, און אפילו ניט אַ קוק געטאָהן אין יענעם זייט און אַ נייג טאָהן זיך צו איהם מיט אַ בעגריסונג. זיי האָבען געהאַלטען איהם פאַר אַ מכשף, ווארום ער האָט אַרויסגעטריעבען אַ רוח פון אַ פרוי.

ער האָט געוואוסט אַזעלכע אָבשפּרעכונגען, ווען מענשען אָדער פיה ווערען „געכאַפּט“, ווארום ער האָט געהאַלטען אַז פון טייפעל זיינען זיי דאָס „געכאַפּט“ און דערפאַר טרעפט דאָס, אַז די קוה הויבט אָן צו געבען גאָר בלויע מילך אָדער דער עק ווערט ביי איהר פערדרעהט. ער פלעגט מיט עטליכע צויבער־ווערטער מאַכען אַז פערפאַלענע זאַכען זאָלען זיך אומקעהרען צוריק, זאָלען געפונען ווערען.

זיין ענגער, פאַנאַטישער שכל פלעגט זיך ליידענשאַפטליך פערטיעפען אין רעליגיעזע ביכער, וועלכע האָבען געלערנט

װעגען די אונרײנע כוחות פון טײפעל, דיא פערשיעדענע שפּיצלאַך, װאָס דער טײפעל קען אָבטאָהן; װי ער האָט א שליטה דורך א שלעכטען קוק, דורך עין הרע. און אַזוי װי ער האָט זיך אײנגע־שמועסט, אַז ער איז ספּעציעל בערופען געװאָרען צו בעקעמפפען דיא געהײמע קרעפטען פון'ם שטן מקטרג, האָט ער אויסגעלערנט אַלע קמיעות און אַלע אָב־שפּרעכונגען, װעלכע געפינען זיך אין די הײליגע ביכער.

צװישען די פּויערים האָט זיך פער־שפּרײט א מין פּחד פון זײן בעהאַלטענע קראַפט. אפילו זײנע חברים. די דאָרפי־שע גלחים, אונװיסענד װי זײ זײנען גע־װען און האָבען מורא געהאַט פאַר'ן אשמדאי אַזוי װי פאַר גאָט אַלײן, און װעלכע זײנען אַזוי צוטומעלט געװען פון דיא פאַרשריפטען פון תפילות צו גאָט און פאַרשװערונגען פון טײפעל, אַז זײ האָבען צונויפגעמישט רעליגיאָן מיט שװאַרצע קונצען מאַכעריי, האָבען גע־האַלטען פאַטער טאַלביאַק פאַר א מין בעל־שם; און זײ האָבען איהם רעספּעק־טירט פאַר זײן צױבער־קראַפט און אויך פאַר זײן שטרענג־פרומע אויפפיהרונג אין לעבען.

װען דער גלח פלעגט בעגעגענען װען זשאַנען, פלעגט ער איהר קײן מאָהל ניט בעגריסען דאָס האָט אָבער זעהר גע־ערגערט די טאַנטע ליזאַן, איהר אײנ־פאַכע, שטילע נשמה האָט עפּעס ניט פערשטאַנען, װי אַזוי קען מען דאָס זיך האַלטען אַזוי װײט פון דער קירכע. זיא איז געװען פרום און פלעגט בײכטען רעג־גולער לויט דיא קירכליכע פאַרשריפטען, אָבער קײנער האָט זיך דערמיט ניט אינ־טערעסירט און קײנער האָט דערפון ניט געװאוסט.

װען זיא פלעגט זײן אַלײן מיט פּאָולען, פלעגט זיא איהם מדריך זײן אין פרומקײט, פלעגט צו איהם רײדען פון גאָט. ער פלעגט זיך צו הערען קינ־דערש נײגיעריג װעגען די װאונדערליכע מעשות װי גאָט האָט בעשאַפען דיא װעלט. זי פלעגט איהם זאָגען:

—דו מוזט ליעבהאָבען גאָט דעם האַרר.

טאַנטע, װאו איז ער? — פלעגט ער א פרעג טאָהן.

—דאָרטען, דאָרטען איז ער? — פלעגט ער א פרעג טאָהן.

—דאָרטען, דאָרטען איז ער — פלעגט זיא איהם ענטפערן צײגענדיג מיט'ן פינגער צום הימעל — אָבער דו טאָרכסט אַזעלכע זאַכען ניט פרעגע.

זי פלעגט זעהר מורא האָבען, אַז דער באַראָן זאָל דערפון ניט דערהערען. אײן טאָג האָט „פּאָלעט" ערקלעהרט, אַז ער װײס דאָס גאָט איז אומעטום נור ניט אין קירכע, און דער אינגעל האָט אָנגעהױבען דערצעהלען דעם זײ־דען װעגען די געטליכע מעשות, װאָס די טאַנטע דערצעהלט איהם.

װען פּאָול איז אַלט געװען א יאָהר צעהן, האָט זײן מוטער שוין אויסגעזע־הען אַזוי װי זיא װאָלט אַלט געװען א יאָהר פערציג. ער איז געװען א שטאַר־קער. געזונדער, קאָכיגער אינגעל. פלעגט זיך קײן מאָהל ניט אָבהאַלטען פון צו קלעטערן, שפּרינגען, אָבער ניט לעהרנען.

װען זײנע שטודיען פלעגען איהם דערעסען, פלעגט ער גאָר, אײנפאַך אװעקלײגען דעם בוך און אויפהערען. יעדען מאָהל, װען דער זײדע פלעגט פאַר זײנע אויגען האַלטען א ביכעל ליינגער פון געװײנליך, פלעגט זשאַנע א זאָג טהאָן:

— נו, לאָז דעם קינד שפּיעלען זיך; מיר דאַרפען איהם אַזוי פיעל ניט אויסמאַטערן; ער איז נאָך צו יונג.

איהר האָט זיך אימער געדוכט, אַז ער איז נאָך ערשט אַלץ א יאָהר אַלט. זיא האָט זיך קוים געקענט פאַרשטע־לען, אַז „פּאָלעט" קען דאָס געהן, אַרומ־לויפען, רײדען, שוין גאָר א קלײנער מענ־שעלע. און זיא האָט געלעבט אין אײן

זאָרג, טאָמער וועט ער זיך פאַרקיהלען חס חלילה, וועט מיר ווערען צופיעל שפּיעלענדיג אָדער וועט כאַפּען אן איבריגען ביסען מעהר איידער זיין מע־געלע קען פאַרטראָגען, אָדער טאָמער דערעסט ער ניט און ווען ער וואָלט גע־געסען נאָך א פּאָר ביסען וואָלט ער גע־וואַקסען קרעפטיגער נאָך.

ווען ער איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר, איז אָנגעקומען א הארבע שאלה. זיין ערשטער אבענדמאָהל, ערשטע בע־העפטונג צו דער קירכע. און איין אין־דער־פריה איז ליזאָן געקומען צו זשאַנען און ערקלעהרט איהר, אז עס קען דאָך אזוי ווייטער ניט געהן; דער אינגעל איז שוין צוועלף יאָהר און ער האָט נאָך ניט ערהאַלטען קיינע רעליגעזע בעלעהרונג און ער ערפילט ניט זיין ערשטע חיובים צו דער קירכע, ווען ער איז שוין דאָך א בר מצוה. זיא האָט גע'טענה'ט אויף אַלערליי אופנים, האָט געבראַכט פער־שיעדענע בעווייזע און א הונדערט ער־קלעהרונגען, אז זיא האָט רעכט און דער שטאַרקסטער בעוויז איז געווען: סטיימש, פרעג וואָס דיא שכנים, וואָס בעקאַנטע זאָגען.

זשאַנע האָט זיך אָבער נאָך אַלץ מישב געווען, זאָגענדיג אז עס איז נאָך דאָ צייט גענוג צו טראַכטען וועגען דעם, אָבער אין א חודש אַרום, ווען זיי זיי־נען געווען אויף בעזוך ביי דער גרעפין דע־בירזעוויל, האָט דיזע דאַמע א פרעג געטהאָן זשאַנען זייט־וועגס, אויב דאָס איז ניט דער יאָהר אין וועלכען פּאָול ווערט בר מצוה און דאַרף שוין זיין צום הייליגען אבענדמאָהל. זשאַנע האָט די־זע פראַגע ניט ערוואַרט. דאָס איז פאַר איהר געווען אזוי פּלוצלינג, אז זיא האָט געענטפערט:

—יא, מאַדאַם.

דערמיט איז שוין געווען דיא פראַ־גע געלייזט. ניט דערצעהלענדיג איהר פאַטער וועגען דעם, האָט זיא געבעטען טאַנטע ליזאָן, זיא זאָל נעהמען דעם אינגעל אין זונטאַג שוהל. אַלעס איז גע־גאַנגען כשורה דעם ערשטען מאָנאַט; אָבער איין פאַרנאַכט איז פּאָולעט גע־קומען עפּעס הייזעריגלעך; אויף מאָרגען האָט ער אָנגעהויבען צו הוסטען. דיא בעזאָרגטע מוטער האָט איהם אָנגעהויי־בען אויסצופרעגען און האָט זיך דער־וואוסט, אז דער גלח האָט איהם געהיי־סען שטעהן ביים טהיר פון קירכע, אין א צוג־ווינד, דיא גאַנצע צייט פון זיין לעקציע, ווייל ער האָט זיך עפּעס פאַר־שטיפט. זיא האָט איהם שוין מעהר ניט געלאָזען געהן און האָט אַליין מיט איהם געלערענט דעם קאַטעכיזם. אָבער פאַטער טאַלביאַק האָט איהם דערפאַר פון דאַן אָן ניט צוגעלאָזען צום אבענד־מאָהל, זאָגענדיג אז ער האָט ניט גענוג רעליגיעזע אונטעררייכט און דערפאַר קען ער איהם ניט צולאָזען. אומזיסט זיינען געווען טאַנטע ליזאָנס בקשות; דער גלח איז געבליבען ביי דאָס זיי־ניגע. א יאָהר איז אריבער און דעם צווייטען יאָהר איז ווידער געווען דאָס־זעלביגע. דער באַראָן איז דאַן געוואָרען אויפגעבראַכט און האָט ערקלעהרט, אז מען דאַרף דאָס גאָרניט, מען קען אויס־קומען ניט גלויבענדיג אין דיא אַלע דומ־הייטען, און עס איז ניט נויטיג צו באַ־העפטען זיך צו גאָט אָדער צום הייליגען גייסט, געהן צו אבענדמאָהל אום צו זיין אַן אָרענטליכער מענש; מען קען זיין אָרענטליך אָהן דעם אויך.

זיי האָבען דארום בעשלאָסען צו ערציהען איהם טאַקע אַלס א קריסט. אָבער ניט דוקא אַלס אן אָרטאָדאָקסאַ־לער קאַטאָליק, און ווען ער וועט זיין רייף אין יאָהרען וועט ער אַליין אויס־וועהלען זיין גלויבען. אין א קורצער צייט אַרום האָט זשאַנע באַמערקט, אז נאָך איהרען א בעזוך צו דיא דע־ביר־זעווילס, האָבען זיי איהר ניט בע־צאָהלט מיט זייער בעזוך, וויא דער שטייגער איז געווען אימער. וויסענ־דיג וויא איהרע נאַכבאַרען; האַלטען שטאַרק פון עטיקעטע, האָט זיא זיך געוואונדערט וויא אזוי דאָס קומט, אז זיי צאָהלען ניט צוריק מיט א וויזיט; אָבער דיא מאַרקיזע דע־קאַטעליער האָט איהר באַלד געעפנעט דיא אויגען; זיא האָט מיט גדלות איהר ערקלעהרט דיא

אורזאכע, פאר וואָס דיא שכנים ווילען זיא מעהר ניט בעזוכען.

דיא מארקיזע דע־קאטעליער האָט זיך גערעכענט, לויט איהר מאן׳ס הויבען שטאנד, זיין גרויסען טיטול, זייער אונגעהייערע רייכקייט, פאר א מין קעניגין פון דער נאָרמאנישער אריסטאָקראטיע. זיא האָט געהערשט וויא א ווירקליכע קעניגין. זיא האָט געקוקט מיט גדלות אויף אימיצען אָדער האָט איהם בעעהרט מיט א מילדען בליק, נאָך דיא אומשטענדען, וויא עס האָט זיך צו א בעשטימטע צייט געפאָדערט. זיא האָט גע׳מוסר׳ט אָדער פריינדליך גראטולירט; עס ווענדט זיך וויא עס האָט געפאסט צום רומעל.

ווען זשאנע האָט איהר אָבגעשטאָטעט איצט א בעזוך האָט דיא גרויסארטיגע דאמע, נאָך עטליכע פערפראָרענע בעמערקונגען א זאָג געטהאָן טרוקען:

— דיא געזעלשאפט איז צוטהיילט אין צוויי קלאסען: איין קלאס זיינען דיא מענשען, וועלכע גלויבען אין גאָט און דער אנדערער דיא וואָס גלויבען ניט אין גאָט. מענשען פון ערשטען קלאס, וויא קליין זיי זאָלען ניט זיין, וויא אָרעם, בערעכענען מיר פאר אונזערע פריינד, און דיא אנדערע זיינען פאר אונז גאָרנישט.

זשאנע האָט גלייך דערפיהלט דעם אנגריף און האָט געענטפערט:

— קען מען דען ניט גלויבען אין גאָט ניט געהענדיג אין קירכע?

— ניין, מאדאם. גוטע קאטאָליקען געהען דינען גאָט אין קירכע, וויא זיי געהען בעזוכען מענשען אין זייער הויז — האָט געענטפערט דערויף דיא מארקיזע.

— גאָט איז אָבער אומעטום — האָט געענטפערט א געטראָפענע זשאנע — און איך, מאדאם, וועלכע גלויב אין הארצען אין גאָטס בארמהערציגקייט, פיהל ניט, אז גאָט איז דאָרט וואו געוויסע גלחים זיינען אין מיטען צווישען מיר און איהם.

— דיא פריסטער טראָגען דעם באנער פון דער קירכע, מאדאם — האָט זיך אויפהויבענדיג געזאָגט דיא מארקיזע — ווער עס פאָלגט ניט נאָך דיעזען באנער איז א געגנער פון דער קירכע און פאָלגליך אויך אונזערער א געגנער.

זשאנע האָט זיך אויך אויפגעהויבען, ענטפערנדיג:

— מאדאם, איהר קענט זיך גלויבען אין א פארטייאישען גאָט. איך גלויב אין גאָט פון גערעכטיגקייט.

זיא האָט זיך פערנייגט איינפאך און איז ארויס.

אָבער אויך דיא פויערים האָבען אָנגעהויבען מורמלען צווישען זיך און באריידען זיא פאר וואָס דער יונגער אינגעל ווערט ניט געשיקט צום אבענדמאהל אין דער קירכע. אמת, זיי אליין זיינען ניט געגאנגען צו אבענדמאהל, ווייל זיי האָבען אויסגעהאלטען א מין חרם געגען גלח. אָבער דיא קינדער איז דאָך אן אנדער זאך. יעדערער פון זיי וואָלט זיך אָבשרעקען פאר׳ן געדאנק צו ערציהען א קינד אָהן גאָטעס־פורכטיגקייט, ווארום וויא דיא מעשה זאָל ניט זיין, רעליגיאָן איז רעליגיאָן.

זשאנע האָט געוואוסט וויא קרום זיי קוקען דערויף און איז געווען אויפגעבראכט פאר דיעזע היפאָקריטסטווא פאר דער פייגהייט זייערע, וואָס זיי האָבען אלץ מורא וואָס אנדערע וועלען וועגען דעם מיינען, פאר דיזער פייגהייט וועלכע עס איז אין זייער אלעמענס הערצער, פאר זייער פערמאָסקירטהייט ווען זיי ווייזען זיך פאר אנדערע.

דער באראָן האָט גענומען אין זיינע אייגענע הענד פאולס ערציעהונג. ער האָט מיט איהם אָנגעהויבען לערנען לעטיין. אָבער דיא מוטער פלעגט יעדען מאָהל געפינען אלץ פאר נויטיג צו זאָגען איהר פאָטער:

— דיא הויפט־זאך איז ניט צו פערמאטערען דאָס קינד, טאטע.

דער באראָן האָט איהר פערבאָטען

ארײנצוקומען אין צימער, װאו זיא פלעגט יעדען מאהל איבערשלאגען אין מיטען לערנען מיט פערשיעדענערלײ פראגען װעגען זײן געזונד :

— פיהלסט דוא ניט קאלט אין דיא פיסעלעך, פאולעט ? אדער : טהוט דיר ניט װעה הײנט דאס קעפעלע, פאולעט?

אמאל פלעגט זיא גאר איבערשלאגען דעם לעהרער אין מיטען, זאגענדיג :

— טאטע, הײס איהם ניט אזוי פיעל איבערזאגען, עס װערט דאך איהם טרוקען אין האלז.

דער בארא̈ן האט איהר דארום פערבאטען ארײנצוקומען בשעת'ן לערנען און זיא האט זיך געמוזט צופריעדען שטעלען מיט ארומטאנצען נאהענט פון קלאס־צימער און צוהערען זיך בעזארגטערהײט.

װיא נור פאול פלעגט זײן פארטיג מיט זײן לעקציאן פלעגט ער מיט דער מוטער און מיט דער טאנטע געהן אין גארטען. זײ האבען אלע ליעב בעקומען צו גארטנערײ, און זאלבעדריט פלעגען זײ אין פריהלינג פערפלאנצען יונגע בױמעלאך, האבען פערזעעט זאמען, װעלכע זײ פלעגען אבהיטען און נאכקוקען יעדען טאג װיא עס װאקסט ; פלעגען ארומשנײדען דיא קוסטעס, געשניטען בלומען, געפלאכטען קראנצען, געמאכט בוקעטען.

פאול'ס גרעסטער פערגעניגען איז געװען צו קולטיװירען פערשיעדענע מינים סאלאד; ער האט געהאט פיער בעזונדערע גרױסע בעעטען, אין װעלכע ער האט פארזעעט ראמענעס, לעטוס, עסקאראלס און אלערלײ אנדערע מינים פון סאלאד. ער האט געזעעט, ארומגעגראבען, בעגאסען און געטאהן אלעס װאס עס איז נױטיג, אז זײ זאלען ארױסקומען געראטען. זײן מוטער פלעגט איהם העלפען און פלעגט הארעװען װי אן ארבײטער־פרוי. שטונדען לאנג פלעגען זײ קריכען אויף דיא קניע איז דיא בעעטע, פערשמירען דיא קלײדער, דיא הענד ארײנצוזעצען דיא װארצלען אין דיא לעכער, װאס זײ פלעגען מאכען אין דער װײכער ערד מיט זײערע פינגער.

פאול איז שוין אלט געװען באלד פופצעהן יאהר און איז געװאקסען הויך; דיא אויסגעקריצטע סמנים אין פריטעלקע פון טיהר פון זאאל האבען שוין געװיזען 63 אינטשעס, אבער לױט שכל איז ער געװען נאך א קינד, אונװיסענד און נארריש ; ער איז צופיעל געפעשטשעט געװארען פון דיא צװײ פרויען און פון זײן זײדען, װעלכער איז געװען ניט פון זײן צײט.

ענדליך האט אין אײן אבענד דער בארא̈ן אויסגערעדט זיך װעגען א האכשולע. זשאנע האט אנגעהויבען באלד צו װײנען און טאנטע ליזאן האט זיך בעהאלטען אין א װינקעל.

— אויף װאס הארף ער אזוי פיעל בילדונג ? — האט געפרעגט דיא מוטער. מיר װעלען איהם בעסער מאכען פאר א גוט־בעזיטצער, פאר א לאנד־אײגענטהימער. און ער װעט זיך באשעפטיגען מיט זײנע גיטער װיא פיעלע פריצים צולאנד. ער װעט לעבען גליקליך און װעט לעבען ביז'ן טיעפען עלטער דא אין זעלביגען הױז, װאו עס האבען געװאהנט זײנע עלטערן פאר איהם, און װעלען מסתמא שטארבען אויך דא. װאס נאך דארף מען דען ?

אבער דער זײדע האט געטרײסעלט מיט'ן קאפ :

— און װאס װעסטו זאגען װען ער װעט אלט װערן פינף און־צװאנציג יאהר און װעט צו דיר קומען און זאגען : „מאמע, איך בין אויסגעװאקסען א גארנישט איבער דיר, איבער דײן מוטערליבע אײגענליעבע. איך בין אונפעהיג צו ארבײטען, צו װערן עפעס א טיכטיגער מענש, און אין דערזעלבער צײט בין איך דאך ניט ערצױגען געװארען צו אזא אונ־

וועלכען דוא האָסט מיך פעראורטיילט איבער דיין קורצזיכטיגע ליעבע.“

זשאַנע האָט זיך אָבער בלויז שטארק צואווײנט, האָט געווישט איהרע אויגען און האָט זיך געווענדעט צום אינגעל :

— זאָג מיר, פאולעט וועסטו מיר קיין מאָל ניט מאכען קיין פאָרוואורף פאר וואָס איך האָב דיך צופיעל געליעבט ? זאָג מיין קינד.

— ניין, מאמא ! — האָט דער הויכער יונג געענטפערט און איבעראשטער.

—וועסט דו שווערען, אז דו וועסט ניט ?

— יא, מאמא.

— ווילסטו ניט בעסער דא בלייבען ?

— יא, מאמא.

אָבער דער זיידע האָט גערעדט איצט פעסטע דבורים :

—— זשאַנע דוא האָסט קיין רעכט ניט צו זאָגען א דעה, וואָס פאר א לעבען זיינער זאָל זיין. דיין האַנדלונג איז דיא האַנדלונג פון א פייגלינג און עס איז פאַרברעכעריש, דוא אָפּפערסט מיט דיין זוהן פון דיין אייגענעם גליק וועגען.

דיא מוטער האָט פאַרדעקט מיטביידע הענד דעם פנים און האָט ביטערליך געשלוכצעט, פול מיט קאָנוואולסען.

— איך בין געווען אזוי אונגליקליך. אזוי אונגליקליך !... און איצט ווען איך האָב א ביסעלע גליק אין לעבען, ווילסט דוא אוועקנעהמען מיין קינד פון מיר. וואָס וועט פון מיר ווערען... בלייבען אַן עלענדע, ?

איהר פאָטער האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צו איהר, און אריינגענעהמענדיג זיא אין זיינע ארעמס, האָט ער צערטליך געמורמעלט :

— און אויף מיר האָסט דוא גאר פארגעסען, זשאַנע ?

זיא האָט אָנגענומען זיין האלז און האָט איהם געקוסט מיט ליעבשאַפט ; זיא האָט געדאַרפט מאכען אַן אנשטרענגונג צו קענען ריידען :

— יא, דוא ביסט אפשר גערעכט... פאָטער... געווים, עס איז פון מיין זייט זעהר נאריש... אָבער איך האָב אזוי פיעל געליטען. איך שטים איין שוין, זאָל ער געהן אין קאַלעדזש.

ניט וויסענדיג וואָס זיין שיקזאַל וועט זיין האָט זיך שוין איצט פאולעט צואווײנט. נו האָבען איהם דיא „דריי מאמעס“ געקוסט, געלאשצעט און געטרויסט, ערמוטהיגט. ווען זיי זיינען געגאַנגען אין זייערע צימערען שלאָפען, האָט זיך יעדערער פון זיי גענוג אויסגעוויינט, זייערע הערצער זיינען געווען בעלאדען, אפילו דער באראָן אליין אויך, און זיי האָבען נאָם געמאכט זייערע צוקאָפּענס מיט טרעהרען דיזע נאכט.

זיי האָבען בעשלאָסען צו שיקען דעם יונגען מאַן קיין האַוור אין קאַללעדזש אין אָנהויב פון ווינטער טערמין, דעם גאַנצען זומער האָט מען איהם דערפאר נאָך מעהר געצערטעלט און צולאָזען געמאכט נאָך מעהר ג״ידער פריהער. זיין מוטער פלעגט אָפט א פארציטערטע ווערען, ווען זיא פלעגט זיך דערמאַהנען, אז עס וועט קומען דיא צייט ווען זיא וועט זיך מוזען מיט איהם שיידען.

זיא האָט איהם אָנגעגרייט גענוג וועש, וואָס האָט געקענט קלעקען פאר א צעהן־יאָהריגע נסיעה לכל הפחות. און דאן, איין פריה־מאָרגען אין אָקטאָבער איז איינגעשפּאַנט געוואָרען דיא פאַמיליען־קארעטע און דיא צוויי פרויען מיט דעם אַלטען זיינען געפאָהרען מיט פאַרלאַטען, געפיהרט איהם קיין האַוור אין קאַללעדזש.

שוין מיט א צייט פריהער זיינען זיי געפאָהרען אויסקלייבען פאר איהם א פלאַץ אין דעם וואָהנונג פון דיא שילער און דעם פלאַץ פאר איהם אין קלאַססצימער. און ווען זיי זיינען איצט אָנגעקומען האָבען זשאַנע מיט טאַנטע ליזאַן

פערבראַכט א גאַנצען טאָג אין איינגלייגען זיינע זאַכען אין אָרדנונג אין דעם קליינעם אַלמער און אין דיא שופלאַדען, ווארום מעהר וויא א פערטעל פון דיא אָנגעגרייטע זאַכען האָבען ניט געקענט אריין. זיין מוטער איז געגאַנגען צום דירעקטאָר און געבעטען מען זאָל פאר איהם אָבלאָזען נאָך א קאַמאָד.

א שוהל־בעאַמטער איז אריין און האָט ערקלעהרט, אז אזא מאַסע אונטערוועש און אנדערע זאַכען זיינען איבעריג; אזוי פיעל קען מען קיין מאָל ניט געברויכען און דאָס וועט נור זיין אין וועג און אָנמאַכען צופיעל עסק. ער האָט אָנגעוויעזען אויף דיא רעגעלן פון דער שוהל און אז ער קען ניט אָבלאָזען נאָך א שראַנק.

זשאַנע איז געוועזען ענטוישט און זיא האָט בעשלאָסען צו דינגען א צימער אין א נאָהענטע אכסניא אום צו האָבען וואו צו האַלטען דיא איבעריגע זאַכען. זיא האָט דעם בעל הבית אָנגעזאָגט, אז דער אינגעל זאָל קענען נעהמען אַלעס, וואָס ער וועט נור געפינען פאר נויטהיג.

ווען זיי זיינען געווען פאַרטיג, זיינען זיי אַלע אוועק שפּאַצירען צום האַפען וויא דיא שיפען זעגלען אָב אין ים. דער פאַרנאַכט האָט זיך טרויעריג ארונטערגעלאָזען אויף דער שטאָדט, און איינציגווייז האָבען לאַנטערנעס אָנגעהויבען צו שימערען אין דער דונקעלהייט. זיי האָבען גענומען א מאהלצייט אין א רעסטאָראַן, אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט אין זינען קיין עסען; זיי האָבען געקוקט איינע אויף דיא אַנדערע מיט פייכטע אויגען אין דער צייט וואָס דער דינער האָט געשטעלט דיא געריכטען אויפ׳ן טיש; ער האָט געמוזט צונעהמען פון טיש אזוי וויא ער האָט ארויפגעשטעלט, קיינער פון זיי האָט זיך ניט צוגעריהרט צו קיין שפּייז.

און דאַן זיינען זיי אוועק אין שוהל. קינדער פון פערשיעדענעם געוואוקס זיינען אָנגעקומען פון אַלע זייטען, בעגלייט פון זייערע עלטערען, קרובים און דינער. פיעלע פון זיי האָבען געוויינט. אין דעם גרויסען, דונקעל בעלויכטעטען הויף האָבען זיך פון אַלע זייטען געהערט פערשטיקטע שלוכצען.

זשאַנע און פּאָולעט זיינען א לאַנגע צייט געבליעבען ארומגענומען, קוּסענדיג זיך. טאַנטע ליזאַן איז געשטאַנען פון הינטען דאָס געזיכט איינגעגראָבען אין א טאַשענטוך; וועגען איהר האָט מען פערגעסען, וויא אימער. אָבער דער באַראָן, וועלכער האָט שוין אויך מעהר ניט געקענט קאָנטראָלירען זיינע געפיהלען, האָט איצט געזעהען, אז דאָס זאָל צוגעהען שנעלער, מאַכען א סוף.

דיא קאַרעטע האָט געוואַרט לעבען טויער; טאַנטע ליזאַן, זשאַנע און דער באַראָן זיינען אריין ענדליך אין קאַרעטע און זיי זיינען ענדליך אָבגעפאָהרען צוריק אַהיים. יעדע ווייַלע פלעגט זיך אין דער פינסטערנעס פון דער נאַכט ארויסרייסען א פערשטיקטער שלוכצען, דאָס פון איינעם, דאָס פון אַנאַנדערען.

אויף מאָרגען האָט זשאַנע א גאַנצען טאָג געוויינט. אויף איבערמאָרגען האָט זיא געלאָזט שפּאַנען די פערד און איז געפאָהרען קיין האַוור. עס האָט געשיינט, אז ביי פּאָולעט איז שוין רעכט געוואָרען דיא שיידונג. דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער דאָס געפונען חברים, און זיין לוסט צו שפּיעלען מיט זיי איז געווען אַזוי שטאַרק, אז ער האָט אפילו אויף קיין ווייַלע ניט געוואָלט בלייבען זיצען, ווען דיא מאַמע פלעגט קומען.

אַלע צוויי טעג פלעגט זשאַנע קומען איהם בעזוכען און אויף זונטאָג פלעגט זיא איהם נעהמען אויספאָהרען. זיא פלעגט בלייבען זיצען אין די לעהרשטונדען אין עמפּפאַנג־צימער, ווארום זיא פלעגט ניט האָבען קיין הארץ אוועקצופאָהרען פון איהם. דער דירעקטאָר פלעגט ענדליך אריינקומען און פלעגט איהר בעטען, אז זיא זאָל ניט אַזוי אָפט באַזוכען איהר זוהן, ווייל

דאָס שאַדט צו זיין לעהרנען. אָבער זיא האָט ניט געקוקט אויף דיעזע פאָדערונג.

אָבער עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז ער האָט זיא געוואָרענט שוין, אויב זיא וועט ניט אויפהערען אַזוי אָפט קומען צו בעזוך וועט ער געצוואונגען זיין אוועקצושיקען איהר זוהן פון שוהל, ווייל זיא שטערט איהר אין זיין לעהרנען און אין זיין שפּיעלען זיך מיט דיא איבעריגע. דער דירעקטאָר האָט אויך אָנגעשריעבען וועגען דעם עטליכע ווערטער צו דעם באַראָן. זיי האָבען דארום זיא געהיט אין דיא פּאַפּעל־בוימער און ניט געלאָזען זיא אַזוי אָפט פאָהרען צו בעזוך אין קאלעדזש. זיא האָט אָנגעהויבען צו וואַרטען מיט דער גרעסטער בעזאָרגטקייט איצט אויף דער וואַקאַנציע־צייט, ווען מען לאָזט אָב דיא שילער אויף איינינע צייט אהיים.

א שטענדיגע אונרוהיגקייט האָט זיך איינגענעסט אין איהר נשמה. זיא האָט רוהיג ניט געקענט איינזיצען. זיא האָט אָנגעהויבען לאַנג ארומצוגעהען אין דיא פעלדער און איהר איינציגער בעגלייטער איז געווען דער הינטעל „הריגה“. זיא פלעגט מאַנכע טעג דעם גאַנצען טאָג זיין דרויסען, פלעגט זיצען אויף דעם פעלזען־ברעג דעם גאַנצען נאָכמיטאַג און קוקען אויפ'ן ים, אָדער זיא פלעגט שפּאַציערען קיין איפּאָרט אויף דעמזעלבען וועג דורכ'ן וואלד אויף וועלכען זיא פלעגט געהען ווען זיא איז נאָך געווען א מיידעל.

וויא לאַנג צוריק דאָס איז אַלעס געווען! וואָס פאַר אן אונגעהייער לאַנגע צייט עס איז אריבער זינט זיא איז געווען א יונגע מיידעל און זיא האָט געשפּאַצירט דאָ צו לאַנד צווישען דיא לאַנקעס, טרוימענדיג און בויענדיג לופט־שלעסער.

יעדען מאָל, ווען זיא פלעגט דערזעהען איהר זוהן, האָט דאָס איהר אויסגעזעהען אקוראַט וויא זיא וואָלט איהם שוין צעהן יאָהר ניט געזעהען. פון מאָנאַט צו מאָנאַט איז ער געוואַקסען אַלץ מעהר עהנליך צו אַן ערוואַקסענעם מאַן און פון מאָנאַט צו מאָנאַט איז זשאַנע געוואָרען אַלץ מעהר עהנליך צו אַן אַלטע פרוי. איהר פאַטער האָט מעהר אויסגעזעהען וויא איהרער א ברודער און טאַנטע ליזאַן, וועלכע האָט זיך ניט געעלטערט, וואַרום צו פינף און צוואַנציג יאָהר איז זיא שוין געווען א פארוועלקטע, האָט אויסגעזעהען בלויז אַזוי וויא איהרע אַן עלטערע שוועסטער.

פּאולעט האָט ניט זעהר שווער געאַרבייט; איהם איז געלונגען וויא עס איז דורכצושלעפּען דיא ערשטע צוויי יאָהר, ניט אַזוי ערפאָלגרייך, און ווען ער איז אַלט [illegible] צוואַנציג יאָהר איז ער נאָך געווען אין קלאַס פון רהעטאַריק.

ער איז אויסגעוואַקסען א הויכער, בלאָנדער בחור שוין מיט וואָנציקלעך, און ער פלעגט שוין איצט אַליין קומען אין פּאַפּעל־בוימער יעדען זונטאַג. ער האָט זיך געלערענט רייטען זינט ער איז נאָך געווען א אינגעל, און ער פלעגט נור דינגען א פערד און אין צוויי שטונדען צייט פלעגט ער קומען צו רייטען אין פּאַפּעל־בוימער.

זשאַנע פלעגט אויפשטעהען זעהר פריה אום צו געהען באַגעגענען איהם, און ליזאַן מיט דעם באַראָן פלעגען מיט איהר מיטגעהען. דער אַלטער איז אַלץ מעהר איינגעבויגען געוואָרען אין פלעגט שוין געהן ווי א שוואַכער, ענטקרעפטיגטער אַלטער מאַן, מיט זיינע הענד א[illegible]הינטער, אַזוי וויא אויפצוהאַלטען זיך פון בויגען זיך פאָראויס. זיי פלעגען אזוי לאַנגזאַם געהען אין דער לייננ פון וועג און צוזעצען זיך פון ווײַלע צו ווײַלע אויף א זייט פון וועג, ווען זיי זיינען נור מיעד געוואָרען, אָבער מיט דיא בליקען אַלע מאָל אויסגעשטעלט אויפ'ן וועג, פון וואַנען עס דאַרף אָנקומען דער יונגער רייטער.

אַזוי גיך וויא זיי פלעגען איהם דערזעהען פון ווייטען, ווען ער האָט זיך נור געזעהען וויא א שוואַרצע פינ־

טעל אין דער ווייטענס, האָבען שוין דיא דריי געפּאַכטעט מיט זייערע טאַשענטיכער. דאַן פלעגט ער אַנהויבען גאַלאָפּירען אויף זיין פערד און פלעגט צוטראָגען זיך צו זיי וויא א ווינד. זיין מוטער און זיין טאַנטע פלעגען אלע מאָהל ציטערן דערביי, ווען זיי האָבען געזעהען וויא קונציג ער רייט; זיי פלעגען זיך טרייסלען אין איין שרעק, עס זאָל מיט איהם וואָס ניט פּאַסירען, און דער זיידע פלעגט ווערען בעגייסטערט דערפון און לויבען איהם פאר זיין בריה'שקייט.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס פּאָול איז געווען מיט א קאָפּ העכער פון זיין מוטער, האָט זיא זיך אלע מאָהל צו איהם בענומען וויא ער וואָלט געווען א קליינער אינגעל. זי פלעגט קענען איהם מאכען אזא באמערקונג:

— איך האָף, אז דיר איז ניט קאַלט אין דיא פיסעלעך, פּאָולעט?

ווען ער פלעגט ארויס נאָך פריהשטיק דרויסען איפן גאניק צו רויכערן א פּאַפּיראָס, פלעגט זיא אן עפען טהאָן דיא פענסטער און גליך איהם בעטען:

— פּאָולעט, זעה, געה ניט ארויס אָהן א היטעל, דו קענסט זיך נאָך פערקיהלען.

און זיא פלעגט א פּערציטערטע ווערען, א פערזאָרגטע, ווען עס פלעגט קומען דער פארנאכט און ער פלעגט זיך זעצען רייטענדיג אויפן פערד אום צו פאָהרען צוריק אין שטאָדט.

— רייט ניט אזוי שנעל, פּאָולעט — פלעגט זיא זיך ביי איהם בעטען — פארגעס ניט, האב רחמנות אויף דיין עלענדער מאַמען, וועלכע וועט ניט אריבערטראָגען, אויב מיט דיר זאָל חלילה וואָס פּאַסירען, מיין קינד.

איין שבת אין דער פריה האָט זיא ערהאַלטען א צעטעלע פון פּאָולעט'ן אין וועלכען ער האָט איהר געמעלדעט אז ער וועט מאָרגען ניט קענען קומען זעהן זיך מיט זיי, ווייל אייניגע פון זיינע חברים האָבען אראנזשירט אַן אויספאָהר און האָבען איהם איינגעלאַדען ער זאָל זיך אויך בעטהייליגען.

איהר גאַנצער זונטאג איז געווען א טרויעריגער, זיא איז געווען געמאַטערט, געפּייניגט אזוי וויא זיא וואָלט פיהלען אז עפּעס אן אונגליק וועט פּאַסירען; ווען עס איז געקומען דאָנערשטאָג האָט זיא שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען, זיא איז געפאָהרען קיין האַוור; נאָך איין טאָג אפילו האָט זיא שוין ניט געקענט איבערטראָגען.

איהר האָט אויסגעוויזען, אז פּאָולעט האָט זיך געענדערט. זיא האָט אפילו ניט געוואוסט בעשטימט, אין וואָס בעשטעהט דיזע ענדערונגען. ער איז עפּעס געווען, לעבעדיגער, מונטערער און האָט גערעדט מיט א טיעפערער שטימע.

און פּלוצלינג האָט ער א זאָג געטהאָן, אזוי וויא דאָס וואָלט געווען דיא נאַטירליכסטע זאַך אין דער וועלט:

— גוט, מאַמא. אזוי וויא דו ביזט דאָך שוין היינט געקומען אהער, וועל איך זונטאג ניט דארפען פאָהרען קיין פּאַפּעל־בוימער, ווארום מיר האָבען דעם זונטאג אויך אַן אויספאָהר.

זיינע ווערטער האָבען איהר געטראָפען וויא א דונער־שלאַג און זיא האָט זיך געפיהלט אזוי פערלאָרען, אזוי נידעריגעשלאָגען וויא ער וואָלט איהר אָנגעזאָגט א בשורה, אז ער פאָהרט אוועק אין מרחקים. און דערנאָך, ווען זיא איז געקומען צו זיך און האָט שוין געקענט ריידען, האָט זיא אויסגעשריען:

— אָ, פּאָולעט, וואָס איז מיט דיר? זאָג מיר, וואָס איז דיר געוואָרען?

אָבער ער האָט זיך נור צולאכט און קושענדיג זיא, האָט ער א זאָג געטהאָן:

— קיין זאַך ניט, מאַמא, וואָס איז דען? איך געה נור האָבען אביסעל פערגעניגען מיט מיינע פריינד. דאָס איז אלעס.

זיא איז געבליבען אָהן ווערטער; זיא האָט ניט געפונען אפילו וואָס צו זאָגען איהם, און ווען זיא איז געפאָהרען צוריק אליין א היים אין איהר קאַ־

רעטע, האָבען זיך זאָנדערבאַרע געדאַנקען אופיגעהויבען ביי איהר אין קאָפּ.

דאָס איז שוין ניט איהר פּאָולעט, איהר קליינינקער פּאָולעט פון דיא אַמאָליגע יאָהרען. ערשט איצט צום ערשטען מאָהל האָט זיא זיך געכאַפּט אַז ער איז שוין אַן ערוואַקסענער מאַן, אַז ער איז שוין אַוועק ווייט פון איהר און פערלאַנגט שוין צו לעבען זיין אייגענעם לעבען און ניט זיין געשטערט פון דיא אַלטע ביי זיך אין דער היים.

עפּעס אַזוי וויא אין איין טאָג וואָלט ער געוואָרען איצט פאַר איהר אַן אַנדערער. וויא? איז דאָס דען געווען

איהר אייגענער זוהן, איהר קינד, איהר קליינינקער אינגעלע, וועלכער פלעגט וועלען אַז דיא מאַמע זאָל מאַכען לעבער אין זיין גערטעלע און ער זאָל קענען איינפלאַנצען סאַלאַטע? ניין, דאָס איז אַ הויכער מאַן שוין מיט אַ באָרד, וועלכער האָט זיין אייגענעם שטריינגען ווילען.

אין דיא קומענדע דריי מאָנאַטען פלעגט פּאָול זעלטען קומען אין פּאַפּעלבוימער, און יעדען מאָהל ווען ער פלעגט קומען, איז ער געווען אין אימפּעט אין איילעניש, פלעגט שוין וועלען וואָס גיכער פאָהרען צוריק. און יעדען מאָהל פלעגט ער זוכען צו געפינען עפּעס אַן אויסרייד פאַר וואָס ער דאַרף אַוועק אַזוי פריה.

זשאַנע איז דערפון געווען שטאַרק צוטראָגען, אָבער דער באַראָן פלעגט זי טרויסטען:

— לאָז איהם, זשאַנע, עסס זיך ניט אָב דאָס האַרץ, מיין טהייערע, אַ יונגער בחור מוז זעען זיינע ווילדע זאַמען.

אָבער אַט האָט איין פריהמאָרגען אַן אָרעם געקליידעטער מאַן, ריידענדיג מיט אַ דייטשען אַקצענט נאָכגעפרעגט זיך, וואו איז דיא „מאַדאַם גרעפין". נאָך לאַנגען פערנייגען זיך און שטאַמלען האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע אַ פערשמאָ[illegible]צענע פּאַפּיערעל, זאָגענדיג:

— איך האָב אַ צעטעלע פאַר אייך.

און ער האָט איהר דערלאַנגט דאָס שטיקעל פּאַפּיער.

זיא האָט איבערגעלעזען, נאָך אַמאָל געלעזען, האָט אָנגעקוקט דעם אידען, האָט דערנאָך ווידער איבערגעלעזען און האָט אַ פרעג געטהאָן:

— וואָס מיינט דאָס?

דער מאַן האָט זיך ווידער פערנייגט און האָט געענטפערט:

— איך וועל אייך ערקלעהרען. אייער זוהן האָט געדאַרפט אַביסעל געלד. נו, אַזוי וויא איך האָב געוואוסט, אַז איהר זייט אַ גוטע מוטער, האָב

איך איהם געליהען אַביסעל געלד וואָס ער דאַרף אויף דער הוצאה.

זשאַנע האָט געשווידערט:

— אָבער פאַר וואָס איז ער געגאַנגען צו אייך, פאַר וואָס איז ער ניט געקומען צו מיר?

דער איד האָט אָנגעהויבען געבען לאַנגע ערקלעהרונגען וועגען א חוב פון קאַרטען, וועלכער איז גערעכענט פאַר אַן עהרען־שולד און מען מוז דאָס דעקען גלייך אויף מאָרגען פאָרמיטאָג. ער האָט נאָך דערביי געמאַכט דיא באַמערקונג, אַז פּאָול איז דאָך נאָך גאָר אַ מינדערעהריגער און קיינער וואָלט איהם קיין געלד ניט געליהען. דאָס וואָלט דאָך קאָמפּראָמעטירען זיין עהרע, האָט ער דען ניט געטהאָן א טובה וואָס ער האָט איהם אויסגעבאָרגט דאָס ביסעל געלד.

זשאַנע האָט געוואָלט א רוף טהאָן דעם באַראָן, אָבער זיא האָט זיך שוין ניט געקענט א הויב טהאָן פון פּלאַץ אַזוי האָט דאָס צוטרויסעלט איהרע נערווען. ענדליך האָט זיא געבעטען דעם פּראָצענטניק, ער זאָל אַזוי גוט זיין און אָנקלינגען.

מורא האָבענדיג אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט און אַז מען וויל דאָ אונטערשטעלען עפּעס א פּאַסטקע האָט דער מאַן אָנגעהויבען צו שטאַמלען.

— אויב עס איז אייך אונאַנגענעהם, מאַכט ניט אויס, קען איך קומען אַן אַנדערש מאָהל.

זשאַנע האָט אָבער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און דאָס האָט איהם פּע־

זיכערט, אז ער האט ניט וואס מורא צו האבען. ער האט אנגעקלונגען; און ניט ריידענדיג מעהר האבען זיי ביידע גע־ווארט אויף דעם באראן׳ס אריינקומען.

ווען דער באראן איז אריין האט ער מיט איין קוק שוין פערשטאנען וואס דא טהוט זיך. דער אנווייזונג איז געווען אויף פופצעהן הונדערט פראנק. ער האט גלייך אוועקגעלייגט טויזענד און קוקענדיג דעם אידען שארף אין די אויגען, האט ער א זאג געטהאן:

— מעהר זאלט איהר קיין מאהל ניט קומען.

דער מאן האט זיך פערנייגט, האט אבגעדאנקט און איז אוועק.

גלייך איז די מוטער מיט׳ן זיי־דען געפאהרען קיין האוור, אבער ווען זיי זיינען אריין אין שוהל, האט מען זיי געזאגט, אז פאול האט זיך שוין צייט א מאנאט ניט געוויזען אין קאלעדזש. דער דירעק־טאר האט אונטער דער צייט בעקומען פיער בריעף פון פאולס מוטער, ערקלע־רענדיג אז דער אינגעל איז קראנק אין דאן אז ער ווערט בעסער, און אז דארום קען ער ניט קומען אין שוהל. אין יעדען בריעף איז אויך געווען א בעזונדער בע־שטעטיגונג פון א דאקטאר וועגען דעם צושטאנד פון דעם קראנקען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז די אלע בריעף זיינען געווען געפעלשטע. די מוטער מיט׳ן זיידען זיינען געווען אזוי ערשטוינט פון דיזער ענטדעקונג, אז זיי זיינען געבליעבען שטעהן פאראליזירטע, אנקוקענדיג איינע דעם צווייטען, פאר־געסענדיג אין זייער איבערראשונג ארויסצוגעהן פון דאנען.

דער דירעקטאר איז געווען זעהר אויפגערעגט פון דער גאנצער געשיכטע, האט זיך ניט געקענט בערוהיגען און איז מיט זיי געגאנגען צו דער פאליציי. זשאנע איז מיט איהר פאטער דערנאך אוועק אין א האטעל, וואו זיי זאלען קענען דערווייל איינשטעהן. אויף מאר־גען ערשט האט מען אויסגעפונען וואו דער בחור געפינט זיך. מען האט איהם געפונען מיט א געפאלענער פרויענצי־מער. זיי האבען איהם גענומען א היים, צוריק אין פאפעלבוימער, ניט זאגענדיג איהר קיין ווארט פארלויפיג. זשאנע האט געהאלטען אין איין וויינען, בע־האלטענדיג איהר געזיכט אין טאשען־טוך. פאול איז געבליבען גלייכגילטיג, האט געקוקט אויף די פעלדער, אקוראט וויא עס וואלט קיין זאך ניט פאסירען.

אין א וואך ארום האבען זיי זיך דערוואוסט, אז פאר די לעצטע דריי חדשים פון זיין קורס אין קאלעדזש האט ער אנגעמאכט אויף פופצעהן טוי־זענד פראנק חובות. די קרעדיטארען האבען דערווייל ניט געמאנט, ווייל זיי האבען געוואוסט אז אין עטליכע חדשים ארום וועט ער ווערן פול־יעהריג און מען וועט שוין קענען געזעצליך מאהנען אויף זיינע אנווייזונגען.

קיין איבערריידענים איז וועגען דעם ניט געווען. זיין מוטער און אזוי אויך דער זיידע האבען געמיינט, אז זיי וועלען אויף איהם קענען ווירקען מיט גוטען. מען האט איהם געלאשצעט, גע־צערטעלט, געקאכט פאר איהם גוטע זא־כען און געמאכט איהם פיהלען גוט, ער זאל חלילה ניט אראבפאלען ביי זיך.

פריהלינג איז אנגעקומען. א שיף האבען זיי פאר איהם געדונגען אין אי־פארט, אז ער זאל קענען זעגלען וואהין ער וויל, ניט קוקענדיג דערויף וואס זשאנעס הארץ איז געווען דערביי זעהר אונרוהיג, אזוי וויא עס וואלט איהר דאס הארץ זאגען עפעס ניט גוטעס. אבער זיי האבען דאס געטהאן, ווייל זיי האבען איהם פערבאטען צו רייטען. זיי האבען מורא געהאט, אז ווען ער וועט שוין זיין אויפן פערד וועט ער אוועק־רייטען צוריק קיין האוור.

דעם גאנצען זומער האט ער פער־בראכט אין פוסטע פאסעווען און איז געווען שטענדיג אויפגערעגט, צורייצט און זאגאר ברוטאל צייטענווייז.

דער באראן איז געווען זעהר אונ־רוהיג איבער זיין פערנאכלעסיגטער ער־ציהונג, איבער זיין ניט האבען גענוג בילדונג. און אבוואהל זשאנע האט געצי־טערט ביי דעם געדאנק, אז ער זאל פון

איהר ווידער אוועק פון דעסטוועגען האָט זיא אליין שוין געמוזט איינזעהען, אז עפּעס מוז געטהאָן ווערען מיט איהר זוהן.

איין אבענד איז ער גאָר א היים ניט געקומען. זיי האָבען געהערט, אז ער איז אוועק מיט צוויי פישער־לייט. דיא מוטער שיער א וואהנזיניגע איז געלאָפען קיין איפּאָרט זוכען איהם. איינינע ארבייטער זיינען געבליבען אויפען ברעג ביז דער שיפעל זייערע וועט זיך אומקעהרען. פון גאנץ ווייט האָט זיך געזעהען א דונקעלעס ליכט שימערענדיג אין טומאן און איז צוגעקומען אלץ נעהנטער. ווען דער שיפעל איז צוגעקומען צום ברעג האָבען דיא צוויי פישער אָנגעזאָגט די בשורה אז פּאול האָט זיי פערלאָזען אזוי גיך וויא זיי האָבען איהם צוגעשיפט קיין האוור.

דעם מאָל האָט שוין אומזיסט געזוכט אפילו דיא פּאָליציי. זיא האָט ניט געקענט געפינען קיין סליאד פון איהם. דיא פרויענצימער, וואָס האָט איהם בעהאלטען איז פערשוואונדען צוזאמען מיט איהם; זיא האָט בעצאהלט איהרע דירה־געלד, האָט פערקויפט איהרע זאכען און איז פערשוואונדען.

אין זיין צימער אין פאפּעל־בוימער האָבען זיי געפונען צוויי בריעף, וועלכע דיזע באשעפענעס האָט איהם געשריעבען. עס האָט אויסגעזעהען, אז זיא איז וואהנזיניג פערליעבט אין איהם. זיא האָט אין איהרע בריעף געשריעבען איהם וועגען מאכען א נסיעה קיין ענגלאנד און אז זיא האָט שוין געפונען די מיטלען וועלכע זיינען נויטהיג אויף דער הוצאה.

דיא דריי איינוואָהנער פון שלאָס זיינען געבליעבען שטיל און טרויעריג, האָבען געלעבט עפּעס אין א מין מאָראלישען גיהנום. זשאנעס גרויליכע האָאָר זיינען וויים געוואָרען. און זיא פלעגט אלץ טראכטען און וואונדערן זיך, פאר וואָס איז דער שיקזאל אזוי הארטהערציג צו איהר.

זיא האָט ערהאלטען פון׳ם גלח, פּאָטער טאָלביאק א צעטעלע:

— מאדאם, גאָטס האנד האָט אייך געטראָפען. איהר האָט א י ה ם ניט געוואָלט געבען אייער זוהן; האָט ע ר איהם איצט צוגענומען פון אייך און האָט איהם ארייגעוואָרפען אין די ארעמס פון א פּראָסטיטואירטע. וועלען זיך אייערע אויגען אויף איצט נאָך ניט עפענען אויף גאָט׳ס ווארנונג? גאָטס גנאָד איז אונענדליך. אפשר וועט ער אייך מוחל זיין אויב איהר וועט קומען און קניען צו זיינע פיס. איך בין זיין אונטערטהעניגער קנעכט און וועל עפענען דיא טיהרען פאר אייך ווען איהר וועט נור אין זיי אָנקלאפּען.

זיא האָט דעם בריעף לאנג געהאלטען אויף איהרע קניע פערמאכטערהייט. אפשר איז אמת וואָס דער גלח זאָגט. און איהר געוויסען איז געווען געפּלאָגט פון רעליגיעזע שוואנקונג. קען דען זיין, אז גאָט זאָל זיין אזוי אייפערזיכטיג און ראכע־דורשטיג אזוי וויא דיא מענשען זיינען? אויב ער וואָלט ניט געווען אייפערזיכטיג וואָלט דאָך קיינער פאר איהם ניט מורא האָבען, קיינער וואָלט איהם ניט דיענען. און אום צו ווייזען זיך צו זיינע ברואים, האָט ער דאָס מסתמא אָנגענומען זייערע געפיהלען און זייערע סענטימענטען. און דער פייגער יאוש, דיא פערצווייפלונג, וועלכע ציהט צו מענשען צו דער קירכע האָט ארייגעדרונגען אין איהר הארצען.

איין טאָג, ווען אבענד איז געוואָרען, האָט זי זיך שטיל אוועקגע׳גנב׳עט צו דער קירכע, איז געפאלען אויף דיא קניע פאר דעם מאָגערען גלח און געבעטען פון איהם מחילה וסליחה.

דער גלח האָט איהר פערשפּראָכען אויף האלב מוחל צו זיין, ווארום ער האָט ערקלערט, אז גאָט קען ניט שיקען אלע זיינע חסדים אין א הויז, וועלכע האלט אין זיך אזא מענשען וויא דער באראָן.

— איהר וועט באלד פיהלען דיא

ווירקונג פון גאָטס הייליגע ערבארמונג — האָט ער איהר געזאָגט.

און ווירקליך מיט צוויי טעג שפּע־טער האָט זיא ערהאלטען א בריעף פון איהר זוהן. און אין איהר ליידענדען צו־שטאנד האָט זיא דאָס אָנגענומען אלס דעם ערשטען בעוויז פון גאָט׳ס ארייג־מישונג.

— מוטער, ערגער זיך ניט—האָט ער איהר געשריבען — איך בין אין לאָנדאָן און בין געזונד, אָבער איך דארף זעהר האָבען געלד. מיר האָבען קיין גראָשען ניט און מאנכע טעג מוזען מיר ארומגעהן הונגעריגע. דיא פרוי וואָס איז מיט מיר און וועלכע איך ליעב מיט מיין גאנצען הארצען האָט אויסגעגע־בען אלעס וואָס זיא האָט פערמאָגט נור צו בלייבען מיט מיר: פינף טויזענד פראנק זיינען ביי איהר געוועזן. דוא וועסט מיך פערשטעהן, ווען איך וועל דיר זאָגען, אז פון מיין עהרע וועגען, מוז איך איהר דאָס געלד אומקעהרען פריהער פון אלעס אנדערע. איך וועל זיין זעהר פערפפליכטעט צו דיר, ווען דו וואָלסט מיר אויסגעלייגט ביי א פופצעהן טויזענד פראנק פון דעם טאטענס ירושה, אזוי וויא איך וועל דאָך אין גיכען זיין אין יאָהרען. דו וועסט מיר דערמיט טהאָן א גרויסע טובה. זיי געזונד טהייערע מוטער, איך שיק דיר, דעם זיידען און דער טאנטע ליזאן מיין בעסטען ליעבעס־גערוס און האָף אין גיכען צו זעהען זיך מיט דיר.

דיין זוהן,

גראף פּאָול דע־לאמאר.

אלזאָ, ער האָט דאָך געשריבען! נאָך אלעמען האָט ער דאָך זיא ניט פּער־געסען! זיא האָט גאָר ניט א טראכט גע־טהאָן, אז דאָס בעט ער געלד. אויב ער דארף געלד וועט זיא איהם דאָך זיכער שיקען.

און וואָס פאר א בעטרעף האָט דאָס געלד, וויא באלד נור ער שרייבט איהר! און זיא איז א בעגאָסענע מיט טרעהרען געלאָפען צו דעם באראָן וויי־זען איהם דעם בריעף. זיי האָבען גערו־פען טאנטע ליזאָן און האָבען איבערגע־לעזען וואָרט פאר וואָרט דיא זעצע, וועלכע פּאָול האָט געשריבען און זיי האָבען גענומען בעטראכטען דעם אינ־האלט און דעם צוועק.

זשאנע, וועלכע האָט זיך א וואָרף געטהאָן פון טיעפער פערצווייפלונג אין דער בעטרונקענהייט פון האָפנונגען, האָט זיך איינגעשטעלט פאר איהר זוהן.

— וויא באלד, אז ער האָט אונז נור געשריבען, וועט ער זיכער קומען צו אונז צוריק.

— און פון דעסטוועגען האָט ער אונז אוועקגעווארפען פון דיזער פרוי וועגען — האָט געענטפערט דער באַ־ראָן — דאָס וויזט דאָך, אז זיא איז ביי איהם טהייערער פון אונז, ווארום ער האָט אפילו גאָר ניט א טראכט גע־טהאָן.

דאָס האָט געגעבען פלוצלינג א שארפען שטאָך זשאנען אין הארצען: און עס האָט זיך גלייך ערוועקט אין איהר א שרעקליכער האס געגען דיזער באשעפענעש, וועלכע האָט גערויבט פון א הר איהר זוהן׳ס ליעבע — אן אונגע־שטילטע, ווילדע, מוטערליכע אייפער־זוכט האָט זיך אין איהר ערוועקט.

ביז איצט זיינען איהרע געדאנקען געוועזן פערנומען בלויז מיט פּאָול׳ן. זיא האָט אפילו ניט א טראכט געטהאָן, אז יענע בעשעפעניש איז דאָס געוועזן שול־דיג, איז געוועזן פעראנטוואָרטליך פאר זיין פערדאָרבענע אויפפיהרונג. זי האט דאָס איהם אראָבגעפיהרט פון וועג. נור דעם באראָנס ווערטער האָבען פלוצלינג געעפענט איהרע אויגען און געוויזען איהר דיא פאטאלע מאכט פון יענער פרוי.

און זשאנע האָט דערפיהלט, אז צווישען איהר און יענער פרוי האָט זיך אָנגעהויבען א מלחמה פאר בעהערשונג, ווער זאָל פארנעהמען דעם ערשטען פלאַץ אין פּאָול׳ס הארץ. זיא האָט זאָ־גאר געפיהלט, אז זיא וואָלט ליבערשט פערלירען איהר זוהן אין גאנצען איידער טהיילען זיך מיט יענער אין זיין ליעבע.

איהר גאנצע שמחה איז פערשוואונ־דען. אָבער זיי האָבען געשיקט דיא

פופצעהן טויזענד פראנק און מעהר האָבען זיי פון איהם ניט געהערט פינף מאָנאטען נאָכאַנאַנד.

און דאן איז ערשיענען אין שלאָס אַן אדוואָקאט און האט זיך פאָרגעשטעלט, אז ער איז געקומען איינאָרדנען די איינצעלהייטען פון זשוליאַנס ירושה. זשאנע און איהר פאטער האָבען צוגעשטעלט אלע חשבונות ניט אויסריידענדיג אפילו א וואָרט. זיי האָבען אפילו אָבגעגעבען דיא פּראָצענטען פון׳ם פאַרמעגען, וועלכער האט על פי רעכט בעלאַנגט צו דער מוטער אזוי לאנג וויא זיא לעבט.

פּאָול האט זיך צוריקגעקעהרט קיין פּאריז און ער האט שוין בעקומען א פערמעגען פון הונדערט מיט צוואַנציג טויזענד פראנק. נאָך דעם זיינען אין צייט פון זעקס מאָנאט פון איהם אָנגעקומען פיער בריעף. ער האט זיי מיט זעהר העפליכע ווערטער בענאַכריכטעט וועגען זיין געזונד און דיא בריעף פלעגען זיך ענדיגען מיט א קאַלטען אויסגוס פון געפיהלען.

— איך ארבייט — האָט ער געשריבען אין איין בריעף — איך האָב געפונען א פּלאַץ אויף דער בערזע. איך האָף, אז איך וועל ווען עס איז קומען אין פּאָפּעלבוימער, טהייערע מוטער.

ער האָט קיין מאָהל א וואָרט ניט געשריבען וועגען זיין ליעבהאבערין. אין דיזעם שווייגען האָט בעדייט מעהר איידער ווען ער וואָלט פערשרייבען בלעטער גאנצע וועגען איהר.

צווישען דיא פּראָסטיגע ווערטער פון איהר זוהן, האָט זשאנע געפיהלט דעם איינפלוס פון דער קורטיזאנקע, פון זיין ליעבהאבערין, דיזע שפּירזאמע, שטענדיגע פיינדין פון מוטערס.

די דריי עלענדע האָבען זיך מיישב געווען וואס קען מען טהאָן צו ראַטעווען פּאָול׳ן, אָבער זיי האָבען ניט געקענט קומען צו קיין ענטשיידונג.

פאָהרען קיין פּאריז? וואס וואָלט דערפון ארויסגעקומען? וואָס גוטעס וואָלט מען דערפון געקענט ערוואַרטען?

— א, דיא צייט וועט אָבטראָגען זיין ליעבע, ער וועט דערנאָך אליין, מיט זיין אייגענעם ווילען קומען צו אונז — האָט געזאָגט דער באַראָן.

אָבער ניט קוקענדיג דערויף איז זייער לעבען געווען זעהר א טרויעריגער.

זשאנע און ליזאָן פלעגען זיך אָבגנב׳ענען צוזאמען פון באַראָן און געהן אין קירכע. א לאנגע צייט איז אריבער און זיי האָבען קיינע נאכריכטען פון פּאָול׳ן ניט בעקומען. און פּלוצלינג, אין איין פריהמאָרגען זיינען זיי איבערראשט געוואָרען פון א פארצווייפעלטען בריעף:

— מוטער טהייערע — האָט פּאָול געשריבען — איך בין פערלאָרען; סיידען עס בלייבט מיר נור איך זאָל אריינשיסען א קויל אין קאָפּ אויב דו וועסט מיך ניט ראַטעווען. א ספּעקולאציע, פון וועלכער איך האָב ערוואַרט צו האָבען גרויס׳ע פּראָפּיטען, איז דורכגעפאלען. איך בין שולדיג פינף און פערציג טויזענד פראנק. אויב איך בעצאָהל דאָס ניט, הייסט דאָס אז איך בין פערלאָרען, ענטעהרט און מיין גאנצע צוקונפט איז פערניכטעט. מאמע, איך בין פערלאָרען. איך זאָג נאָך אמאָהל, אז איך וועל אריינשיסען זיך א קויל אין קאָפּ איידער איבערלעבען אזא ערנידריגונג, אזא שאנדע. איך וואָלט דאָס שוין איצט געטהאָן, אויב עס וואָלט מיך ניט ערמוטהיגט דיא פּוי׳ו, וועלכע איך דערמאָן קיין מאָהל ניט אין מיינע בריעף און וועלכע איז מיין גאָט, מיין השגחה. איך קוש דיך מיט׳ן גאנצען הארצען, טהייערע מוטער, פיעלייכט צום לעצטען מאָל. לעב וואָהל — דיין פּאָול.

פּעק פון קאמערציעלע פּאפּיערען, וועלכע זיינען אָנגעקומען צוזאמען מיט׳ן בריעף האָבען געגעבען א גענויע ערקלעהרונג וועגען דער קאטאסטראָפע.

דער באַראָן האָט באלד מיט דער צווייטער פּאָסט געענטפערט, אז אלעס וועט זיין איינגעאָרדענט, דאן איז ער אליין אריבערגעפאָהרען קיין האוור אויסצוגעפינען וויא גרויס דער אונגליק איז. ער האָט דאָרט אויך שוין פאַרמשכנ׳ט זיינע גיטער פאר א סומע,

וועלכע איז אוועקגעשיקט געוואָרען צו פאול'ען קיין פאריז.

דער יונגערמאן האָט געענטפערט מיט דריי בריעף פול מיט בעגייסטערונג און דאנקבארקייט און מיט ליידענשאפטליכע אויסדריקע פון ליעבע צו זיי. ער האָט אויך געלאָזט וויסען, אז ער האָט בדעה אויף זיכער צו קומען קיין פאפעל־בוימער. ער איז אָבער קיין מאָל ניט געקומען.

א גאנצער יאָהר איז אריבער. זשאנע מיט'ן באראָן האָבען בעשלאָסען צו פאָהרען קיין פאריז און מאכען אן אנשטריינגונג דיא לעצטע פראָבע צו ברייגגען איהם א היים. אָבער דאָ האָבען זיי זיך דערוואוסט פון א צוגעשיקטען צעטעלע, אז ער איז גאָר ווידער אין לאָנדאָן און אָרגאניזירט דאָרט א קאָמפאניע, וועלכע זאָל קאָנטראָלירען א דאמפפער ליניע. דיא פירמא וועט זיין „פאול דע־לאמאר עט קאָמפאניע.“

— עס ליגט דעריין פאר מיר א שטיק מיט גאָלד — האָט ער געשריעבען — און איך אליין ריזיקיר מיט גאָרנישט. איהר קענט לייכט פארשטעהן, וואָס פאר א גוטעס געשעפט דאָס איז. ווען איך וועל זיך זעהען מיט אייך ווידער, וועל איך שוין האָבען עררייכט מיין הויכען ציעל אין לעבען. קיין זאך קען א מענשען אזוי ניט ארויסשלעפען פון אונגליק היינט צו טאָג ווי האנדעל.

אין דריי מאָנאט ארום האָט דיא דאמפפער־קאָמפאניע באנקראָטירט, און דער פערוואלטער איז געשטעלט געוואָרען צום געריכט פאר אונרעגעלמעסיגקייטען אין דיא ביכער פון דער פירמא. זשאנע האָט דערפון בעקומען אן אנפאל פון היסטעריע אייניגע שטונדען נאכאנאנד, און דאן האָט זיא זיך אוועקגעלייגט א קראנקע.

דער באראָן איז ווידער אריבערגעפאָהרען קיין האוור, האָט זיך עצות געהאלטען מיט אדוואָקאטען, מיט יוריסטען, מיט רעגיערונגס־בעאמטע און האָט ענדליך אויסגעפונען, אז דיא „דעלאמאר קאָמפאניע“ איז הינטערשטעליג ניט מעהר וויא אין צוויי הונדערט מיט פינף און צוואנציג טויזענד פראנק.

נו, האָט ער פאר'משכון'ט ווידער זיינע גיטער. דער שלאָס און דיא צוויי מאיאָנטקעס זיינען שוין געווען איינגעטונקט אין שולדען. און אין איין אָבענד ווען ער האָט שוין געהאלטען אין אונטערשרייבען דיא לעצטע פאפיערען אין ביורא פון זיין אדוואָקאט האָט איהם געטראָפען א אפאָפלעקסישער שלאַג. מען האָט געשיקט באלד נאָך זשאנען, זיא זאָל קומען צו איהר פאָטער'ס בעט, אָבער ער איז געשטאָרבען איידער זיא האָט בעוויזען אָנצוקומען.

זיא האָט געבראַכט זיין קערפּער קיין פאפעלבוימער און איהר יאָמער איז געווען אזוי גרויס, אז זיא איז געווען אין גאנצען א בעטויבטע, ניט בלויז א פארצווייפעלטע. דער גלח, פאָטער טאלביאק האָט זיך ענטזאגט פון צו בעערדיגען איהם קירכליך, און קיינע געוויין און געבעטען פון דיא צוויי פרויען האָבען ניט געהאָלפען. און דער באראָן איז דארום בעערדיגט געוואָרען ביינאכט און קיין רעליגיעזע צערעמאָניע איז ניט געווען דערביי.

פאול האָט דערהערט דיא נאכריכט וועגען זיין זיידענס טויט פון איינעם פון זיינע אדוואָקאטען. ער איז נאָך אלץ געווען בעהאלטען אין ענגלאנד, ער האָט געשריעבען א בריעף, אין וועלכען ער האָט זיך ענטשולדיגט וואָס ער קען ניט זיין ביי דער לויה, ערקלעהרענדיג, אז איהם איז דיא נאכריכט אָנגעקומען צו שפּעט, אז ער זאָל קענען בעוויזען צו דער לויה. און געענדיגט האָט ער זיין בריעף מיט דיא ווערטער:

— און איצט, מוטער טהייערע, ווען דוא האָסט מיך שוין ארויסגעשלעפּט פון דעם גרויסען אונגליק, וועל איך אין גיכען קומען זעהען זיך מיט דיר.

זשאנע איז געווען אין אזא צושטאנד, אז עס האָט אויסגעזעהען וויא איהר מוח וואָלט געווען גערירט.

און ווען עס איז געקומען נאָהענט פון ענדע ווינטער האָט טאנטע ליזאָן,

וועלכע איז שוין אלט געוועזן אכט און־
זעבציג יאָהר זיך שטאַרק ערקעלטעט און
עס האָט זיך אין גיכען אנטוויקעלט לונ־
גען־ענטצינדונג. זיא איז געשטאָרבען
רוהיג און שטיל, מורמלענדיג נור :

— מיין אָרעמע, אונגליקליכע זשאַ־
נע, איך וועל בעטען דעם אלמעכטיגען,
ער זאָל זיך ערבאַרעמען אויף דיר.

זשאַנע איז געגאַנגען צו דער לויה
איז געשטאַנען ביי דער בעערדיגונג,
האָט געזעהען וויא דיא ערד האָט זיך
געשאָטען אויף'ן ארון ; זיא איז דערנאָך
געזונקען צו דער ערד ; איהר וואונש
איז בלויז געווען צו שטאַרבען, און זאָ־
לען זיך ענדיגען די יסורים. א שטאַרקע,
געזונדע פויערטע האָט זיא אויפגעהוי־
בען פון דער ערד און האָט זיא אוועקגע־
טראָגען אויף דיא הענד אזוי וויא זיא
וואָלט געווען א קליין קינד.

ווען זיא איז אריינגעטראָגען גע־
וואָרען אין שלאָס, וואו זיא האָט שוין
צייט פינף נעכט ניט געשלאָפען, זיצענ־
דיג לעבען דער שטערבענדער ליזאַן,
האָט זיא געלאָזט טאָהן מיט זיך אלעס
וויא זיא וואָלט געווען א קינד; דיא גע־
זונדע פויערטע האָט פון איהר אראָבגע־
צויגען דיא קליידער און האָט זיא צערט־
ליך אוועקגעלייגט, וויא זיא וואָלט גע־
ווען איהר ערציהערין, און א גאַנצע
בעל־הבית'טע אין הויז.

פון אויסגעמאַטערטקייט און יסורים
איז זיא געזונקען אין א טיעפען שלאָף.
אין מיטען נאכט האָט זיא זיך אויפגע־
כאַפּט. א לאָמפּ האָט געברענט און דונ־
קעל בעלויכטען דעם צימער. א פרוי איז
געשלאָפען אין א פוטעל. זיא האָט דיא
פרוי ניט דערקענט און האָט זיך אנגע־
בויגט איבער'ן ברעג פון בעט אום צו
קענען גוט איינקוקען זיך אין דער פרוי'ס
פנים, וועלכער איז געווען בעלויכטען
מיט דעם דונקעלען שיין פון לאָמפּ.

עס האָט איהר אויסגעוויזען זיך,
אז זיא האָט דיזען געזיכט שוין געזעהן
אמאָהל. אָבער וואו? ווען? דיא פרוי
האָט רוהיג געשלומערט מיט איהר קאָפּ
אנגעשפאַרט אויפן אקסעל און איהר
ציפּיק אויף דיא דילען לעבען איהר. זיא
איז געווען גרויס, ברייט מיט א קרעפ־
טיגע פאַרב אין פנים, געזונד און שטאַרק
איהרע גרויסע הענד זיינען אראָבגעהאַנ־
גען אויף ביידע זייטען פון שטוהל. איה־
רע האָר זיינען געווען עטוואס גרוילעך.
זשאַנע האָט פון איהר ניט אראָבגענו־
מען דיא אויגען, זייענדיג אביסעל צו־
טומעלט נאָך דעם שטאַרקען שלאָף פון
אויסמאַטערונג און ליידען. זיא האָט גע־
קוקט און געקוקט.

געווים האָט זיא געזעהען דיעזע
פרוי אמאָל! אזא בעקאַנטער פנים. אָבער
ווען איז דאָס געווען? איז דאָס שוין
זעהר לאַנג? אָדער איז דאָס געווען אפשר
מיט א קורצער צייט צוריק? זיא האָט
זיך ניט געקענט דערמאָנען, און דיזע
רעטעניס האָט זי נאָך מעהר צוטומעלט
און געמאַכט פיהלען אונרוהיג.

זיא איז שטילערהייט אַרויסגע־
קראָכען פון בעט, איז צוגעגאַנגען צו
דער שלאָפענדע און האָט זיך גענומען
איינקוקען. אָ, דאָס איז דיזעלביגע פרוי,
וועלכע האָט זיא אויפגעהויבען פון לי־
זאַן'ס קבר אויפן בית עולם, האָט זיא
געטראָגען אויף איהרע הענד און אוועק־
געלייגט זיא אין בעט. דאָס האָט זיא
זיך דערמאָנט וויא אין א טומאַן. אָבער
האָט זיא דיזע פרוי ניט באַגעגענט קיין
מאָהל פריהער? אָדער דוכט זיך איהר,
אז זיא דערקענט אין איהר א פּערזאָן,
וועלכע זיא האָט אמאָהל געקענט? וויא
אזוי איז זיא געקומען אהער? נאָך וואָס?

דיא פרוי האָט דערווייל געעפענט
איהרע אויגען, האָט דערזעהען זשאַנע'ן
און האָט זיך גלייך א הויב געטהאָן.
זיי האָבען אָנגעקוקט איינע דיא אנדע־
רע אזוי נאָהענט אז זייערע בוזים'ס
האָבען זיך אָנגעריהרט. דיא פרעמדע
פרוי האָט עפּעס א מין ברום געטהאָן :

— וואָס? איהר זייט אַרויס פון
בעט? איהר וועט זיך דאָך ערקעלטען
און קראַנק ווערען. געהט, לייגט זיך;
איהר דאַרפט זיך גלייך לייגען צוריק
אין בעט.

— ווער זייט איהר ? — האָט
זשאַנע א פרעג געטהאָן.

אָבער אנשטאָט אַן ענטפער, האָט

דיא פרוי אַן עפּעו געטהאָן איהרע גרוי־סע אָרעמס, האָט אַ הויב געטהאָן זשאַ־נען אויף איהרע הענד און האָט זיא אַוועקגעטראָגען צום בעט.

דיא פרוי האָט זיא מיט פּאַרזיכט און צערטליכקייט אריינגעלעגט אין דיא בעט־געוואנד און אנבייגענדיג זיך איי־בער איהר האָט זיא אָנגעהויבען צו וויי־נען און קושען זיא אין דיא באקען, אין דיא אויגען, אויף דיא האָאר, מאַכענדיג דיא קישען נאַסס מיט איהרע טרעהרען:

— מיין אונגליקליכע, אונגליקלי־כע בעל־הבית׳טע, מאַמזעל זשאַנע, אונ־גליקליכע, טהייערע, געדיינקט איהר מיך גאָר ניט? — האָט זיא געפרעגט.

— ראָזאַליע! — האָט אַ געשריי געטהאָן זשאַנע און האָט מיט איהרע ביידע אָרעמס ארומגענומען ראָזאַליעס האַלז, האָט זיא געגלעט און געקוסט.

זיי האָבען זיך ביידע צואווינט, אַז זייערע הערצער זיינען שיער צוריסען געוואָרען, ביידע ארומגענומען, ביידע איינע דיא אַנדערע אויף דיא העלזער, אונמעגליך אָבצורייסען זיך איינע פון דער אַנדערער האָבען זיי געשלוכצט. ראָזאַליע איז געווען דיא ערשטע צו קו־מען צו זיך:

— נו, גענוג, זייט פּאַרזיכטיג, איהר טאָרט דאָך ניט ארויס פון בעט, איהר וועט זיך ערקעלטען.

זיא האָט צונומען דיא דעקע, האָט זיא אויסגעגלייכט, האָט פאַררוכט דעם לאַקען, האָט צורעכט געמאַכט דיא קי־שעלע פון איהר פריהערדיגער ווירט־הינס צוקאָפּענס. זשאַנע האָט נאָך אַלץ געשלוכצט, ווארום דיא אַלטע ערינער־רונגען האָבען ערשט איצט אויפגע־וואַכט אין איהר. ענדליך האָט זיא אַ פרעג געטהאָן:

— וויא אַזוי ביסט דוא געקומען אַהער צוריק, ראָזאַליע?

— וואָס דיינקט איהר, איך וועל אייך דען איבערלאָזען אַליין איצט, נאָר אַזוי עלענד צו בלייבען, וואָס? — האָט ראָזאַליע געענטפערט.

— ציינד אָן אַ ליכט, איך זאָל קע־נען זעהען דיך וויא עס דאַרף צו זיין

— האָט געזאָגט זשאַנע.

און ווען ראָזאַליע האָט אוועקגע־שטעלט אַ ליכט לעבען בעט האָבען דיא ביידע פרויען געקוקט אַ לאַנגע צייט איינע אויף דער אַנדערע, ניט ריידענדיג אַ וואָרט. דאַן האָט זשאַנע אנגענומען דיא האַנד פון איהר געוועזענע דיענסט־מויד און האָט אַ זאָג געטהאָן:

— ראָזאַליע, איך וואָלט דאָך דיך קיין מאָהל ניט דערקענען, ווארום דוא האָסט זיך אַזוי געענדערט; אמת, ניט אַזוי פיעל געענדערט זיך וויא איך.

ראָזאַליע האָט געקוקט אויף דער פאַרוועלקטער גרוי־האָריגע פרוי, וועל־כע זיא האָט פאַרלאָזען נאָך אַזוי יונג און אַזוי שעהן און האָט געענטפערט.

— יאָ, איהר האָט זיך היבש גע־ענדערט, מאַדאַם זשאַנע, געענדערט זיך אַ סך מעהר וויא איידער עס איז נויטיג פאַר אייערע יאָהרען. אָבער פאַר־געסט ניט, עס איז דאָך עפּעס אריבער פינף און צוואַנציג יאָהר וויא מיר האָ־בען זיך ניט געזעהען.

זיי זיינען אַנטשוויעגען געוואָרען אויף אַ ווייל־ע אום נאָכצוטראַכטען. ענד־ליך האָט זשאַנע געשטאַמעלט:

— איך האָף, אַז דוא ביסט וועני־גיגסטענס געווען גליקליך?

אָבער ראָזאַליע האָט מורא געהאַט ניט צו ערוועקען אַלטע וואונדען אין איהר ווירטהינס הארץ און האָט געענט־פערט אויסווייכענד:

— אַ, יאָ... געוויס... איך האָב זיך ניט וואָס צו בעקלאָגען, מאַדאַם... ניין, ניטאָ וואָס צו בעקלאָגען זיך... איך בין געווען גליקליכער פון אייך. פון איין זאַך האָב איך נור געליטען; מיך האָט פערדראָסען וואָס איך האָב אייך פערלאָזען און געמוזט אוועק פון דעם פּלאַץ...

אָבער וויא זיא האָט דאָס אַ זאָג געטהאָן האָט זיא איבערגעריסען פּלוצ־לונג דעם אייגענעם געשפּרעך, מורא האָבענדיג, אַז זי האָט שוין אָנגעריהרט אַ וואונד ניט וועלענדיג.

אָבער זשאַנע האָט געענטפערט וויינענדיג און האַרציג:

— וואָסזשע קען מען מאַכען, ראָזאַליע, מיר קענען קיין מאָהל ניט אויספיהרען וואָס מיר ווילען. ביסט דוא אויך אַן אַלמנה?

און איידער ראָזאַליע האָט נאָך צייט געהאַט צו ענטפערען דיעזע פראַגע, האָט זיא איהר אַ פרעג געטהאָן:

— און האָסט דוא נאָך קינדער?

— נאָך קינדער? ניין, מאַדאַם.

— און דיין זוהן... וואָס איז געבאָרען געוואָרען פון איהם?... ביזט דו מיט איהם ניט צופריעדען?

— זעהר צופריעדען, מאַדאַם, ער איז אַ גוטער יונג און אַ טיכטיגער אַרבייטער. עס איז ערשט אַ האַלב יאָהר וויא ער האָט חתונה געהאַט און ער נעהמט איבער מיין הויף, ווארום איך וועל בלייבען דאָ מיט אייך.

— דוא וועסט זיין מיט מיר, ראָזאַליע? — האָט געמורמעלט זשאַנע און האָט געציטערט, אַזוי גערירט איז זיא געוועזען דערפון.

— געוויס, מאַדאַם. איך וועל אייך ניט איבערלאָזען אַזוי עלענד. איך האָב שוין אַלעס איינגעאָרדענט — האָט זיא געענטפערט ענטשיעדען.

זיי זיינען ווידער אַנטשוויגען געוואָרען. זשאַנע האָט געגען איהר איינענעם ווילען אָנגעהויבען פערגלייכען אין איהרע געדאַנקען זייער ביידענס לעבען. זיא האָט שוין מעהר ניט געהאַמפערט זיך געגען דיא האַרטהעציגקייט פון איהר שיקזאַל.

— איז דיין מאַן געוועזען גוט צו דיר? — האָט זיא געפרעגט.

— אָ, ער איז געוועזען אַ גוטער מענש, מאַדאַם, אַ שווערער אַרבייטער, אַ האַראַפּאַסניק און ער האָט געזעהן אָבצושפּאָרען אַ ביסעל געלד. ער איז געשטאָרבען פון אויסצעהרונג.

זשאַנע האָט זיך אָוועקגעזעצט אין בעט; זיא האָט געוואָלט הערען אַלעס; זיא זאָל איהר אַלעס דערצעהלען.

— דערצעהל מיר, ראָזאַליע — האָט זיא געבעטען — דערצעהל מיר אַלעס וועגען דיין לעבען, דאָס וועט פאַר מיר זיין היינט אַזאַ גענעזונג.

ראָזאַליע האָט צוגערוקט אַ שטוהל און האָט זיך געזעצט דערצעהלען. זיא האָט דערצעהלט וועגען זיך, וועגען איהר הויז, וועגען אַלעס וואָס האָט זיך געטהאָן ארום זיי; זיא האָט דערצעהלט מיט אַלע איינצעלהייטען, אויסרעכענענדיג אַלע קליינינגקייטען, וועלכע זיינען פאַר דאָרפישע מענשען אַזוי וויכטיג; זיא האָט געשילדערט איהר מאַיאָנטעק און פלעגט זיך צולאַכען אין מיטען, עראינערענדיג זיך וועגען מאַנכע זאַכען, און וואָס ווייטער האָט זיא אַלץ העכער גערעדט, מיט ד'עם קול פון אַ פרוי, וועלכע איז געוועהנט געוואָרען צו קאָמאַנדעווען. ענדליך האָט זיא ערקלעהרט:

— אָ, איך האָב אָנגעקליעבען אַ שטיקעל פערמעגען און האָב פאַר דער צוקונפט ניט וואָס מורא צו האָבען אויף מיינע עלטערע יאָהרען.

זיא איז דאַן עפּעס געבליבען וויעדער וויא אין אַ פערלעגענהייט און האָט שוין אָנגעהויבען שטילער:

— אָבער אַלעס דאָס האָב איך דאָך אייך צו פערדאַנקען, מאַדאַם. איך וועל דארום בשום אופן ניט נעהמען פון אייך קיין געהאַלט, איך וועל מיט אייך בלייבען אַזוי. איך וועל ניט נעהמען! בשום אופן ניט! און אויב אייך געפעהלט דאָס ניט, וועל איך בעסער גאָר אַוועקגעהען!

— אָבער, ראָזאַליע, דוא מיינסט דאָך ניט צו זאָגען, אַז איך וועל דיך לאָזען אַרבייטען פאַר מיר אומזיסט — האָט זשאַנע געענטפערט.

— געוויס, מיין איך. וואָס דען, געלד? איך זאָל נאָך ביי אייך נעהמען געלד?

— וויא זשע דען?

— אָ, ניין, מאַדאַם. איך בין דאָך באַלד אפשר אַזוי רייך איצט אַזוי וויא איהר. ווייסט איהר לכל הפחות וואָס איז פערבליבען פון אייער עשירות נאָך דיא אַלע אנלייהונגען, פער'משכונען די גיטער, און פּראָצענטען, וועלכע האָבען זיך אָנגעקליבען, ווייל מען האָט קיין מאָהל דיא פּראָצענטען ניט אָבגע־

צאָהלט, און זיי וואַקסען פראָצענטען אויף פראָצענטען, ווייסט איהר? ניין, איהר ווייסט ניט. נו, וועל איך אייך זאָגען, אז איהר האָט אפילו ניט קיין איינקונפט פון צעהן טויזענד פראנק. קיין צעהן טויזענד פראנק אפילו ניט, ווייסט איהר דאָס? אָבער איצט וועל איך שוין דערויף אכטונג געבען, און וועל מאַכען א טאָלק, און טאַקע וואָס פריהער אלץ בעסער.

זיא האָט גערעדט אין דער הויך, עמפעהרט געגען דעם וויא דיא בעל־הבית'ישקייט איז רואינירט געוואָרען און וויא זשאַנע איז געבליבען אזוי ארעם. ווען זיא האָט גערעדט האָט זשאַנע געשמייכעלט און איז געווען שטאַרק געריהרט פון דיזער פריינדשאַפט.

— עס איז ניט קיין געלעכטער, מאַדאַם, ניטאָ דערפון וואָס צו לאַכען, ווייל אָהן געלד איז א מענש גאָרנישט — האָט זיא אויסגעשריען מיט פערדרום.

זשאַנע האָט ארייגענומען איהר האַנד אין איהרע און האָט זיא געהאַלטען א היבשע ווייַלע. דערנאָך האָט זיא שטיל, לאַנגזאַם געזאָגט דיא ווערטער, וואָס זיינען ביי איהר שטענדיג געווען אויפן זינען.

— איך האָב קיין גליק ניט געהאַט אין מיין לעבען. אלעס איז געגאַנגען שלעכט מיט מיר. מיין שיקזאַל איז געווען אונערבאַרעמליך.

ראָזאַליע האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איהר דאַרפט אזוי ניט ריידען, מאַדאַם, ניין, איהר דאַרפט ניט. איהר זייט געווען אונגליקליך פערהייראטה. דאָס איז אלעס. עס טויג ניט אזוי חתונה צו האָבען וויא איהר האָט חתונה געהאַט, ניט קענענדיג אפילו גוט פריהער דעם חתן.

זיי האָבען דערנאָך שוין אָנגעהויבען צו ריידען וועגען זייערע לעבענס, וויא צוויי גוטע אלטע פריינד, און דיא גאַנצע נאַכט האָבען זיי אזוי גערעדט. ווען דיא זונן איז אויפגעגאַנגען האָבען זיי נאָך אלץ געהאַלטען אין ריידען.

דיא נייע היים

אין צייט פון אכט טאָג האָט ראָזאַליע אריינגענומען אין איהרע הענד דיא גאַנצע ווירטהשאַפט און אָנגעהויבען בעזאָרגען אלעס. זשאַנע איז געבליבען פאַסיוו און האָט געפאָלגט וואָס ראָזאַליע האָט נור געהייסען. שוואַך אויף דיא פיס אזוי וויא איהר מוטער איז געווען, פלעגט זיא שפּאַציערען קורצע שטרעקעס אָנגעשפּאַרט אויף ראָזאַליע'ס ארעם. דיא דיענסט האָט זיא באַשיצט, האָט זיא געטרויסט, האָט געזוכט צו מאַכען פאַר איהר אלעס בעקוועמליכער. און ריידען פלעגט זיא צו איהר קורצע ווערטער, אָבגעהאַקט, אָבער האָט זיא בעהאַנדעלט צערטליך, וויא מען בעהאַנדעלט א שוואַכעס קינד.

זיי פלעגען שטענדיג שמועסען וועגען דיא אלטע צייטען; זשאַנע פלעגט ריידען תמיד מיט טרעהרען אין דיא אויגען, און ראָזאַליע מיט א גראָבער, שטאַרקער שטימע, אונגעדולדיג, אָבגעהאַקט, וויא דער שטייגער פון די בויערן איז.

איינינע מאָל האָט ראָזאַליע פערפיהרט א געשפּרעך וועגען דיא פּראָצענטען, וועלכע זיינען פעליג אויף דיא הלואות וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען און אויף וועלכע עס וואַקסען אָן פּראָצענט אויף פּראָצענט. זיא האָט אָנגעהויבען צו פאָדערן, אז דיא פאַפּיערען, וועלכע זשאַנע האָט פון איהר געהאַלטען פאַרשטעקט, שעהמענדיג זיך צו ווייזען איהר וועגען פּאול'ס מעשים, זאָלען איהר איבערגעגעבען ווערן. אָבער טאַקע גלייך, ניטאָ מעהר וואָס אָבצולייגען.

א וואָך נאָכאַנאַנד איז ראָזאַליע יעדען טאָג געפאָהרען אין שטעדטעל איינפּעקאַמפּ; זיא האָט דאָרט געקענט א נאָטאַריוס און זיא האָט זיך מיט איהם עצות געהאַלטען; זיא האָט פון איהם

געפאָדערט ערקלעהרונגען וועגען דיא פארשיעדענע פאפיערען, געשעפטליכע און געזעצליכע משא־מתן׳ס, וואס זיא האט ניט גאר פארשטאנען.

אין איין אבענד, ווען זיא האט צוועקגעלייגט איהר ווירטהין שלאפען, האט זיא זיך אוועקגעזעצט צו איהר ביים בעט און האט א זאג געטהאן:

— נו, איצט, ווען איהר זייט אין בעט, מאדאם, לאמיר א רעדט טהאן וועגען געשעפטען.

זיא האט אנגעהויבען ערקלעהרען זשאנען דיא גאנצע לאגע. זיא האט איהר געגעבען צו פארשטעהן, אז נאך דעם וויא אלעס וועט ווערען איינגעארדענט וועט בלייבען אן איינקונפט פון זיבען ביז אכט טויזענד פראנק. ניט איין סוּ מעהר.

— וואס קען מען העלפען, ראזאליע! איך פיהל אז זעהר אלט וועלען מיינע ביינער ניט ווערען; איך וועל לאנג ניט לעבען, סאי וויא סאי, און פאר דיא עטליכע יאהרען, וואס זיינען מיר געבליעבען וועט קלעקען וויפיעל איך האב — האט געענטפערט זשאנע.

ראזאליען האבען אבער אויפגעבראכט דיא ווערטער:

— ניין, מאדאם. עס קען זיין אז עס וועט קלעקען; אבער וויא וועט זיין מיט מאסיע פאול? ווילט איהר גאר פאר איהם עפעס ניט איבערלאזען?

זשאנע האט א ציטער געטהאן:

— דערמאן מיר ניט וועגען איהם, ראזאליע — האט זיא זיך געבעטען — דיא ערינערונגען וועגען איהם ברייגגט מיר מעהר ניט יסורים.

— ניין, מאדאם. גראד פערקעהרט, איך מוז מיט אייך ריידען וועגען דעם. פארשטעהט איהר? איהר בעטראכט גאר ניט דיא זאך, מאדאם זשאנע, דאס איז ניט גוט פון אייך אזוי צו רייהדען. ער איז איצט צולאזען, ער וועט דאך אבער ניט זיין אזוי אלע מאל. ער וועט דאך ווען עס איז חתונה האבען און וועט האבען קינדער. ער וועט

דאך דארפען האבען געלד אויף זיי צו ערנעהרען; וועט ער דען ניט דארפען? הערט זיך בעסער צו וואס איך זאג אייך. איהר מוזט פארקויפען דעם שלאס.

זשאנע האט זיא אנגעקוקט.

—איהר מוזט פערקויפען פאפעלבוימער — האט ראזאליע געזאגט ענטשיעדען.

— פערקויפען פאפעל־בוימער? — האט זיך צושראקען זשאנע — ניין, קיין מאל ניט! א, ניין!

אבער ראזאליע האט זיך ניט געלאזט איבערשפארען:

— איך זאג אייך, אז איהר מוזט, און איהר וועט פארקויפען, זאג איך אייך, מאדאם. ווארום איהר מוזט פארקויפען.

און זיא האט איהר אנגעהויבען צו ערקלעהרען איהרע פלענער. אויב זיי וועלען פערקויפען „פאפעל־בוימער“ און דיא צוויי הויפען וועלכע זיינען נאהענט צו „פאפעל־בוימער“ צו א גוטען סוחר, וועלכען מען קען געפינען, וואלט מען געקענט אויפהאלטען דאן דעם מאיאנטעק פון סענט לעאמארד; ווארום מען וועט קענען דאן אבצאהלען אלע שולדען, וועלכע זיינען געמאכט געווארען אויף יענעם מאיאנטעק. ווען דער מאיאנטעק פון סענט לעאמארד וואלט בלייבען ריין וועט ער דאן איינטראגען א ריינעם איינקונפט פון אכט טויזענד דריי הונדערט פראנק א יאהר.

זיא האט איהר דערנאך ערקלעהרט א וויטערן חשבון, וויא מען זאל זיך באגעהען מיט דיעזען איינקונפט: דרייצעהן הונדערט פראנק דארף מען אבלייגען יעדען יאהר פאר רעמאנטירען און פאר ווירטהשאפטען מיט׳ן מאיאנטעק. דאן וואלט בלייבען זיעבען טויזענד פראנק א יאהר. פון דיעזע וועט פינף טויזענד פראנק אוועקגעהען יעהרליך אויף הוצאות צום לעבען. דיא איבע־

ריגע קען מען זאמלען אויף א נויטהיגער צייט.

— דאס איז אלעס וואס מען קען ראטעווען, ווייטער איז אלעס פער־פאלען, פערלארען. קיין איין גראשען מעהר קען מען ניט ארויסבעקומען פון דיא גאנצע עשירות, וואס עס איז א מאל געווען. און דעם שליעסעל פון באנק וועל איך האלטען ביי זיך. יא. און וואס מאסיע פאול אנבעלאנגט וועט ער ביי אונז א גראשען ניט באקומען. ניט א גראשען, וויא איך זאג אייך. ווארום ער וועט פארשווענדען, אז עס וועט גארנישט בלייבען, דעם לעצטען גראשען אייערן וועט ער פארשווענדען.

— יא, אבער וויא איז א שטייגער אויב ער האט ניט פון וואס צו לעבען— האט זשאנע געוויינט, ווען ראזאליע האט איהר געמאכט דעם גאנצען חשבון.

— נו, אויב ער וועט זיין הונגעריג, זאל ער קומען אהער, זאל ער קומען צו־ריק אהיים. עס וועט אלע מאל זיין אנגעגרייט פאר איהם וואו צו שלאפען און וואס צו עסען. דיינקט איהר, אז ער וואלט געטהאן דיא אלע נארישקיי־טען זיינע, אויב איהר וואלט איהם ניט געגעבען קיין געלד גלייך פון אנ־הויב ?

— אבער ער האט דאך געהאט שול־דען און וואלט פערלירען זיין נאמען אלס עהרענמאן.

— און ווען ביי אייך וועט קיין געלד ניט בלייבען — האט ראזאליע א פרעג געטהאן — וועט דאס דען איהם אבהאלטען פון צו מאכען חובות ? איהר האט איין מאל בעצאהלט פאר איהם. דאס איז שוין רעכט. אבער גענוג. נאך איין מאל וועט איהר ניט צאה־לען. דאס זאג איך אייך, מאדאם. און איצט שלאפט געזונדערהייט. גוטע נאכט, מאדאם.

און זיא איז ארוים פון צימער. ווען זיא איז ארויסגעגאנגען האט זשא־נע ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג. דער געדאנק, אז מען וועט פארקויפען „פאפעל־בוימער“ און זיא וועט מוזען פערלאזען דאס הויז, וואו זיא האט פערבראכט איהר גאנצען לעבען כמעט, האט זיא ניט געלאזט רו־הען און געטריבען איהר שיער צום וואהנזינן.

אויף מארגען אין דער פריה ווען ראזאליע איז אריינגעקומען אין איהר צימער, האט זשאנע א זאג געטהאן :

— ניין, ראזאליע, איך וועל קיין מאל ניט קענען פערלאזען „פאפעל־בוימער“.

דיא דיענסט איז געווארען אן אויפגעקאכטע.

— איהר וועט דאך אבער מוזען, מאדאם. דער נאטאריוס קומט באלד צו פאהרען מיט א מאן, וועלכער וויל אבקויפען דעם שלאס. אויב איהר פערקויפט איהם איצט ניט וועט ביי אייך קיין גראשען ניט בלייבען ביי לייב און זעעל אין צייט פון פיער יאהר.

זשאנע איז געווען נידערגעשלאגען און האט נור געמורמעלט נאכאנאנד :

— איך וועל קיין מאל ניט קענען, איך וועל קיין מאל ניט אים שטאנד זיין אוועק פון דאנען.

אין א שטונדע ארום האט דער בריעפענטרעגער געבראכט א בריעף פון פאול'ען. אין בריעף האט ער ווידער געבעטען אן אנלייהע אויף צעהן טוי־זענד פראנק. זשאנע האט א צושרא־קענע אנגעהויבען מישב זיין זיך מיט ראזאליען, וועלכע האט א הויב גע־טהאן איהרע הענד אין דער הויך און האט אויסגעשריען :

— אט האט איהר ; וואס האב איך אייך געזאגט, מאדאם ? איהר וואלט ביידע געווען רואינירט, ווען עס וואלט ניט געטראפען דער גליק, אז איך זאל קומען צוריק אהער.

זשאנע האט געמוזט איינגעהען אויף איהר דיענסטס פערלאנג און האט געשריעבען פאלגענדען בריעף צו איהר זוהן :

„מיין טהייערער יונג : — איך

קען מעהר קיין זאך פאר דיר ניט טהאן. דוא האסט מיך רואינירט. אזוי וויא דיא לאגע איז איצט מוז איך פערקויפען דעם „פאפעלבוימער" שלאס. אבער פארגעס קיין מאל ניט, אז דוא ויעסט אימער געפינען א היים ביי דיין אלטע מוטער, וועלכער דוא האסט פערשאפט אזוי פיעל יסורים."

ווען דער נאטאריוס איז אנגעקומען מיט מ. זשעאפראן, א געוועזענער צו־קער־פאבריקאנט, האט זיא זיי שוין פערזענליך עמפפאנגען און האט זיי אליין געפיהרט אויסווייזען אלע פלע־צער.

אין א מאנאט ארום האט זיא אונ־טערגעשריעבען דעם קאנטראקט, אז זיא האט פערקויפט דעם שלאס, און אין דערזעלבער צייט האט זיא געקויפט א קליין הויז אין מאנטוויליע לעבען דעם שטעדטעל פון באטעוויל.

זיא האט ביז שפעט אין אבענד ארומשפאצירט אין איהר מוטער'ס אלעע מיט א צובראכענעם הארצען און א צו־בראכענעם פערשטאנד. זיא האט זיך אבגעזעגענט מיט די בוימער, מיט'ן הארייזאנט, מיט דיא ביינק אונטער דיא בוימער, מיט אלע זאכען, וואס זיא האט אזוי גוט געקענט און צו וועל־כע זיא איז געוועזען אזוי געוועהנט; מיט דער ביידעל אין גארטען, מיט דעם קליינעם בערגעל אויף דער לאנקע, וואו זיא פלעגט אזוי אפט זיצען און פון וואנען זיא האט דאן נאכגעקוקט דעם גראף דע פארוויל אין יענעם שרעקלי־כען טאג פון זשוליאן'ס טויט; זיא האט זיך אבגעזעגענט מיט אן אל־טען אונטערגעהאקטען בוים, אויף וועלכען זיא פלעגט זיך אפט אנשפא־רען, מיט דעם גאנצען גארטען, וועל־כער איז פאר איהר געוועזען אזוי פאמי־ליאר. ענדליך האט ראזאליע גע־מוזט ארויסגעהען און אריינגעהמען איהר צוריק אין הויז.

א הויכער פויער, א יאהר פינף און צוואנציג אלט האט געווארט ביים טהיר. ער האט באגריסט זשאנען מיט א פריינדליכען טאן אזוי וויא ער וואלט זיא שוין קענען צייט יאהרען.

— גוטען טאג, מאדאם, פיהלט איהר גוט? דיא מוטער האט מיר געהייסען אכטונג געבען אויף דעם אי־בערפיהרען דיא זאכען. איך וואלט וועלען וויסען וואס איהר ווילט נעהמען, ווארום איך וויל אריבערפיהרען ביס־לעכווייז, אז דאס זאל מיר ניט שטע־רען אין מיינע ארבייט.

דאס איז געוועזען איהר דיענסט'ס זוהן, זשוליאן'ס קינד און איהר פאול'ס ברודער.

זשאנען האט זיך געדוכט אזוי וויא איהר הארץ וואלט אויפהערען צו קלאפען, און דאך האט זיא עפעס געפיהלט דערביי אזוי ווי צו קוסען דעם יונגען מענשען. זיא האט איהם גוט בעטראכט, זיא האט געוואלט זעהען צו וועט זיא געפינען אן עהנליכקייט צווישען איהם און איהר מאן אדער איהר זוהן.

ער איז געוועזען א רויטער, בלוי־אויגיגער, בלאנד־האריגער, אזוי וויא זיין מוטער. און דאך האט ער אויס־געזעהען אזוי וויא זשוליאן. אין וואס איז געוועזען דיא עהנליכקייט? דאס וואלט איהר געוועזען שווער צו זאגען, אבער עפעס איז געוועזען אין זיין גאנ־צער געשטאלט, וואס עס האט דער־מאהנט אויף זיין פאטער.

— ווען איהר וואלט מיר געקענט איצט ווייזען דיא זאכען — האט ער ווייטער געזאגט — וואלט איך אייך זעהר דאנקבאר זיין.

אבער זשאנע האט נאך ניט ענט־שיעדען וואס זיא זאל מיטנעהמען פון דיא זאכען. איהר נייעס הויז איז געוועזען אזוי קליין. זיא האט איהם דארום געזאגט, ער זאל קומען נאך א מאל ענדרע וואך, און דאן וועט זיא בעשליסע.

דאס איבערקלייבען זיך האט איהר געגעבען א נייע בעשעפטיגונג און דאס איז געוועזען א שטיקעל פערטרייב אין איהר מאנאטאנעם לעבען.

זיא איז געגאנגען פון צימער צו צימער נאכקוקען דיא שטיקער מעבעל,

וועלכע זיינען געווען פערבונדען אין איהר זינען מיט וועלכע ניט איז ער־שיינונגען: פריינדליכע זאכען, וועל־כע זיינען געווען א טהייל פון איהר לעבען און כמעט פון איהר גאנצען ווע־זען, זאכען וואס זיא האט געקענט פון קינדהייט אן און מיט וועלכע עס זיי־נען געווען פערבונדען עראינערונגען פון פריידען און ליידען; זיי זיינען גע־ווען אזוי וויא דאטען אין דער געשיכ־טע פון איהר לעבען, שטומע חברים פון איהרע פרעהליכע און פון איהרע טרויע־ריגע שטונדען, וועלכע האבען זיך געעלטערט צוזאמען מיט איהר און זיינען געווארען אבגעניצעוועט און אב־געטראגען.

איינס ביי איינס האט זיא אויס־געקליבען דיא זאכען. אפט פלעגט זיא לאנג שטעהען און לאנג נאכדיינ־קען וואס צו נעהמען און וואס ניט, און זיא פלעגט בייטען יעדע ווייל איהר בעשלוס.

יעדע ווייל פלעגט זיא זיך אב־שטעלען און איהר פלעגט שווער זיין צו ענטשיידען, וועלכע צ. ב. ש. פון דיא צוויי שטוהלען זיא זאל אבקלייבען אדער וועגען אן אלטען שרייב־טיש, א קא־מאד, א. ז. וו.

זיא האט צועפענט אלע שופלאדען אום איינצוקוקען זיך און עראינערען זיך וועגען זאכען, וועלכע זיינען שוין לאנג, לאנג פערביי, און ענדליך פלעגט זיא זיך שוין ענטשליסען צו זאגען:

— יא, דאס וועל איך נעהמען.

און גלייך פלעגט דאס אראבגע־טראגען ווערען און אבגעשטעלט ווערען בעזונדער אין עסס־צימער. זיא האט אנ־דערש ניט געוואלט וויא דעם גאנצען גארניטור פון שלאף־צימער איבערפיה־רען, דיא בעט, דעם זייגער, דיא גארדי־נען, פאקטיש אלעס.

זיא האט אבגעקליבען איניגע פון דיא זאאל־מעבעל, דיא וואס האבען זיא אזוי אמוזירט ווען זיא איז געווען א קינד, מיט דיא אויסגעשטיקטע ביל־דער „דער פוקס און דער שטארך,“ „דער פוקס און דער ראב“, „דיא מוראשקע און דער היישעריק“. דערנאך ווען זיא האט שוין אויסגעקוקט יעדען ווינקעלע פון הויז און איז שוין געווען מיט אלעם פארטיג, איז זיא איין טאג ארויף אויפ'ן בוידעם.

זיא האט זיך אבגעשטעלט אויפ'ן שוועל אן ערשטווינטע; א גאנצע מאסע זאכען האבען בעגריסט איהר בליק, מאנכע צובראכענע, מאנכע פארשמיר־טע, פארפלעקטע און זיינען ארויסגע־שטעלט געווארען, ווייל זיי האבען שוין מעהר ניט געטויגט. זיא האט דערזעהען פיעלע זאכען, וועלכע זיינען איהר איצט געווען אזוי בעקאנט און וועלכע זיינען שוין לאנג פערשוואונדען, אז קיינער האט אפילו ניט באמערקט זייער פאר־שווינדען.

קליינינגקייטען, וועלכע זיינען גע־ווען ארום איהר שוין צייט פינפצעהן יאהר, וועלכע זיא האט אבער קיין מאל פריהער עפעס ניט באמערקט, אבער וועלכע זיא האט איצט דערזעהען, זיינען פאר איהר פלוצלונג טהייער געווארען אלס עדות פון לאנגער פערגאנגענהייט. זיי האבען אויף איהר געמאכט דעם איינדרוק אזוי וויא מאנכע מענשען, וועלכע מען באגעגענט מאנכע מאהל אפט, קיין מאל ניט ענטדעקענדיג זיי־ערע אינערליכע געדאנקען, און וועלכע פלוצלונג אין איין נאכט, גאר אונער־ווארטעט, הויבען אן צו ריידען וועגען זיך און צו אונזער איבערראשונג עפענען זיך פאר אונז זייערע אונפערדעכטיגטע נשמות.

פון איין זאך צו דער אנדערער איז זיא צוגעגאנגען, באוועגט און געריהרט און האט אלץ געמורמעלט, עראינערענ־דיג זיך באזונדער וועגען יעדער זאך:

— א, דיעזע פארפארענע טאסס האב איך דאך צובראכען איין אבענד עטליכע טעג פאר מיין חתונה. און אט איז מאמא'ס לאנטערנע און דאס איז דעם טאטענ'ס שטעקעל, וועלכען ער האט צובראכען ווען ער האט געוואלט אבשפארען דיא טויער אמאל.

עס זיינען געווען פיעל זאכען, וועלכע זיא האט בשום אופן ניט גע־

קענט דערקענען, וואָרום זיי האָבען נאָך בעלאַנגט צו איהרע אור־עלטערן. דאָס זיינען געוועזן זאַכען, פאַר וועלכע עס איז שוין אין איהרע יאָהרען קיין פּלאַץ און קיין צייט ניט געוועזן. דאָס זיינען געוועזן זאַכען, וועמעס געשיכטע זיינען קיינעם ניט געוועזן בעקאַנט, ווייל דיא וואָס האָבען זיי געקויפט, וואָס האָבען זיך מיט זיי אינטערעסירט — זיינען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ.

קיינער האָט שוין ניט געקענט דיא מענשען, וועלכע האָבען פאַרמעגט דיזע זאַכען, וועלכע האָבען זיי געליעבט און דיא הענד, וועלכע האָבען זיי בעריהרט, אָדער דיא אויגען, וועלכע האָבען אויף זיי געקוקט מיט הנאה. אָבער זשאַנע האָט געהאַט עפּעס א בעזונדער הנאה אין אַנקוקען דיזע זאַכען, אנריהרען דיא מיט שטויב בעדעקטע עדות פון דער ווייטער פערגאַנגענהייט.

א לאַנגע צייט איז זיא געשטאַנען אין דיזען וואונדערליכען ביידעם, אונטער דעם מאַטען שיין, וועלכער האָט אריינגעלויכטען אין דיא דאַך־שויבען, זי האָט בעקוקט אויפמערקזאַם שטוהלען אויף דריי פיסלעך, האָט געטראַכט צו וועט זיא ניט קענען דערמאָנען זיך עפּעס וועגען זיי, און א גאַנצע מאַסע פון קיך־געשיר האָט זיא בעקוקט.

דאַן האָט זיא אויסגעשטעלט א ליסטע פון דיא זאַכען, וועלכע זיא האָט געוואָלט מיטנעהמען אין דער נייער דירה און איז אראָבגעגאַנגען צו ראָזאַליען זאָגען, אז זיא זאָל זיי אראָבטראָגען. דיא אויפגערעגטע דיענסט האָט אָבער אָבגעזאָגט זיך פון צו שלעפּען דיא „אַלטע שמאַטעס“. און גראָדע דעריין האָט זשאַנע, וועלכע האָט אין אַלעם אַנדערע געפאָלגט דיא דיענסט, זיך איינגעשפּאַרט און זיא האָט געמוזט אויספיהרען.

איין פריה־מאָרגען איז דער יונגער פאַרמער, זשוליאַנס זוהן, דעניס לעקאָק, צוגעפאָהרען מיט א וואָגען און האָט אוועקגעפיהרט די ערשטע לאַדונג. ראָזאַליע איז מיט איהם מיטגעפאָהרען אום אליין אַכטונג צו געבען וויא אַלעס זאָל זיין אררענזשירט און אויסגעשטעלט.

ווען זשאַנע איז געבליעבען אליין האָט זיא אָנגעהויבען ארומצוגעהן איבערן שלאָס מיט א שרעקליכער פערצווייפלונג; זיא האָט געקוסט מיט טיעפער ליעבע דיא זאַכען, וועלכע זיא מוז איבערלאָזען, דיא גרויסע ווייסע פויגלען און דיא טאַפּעטען פון זאַאַל, דיא אַלטע לייכטער; פּאַקטיש אַלעס, אויף וואָס נור עס איז געפאַלען איהר בליק. זיא איז געלאָפען פון איין צימער אין דעם אנדערן, איהרע אויגען אָנגעפיעלט מיט טרעהרען; אין קאָפּ האָט זיך איהר געמישט. און דאַן איז זיא ארוים אָבצוזעגענען זיך מיט'ן ים.

דאָס איז געוועזן שוין נאָהענט פון ענדע סעפּטעמבער; א גרויער, בלייכער הימעל איז געהאַנגען איבער דער ערד; דער געלער ברעג האָט זיך געצויגען ווייט ווייט ביז וואנען מען האָט שוין מעהר מיט'ן אויג ניט געקענט כאַפּען. זשאַנע איז געשטאַנען א לאַנגע צייט אויפ'ן שפּיץ פון פעלזען־ברעג און טרויעריגע געדאַנקען זיינען דורכגעלאָפען אין איהר מח. ווען עס איז שוין פינסטער געוואָרען האָט זיא זיך ערשט געכאַפּט, אז זיא שטעהט דאָ און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין שלאָס. אין דיזען טאָג האָט זיא דורכגעליטען אינערליך אזוי פיעל מעהר איידער זיא האָט אויסגעליטען אין וועלכען עס איז אנדערע טאָג פון איהר לעבען.

ראָזאַליע האָט זיך שוין לאַנג צוריקגעקעהרט פון דער נייער דירה און האָט געוואַרט אויף איהר. זיא איז געוועזן אזוי צופריעדען פון דעם נייעם וואָהנונג, אַז זיא האָט אָנגעהויבען צו צוגיסען זיך און לויבען און שעצען דיא נייע צימערן. וואו ? זיי זיינען ניט דער ערך לעבעדיגער און אנגענעהמער איידער דיזע ביי־

פע סטאדאלע, וועלכע ליעגט אן א זייט און איז אפילו ניט נאהענט ביי'ם וועג. זשאנע האט אבער דיזען גאנצען אבענד געהאלטען אין איין וויינען.

דעם גאנצען אבענד האט זשאנע פערבראכט אין וויינען.

זינט דיא בויערן האבען דערהערט, אז דער שלאס איז צום פערקויפען, האבען זיי געוויעזען זשאנען בלויז אזוי פיעל רעספעקט וויעפיעל איהר האט אבסאלוט געקומט. אונטער דיא אויגען פלעגען זיי זיא רופען „דיא משוגענע פריצ'טע“, אליין ניט וויסענדיג אפשר פאר וואס זיי רופען זיא אזוי. אבער זיי האבען אינסטינקטיוו געטראפען, אז זיא איז עפעס צו סענטימענטאל, קראנק פון צופיעל גוט-הערציגקייט, פון צופיעל איבערטריבענע געפיהלען און פון א ליידענדע נשמה.

א טאג פאר איהר אבשיעד נעהמען פון שלאס, איז זיא צופעליג אריין אין דיא שטאהלען. א טרויעריגער סקאווירצען האבען איהרע אויערן דערהערט. דאס איז געוועזען דער הונד „הריגה“, וועגען וועלכען זיא האט גאר פערגעסען שוין צייט מאנאטען. זייענדיג בלינד, פאראליזירט און צו אלט פאר הינדישע יאהרען, האט ער געלעבט נאך, ליגענדיג אויף שטרוי, וואו דיא קעכין לודווין האט אויף איהם ניט פערגעסען און פלעגט איהם צוברייינגען עסען.

זשאנע האט גענומען דעם אלטען, קראנקען הונד אויף דיא הענד, האט איהם געקוסט און האט איהם אריינגענומען אין הויז. ער איז געוועזען שווער און האט שוין כמעט גאר ניט געקענט האלטען זיך אויף זיינע פיס, און געהאווקעט האט ער מיט א קוויטש, אזוי וויא דיא שפיעל-הינד, פון וועלכען קינדער האבען הנאה.

ענדליך איז דער לעצטער טאג אנגעקומען. זשאנע איז געשלאפען אין זשוליאנס שלאפ-צימער, ווארום איהר אייגענער שלאפ-צימער איז געוועזען לעדיג, אהן מעבעל. זיא איז ארויס פון בעט א מיעדע און אהן אטהעם אזוי וויא זיא וואלט דאס ניט געלעגען דיא גאנצע צייט, נור געלאפען אהן אטהעם.

דער וואגען, אנגעלאדען מיט קאסטענס און מיט דיא איבעריגע מעבעל איז שוין געשטאנען אין הויף. א צווייטערדיגער וועגעל איז צוגעשפאנט געווארען פון הינטען און אין איהם האבען זיך געדארפט אריינזעצען דיא ווירטהין און דיא דיענסט.

דער אלטער סימאן און דיא קעכען לודיווין האבען נאך געדארפט בלייבען ביז וואנען דער נייער ווירטה וועט זיך אריינקלייבען, און דאן וועלען זיי אוועק וואהנען ערגעץ ביי זייערע קרובים; זשאנע האט זיי ביידען בעזארגט מיט פענסיאן. א חוץ דעם האבען זיי געהאט אביסעל זייערע אייגענע אבגעשפארטע. זיי זיינען שוין איצט זעהר אלט געווען און האבען שוין ווענינ געטויגט צו דער ארבייט. מאריוס איז שוין לאנג אוועק; ער האט חתונה געהאט.

א זייגער אכט האט אנגעהויבען צו רעגענען; דאס איז געווען א קאלטער, אייזיגער, דראבנער רעגען, געטריעבען זיי האבען געמוזט פארציהען דיא פוהרעל מיט דעקעס איבער'ן קאפ. דיא בלעטער זיינען שוין געפאלען פון דיא בוימער.

צוויי טאסס קאפעע זיינען געשטאנען אויפ'ן טיש אין קיך. זשאנע האט זיך געזעצט ביים טיש און האט שטיל געזופט איהר טאסס קאפעע; אין א ווייל'ע ארום האט זיא זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

— לאמיר געהן.

זיא האט אנגעטהאן איהר הוט, איהר שאל, און ווען ראזאליע האט אנגעטהאן איהרע קאלאשען, האט זיך זשאנע דערמאנט:

— געדענקסט דוא, ראזאליע, ווי עס האט גערעגענט, ווען מיר האבען פערלאזען רוען צו קומען אהער קיין פאפעלבוימער?

מיט איהר האט געטראפען א ספאזמען און זיא איז צוריקגעזונקען אין א מין אהנמאכט. א גאנצע שטונדע האט זיא אויסגעזעהען וויא א טוי־

טע; דאן האט זיא געעפענט איהרע אויגען און האט אויסגעבראָכען אין א געוויין; איהר גאנצער קערפּער איז גע־ ווען אין קאָנוואולסען.

ביסלעכווייז איז זיא געוואָרען אלץ רוהיגער; אָבער זיא האט זיך שוין געפיהלט אזוי שוואך, אז זיא האט זיך ניט געקענט אויפהויבען פון פּלאַץ. ראַ־ זאליע האט מורא געהאט, אז אויב מען וועט בלייבען דאָ נאָך לייגגער וועלען נאָך איינינע מאָהל מיט איהר פּאסירען אזעלכע זאכען, און זיא האט א רוף געטהאָן איהר זוהן.

זיי האבען ביידע א נעהם געטהאָן זשאנען אונטער דיא הענד, האבען זיא ממש צוגעטראָגען צום פוהר און האבען זיא אוועקגעלייגט אויפ'ן זיץ־ביינקעל, וועלכען זיי האבען צוגעדעקט מיט סאַ־ ראטע; דאן האט דיא דיענסט איינגע־ דעקט איהר ווירטהינס פיס, האט ארויפגעוואָרפען א מאנטעל איהר אויפ'ן פלייצע, האט אן עפען געטהאָן דעם שירעם, האט זיך ארייגגעזעצט און האט א געשריי געטהאָן:

— נו, אביסעל שנעלער, דעניס; מען דארף אבפאָהרען אמאָל.

דער יונגער מאן האט א שפרונג געטהאָן אויף דיא קאָזלעס, האט א שמיץ געטהאָן דיא פערד, וועלכע האָ־ בען זיך געגעבען א ריס פאָראויס און דיא פוהר האט געשליידערט דיא פאַ־ סאזשירען אין אלע זייטען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ברעג פון דארף האבען זיי דערזעהען אימיצען ארומגעהענדיג הין און צוריק איבער'ן וועג. דאס איז געווען דער גלח, פאטער טאלביאק, וועלכער האט גע־ וואַרט אויף זיי, וויא עס האט אויס־ געזעהען.

ער האט זיך אבגעשטעלט צו לאָ־ זען דורכפאָהרען דעם וואגען. ער האט אונטערגעהאלטען דיא פאָלעס פון זיין שווארצען קיטעל, מורא האבענדיג ער זאָל זיך ניט פערשלומפּערען אין בלאָ־ טע, און זיינע דינע שווארצע זאקענ־ דיגע פיס האבען געשטעקט אין קויט באַדעקטע שיך.

זשאנע האט ארָאבגעלאָזען דיא אויגען ניט צו באגעגענען זיין בליק. אָבער ראָזאליע, וועלכע האט אלעס גע־ וואוסט, איז געוואָרען אן אויפגעבראַכ־ טע.

— לומפּ! לומפּ! — האט זיא געבורטשעט.

דערנאך האט זיא זיך א קעהר גע־ טהאָן צו איהר זוהן און האט איהם א זאָג געטהאָן:

— דעניס, גיב איהם אקאָרשט א גוטען שפּריץ.

וויא זיי זיינען נור צוגעקומען נאָ־ הענט פון'ם גלח האט דער יונגער פויער א קירעווע געטהאָן דיא פערד גלייך אין א לוזשע אריין און נאך זיי דער וואגען מיט דיא רעדער, אז עס האט געגעבען א שאָס א שטראָם בלאָטע און האט בעגאָסען דעם גלח פון קאָפּ ביז דיא פיס.

א גליקליכע פון דיעזען איינפאל האט ראזאליע נאך פארמאסטען זיך געגען דעם גלח מיט איהר קולאק, ווע־ רענד ער האט גענומען ווישען זיין פּנים מיט זיין טאשענטוך. זיי האבען נאך ניט צייט געהאט דורכצופאָהרען א לייגגערע שטרעקע, וויא זשאנע האט זיך א כאפּ געטהאָן:

— מיר האבען דאך פארגעסען מיטנעהמען „הריגה".

זיי האבען זיך געמוזט אבשטעלען; דעניס האט געמוזט אראבקריכען פון וואגען און לויפען צוריק אין שלאָס צו ברייגגען דעם אלטען, בלינדען הונד, וועהרענד זיין מוטער האט דערווייל צוגעהאלטען דיא לייצעס. דעניס איז באלד געלאָפען צוריק מיט דעם הונד אויף דיא הענד; ער האט איהם א לייג געטהאָן צווישען דיא צוויי פרויען.

דיא זוכונג פון פּאולען.

אין צוויי שטונדען ארום האט זיך דיא פוהר אבגעשטעלט לעבען א קליינעם געמויערטען הויז, וועלכעס איז געשטאנען אין מיטען פון א גארטען פון בארען־בוימער נאהענט פון וועג. פיער ביידלעך מיט גרינס און בלומען באדעקט זיינען געווען אין אלע פיער

עקען פון גארטען. דער גארטען איז געוועזן איינגעטהיילט האלב אין א גרינס־גארטען און האלב אין א גארטען פון פרוכט־בוימער.

דער גאנצער הויף איז געוועזן איינגעשלאָסען אין א צאם, וואָס האָט אָבגעטהיילט דיזע פערמע פון דיא אנדערע פערמעס פון דיא שכנים. אויפ׳ן וועג, פאר א 200 פוס ווייטער איז געוועזן א שמידס קוזניע.

דיא נעהנסטע וואָהנונגען זיינען געוועזן אונגעפעהר א קילאָמעטער פון׳ם הויז. פון דאנען האָבען זיך געזעהען א גרויסער פלאכער פלאַץ, דאָס פלאכ־לאנד פון דע־קאָו, אזוי וויא אָנגעפינטעלט מיט פערמעס, וועלכע זיינען געוועזן איינגעשלאָסען אין א דאָפעל־רייהע פון הויכע בוימער און דער גאנצער ברעג ארומגעזיימט מיט עפעל־גארטענס.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען האָט זשאנע געוואָלט אָברוהען, אָבער ראָזאַליע האָט דאָס איהר ניט ערלויבט, מורא האָבענדיג, אז איהר רוהע וועט זיא אריינציהען אין א מעלאנכאָלישען פערטראכטען זיך ווידער. דער טישלער פון גאדערוויל איז דאָרט געוועזן, פארטיג צו העלפען אין איינשטעלען אלעס. ניט ווארטענדיג ביז וואנען דיא אנדער לאַדונג מיט מעבעל וועט קומען האָבען זיי אָנגעהויבען אויסצושטעלען דאָס וואָס מען האָט שוין געבראכט.

דאָס איז געוועזן ניט אזוי גרינג. צו יעדע זאך אוועקשטעלען האָט מען געדארפט טראכטען און דיסקוטירען, וואָס עס פאסט און וואָס עס פאסט זיך ניט. אין א שטונדע ארום איז אָנגעקומען דער צווייטער וואָגען און מען האָט איהם גלייך געמוזט אויסלאָדען איבער׳ן רעגען.

ווען עס איז שוין געוואָרען נאכט איז דאָס הויז געוועזן אין א שרעקליכען צושטאנד, אָנגעפיללט פון אונטען ביז אויבען מיט פערשיעדענע זאכען, מעבעל, קאסטענס, שאכטלען, אָנגעשטעלט איינע אויף דיא אנדערע. און דיזע נאכט איז זשאנע, וועלכע איז געוועזן שרעקליך מיעד, איינגעשלאָפען אזוי גיך וויא נור זיא האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפ אויפן קישען.

אויף מאָרגען איז זיא געוועזן אזוי בעשעפטיגט, אז זיא האָט שוין ניט צייט געהאט אזוי פיעל צו טראכטען. זיא האָט אפילו גענומען זיך דעם פערגעניגען אין אויספוצען איהר נייע וואָהנונג, ווארום דער געדאנק, אז עס קען מעגליך זיין דאָס איהר זוהן וועט קומען צו פאָהרען אמאָל האָט זיא אויף קיין איין ווייל ניט אָבגעלאָזען.

דיא פאָרהאנגען, וועלכע זיינען געדאנגען אין איהר פריהערדיגען שלאָף־צימער, האָט זיא איצט איינגעריכט אין איהר עסס־צימער, וועלכער איז שוין אין דער־זעלבער צייט געוועזן אויך א זאאל. בעזונדער איופמערקזאם האָט זיא אָבער געזעהען איינצואָרדנען איינעם פון דיא צוויי צימערן אויף דעם אויבערשטען עטאזש. זיא האָט ביי זיך אין זינען דאָס א נאמען געגעבען „פאָולעטס אפארטמענט“. דעם צווייטען צימער האָט זיא געהאלטען פאר זיך און ראָזאַליע האָט פערנומען דעם צימער וואָס איז נאָהענט צום בוידעם.

דאָס קליינע הויז איז ווירקליך געוועזן זעהר פרעכטיג, און אין צייט פון דיא ערשטע פאָאר וואכען האָט עס זשאנע זעהר ליעב בעקומען, אָבוואָהל זיא האָט געפיהלט, אז עפּעס פעהלט, ניט וויסענדיג אליין בעשטימט וואָס אייגענטליך עס פעהלט.

איין פריהמאָרגען האָט דער קלערק פון דעם נאטאריוס איהר געבראכט דריי טויזענד מיט זעקס הונדערט פראנק. דאָס איז געוועזן דאָס געלד וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרען פאר דיא מעבעל, וואָס איז איבערגעבליעבען אין „פאפעל־בוימער“, וויא א מעבעל־הענדלער האָט אָבגעשאצט.

ערהאלטענדיג דאָס געלד האָט זשאנע א ציטער געטהאָן פון פערגניגען, און אזוי גיך וויא דער קלערק פון נאטאריוס איז ארויסגעגאנגען, האָט זיא אָנגעטהאָן איהר היטעלע מיט דעם צוועק צו געהן קיין גאדערסוויל און אוועקשיקען דיזע

כומע געלה, וועלכע איז איהר געקומען אזוי אונערוואַרטעט, צו פּאולען.

אָבער געהענדיג שנעל אויפ׳ן וועג צום שטעדטעל, האָט זיא אָנגעטראָפען ראָזאליען, וועלכע האָט זיך אומגעקעהרט נור וואָס פון מַארק, וואוהי׳ן זיא איז געגאנגען איינקויפען זאכען. די דיענסט איז גלייך עפּעס געוואָרען פאַרדעכטיג, אָבוואָהל זיא האָט ניט פערשטאַנען גלייך וואָס עס איז פאָרגעקומען וואָס זשאַנע געהט עפּעס אין מיטען דערינען אין שטעדטעל. אָבער ווען זיא האָט זיא גענומען פרעגען און האָט אויסגעפונען אום וואָס עס האַנדעלט זיך, ווארום זשאַנע האָט ניט געהאַט דיא שטאַרקייט פון צו בעהאַלטען פון איהר עפּעס, האָט ראָזאליע א שטעל געטהאָן איהר קערבעל מיט זאכען אויף דער ערד, האָט א נעהם געטהאָן דיא הענד אין דיא באָקעם און האָט אָנגעקוקט איהר ווירטהין.

נאָכדעם האָט זי מיט איין האַנד א נעהם געטאָהן זשאַנעס ארעם, מיט דער אַנדער האַנד אויפגעהויבען צוריק דעם קערבעל און האָט זי גענומען פיהרען צוריק אהיים. זשאַנע האָט זיך געלאָזען. אזוי גיך וויא זיי זיינען נור אריין אין הויז, איז זיא צוגעשטאַנען צו זשאַנען, אז זי זאָל איהר אָבגעבען דאס געלד; זשאַנע האָט געפאָלגט, נור וויא עס איז געקומען צו די לעצטע זעקס הונדערט פראַנק, האָט זיא זיי פערהאַלטען, דאס מוז זיא שיקען פּאולען.

ראָזאליע האָט ניט נאָכגעלאָזען. זי מוז אָבגעבען איהר ביז א גראָשען. נאָך לאַנגען שפּאַרען זיך, האָט ראָזאליע קוים ערלויבט, אז דיעזע קליינע סומע זאָל אָבגעשיקט ווערען פּאולען.

אין עטליכע טעג ארום איז פון פּאולען אָנגעקומען א בריעף, אין וועלכען ער האָט געדאַנקט פאַר דאס צוגעשיקטע געלד.

—דו האָסט מיר געטאָהן א גרויסע טובה — האָט ער געשריבען — ווארום מיר זיינען געוועזן אין גרויסער פערצווייפלונג.

זשאַנע האָט זיך דאָך ניט געקענט צוגעוועהנען צום נייעם פּלאַץ. עס האָט איהר אויסגעזעהען, אז זיא קען זיך דאָרט ניט אָבאַטהמען אזוי ווי עס דאַרף צו זיין, און זיא האָט אָנגעהויבען צו פיהלען זיך עלענד מעהר איידער זיא האָט זיך געפיהלט פריהער; זיא איז געוועזן וויא א פערלאָרענע. זיא פּלעגט ארויסגעהען שפּאַציערען, פּלעגט געהן, געהן, אומקעהרען זיך צוריק, און וויא זי פּלעגט קומען אהיים פּלעגט זיך איהר דוכטען, אז זיא דאַרף עפּעס ווייטער געהן, ווארום זיא איז אַלץ עפּעס ניט צוגעקומען צו דעם פּלאַטץ, וואוהין זיא האָט געוואָלט שפּאַציערען.

אזוי האָט דאס פּאַסירט מיט איהר יעדען טאָג, און זיא האָט ניט געקענט פערשטעהן די אורזאכע פון דיעזען זאָנדערבאַרען געפיהל. אָבער איין מאָהל האָט זיא עפּעס פּלוצלינג אליין ארויסגערעדט א וואָרט, וועלכער האָט איהר אליין געעפענט דיא אויגען אויף דער אורזאכע דערפון. זיא האָט פערשטאַנען פון וואַנען עס קומט דיעזע ספּעציעלע אונרוהיגקייט אין איהר גייסט.

זיצענדיג ביים עסען, האָט זי עפּעס פּלוצלינג א זאָג געטאָהן:

—א, ווי איך וואָלט וועלען זעהען דעם ים?

און דאס איז געוועזן נאָך וואס זי האָט אונבעוואוסט פאַר איהר אליין געבענקט. זי האָט געביינקט נאָך דעם ים, צו וועלכען זי איז געוועזן צוגעוועהנט צייט פינף און צוואַנציג יאהר. דער ים מיט זיין געזאַלצענע לופט, מיט זיינע רוישענדע כוואַליעס, זיינע ברויזענדע שטורעמדיגקייט, זיין קרעפטיגענדער ווינד; דער ים, וועלכען זיא האָט יעדען טאָג געזעהען פון פענסטער פון איהר הויז אין דעם שלאָס פון די „פּאַפּעל־בוימער“, וועמעס לופט זיא האָט איינגעאטהעמט טאָג און נאַכט, דער ים, וועלכער איז דאָרט געוועזן אזוי נאָהענט און וועלכען זיא האָט זיך

אויסגעלערנט צו ליעבען אזוי ווי מען ליעבט א מענשליכעס וועזען.

דער קראנקער הונד האָט זיך אויך ניט געקענט צו געוועהנען צום נייעם פּלאַטץ, איז אויך געווען בעפאלען פון א שטענדיגער אונרוהיגקייט; ער האט אויסגעקליעבען צו ליגען ביים קיך־אלמער און פלעגט קיין מאָהל ניט וועלען ארויסקריכען פון יענעם ווינקעל. ער פלעגט דאָרט ליגען דעם גאנצען טאָג און ניט א ריהר טאָהן זיך פון אָרט. נור ווייל צו ווייל פלעגט ער זיך א קעהר טאָהן מיט א מין סקאווויוצעדיגען קרעכץ.

אָבער ווי עס פלעגט נור ווערען נאכט, פלעגט ער זיך אויפהויבען און פלעגט זיך שטילערהייט אוועקשלעפּען אין גארטען, אָבשלאגענדיג זיך בלינדערהייד געגען די ווענד, דאָן, ווען ער פלעגט דאָרט שטעהען א היבשע ווײַלע, פלעגט ער זיך שלעפען צוריק, אריין אין קיך, צושפּארען זיך ביים ווארעמען אויוועןְ, און וויא נאָר זיין ווירטהין פלעגט זיך לעגען שלאָפען, פלעגט ער אָנהויבען וואויען, לאנג, טרויעריג, רחמנות'דיג מיט א דולען קול. ער פלעגט אמאָל אויפהערען אויף א שטונדע אדער מעהר, און דערנאָך פלעגט ער ווידער אָנהויבען וואויען און וואויען מיט דעמזעלבען קול, אָבער שוין אויף א העכערער אקטאווע.

זיי האָבען איהם צוגעבונדען מיט א קייט צו א פּאָס לעבען הויז, האָט ער געוואויעט אונטער די פענסטער. עס איז אָבער געווען א רחמנות, ער איז געווען א קריפּעל, אלט און נאָהענט פון קראפּירען, האָבען זיי איהם געלאָזען ווידער אריינקומען אין קיך.

פאר זשאנען איז געווען אונמעגליך צו שלאָפען; צו אלע אנדערע זאכען האָט זיא נאָך ניט געקענט איינשלאָפען איבער דעם וואויען פון הונד, וועלכער דאָט בשום אופן ניט געקענט צוגעוועהנען זיך צו דער נייער וואהנונג. מיט קיין זאך האָט מען איהם ניט געקענט איינשטילען. א גאנצען טאָג פלעגט ער שלאָפען, אזוי ווי דאָס בעוואוסטזיין, אז ער איז בלינד און קראנק און דארום איז ניט גוט פאר איהם ארומצושלעפּען זיך בייטאָג, ווען

אלע געהען ארום הין און צוריק און קענען זיך אויף איהם אָנשטויסען. דערפאר אָבער ווען נאכט פלעגט אָנקומען און קיינער איז שוין ניט ארומגעגאנגען, פלעגט ער ארויסקריכען פון ווינקעל. איין אין־דער־פריה האָט מען איהם געפונען א טויטען. אלע האָבען זיך דערפיהלט דערפון גרינגער.

דער ווינטער איז שוין געווען כמעט אריבער. און זשאנע איז געווען בעפאלען מיט דער שרעקליכער פערצווייפלונג. דאס איז ניט געווען איינע פון יענע שארפע יסורים, וועלכע מאַטערן אוים יעדער פיבר פון דער נשמה, נור א טרויעריגע, דריקענדע מרה־שחורה. קיין ערמונטערונג איז איהר פון ערגעץ ניט געקומען. קיינער האָט זיך ניט געקימערט אום איהר.

דער וועג אין פראָנט פון הויז האָט זיך געצויגען צו רעכטס און צו

לינקס און מערסטע צייט ליידיג פון פאָהרער און פון פוס־געהער. אמאָהל אין א נאָווינע פלעגט א וואָגען פערבייפאָהרען פארביי הויז געטריבען פון א רויט־פּנים'דיגען פויער וועמעס בלוזע, אָנגעבלאָזען פון ווינד פלעגט אויסזעהען פון וויטען וויא א באלאָן; צייטענווייז פלעגט זיך א וואָגען מיט לאדונג שלעפּען לאנגזאם איבערן וועג; אמאָהל פלעגט אויך טרעפען אז צוויי מענשען פלעגען געהן אויפ'ן וועג און אזוי וויא צוויי פליגען אויפ'ן האָריזאָנט, וועלכע זיינען געוואקסען און געוואקסען, וואס נעהענטער זיי זיינען צוגעקומען צום הויז, און ווען זיי פלעגען פערבייגעהן פלעגען זיי אלץ קלענער און קלענער ווערן וואס ווייטער זיי פלעגען אָבגעהן פון הויז ביז זיי האָבען פון גאנץ ווייט אויסגעזעהן אזוי וויא צוויי אינזעקטען ביים סוף פון ווייטען ווייסען וועג.

ווען דיא גראָז האָט אָנגעהויבען

צו וואקסען, פלעגט זשאַנע זעהען א קליין מיידעלע פערבייגעהן יעדען טאָג פערביי הויז, פאשענדיג צוויי מאָגערע קיה, וועלכע האָבען געגריזעט די גראָז בייביידע זייטען פון וועג, לעבען דיא קאַנאַוועס. אבענדס פלעגט די מיידעלע מיט דיא צוויי קיה שלעפען זיך צוריק, געבענדיג איין טראט אין צייט פון צעהן מינוט.

און זשאַנען פלעגט זיך יעדע נאַכט חלום׳ען, אז זיא וואָהנט נאָך אַלץ אין „פאפעלבוימער״. דאָרט וואָהנט זי ווידער צוריק וויא אמאָל מיט איהר פאטער און מוטער, און טאַנטע ליזאָן איז אויך מיט זיי.

זשאַנע איז שטענדיג געווען פערטרוימט, שטענדיג פערטרונקען אין איהרע חלומות, און זיא האָט טרויעמעריש איבערגעלעבט איהר פערגאַנגענעם לעבען ווידער אמאָהל. איהר פלעגט זיך אפילו דוכטען, אז זיא שפאַצירט נאָך מיט מאַדאַם אדעלאַאידע אין איהרע אַלעע און זיא פיהרט איהר מוטער אונטער׳ן אָרעם. און יעדער מאָהל, ווען זיא פלעגט זיך אויפכאַפּען פון איהר טרוים, פלעגט זיא זיך צו־וויינען.

זיא האָט אַלץ געטראַכט וועגען פּאָולען און האָט זיך געוואונדערט: וואָס טהוט ער? מיט וואָס בעשעפטיגט ער זיך? וויא זעהט ער אויס? טראַכט ער ווען עס איז וועגען איהר? און וואַנדערענדיג איבער דיא פעלדער פלעגען איהרע געדאַנקען זיא אַזוי מאַטערן, אַזוי פייניגען, אז זיא פלעגט אויסגעהן פון טאָג צו טאָג. פייגליכער פון אַלץ זיינען פאר איהר געווען דיא געדאַנקען וועגען דער פרוי, וועלכע האָט פון איהר גערויבט איהר זוהן? זיא האָט יענע געהאַסט מיט דער ביטערסטער שנאה. און בלויז צו פערדאַנקען דיזען האָס האָט זיא קיין זאַך ניט פאָרגענומען צו ברייגען פּאָולען צוריק אָדער אָריבערפאָהרען צו איהם.

זיא פלעגט זיך פאָרשטעלען, וויא דיזע פרוי עפענט פאר איהר דיא טהיר און גיט איהר א פרעג:

— וואָס ווינשט איהר, מאַדאַם?

איהר מוטערליכער שטאָלץ פלעגט אויפגעבראַכט ווערען געגען דער מעגליכקייט גאָר צו האָבען אַזאַ באַגעגניש. איהר זעלבסט־רעספּעקט, דער זעלבסט־רעספּעקט פון א פרוי, וועלכע האָט געפיהרט א ריינעם, א זויבערן, אונפערפלעקטען לעבען, האָט רעבעלירט און געפיהלט פעראַכטונג געגען דער פייגהייט פון דיא מענער, וועלכע זיינען שקלאַפען פון פיזישער ליידענשאַפט, א ליידענשאַפט וואָס מאַכט זייערע הערצער פערדאָרבען.

דיא גאַנצע מענשהייט איז איהר געוואָרען איבערדריסיג, ווען זיא פלעגט נור א טראַכט טהאָן וועגען דיא שמוציגע געהיימניסע פון דער תאוה, פון דיא ליבעהאַבערייען, וואָס פערדאַרבען דעם מענשען, פון אַלע בענעהמונגען און געהיימניסען פון דיא בעציהונגען צווישען מענער און פרויען.

פריהלינג און זומער זיינען אַריבער. און ווען דער הערבסט איז אָנגעקומען מיט זיינע רעגענדיגע וועטערן, מיט זיין גרויען הימעל און דיא געדיכטע, פינסטערע וואָלקענס, האָט זיא דערפיהלט, אז דאָס לעבען איז איהר ניט ניחא. אַלעס האָט איהר דערעסען, און זיא האָט בעשלאָסען צו מאַכען איינע און דיא לעצטע אנשטריינגונג אָבצונעהמען פּאָולעט׳ן פון יענער פרוי.

מעגליך, אז דעם יונגען־מאַנס תאוה איז שוין מיעד געוואָרען, האָט זיא זיך געטראַכט, און איצט איז שוין צייט, אז זיא זאָל זעהען אויף איהם ווירקען. זיא האָט איהם אַוועקגעשיקט א בריעף, פול מיט געבעט:

„מיין טהייער קינד — האָט זיא איהם געשריבען — איך בעט דיך, איך פאָדער פון דיר, דו זאָלסט קומען צוריק צו מיר. דערמאָן זיך אז איך בין שוואַך, אַלט און קראַנק און עלענד, איינע אַליין יאָהר אויס, יאָהר איין, בלויז מיט א דיענסט. איך לעב איצט אין א קלייגעם הויז, נאָהענט פון וועג און איך בין זעהר אונגליקליך. אָבער ווען דו וואָלסט געווען אין דער היים, וואָלט אַלעס געווען געענדערט. איך האָב דאָך

קיינעם ניט אין דער גאַנצער וועלט אַ חוץ דיר, און מיר האָבען זיך ניט געזעהען שוין צייט זיעבען יאָהר!

„דו וועסט קיין מאָל ניט וויסען וויא אונגליקליך איך בין געווען און וויא איך האָב געביינקט נאָך דיר דיא גאַנצע צייט. דוא ביסט געווען מיין לעבען, מיין טרוים, מיין איינצעלנע האָפנונג, מיין איינציגע ליעבע; איך האָב זיך אַזוי געגויטהיגט אין דיר און דו האָסט מיך אוועקגעוואָרפען. אה, קום צוריק, מיין ליעבעס קינד, מיין פּאָולעט, קום צוריק צו מיר, קום צוריק צו דיין מוטער, וועלכע שטרעקט אויס צו דיר איהרע אָרעמס. — זשאַנע."

אין עטליכע טעג אַרום, האָט ער געענטפערט מיט פאָלגענדען בריעף:

„מיין טהייערע מוטער: געוויס וואָלט איך וועלען קומען צוריק אַהיים, אָבער איך האָב קיין גראָשען ניט. שיק מיר עפּעס געלד, וועל איך קומען. אין דער ווירקליכקייט, האָב איך אַליין געוואָלט פאָהרען צו דיר אום איבערצוריידען מיט דיר וועגען אַ פּלאַן, וועלכער וואָלט מיר געבען דיא מעגליכקייט צו ערפיעלען דיין וואונש.

„דיא ליעבע און טרייע איבערגעבענהייט פון דער פרוי, וועלכע איז געווען מיין שותפ'טע אין לעבען און אין דיא שווערע טעג, אין וועלכע מיר קומט אויס אַזוי שווער צו קעמפּפען, איז אַבּבּאָלוט אונבעגרעניצט. עס איז פאַר מיר אונמעגליך, אַז מיר זאָלען ווייטער אַזוי בלייבען און איך זאָל עפּענטליך ניט אַנערקענען זיא, אַז זיא איז מיין טרייע, איבערגעבענע געליעבטע. און אַ חוץ דעם איז זיא זעהר אַן אַנשטענדיגע פרוי, מיט גוטע מאַניערען, און דוא וועסט דאָס געוויס שעצען אין איהר. זיא האָט געהאַט אַ גוטע ערציהונג און איז דערצו זעהר באַלעזען.

„דוא קענסט זיך שוין פאָרשטעלען וואָס זיא איז דיא גאַנצע צייט געווען פאַר מיר. איך וואָלט געווען אַ ווילדע חיה, אויב איך וואָלט ניט געוויזען איהר מיין דאַנקבאַרקייט. און דאַרום בעט איך דיך, דוא זאָלסט געבען דיין צושטימונג צו אונזער הייראַטה. דוא זאָלסט מיר מוחל זיין מיינע נאַרישקייטען און מיר וואָלטען לעבען אַלע צוזאַמען אין דיין נייעם הויז.

„ווען דוא וואָלסט זיא קענען, וואָלסט דוא זיכער גלייך געגעבען דיין צושטימונג. איך פערזיכער דיך, אַז זיא איז העכסט אָרדענטליך און זעהר איידעל ערצויגען געוואָרען. איך צווייפעל ניט, אַז דוא וואָלסט זיא געליעבט. און וואָס מיר אַנבעלאַנגט, קען איך ניט לעבען אָהן איהר.

„איך וואַרט מיט אונגעדולד אויף דיין ענטפער, און מיר ביידע שיקען דיר אונזער ליעבע. — דיין זוהן גראַף דעלאַמאַר."

זשאַנע איז געווען ערשטוינט. זיא איז געזעסען אונבעוועגליך מיט'ן בריעף אויף איהר שויס. זיא האָט געטראָפען דעם פּלאַן פון דער פרוי, וועלכע האָט געהאַלטען איהר זוהן צוגעבונדען צו זיך און וועלכע האָט געוואַרט אויף דער געלעגענהייט ווען דיא אַלטע מוטער וועט מעהר קיין כח ניט האָבען צו קעמפּפען געגען איהר.

אַ שרעקליכען וועהטאָג האָט זיא דערפיהלט אין האַרצען, דיינקענדיג איבער דיעזער ליעבע פון איהר זוהן, וועלכער פערבייט נאָך פאַר „דיעזע באַשעפענעס" זיין מוטער. און זיא האָט געהאַלטען אין איין מורמלען.

— ער ליעבט מיך ניט, ער ליעבט מיך ניט.

ווען ראָזאַליע איז אַריינגעגאַנגען אין צימער זיינען דיא ערשטע ווערטער זשאַנע'ס געווען:

— הערסט, ער וויל דאָך מיט איהר הייראַטהען.

— אַ, מאַדאַם! — האָט ראָזאַליע געענטפערט ערנסט — דאָס טאָרט איהר

ניט ערלויבען. מאַסיע פּאול טאָר ניט חתונה האָבען מיט דיעזער באַשעפענעס, און ער וועט ניט!

— קיין מאָל ניט! ראָזאַליע, קיין מאָהל ניט! — האָט זשאַנע איהר נאָכ־געזאָגט ענטשלאָפען, ניט קוקענדיג דע־רויף וואָס זיא איז געוועזן אַזוי צובראָ־כען — און דו זעהסט דאָך, ראָזאַליע, ער וויל ניט קומען, איהם קימערט ניט. איך מוז פאָהרען און ברייגנען איהם אַהיים און מיר וועלען זעהען ווער עס וועט אויספיהרען!

זיא האָט באַלד זיך געזעצט שריי־בען פּאולען אַ בריעף און מודיע זיין איהם, אַז זיא פאָהרט צו איהם; ער זאָל זעהען אַראַנזשירען וויא צו זעהען זיך מיט איהר און זיין פאַרטיג צו פאָהרען מיט איהר צוריק אַהיים און אָבזעגענען זיך מיט דער פרוי, מיט וועלכער ער האָט געוואָהנט צוזאַמען ביז איצט.

זיא האָט אָנגעהויבען פאַרטיג מאַ־כען זיך צו דער רייזע, וואַרטענדיג אין דערזעלבער צייט אויף פּאולס ענטפער. ראָזאַליע האָט איינגעפּאַקט אין איהר אַלטע קאַסטען איהרע קליידער, איהרע וועש. ווען זיא האָט גענומען צונויפ־לייגען איהר בעסטע קלייד, האָט ראָ־זאַליע אויסגעשריען:

— וועה מיר, איהר האָט דאָך קיין רעכטע קלייד ניט וואָס אָנצוטהאָן! איך וועל אייך ניט לאָזען פאָהרען אַזוי, עס איז דאָך אַ שאַנדע; מיר ווע־לען זיך דאָך אַלע מוזען שעהמען, ווען דיא פּאַריזער דאַמען וועלען אייך אָנ־קוקען. זיי וועלען אויף אייך קוקען וויא אויף אַ דיענסט.

זשאַנע האָט געלאָזען זיא טהאָן ווי זיא פאַרשטעהט, האָט זיך געלאָזט פיה־רען פון איהר קיין גאַדערסוויל און האָט אויסגעקליבען עפּעס געפינטעלטע גרינע שטאָף, וועלכע זיי האָבען געגעבען אַ שניידערקע אויפצונעהען אַ שעהנע קלייד. זייענדיג אין שטעדטעל האָבען זיי שוין בעזוכט דעם נאָטאַריוס, וועל־כער איז יעדען יאָהר געוועזן אין פּאַריז און פלעגט דאָרט פערברייגנען גאַנצע צוויי וואָכען יעדען מאָל. זשאַנע איז דאָך שוין ניט געוועזן אין פּאַריז צייט אַכט און צוואַנציג יאָהר.

דער נאָטאַריוס האָט איהר געגע־בען עצות וויא זיא זאָל זיך אויסהיטען אין דער גרויסער שטאָדט פון אַן אונ־גליקס־פאַל, ווען זיא וועט געהן אין דיא קאָכיגע גאַסען, וויא זיא זאָל זיך אויס־היטען אַז מען זאָל זיא ניט בערויבען.

— דאָס געלד נעהט מען בעסער איין אין דיא קליידער און מען לאָזט ביי זיך נור אַזוי פיעל קליינגעלד ווי־פיעל מען דאַרף האָבען יעדען טאָג אויף הוצאות.

ער האָט איהר אויך געשילדערט דיא רעסטאָראַנס און וויפיעל עס קומט אויס צו בעצאָהלען פאַר אַ מאָלצייט; ער האָט איהר אָנגערופען איניגע נע־מען פון רעסטאָראַנס, וועלכע זיינען די פּאַסיגסטע פאַר פרויען.

ער האָט איהר אויך רעקאָמענדירט זיא זאָל אריינפאָהרען אין האָטעל נאָר־מאַנדיע וואָס איז נאָהענט פון וואקזאַל און וואו ער שטעהט אַלע מאָל איין, ווען ער איז נור אין פּאַריז. זשאַנע קען זאָגאַר אָנגעבען זיין נאָמען אַלס אַ רע־קאָמענדאַציע און זיין נאָמען איז גוט גענוג, זיא וועט בעקומען אַ גוטע בע־האַנדלונג.

דיא אייזענבאַהנען, וועגען וועלכע מען האָט אַזוי פיעל גערעדט אַלס אַ וואונדערליכע נייע ערפינדונג וויא שנעל צו פאָהרען, האָט נאָך זשאַנע קיין מאָל ניט געזעהען. שוין זעקס יאָהר וויא עס איז דורכגעפיהרט גע־וואָרען אַן אייזענבאַהן צווישען האַוור און פּאַריז. אָבער וואָס האָט זשאַנע דערפון געוואוסט? זיא איז צופיעל געווען פערנומען מיט איהרע צרות, אַז זיא זאָל באַמערקען וואָס פאַר דיעזע יאָהרען איז פאָרגעקומען אין דער וועלט. זיא האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהען דיעזע משונה גרויסע וועגען מיט דאַמף־מאַשינען, וועלכע האָבען גע־מאַכט אַן איבערקעהרעניש אין דיעזען טהייל פון לאַנד.

פון פּאול'ען איז קיין ענטפער ניט אָנגעקומען אויף איהר בריעף. זיא

האט געווארט א וואך, צוויי וואכען, גע־
הענדיג יעדען אין דע׳ פריה אנטגע־
גען דעם פאסטאליאָן און פלעגט פרע־
גען מיט א ציטערנדער שטימע :

— האט איהר אפט מאל ניט א
בריעפעלע פאר מיר, פאטער מעלאנ־
דעין ?

און דער מאן וועמעס קול איז
פערהארטעוועט געווארען פון אלערליי
וועטערן, אין וועלכע איהם פלעגט
אויסקומען ארומצוגעהען, פלעגט יע־
דען מאל ענטפערן :

— היינט קיין זאך ניט, ווערטהע
מאדאם.

דאס האט מסתמא יענע פרוי ניט
געלאזען פאולען ענטפערן ! און זשאנע
האט דארום בעשלאסען זיך צו פאה־
רען, ניט ווארטענדיג מעהר אויף א
בריעף פון איהר זוהן. זיא האט גע־
וואלט, אז ראזאליע זאל מיט איהר
אויך פאהרען, אבער דיא דיענסט האט
זיך אבגעזאגט. צו וואס מאכען נאך
איבעריגע הוצאות ?

ראזאליע האט ניט ערלויבט איהר
מאדאם צו נעהמען מיט זיך מעהר וויא
דריי הונדערט פראנק.

— אויב איהר וועט דארפען מעהר
— האט זיא געזאגט — דאן שרייבט
מיר און איך וועל געהען צום נאטאריוס
און וועל זעהען ער זאל דאס אייך
צושיקען. אבער אויב איהר וועט
נעהמען מיט זיך מעהר, בין איך זי־
כער, אז מאסיע פאול וועט פון אייך
אוועקנעהמען וויפיעל איהר זאלט ניט
האבען.

עס איז געווען א פריהמארגען אין
דעצעמבער ; ראזאליע מיט זשאנען
האבען זיך אריינגעזעצט אין דענים
לעקאקס פוהר און זיינען געפאהרען צום
וואקזאל. זיי האבען געקויפט א בי־
לעט, און ווען אלעס איז געווען פאר־
טיג, דער באגאזש בעזארגט, זיינען
זיי געשטאנען לעבען דיא אייזערנע
רעלסעס און האבען געווארט, זוכענדיג
צו פארשטעהען וויא דאס איז אלעס
איינגעארדענט געווארען, אז די גרוי־
סע וואגאנעס מיט'ן דאמפף־מאשין
טראגען זיך אויף דיעזען וועג. זיי זיי־
נען געווען אזוי פערטיעפט אין דיא בע־
טראכטונגען, אז זיי האבען אויף דער
ווייל פארגעסען דעם צוועק פון זשא־
נעס פאהרען.

ענדליך האט זיך פון דער וויט
דערהערט א שניידענדער פייף און א
הוזשען און זיי האבען דערזעהען פון
וויטען א גרויסע שווארצע מאשינע,
וועלכע טראגט זיך אלץ נעהענטער
צו זיי.

דיא אונגעהייערע דאמפף־מאשין
איז פערבייגעלאפען פערביי דיא צוויי
פרויען מיט א שוידערליכען גערויש,
שלעפענדיג מיט זיך א רייהע פון קליי־
נע, פאהרענדע הייזער. א קאנדוק־
טאר האט געעפענט א טהירעל ; זשא־
נע האט זיך צוקוסט מיט ראזאליע און
איז אריין אין איינעם פון דיא קליינע
פאהרענדע הייזער. ראזאליע איז גע־
בליעבען שטעהען אויפ'ן פלאטפארמע
און האט א געשריי געטהאן :

— פאהרט געזונדערהייט, מא־
דאם ! א גליקליכע רייזע ; קומט
שנעל צוריק !

— זיי געזונד, ראזאליע !—האט
צוריקגעשריען זשאנע.

דיא מאשין האט ווידער א פייף
געטהאן, און דיא גאנצע רייהע פון
וואגאנעס האבען זיך א ציה געטהאן פון
סטאנציע ; פריהער לאנגזאם, דער־
נאך שנעלער און שנעלער, ביז זיי
האבען אנגעהויבען געוואלטיג שנעל צו
לויפען. אין זשאנעס קופע האבען זיך
אריינגעזעצט אין ביידע ווינקלעך צוויי
מענער.

זשאנע האט געקוקט אין פענס־
טערל אויף דיא פערמעס, דיא בוימער,
דיא דערפער, וועלכע זיינען פערבייגע־
לאפען פאר איהרע אויגען מיט אזא
לייכטער שנעלקייט. זי האט געפיהלט,
אז מיט איהר האט זיך אנגעהויבען א
נייער מין לעבען, אז זיא געהט עפעס
אין א נייער וועלט, וועלכע איז איהר
אונבעקאנט, אבער וועלכע איז אין
גאנצען אנדערש פון דער מאנאטאנער

אומגעבונג פון איהרע קינדער־יאָה־
רען אָן.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין פאַריז איז שוין געווען פינסטערליך. א מאַן האָט בעזאָרגט זשאַנעס באגאזש, און זיא האָט נאָך איהם נערוועז נאָכגעאיילט אין דער געדיכטער מאַסע מיט מענשען; זיא איז כמעט געלאָפען, מורא האָבענדיג, אז אָט־אָט פערלירט זיא איהם.

ווען זיא איז אָנגעקומען אין קאַנטאָר פון האָטעל האָט זיא גלייך ערקלעהרט, אז זיא איז רעקאָמענדירט פון דעם נאָטאַריוס מ. רוססעל. דיא פרוי, וואָס איז געזעסען ביים שרייב־טיש, א גרויסע שטיק פלייש מיט אויגען, האָט א פרעג געטהאָן:

— ווער איז דאָס דער מאָסיע רוססעל?

— וואָס הייסט, ער איז דער נאָטאַריוס פון גאַדערוויל, וועלכער קומט אהער צו פאָהרען יעדער יאָהר— האָט זשאַנע געענטפערט אין א פערלעגענהייט.

— דאָס קען זיין; איך קען איהם נים — האָט געזאָגט דיא פעטע פרוי — פערלאַנגט איהר א צימער?

— יא, מאַדאַם.

א האָטעל־דינער האָט א נעהם געטהאָן איהר טשעמאַדאַן און האָט זיא געפיהרט אויף דיא טרעפּ צו ווייזען איהר דעם צימער. איהר איז געווען שווער אויפ'ן הארצען. זיא האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען א קליינעם טישעל און האָט א בעט געטהאָן, מען זאָל איהר דערלאַנגען א טאַסס בוליאָן מיט א שטיקעל הוהן. זיא האָט זינט אין דער פריה אין איהר מויל גאָרנישט געהאַט. אָהן געשמאַק האָט זיא געגעסען איהר מאַהלצייט פאַר דער בעלייכטונג פון א ליכט און אין איהר קאָפּ האָבען זיך געדרעהט טויזענד געדאַנקען.

זיא האָט זיך דערמאַהנט אויף איהר נסיעה קיין פאַריז ווען זיא האָט זיך צוריקגעקעהרט פון איהר האָניגרייזע באלד נאָך דער חתונה און דיא שגעונות פון זשוליאַנס כאַראַקטער, וועלכע האָבען זיך שוין דאַן ארויסגעוויזען. אָבער דאַן איז זיא געווען יונג, פערטרויליך און האָפנונגספול. איצט פיהלט זיא, אז זיא איז שוין אַלט, מוטהלאָז און זאָגאר צושראָקען, שוואַך און נערוועז, און קומט אין פערלעגענהייט איבער דער מינדעסטער קלייניגקייט.

ווען זיא האָט געענדיגט איהר מאַהלצייט האָט זיא זיך אוועקגעשטעלט ביים פענסטער און האָט ארויסגעקוקט אויף דיא געפּאַקטע גאַסען אונטען. זי האָט געוואָלט ארויסגעהען דורכגעהן זי זיך, אָבער זיא האָט זיך ניט ענטשלאָסען. זיא וועט געווים פערבלאָנזשען, האָט זיא געטראַכט, און זיא האָט זיך בעסער געלייגט שלאָפען, פאַרלעשענדיג פריהער דאָס ליכט.

אָבער דער טומעל, דאָס בעוואוסטזיין, אז זיא געפינט זיך אין א פרעמדען פּלאַץ און דיא אויפרעגונג פון דער רייזע, האָט זיא ניט געלאָזען איינשלאָפען. ביסלעכווייז איז דער טומעל פון דרויסען געוואָרען שטילער און שטילער, אָבער איהר קיין רוה האָט דאָס ניט געבראַכט; דיא האַלבשטילקייט פון דער גרויסער שטאָדט האָט זיא געמאַכט פיהלען נאָך אונרוהיגער. זיא איז געוועהנט געווען צו דיא רוהיגע שטילקייט, צו דער טיעפער שלאָף־שטילקייט פון לאַנד, וואָס פאַרשלעפערט אַלעס, מענשען, חיות און פפלאַנצען. און איצט האָט זיא געפיהלט, אז ארום איהר איז עפּעס אַ שטילע אונרוהיגקייט.

קולות, כמעט אונהערבאַרע, האָבען דורכגעדרונגען, וויא איהר האָט זיך געדוכט, דורך דיא וואַנד פון האָטעל אין האָבען געהוזשעט אין איהרע אויערען. ווײלע וויז פלעגען דיא דילען א קרעכץ טהאָן, א מאָל א סקרייפּען פון א טהיר אָדער א קלונג פון א גלעקעל.

פּלוצלונג, א זייגער צוויי פאַרטאָג, ווען זיא האָט נור וואָס געהאַלטען שוין ביים איינשלאָפען, האָט זיך דערהערט דער שניידענדער געשריי פון א פרוי

אין צווייטען צימער; זשאַנע האָט זיך א כאַפּ געטהאָן און איז געבליעבען זיצען אין בעט. איהר האָט זיך געדוכט דערנאָך, אז זיא הערט א מאַן׳ס געלעכטער. דאַן, ווען עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו מישען איהרע געדאנקען וועגען פּאולען. אזוי גיך, וויא דער מאָרגען־שטערען האָט זיך געוויעזען אין הימעל, האָט זיא זיך שוין אָנגעטהאָן.

פּאול האָט געוואָהנט אין דער גאַס דע־סואוואַזש אין שטאָדט. זיא האָט גערעכענט, אז זיא וועט געהען אהין צופוס; זיא האָט געפאָלגט ראָזאַליעס אָנזאָג, צו זיין אויסגערעכענט און ניט צו מאַכען קיין צו גרויסע הוצאות. דער וועטער איז געווען א שעהנער; דיא קאַלטע לופט האָט געקנייפּט איהר געזיכט; מענשען זיינען מיט אימפּעט געגאַנגען איילענדיג אהין און צוריק.

זשאַנע איז געגאַנגען אזוי שנעל וויא זיא האָט נור געקענט, געהענדיג מיט א גאַס, וועלכע מען האָט איהר אָנגעוויעזען; ביים ברעג פון דיעזער גאַס, וויא מען האָט איהר ערקלעהרט, דאַרף זיא זיך א נעהם טהאָן רעכטס, דאַן לינקס, און דאַן וועט זיא צוקומען צום סקווער זאָל זיא ערשט א פרעג טהאָן דעם ווייטערען וועג. זיא איז געגאַנגען, געגאַנגען און האָט דעם סקווער ניט געקענט געפינען, האָט זיא זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען ביי א בעקער, וועלכען זיא האָט בעגעגענט. דער בעקער האָט איהר אָנגעהויבען מאַהלען, אז זיא דאַרף זיך גאָר א נעהם טהאָן אין אן אנדער ריכטונג, ניט וויא מען האָט איהר פריהער געזאָגט.

זיא האָט אויף דאָס ניי אָנגעהויבען געהן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג, האָט זיך אָבער ווידער פארפּלאָנטערט, האָט פאַרבלאָנזשעט אן א זייט; האָט אָנגעהויבען נאָכצופרעגען זיך פון דאָסניי, איז פאַרקראָכען אין אנדערע גאַסען, האָט זיך ענדליך אין גאַנצען פערלאָרען און ניט געוואוסט וויא ארויסצוקומען אויפ׳ן ריכטיגען וועג.

זיא איז שוין געווען צושראָקען און האָט ארומגעוואַנדערט אָהן א צוועק. זיא האָט געוואָלט צורופען א קאַרעטע, וויא זיא איז פּלוצלונג אויסגעקומען לעבען דער סיינע. זיא האָט אָהן א צוועק געוואַנדערט איצט אין דער לייננ פון ברעג.

א שטונדע האָט זיא אזוי געוואַנדערט, ביז זיא איז ענדליך קוים ארויסגעקומען אין גאַס דע־סואוואַזש. דאָס איז געווען א שמאָלע, פינסטערע, שמוציגע געסעל. זיא האָט זיך אָבגעשטעלט אין פראָנט פון איין הויז, איז געבליעבען שטעהן ביים טהיר. זיא איז איצט געווען אזוי צוטומעלט, אז זיא האָט ניט געקענט מאַכען קיין טריט ווייטער. אָט דאָ וואָהנט דאָס איהר פּאָולעט, אין דיעזען הויז.

זיא האָט געפיהלט וויא ביי איהר ציטערען העגד און פיס. אן אנשטרענגונג האָט זיא געמוזט מאַכען אריינצוגעהן. זיא איז דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, האָט געזעהען דעם קאָנסערזש׳ס ביורא, האָט ארויסגענומען א מטבעה און האָט א בעט געטהאָן דעם קאָנסערזש:

— ווילט איהר אזוי גוט זיין ארויפגעהן צו מאסיע פּאול דע לאמאר אין וואָהנונג און זאָגען איהם, אז אן אלטע דאמע, א פריינד פון זיין מוטער וואָלט זעהר וועלען מיט איהם ריידען?

— ער וואָהנט דאָ שוין מעהר ניט, מאַדאַם — האָט דער מאַן איהר געענטפערט.

א ציטער איז דורכגעלאָפען איהר גאַנצען קערפּער.

— וואו וואָהנט ער איצט? — האָט זיא צושראָקען געפרעגט.

— דאָס וויים איך ניט — האָט דער מאַן געזאָגט.

זיא האָט געפיהלט, אז אָט־אָט וועט זיא אומפאַלען. א ווייל\u05e2 איז זיא געשטאַנען און האָט קיין וואָרט ניט געקענט אויסריידען. דאַן האָט זיא געמאַכט אן אונגעהייערע אנשטריינגונג און האָט קוים ארויסגעשטאַמעלט דיא פראַגע:

— און ווען האָט ער זיך ארויסגעקליעבען ?

— מיט א וואָכען צוויי צוריק האָבען זיי זיך ארויסגעקליעבען — האָט דער מאַן ערקלעהרט — זיי זיינען גאַר איינפאַך אוועק איין נאַכט און זיינען צוריק ניט געקומען. פון זיי האָט אַלעמען געקומט געלד. קענט איהר דאָך שוין פארשטעהען פאר וואָס זיי האָבען דאָ ניט איבערגעלאָזען זייער נייעם אדרעס.

זשאַנע האָט דערזעהען פונקען ליכט פאר זיך, אזוי וויא עפּעס וואָלט זיך אנצינדען פאר איהרע אויגען, א גאַנצער שטראָם פון פייער האָט זיך צוגאָסען פאר איהרע בליקען, אזוי וויא אימיצער וואָלט עפּעס א הארמאַט אויסשיסען געגען איהר. אָבער דער פערלאַנג אַלעס אויסצוגעפינען האָט איהר געגעבען כוחות צו האַלטען זיך אויף דיא פיס און זאָגאר ניט ארויסווייזען איהר אויפרעגונג.

— הייסט דאָס, אז ער האָט גאָרנישט געזאָגט איידער ער האָט זיך ארויסגעקליעבען פון דאַנען ?

— ניין, קיין זאַך ניט. זיי זיינען אוועק איין אבענד און זיינען צוריק מעהר ניט געקומען. דאָס איז אַלעס.

— קומט דען ווער ניט צוגעהען נאָך זיינע בריעף ?

— א סך אָפטער איידער זיי קענען ביי מיר דיא בריעף בעקומען. אָבער זיי פּלעגען דאָך קיין פּיעל בריעף ניט ערהאַלטען. הלואי צעהן בריעף פאר א גאַנצען יאָהר. ניט מעהר. נור דאָ, בעפאָר זיי זיינען אוועק, מיט א טאָג צוויי פריהער, האָב איך זיי דערלאַנגט א בריעף, וועלכער איז זיי אָנגעקומען.

דאָס האָט געמוזט זיין איהר בריעף.

— הערט — האָט זיא איהם עפּעס מיט א מין אימפּעט א זאָג געטהאָן — איך בין זיין מוטער און איך בין דאָס געקומען נאָך איהם. אָט האָט איהר צעהן פראַנק. אויב איהר וועט זיך דערוויסען וואָס וועגען איהם, וואו ער וואָהנט אָדער וואָס, זייט אזוי גוט און קומט דאָס מיר זאָגען. איהר וועט מיך געפינען אין האָטעל נאָרמאַנדיע, אין האוור'ער גאַס, און איך וועל אייך גוט בעלוינען.

— זעהר גוט. איהר קענט זיך אויף מיר פערלאָזען, מאַדאַם — האָט דער קאָנסערזש געענטפערט.

און זשאַנע איז אוועק.

איהר האָט איצט ניט געאַארט וואוהין זיא געהט. אָבער געגאַנגען איז זיא שנעל אזוי וויא זיא וואָלט ערגעץ געדאַרפט איילען צו א בעשטימטער צייט. זיא איז במעט געלאָפען און האָט זיך אָנגעשטויסען אָן מענשען, וואָס האָבען געטראָגען פּעקלעך. זיא איז אריבערגעגאַנגען גאַסען, ניט וויסענדיג אַליין וואו זיא געהט און ניט האָבענדיג אפילו אין זינען אויסצוהיטען זיך אין דיא קאָכיגע גאַסען פון קארעטען, דיא קוטשערס פון וועלכע האָבען זיא שטאַרק געזידעלט ; זיא האָט זיך אָנגעשטויסען אָן פלאַנקענס, פלעגט שיער אריינפאַלען אין קאַנאַוועס און איז אַלץ געגאַנגען, לחלוטין ניט זעהענדיג וואָס ארום איהר טהוט זיך.

פּלוצלונג האָט זיא זיך דערזעהען אין א גאָרטען. זיא איז געווען אזוי אויסגעמאַרטערט, אז זיא האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף א באַנק.

א לאַנגע צייט האָט זיא דאָרט געמוזט זיצען, וויינענדיג שטילערהייט פאר זיך, ווארום פערבייגעהער פּלעגען זיך אָבשטעלען און קוקען אויף איהר. זיא האָט דאַן דערפיהלט וויא א קעלט האָט זי אָנגעכאַפּט און זיא האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבען וויי־טער צו געהען. זיא איז געווען שרעקליך מיעד און צובראָכען, אז איהרע פיס האָבען זיך אָבגעזאָגט פון צו באַוועגען זיך.

אייניגע מאָל האָט זיא זיך געוואָלט אָבשטעלען, אריינגעהען אין א רעסטאָראַן וואָס צוצובייסען, אָבער זיא האָט מורא געהאַט ; זיא האָט געפיהלט, אז מען קען אויף איהר פּנים

דערקענען אין וואָס פאר א פערצווייפעלטען צושטאנד זיא איז.

זיא פלעגט זיך אָבשטעלען לעבען א רעסטאָראן, ארייננבליקען און ווען זיא האָט דערזעהען וויא מענשען זיצען ארום די טישען. פלעגט זיא גלייך אנטלויפען שנעל.

— ניין — פלעגט זיא זאָגען — איך וועל אריינגעהען אין א צווייטען.

אָבער אויך ביי א צווייטען איז געווען דיעזעלביגע זאך און זיא איז ניט אריינגעגאנגען אין צווייטען און דריטען וויא זיא איז ניט אריין אין ערשטען.

ענדליך האָט זיא געקויפט א קליינע בולעטשקע אין א בעקעריי און האָט אָנגעהויבען צו עסען אין גאַס. זיא איז געווען אויך זעהר דורשטיג, אָבער ניט וויסענדיג וואוהין זיא קען אריינגעהען א טרונק טהאָן, איז זיא געבליבען א דורשטיגע.

איהר איז אויסגעקומען פערביירגעהען פערביי אן ארקע, און אריינגעהענדיג אין א טויער איז זיא אויסגעקומען אין א גאָרטען ארומגערינגעלט מיט ארקען־טויערן. זיא האָט דערקענט דעם פלאץ, דאָס איז געווען דער פאליי־ראיאל. דיא זונן האָט געוואַרעמט פון אויבען און פון איהר שנעלען געהען איז זיא שטארק דורכגעווארעמט געוואָרען, האָט זיא זיך צוגעזעצט א ווײלע אין דיעזען גארטען, און געבליבען זיצען איז זיא ביי א שטונדע אָדער צוויי.

א גאנצע מאָסע שפּאַצירענדע זיינען געווען אין דיעזען עלעגאנטען גארטען, יענע פערפּוצטע און פרעהליכע, מונטערע שפּאַצירענדע מאָסען, וואו די פרויען זיינען אַזוי שעהן, וואו דיא מענער זיינען אזוי רייך אָנגעטהאָן, געזונד און פריש — מענשען וואָס לעבען נור פאר פערגעניגען און ווייזען זיך דער וועלט.

זשאַנע האָט געפיהלט, אז זיא איז דאָ גאָר ניט אויפ׳ן פלאץ; זיא איז ניט קיין פּאַסיגע פיגור אין דיעזער מונטערער, עלעגאנטער, פערגעניגענדליכער געזעלשאַפט. זיא איז געזעסען, געזעסען און האָט זיך ענדליך אויפגעהויבען צו געהען. אָבער פלוצלונג איז איהר ארויפגעקומען א געדאנק, אז עס קען זיין אז איהר פּאול געפינט זיך דאָ צווישען דיעזע פרעהליכע שפּאַצירענדע, און זיא האָט אָנגעהויבען צו געהען צווישען דיא רייהען שפּאַצירענדע און האָט זיך צוגעקוקט צו יעדען פּנים מיט בעזונדער אויפמערקזאמקייט.

מענשען האָבען זיך אומגעקוקט, ווער דאָס איז אַזוינס, וואָס קוקט זיי אזוי פאָרשענד אן; אנדערע האָבען זיך זאָגאר צולאכט און אָנגעוויזען אויף איהר מיט דיא פינגער. זיא האָט דאָס באמערקט, האָט זיא גענומען לויפען, ווארום זיא האָט שוין פערשטאנען, אז זיא ציהט אויף זיך אלעמענס אויפמערקזאמקייט אין דיעזער קליינשטעטעלדיגע קלייד, וועלכע ראָזאליע האָט פאר איהר אויסגעקליעבען און וועלכע א דאָרפישע שניידערין האָט פאר איהר אויפגענעהט. זיא איז אזוי געלאָפען, אז זיא האָט אפילו ניט געוואגט א פרעג צו טהאָן דעם וועג ביי פערבייגעהער.

אָבער ענדליך האָט זיא אימיצען א פרעג געטהאָן און האָט קוים געפונען איהר וועג צום האָטעל. זיא האָט פערבראכט דעם איבריגען טהייל פון טאָג זיצענדיג אויפ׳ן שטוהל לעבען צופוסען פ׳ון איהר בעט. דערנאָך האָט זיא געגעסען א ביסעל זופּ און געגעסען א שטיקעל פלייש, מעכאניש האָט זיא דאס געטאָהן אזוי וויא ניט מיט איהר ווילען, און אזוי איז זיא געגאנגען שלאָפען.

אויף מאָרגען האָט זיא זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי און האָט געבעטען דיא רעגיערונגס־בעאמטע, אז מען זאָל איהר העלפען אויסגעפינען איהר זוהן. מען האָט איהר אין פּאָליציי־סטאציאָן גאָרנישט פארשפּראָכען, אָבער מען האָט איהר געזאגט, אז מען וועט דאס האָבען אין זינען.

זיא האָט ווייטער ארומגעוואנדערט אין דיא גאסען אלץ טאָמער וועט זיא

בעגעגענען ערגעץ איהר פאולען. זי האט זיך איצט געפיהלט מעהר עלענד, מעהר פערלאזען און אונגליקליך אין מיטען פין דער קאכיגער שטאדט איידער זיא פלעגט זיך פיהלען אין דיא פעלדער צו לאנד.

וויא עס איז געווארען נאכט איז זיא ווייטער א צובראכענע, אן אויסגעמארטערטע אוועק אין איהר האטעל. מען דאט איהר דערצעהלט דארט, אז א מאן איז געוועזן און נאכגעפרעגט זיך אויף א הר און אז ער האט געזאגט דאס ער וועט קומען מארגען ווידער.

א שטראם בלוט האט זיך א גאס געטהאן איבער איהר געזיכט, איהר הארץ האט אנגעהויבען פעסט צו שלאגען, און דיעזע נאכט האט זיא ניט צוגעשלאפען מיט אן אויג. פיעלייכט איז דאס געוועזן ער? יא, געווים איז דאס געוועזן ער, פאול! אבער עפעס האט דיא בעשרייבונג ניט צוגעפאסט זיך, זיא האט זיך נאכגעפרעגט וויא דער מאן האט אויסגעזעהען און וויא מען האט איהר געשילדערט האט זיא ניט געקענט דערקענען איהר פאול.

א זייגער נייען אין דער פריה האט זיא דערהערט א קלאפ אין טהיר און האט א געשריי געטהאן:

— קומט אריין!

זיא איז אויפגעשפרונגען פארטיג צו אומארמען איהר זוהן. אבער אנשטאט פאולען איז א פרעמדער מענש אריינגעקומען. נאך דעם וויא דער פרעמדער האט געבעטען פערצייהונג וואס ער בעלעסטיגט זיא האט ער ערקלעהרט, אז ער איז געקומען איינקאלעקטירען א חוב, וואס איהם קומט פון איהר זוהן.

און ריידענדיג מיט איהם האט זשאנע דערפיהלט, אז טרערען שטראמען איהר פון דיא אויגען; זיא האט געזוכט צו שטיקען אין זיך דיא טרעהרען און זיא האט זיי געזוכט אבצווישען אזוי גיך וויא זיא האט זיי דערפיהלט.

דער מאן האט ערקלעהרט, אז ווען ער איז געקומען צו פאולען אויפ'ן קווארטיר מאנען זיין חוב האט ער איהם ניט געפונען און דער קאנסערזש האט איהם געלאזט וויסען, אז פאול דע־לאכאר'ס מוטער איז דא, איז ער דאס געקומען. ער האט איהר דערלאנגט א פאפיער, וועלכען זיא האט מעכאניש גענומען. זיא האט איבערגעלייענט דעם ציפער, אין גאנצען 90 פראנק, האט זיא ארויסגענומען דאס געלד און האט איהם דערלאנגט.

דיעזען טאג איז זיא שוין פון הויז ניט ארויס. און אויף מארגען זיינען געקומען נאך מענשען מאהנען חובות זיא האט זיי אוועקגעגעבען וויעפיעל זיא האט פארמאגט און האט פאר זיך מעהר ניט איבערגעלאזען וויא עטליכע פראנק. זיא האט געשריעבען ראזאליען וועגען איהר לאגע.

טעג האט זיא געווארט אין פאריז זיא פלעגט ארומוואנדערען און ווארטען אויף אן ענטפער פון ראזאליע. זיא האט ניט געוואוסט וואס זיא זאל טהאן מיט זיך, זיא האט ניט געוואוסט וואו אהינצוטהאן זיך און דיא צייט איז געוועזן פאר איהר אזוי לאנג און אזוי שווער. זיא האט קיינעם ניט געהאט מיט וועמען א ווארט אויסצוריידען, פאר וועמען איהר הארץ אויסצוגיסען און דיא אלע מענשען, וועלכע זיא האט געזעהען, האבען זיי דאך איהרע ליידען, איהרע יסורים ניט געוואוסט, האבען ניט געוואוסט וואס אין איהר הארצען טהוט זיך. זיא האט ארומגעבלאנזשעט אין פאריזער גאסען אהן א צוועק, ניט וויסענדיג וואוהין זיא געהט און צו וואס זיא געהט. זיא האט שוין געצווייפעלט, אויב זיא וועט גאר געפינען איהר זוהן.

איהר האט שוין איצט געצויגען צו דעם שטילען קליינעם הויז צו לאנד,

דארט וואו ראזאליע איז. פריהער האט איהר געצויגען ערגעץ און איהר האט זיך געדוכט, אז דאס הויז וואו זיא וואהנט איז צוקליין פאר דעם ים פון איהרע יסורים; איצט אבער האט זיא שוין געפיהלט, אז נור דארט אין דער שטילקייט פון לאנד און איינזאמקייט איז דער פלאץ פאר איהר מיט איהרע טיעפע ליידען; זיא וואלט דוכט זיך אין וועלכען עס איז אנדער פלאץ ניט קענען לעבען.

ענדליך האט זיא אין איין אבענד ערהאלטען א בריעף מיט צוויי הונדערט פראנק. דאס האט איהר ראזאליע צוגעשיקט און האט איהר געשריעבען.

— מאדאם זשאנע. קומט צוריק אהיים וואס שנעלער, ווארום מעהר קיין געלד וועל איך אייך ניט שיקען. און וואס אנבעלאנגט פאול וועל איך אליין פאהרען נאך איהם אזוי גיך ווי מיר וועלען ערהאלטען נאכריכט וואו ער איז. איך שיק אייך מיינע איבערגעבענע גרוסען און קומט וואס גיכער.

— אייער דיענסט ראזאליע.

עס איז געווען א קאלטער שנעעיגער פריהמארגען, ווען זשאנע האט פערלאזען פאריז און איז געפאהרען צוריק אין איהר דארפישע וואהנונג קיין באטעוויל.

צוריק אהיים

נאך דעם ווי זי איז געקומען אהיים, איז זי ניט ארויסגעגאנגען פון שטוב. זי איז געבליעבען דיא גאנצע צייט אין הויז ערווארטענדיג וואס עס וועט זיין. יעדען פריה־מארגען איז זי אויפגעשטאנען אין דערזעלבער שטונדע, האט ארויסגעקוקט אין פענסטער אויפ׳ן וועטער און דאן אראבגעגאנגען פון איהר צימער און געזעסען אין זאאלביים קאמין.

זיא פלעגט דארט זיצען טעג לאנג אונבעוועגליך מיט איהרע אויגען געווענדעט צום פייער און אזוי וויא א צוגעשמידטע פלעגט זי זיך ניט ריהרען פון פלאטץ; זיא פלעגט נור אין איהר פאנטאזיע וואנדערן ווייט, ווייט און אין איהר קאפ פלעגען ווידער אמאל דורכגעהן אלע בילדער, אלע פאסירונגען און בעגעבענהייטען פון איהר פערגאנגענעם אונגליקליכען לעבען.

ביסלעכוויז פלעגט דונקעל ווערן אין צימער; און זיא פלעגט זיך אלץ ניט ריהרען פון ארט, אבוואהל פון צייט צו צייט פלעגט זיא אונטערווארפען א שטיקעל האלץ אין׳ם ברענענדען פייער, ווען עס פלעגט האלטען ביים אויסגעהן. ווען עס פלעגט גאנץ פינסטער ווערען פלעגט ראזאליע אריינברענגען א לאמפ און אויסשרייען:

—מאדאם זשאנע! וואס הייסט דאס? איהר מוזט דאך האבען אביסעל בעוועגונג. איהר וועט דאך באלד שוין אין גאנצען פערליערען דעם אפעטיט אפילו צו עסען. איהר וועט דיעזען אבענד מסתמא ווידער ניט וועלען קיין זאך אין מויל נעהמען.

זשאנע האט אנגעהויבען פערפאלגט זיין פון קראנקהאפטע געדאנקען. איהר האט זיך געדוכט, אז עפעס שלעכטעס וועט קומען, אז עפעס וועלען אונגליקען פאסירען. און ווידער אמאל און נאך אמאל פלעגט פאר איהר ערשיינען די פערגאנגענהייט, די אלטע, פערגאנגענהייט, מיט דיא וויכטיגסטע פאסירונגען — איהרע האניג־מאנאטען דארט ווייט אויף דער רייזע קיין קארסיקא. פון די ברענענדע פלאמען האבען זיך אויפגעהויבען פאר איהר דיא לאנדשאפטען פון יענעם פרעכטיגען אינזעל. און מערקווירדיג, יעדע איינצעלהייט פון דער רייזע פלעגט ארויפשווימען אין איהרע ערינערונגען — אלע געזיכטער, וועלכע זיא האט דארט בעגעגענט.

זיא האט זיך דערמאהנט אויף

זשאַן ראַוואַלי, דעם וועג ווייזער פון קאַסינאָ. זיין פנים האָט איהר אָנגעהויבען צו פערפאַלגען; צייטענווייז האָט זיך איהר געדוכט, אַז זיא הערט אפילו זיין שטימע. און דאַן פלעגען איהר ארויפקומען די גוטע יאהרען, ווען פאול איז געווען אַ קליינינקער, זיין קינדהייט, דיא צייט ווען זיא פלעגט פאַר איהם בעארבייטען זיין גערטעלע, ווען זי פלעגט זיך שטעלען אויף דיא קניע אויף דעם ווייכען גרונד לעבען טאַנטע ליזאַן, ביידע זוכענדיג וויא בעסער צו האַווירען דעם קינד, ווי צו טרעפען זיין פערלאַנג.

— פאָולעט, מיין ליבינקער פאָולעט.

און ווען דיעזע עראינערונגען פלעגען איהר ארויפקומען פלעגט זיא מורמלען:

עס האָט אויסגעזעהען אזוי וויא ער וואלט געווען אַ קליינינקער לעבען איהר און זיא רעדט צו איהם. און דאַן, ווען איהר טרוים פלעגט זיך ענדיגען פלעגט זיא מיט'ן מיטעל־פינגער אויסשרייבען אין דער לופט זיין נאָמען. זיא פלעגט לאנגזאם אויספיהרען די בוכשטאַבען געגען פייער און איהר פלעגט זיך אַמאָל אָבדוכטען, אז דער בוכשטאַב „פ" איז ניט קלאָהר, ניט בולט אדער אז זיא האט דאָ עפּעס געמאכט אַ טעות אין אויסלייגען דעם נאָמען, און זיא פלעגט אָנהויבען ווידער צוריק פון אָנהויב דעם נאָמען.

ענדליך ווערענדיג מיעד און ערשעפּט, פלעגט זיא אָנהויבען מישען דיא בוכשטאַבען, פערמישען אַנדערע ווערטער און צום סוף אויפהערען, זייענדיג צומישט, צוטומעלט, נערוועז. אין איהר האָבען זיך געוויזען אלע מאַניעס פון איינזאמע מענשען. ווען מען האָט איבערגערוקט אדער געענדערט דעם פלאַץ פ[illegible]ער קלענסטער זאך אין צימער, האָט דאס זי געהיצט, געמאכט נערוועז.

ראָזאליע האָט זיך געבעטען, פלעגט צושטעהען מיט פעסטקייט, זי זאל זיך דורכגעהן שפּאַציערען, זאָל ניט זיצען אויף איין פלאַץ, און פלעגט זי אַמאָל צווינגען, זי זאָל זיך וויינינגסטען דורכגעהן אויפ'ן וועג הין און צוריק. אָבער וויא עס פלעגען אריבערגעהען צוואנציג מינוט, פלעגט זיא ערקלערען: „איך קען ניט געהן ווייטער, ראָזאליע." און זיא פלעגט זיך אַוועקזעצען ביי דער זייט פון וועג לעבען קאַנאַווע און בלייבען אזוי זיצען.

אין גיכען איז שוין יעדער בעוועגונג פאַר איהר געוואָרען אונמעגליך און זיא פלעגט מעהרסטע צייט ניט אַרויס פון בעט. פריהער איז איין געוואָהנהייט ביי איהר געבליעבען פון קינדהייט, אויפצושטעהען אזוי גיך ווי זיא האָט אויסגעטרונקען איהר אינדער־פריה'עדיגע טאסס קאפּעע, און זעהען, אז דיא טאסס איז דיעזעלביגע, אין וועלכע זיא טרינקט אימער. ווען עס וואָלט חלילה פּאסירט, אז עס וואָלט ניט געווען אזא טאסס וואָלט זיא זיך געפיהלט אונגליקליך דערפון; אונגליקליכער וואָלט זיא דאָס איצט געפיהלט איידער יעדע אנדער זאך.

יעדען פריה־מאָרגען פלעגט זיא ווארטען מיט אונגעדולד ביז ראָזאליע וועט צו איהר ארויפקומען, אָבער מיט א מין ליידענשאַפטליכע אונגעדולד; און אזוי גיך וויא דיא פולע טאסס קאַפּעע פלעגט אוועקגעשטעלט ווערען לעבען איהר אויף דעם קליינעם טישעלע לעבען בעט, פלעגט זיא זיך אוועקזעצען און אויסזופּען עס ביז'ן דעק מיט פערגעניגען. זיא פלעגט דאַן אראָבווארפען פון זיך דיא דעקע און אָנהויבען אָנטהאָן זיך. דערנאָך האָט זיא זיך ביסלעכווייז איינגעוואָהנט צו בלייבען ליגען עטליכע מינוט נאָך דעם וויא זיא האָט אויסגעטרונקען איהר טאסס קאפּעע, און פון טאָג צו טאָג זיינען צוגעקומען עטליכע מינוט פון'ם פוילען זיך אויפצושטעהען באלד.

עס איז געקומען אזוי ווייט, אז ראָזאליע פלעגט שוין מוזען ארייגלויפען אין צימער און אזוי וויא איבער געוואלט צווינגען זיא, אז זיא זאָל זיך אָנטהאָן. ביי איהר איז שוין כמעט גאָר ניט געווען קיין ווילען; יעדער אייגענער ווילען איז פארשוואונדען, און

יעדען מאָל וואָס דיא דיענסט האָט געפרעגט איהר עצה אָדער איהר מיינונג וועגען וואָס ניט איז, פלעגט זיא ענטפערען תמיד דיזועלבע ווערטער:

— טהו וועגען דעם וויא דוא פאַרשטעהסט, ראָזאַליע.

זיא איז געוואָרען אַזוי אַבערגלויביש, וויא דיא מענשען פון דיא מזרח־לענדער און זיא האָט פעסט געגלויבט, אז זיא ווערט פערפאָלגט פון בייזען שיקזאַל, אז זיא האָט קיין מזל ניט. זיא איז שוין אַזוי צוגעוועהנט געוואָרען צו זעהען איהרע טהייערסטע האָפנונגען צובראָכען און איהרע זיסעסטע טרוימען זאָלען חרוב ווערען, אז זיא איז שוין געוואָרען צומישט און האָט שוין ניט געקענט פאַרשטעהען קיין זאַך, האָט ניט געוואגט צו טראַכטען פאַר וואָס דאָס איז עפּעס אַזוי אויסגעפאַלען, וויא אַזוי דאָס קומט און ז. וו. זיא פלעגט אָבליינגען פון טאָג אויף טאָג, ווען זיא פלעגט דאַרפען טהאָן דיא מינדעסטע זאַך, און דאָס איז געוועזען דערפאַר, ווייל זיא האָט געגלויבט אָדער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט זיך אויסלאָזען שלעכט וואָס זיא זאָל ניט טהאָן; פיעלייכט וועט זיא גאר טהאָן ניט אַזוי וויא מען דאַרף. יעדען מאָל, ביי יעדער געלעגענהייט פלעגט זיא נור זאָגען איין זאַך:

— אז איך האָב קיין גליק ניט געהאַט אין מיין לעבען.

ראָזאַליע פלעגט אָבער א בייזער טהאָן זיך:

— היינט וואָס וואָלט איהר שוין זאָגען, ווען איהר וואָלט דאַרפען פערדינען אייער ברויט, דאַרפען זאָרגען פון וואָס צו לעבען, און ווען איהר וואָלט דאַרפען אויפשטעהען יעדען אין דער פריה אום זעקס א זייגער און געהען טהאָן עפּעס, האָרעווען? און ווייסט איהר, אז עס זיינען פאַראַן א גרויסע צאָהל פרויען, וועלכע מוזען פראַצעווען אום זייער אויסקומענעס צו האָבען, און ווען זיי ווערען אַלט און קענען שוין גאָר מעהר ניט טהאָן וואָס, מוזען זיי נעביך שטאַרבען אין הקדש.

— אָבער דוא פאַרגעסט זיך, ראָזאַליע, אז איך בין דאָך אַזוי עלענד, אַזוי עלענד אין דער וועלט; איך בין דאָך איינע אַליין, ראָזאַליע; מיין זוהן האָט מיך אוועקגעוואָרפען — האָט געענטפערט זשאַנע.

— טאָ איז וואָס? — פלעגט דיא דיענסט בייזלעך ענטפערען — און ווי איז וועגען דיא אַלע זיהן, וואָס מוזען דינען פאַר סאָלדאַטען, און אַזעלכע וואָס פאָהרען אין גאַנצען אוועק קיין אַמעריקא אום דאָרט זייער גליק צו געפינען?

פאַר ראָזאַליע איז אַמעריקא געווען עפּעס אַן אונבעשטימטע מין לאַנד, וואוהין מענשען פאָהרען גליקליך ווערען און פון וואַנען זיין קומען שוין מעהר ניט צוריק.

— עס קומט א צייט — פלעגט זיך ראָזאַליע בייזלעך צורייידען ווייטער, וויא זיא וואָלט איהר מוסר געזאָגט — אַלע מאָל מוז קומען אַזאַ צייט, ווען מענשען מוזען זיך צושיידען, ווארום אַלט און יונג זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען אויף צו לעבען צוזאַמען.

א מאָל פלעגט זיא גאָר א געשריי טאָהן:

— נו, היינט וואָס וואָלט איהר שוין טהאָן, ווען ער וואָלט גאָר געשטאָרבען, וויא עס פאַסירט א מאָל?

זשאַנע פלעגט נאָך דעם שוין בלייבען שטיל און מעהר ניט בעקלאָגען זיך.

דער פריהלינג איז ווידער געקומען, און אין דיא ערשטע טעג פון פריהלינג האָט זיא זיך דערפריהלט עפּעס לעבעדיגער, שטאַרקער; זיא האָט געוואָרנען א ביסעל קראַפט. אָבער דאָס האָט נור איהר געהאָלפען, אז זיא זאָל זיך ווידער א מאָל קענען אריינטראַכטען אין איהרע עראינערונגען און איהר גאַנצע ביסעל טהעטיגקייט איז בעשטאַנען אין דיזע פערצווייפעלטע טראַכטענס.

איין אין דער פריה איז זיא ארויפגעגאַנגען אין אויבערשטיבעל און האָט דאָרט גענומען דורכזוכען דיא אַלטע זאַכען; איהר איז געקומען צו דער

האנד א קאסטען, אין וועלכען עס זיינען געווען אָנגעלייגט אלטע קאלענדארען, וועלכע זיינען דאָרט אוועקגעלייגט געוואָרען, וויא דיא דאָרפיגע טהוען געוועהנליך.

זיא האָט זיי צונויפגענומען און אראָבגעטראָגען. צווישען זיי זיינען געווען גרויסע קאלענדארען און קליינע, אַלערליי, און זיא האָט זיי אָנגעהויבען סאָרטירען אויפ'ן עסס־טיש. פלוצלונג האָט זיא א לייג געטהאָן איהר האנד אויף איינעם; דאָס איז געווען דער ערשטער קאלענדאר, וועלכען זיא האָט מיט זיך געבראכט אין „פאפעל־בוימער".

א לאנגע צייט האָט זיא ניט געקענט אָברייסען פון איהם דיא אויגען. — דאָרט זיינען געווען אויסגעשטריכען דיא טעג, זינט דעם אין־דער־פריה, ווען זיא איז אָבגעפאָהרען פון רוען פון מאנאסטיר, אין וועלכען זיא האָט זיך ערצויגען. און זיא האָט אָנגעהויבען וויינען. דיא טרערען האָבען געפליסט שטיל נאָכאנאנד פון דיא אויגען איבער איהרע באַקען; דאָס זיינען געווען טרעהרען פון אַן אלטער, אונגליקליכער פרוי, וועלכע האָט געקוקט אויף איהר חרוב־געוואָרענעם לעבען, וואָס איז געלעגען פאר איהרע אויגען איצט אויפ'ן טיש.

א פלוצלונגער געדאנק האָט איהר אָנגעכאפּט, א געדאנק, וועלכער האָט זיך וויא איינגעגעסען אין איהר געהירען, וויא א שרעקליכע, אונאויפהערליכע זאך; זיא האָט געוואָלט דערמאהנען זיך יעדען טאָג פון איהר לעבען. זיא האָט גענומען און אָנגעשלאגען יעדער קאלענדער, דיא פערגעלטע, אלטע בלעטער אויף דיא וואנד, און האָט זיך אוועקגעשטעלט קוקען אויף איינציגע בלעטלעך. עטליכע שטונדען נאָכאנאנד געשטאנען ביי איין בלעטעל, זוכענדיג צו עראינערען זיך: וואָס האָט פאסירט אין דיא טעג פון דיעזען בעשטימטען מאָנאט?

אזוי וויא אויף זיי זיינען געווען אונטערגעשטריכען יענע טעג, אין וועלכע עס האָט פאסירט, וואָס עס איז ווערטה געווען צו געדיינקען, האָט זיא דורך דעם וואָס זיא האָט אליין אונטערגעשטריכען, געקענט אויפשטעלען צוריק אין איהר עראינערונג גאנצע מאָנאטען, קלייבענדיג אין איהרע געדאנקען איין פאסירונג נאָך דער אנדערער, אזוי איינס צו איינס, ביז זיא האָט געבילדעט גאנצע מאָנאטען, גרופּירענדיג דיא פאסירונגען, צונויפשליסענדיג איינע מיט דיא אנדערע, אזוי אלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען אין א בעשטימטען פעריאָד.

מיט א מין פערהארטעוועטע עקשנות, מיט א שטארקע אנשטריינגונג פון ווילענסקראפט, קאָנצענטרירענדיג אלע איהרע געדאנקען דערויף, איז איהר געלונגען צונויפצושטעלען אין איהר זכרון דיא ערשטע פּאָאר יאָהר פון איהר לעבען אין „פאפעל־בוימער", און אזוי זיינען דיא זכרונות פון דאָס אמאָליגע ארויפגעשוואומען פון אויבען און דאָס האָט איהר געגעבען א בעפריעדיגונג, א טרויסט.

אָבער נאָך די ערשטע פּאָאר יאָהר איז שוין אלעס געווען ווידער פערוואָלקענט, מיט א טומאן בעצויגען, אונבעשטימט, און ער זיינען געקראָכען ערינערונגען אויף עראינערונגען, פלאנטערנדיג איינס מיט דאָס אנדערע.

און מאנכע טעג פלעגט זיא שטונדען לאנג בלייבען שטעהען אנגעבויגען איבער א קאלענדער, אנשטריינגענדיג איהרע געדאנקען צו עראינערען זיך דיא פערגאנגענהייט; אָבער זיא האָט עפּעס ניט געקענט אפילו דערמאהנען זיך, אויב דאָס איז געווען טאקע דער ריכטיגער קאלענדער, וועלכער קען ארויסבריינגען פאר איהר דיא בילדער פון יענעם יאָהר אָדער פון יענע יאָהרען, פון וועלכע דיא עראינערונגען זיינען אזוי פערשוואונדען.

און דאן, ווען דיא זאפט פון דיא בוימער איז ארויס גערופען געוואָרען ווידער פון דיא שטראהלען פון דער זונן, וועלכע האָט זיי ערוואָרעמט, ווען

אויף דיא פעלדער האָט ווידער אָנגע־
הויבען צו וואקסען און דיא קנאָספּען
האָבען זיך אָנגעהויבען צוצולאָזען, ווען
דיא עפּעל־בוימער אין גארטען האָבען
זיך באדעקט מיט בליהונג אזוי וויא
שנעע־קוילען און האָבען אָנגעפילט דיא
לופט מיט בשמים־ריחות, איז זיא
בעפאלען געוואָרען פון א שטארקע
אויפרעגונג.

זיא האָט ניט געקענט איינשטעהען
אָדער איינזיצען אויף איין פּלאץ און
פלעגט ארומגעהען הין און צוריק צוואנ־
ציג מאָל א טאָג. זייענדיג בעפאלען
מיט דיעזער אונרוהיגקייט, פלעגט זיא
לאנג אזוי ארומשפּאציערען, געהען פון
איין פּלאץ צום אנדערען, אזוי שטענ־
דיג הין און צוריק, אז זיא פלעגט
קומען צוריק אין הויז א מיעדע, אן
אויסגעמאַרטערטע, א צובראָכענע.

דאָס אנזעהען פון דיא ראמאשקע־
בלומען צווישען דיא גראָז; א זונען־
שטראהל, וואָס פלעגט א שפּיעל טהאָן
צווישען דיא בלעטער; א קוושע וואַ־
סער, וואָס פלעגט אָבשפּיגלען דיא
אזשור בלויקייט פון הימעל; דאָס
אלעס האָט זיא בעאונרוהיגט. דאָס איז
געווען דערפאר, ווייל דאָס אלעס האָט
איהר צוריקגעבראכט אין גערעכטנים
לאנג־פארגעסענע געפיהלען, אזוי וויא
זיי וואָלטען געווען עכאָ'ס, ווידער־
קלאנגען פון איהרע עמפּפינדונגען, שטי־
מונגען און געפיהלען פון איהרע מיי־
דעלשע יאָהרען.

אין יענער צייט ווען איהר צוקונפט
איז פאר איהר געווען פערשלייערט מיט
א געהיימניס פון אונבעוואוסטזיין און
דורכגעוועבט מיט ליכטיגקייטס־שיין,
האָט זיא געהאט דאן אלס מיידעל די־
זעלביגע געפיהלען, האָט דאן דורכגע־
לעבט דיזעלביגע בעטרונקענהייט, וועל־
כע קומט מיט דיא ערשטע טעג פון
פריהלינג. אין הארצען האָט זיא גע־
פיהלט דעמזעלבען צויבער פון דער
אויפבליהענדער נאטור. אָבער אין
דערזעלבער צייט האָט זיא דערפון גע־
ליטען; אזוי וויא דיעזע אייביגע פרייד
פון דער נאטורס בליהען, וואָס דאָס
האָט ניט דורכגעדרונגען איהר צורונ־
צעלטע הויט, איהר דינעס בלוט, איהר
צובראָכענע נשמה, וואָלט דאָך מעהר
ניט געקענט ערוועקען אין איהר א
שמערצליכע, א יסורים'דיגע ליידענ־
שאפט.

עס האָט אויך אויסגעזעהען אזוי
וויא אלעס וואָס עס איז ארום איהר
וואָלט זיך עטוואָס געענדערט. דיא
זונן איז ניט געווען אזוי ווארעם, וויא
זיא האָט געוואַרעמט ווען זשאַנע איז
געווען יונג; דער הימעל האָט גע־
האט א בלייכערע בלויקייט, דיא גראָז
א בלאסערע גרינקייט און דיא בלומען
האָבען ניט געהאט אזא שארפען בשמים
ריח און אזעלכע בונטע קאָלירען און
האָבען זיא ניט אזוי בעטרונקען אזוי
וויא אין דיא יונגע יאָהרען.

זיא האָט געוואונדערט און געוואנ־
דערט שטונדען לאנג מאַנכעס מאָל, אזוי
וויא זיא וואָלט געווען געצויגען פון דעם
אונרוהיגקייטס געפיהל, וואָס האָט
אָנגעפילט איהר הארץ. אָפט פלעגט
זיא זיך אָבשטעלען ביי דער זייט פון
וועג און פלעגט זיך פערטראכטען ווע־
גען עפּעס טרויעריגעס. פאר וואָס איז
זיא ניט געליעבט געווען אין דער יוגענד
אזוי וויא אנדערע. פרויען ווערען גע־
ליעבט? פאר וואָס איז זיא געווען
געראויבט פון דיא איינפאכסטע פריידען
פון לעבען?

מאַנכעס מאָל פלעגט זיא פאר־
געסען אויף א ווייַלע, אז זיא איז שוין
אלט, אז פאר איהר איז שוין קיין זאך
ניט געבליעבען אויף וואָס צו האָפען,
וואָס צו ערווארטען, א חוץ עטליכע
טרויעריגע, טרוקענע יאָהר אין דיע־
זער וועלט, אז איהר לעבענס־וועג קומט
שוין נאָהענט צו אן ענד, און זיא
האָט געטרוימט וועגען פלענער פון
גליק, וויא זיא וואָלט נאָך געווען גאָר
א מיידעל. אָבער דאָס פלעגט ניט
לאנג דויערען און דיא ווירקליכקייט
פלעגט גלייך זיך ווייזען פאר איהר.
זיא פלעגט זיך אויפהויבען א צובראָ־
כענע, אזוי וויא איהרע לענדען וואָלטען
געווען געבויגט פון א שווערער משא.

זיא פלעגט דאן אוועקשלעפען זיך צום הויז, מורמלענדיג:

— א, דוא אלטע נאר! דוא אלטע נאר!

ראזאליע פלעגט ניט אויפהערען ריידען צו איהר, פאר וואס זיא איז אזוי אונרוהיג און שלעפט זיך ארום אהן כוחות אהן א שיעור.

— פאר וואס זיצט איהר ניט רוהיג, מאדאם? וואס טרייבט אייך שטענדיג ארומצוגעהען און ווערען פערמאטערט?

— א, זעהסט — פלעגט זיא ענטפערען — איך בין גאר אזוי וויא „הרינה“ איז געווען אין דיא לעצטע טעג.

איין פריה־מארגען האט זיא איהר אריינגעבראכט דיא קאפע עפעס פרייהער אלס געוועהנליך און אוועקשטעלענדיג דיא טאסס אויפ'ן טישעל האט זיא א זאג געטהאן:

— טרינקט גיכער, מאדאם; דעניס איז ביים טהיר, ער ווארט אויף אונז. מיר וועלען פאהרען קיין „פאפפעל־בוימער“, ווארום איך האב דארט עפעס וואס צו טהאן וועגען געשעפט.

זשאנע איז דערפון אזוי בענומען געווארען, אז איהר האט זיך געדוכט זיא פאלט אין חלשות; זיא האט זיך אנגעטהאן, דיא הענד האבען זיך ביי איהר געטרויסעלט, זייענדיג צושראקען און בעצויבערט פון דעם געדאנק, אז זיא וועט וויעדער זעהען איהר אלטע היים. א ליכטיגער הימעל איז געווען פערשפרייט איבער דער וועלט.

ווען זיי זיינען צוגעפאהרען צו עטואוואן האט זשאנע דערפיהלט וויא איהר פערכאפט דער אטהעם און ווען איהר בליק איז געפאלען אויף דיא געמויערטע זיילען פון טויער, האט זיא צו זיך אליין איבערגעזאגט דריי מאל: אה! אה! אה! אזוי וויא מיר שרייען אוים אינערליך א מאל ווען עפעס מאכט אן איבערקעהרעניש אין אלע אונזערע געפיהלען.

אין גווילאר האבען זיי אויסגעשפאנט דעם פערד; און אין דער צייט וואס ראזאליע און איהר זוהן זיינען אוועק אויספיהרען זייערע געשעפטען, האבען דיא פערמער פארגעלייגט זשאנען, זיא זאל ארומגעהען בעקוקען איצט דעם שלאס, אזוי וויא דיא ווירטהען זיינען ניטא צוהויז. זיי האבען איהר געגעבען דעם שליסעל און זיא איז אוועק בעקוקען איהר געוועזענעם שלאס אליין. און ווען זיא איז אריינגעקומען אין אלטען פליגעל, פון וועלכען עס זעהט זיך דער ים, האט זיא זיך אבגעשטעלט אום צו בעטראכטען דעם אויסזעהען. אויסערליך האט זיך קיין זאך ניט געענדערט. אבער אלע לאדען זיינען געווען פערמאכט.

א שטיקעל אבגעטריקענטע צוויג איז ארויפגעפאלען אויף איהר קלייד; ווען זיא האט א הויב געטהאן איהרע אויגען האט זיא געזעהען וויא דאס איז אראבגעפאלען פון לינדענבוים. זיא איז צוגעגאנגען צום גרויסען בוים און האט איהם אנגעהויבען צו גלעטען אזוי וויא דאס וואלט געווען א לעבעדיגעס וועזען.

זיא האט אבגעשלאגען א פוס אן א שטיקעל צופוילטע האלץ, וואס איז געלעגען אויף דיא גראז. דאס איז געווען דאס לעצטע איבערבלייבעכץ פון דער באנק, אויף וועלכען זיא איז געזעסען אזוי אפט מיט איהרע עלטערען און אויף וועלכען זיא איז געזעסען דעם ערשטען מאהל, ווען זשוליאן איז געווען צוערשט געקומען צו גאסט און זיא האט איהם צום ערסטען מאהל אין איהר לעבען געזעהען. זיא איז דאן געגאנגען צו דיא אינווענינסטע צימערן פון שלאס: דורך דער שטורם־טהיר איז זיא געגאנגען. שווער איז איהר געווען דיא טהיר אבצושליעסען; דער שלאס איז פערראסט געווארען און דער שליסעל האט זיך ניט א דרעה געטהאן אין שלאס. אבער עפענענדיג א פענסטער אין קארידאר, האט זיא ארויסגעקוקט אין דרויסען, כאפענדיג א בליק ארום און ארום איבער'ן גאנצען האריזאנט און דאס

האט זיא וויא אויף דאס ניי בעלעבט; דאס איז געווען דער הארייזאנט וועלכען זיא האט נאך געקוקט, ווען זיא האט גע־טרוימט פון ליעבע און הייראט, און אט איז דיא געליעבטע ביידעל אין וועל־כע זיא פלעגט זיצען, אט זיינען דיא רייהען בוימער, אן זעהט זיך דער גרוי־סער ים, און ערטערווייז מיט פלעקען פון ברוינע זעגלען, וועלכע האבען פון וויטען אויסגעזעהען אזוי אונובעוועג־ליך וויא זיי וואלטען שטעהען אויף איין ארט.

אין איהר מוטערס צימער האט זיא געפונען הינטערן טהיר, אין א פינסטער־רען ווינקעל א גאלדענע הארנאדעל, וועלכע זיא האט יאהרען צוריק אהין פערשטעקט און וועלכע זיא האט אמאל א לאנגע צייט געזוכט און האט ניט געקענט געפינען. זיא האט דאס גענומען און געקושט וויא א היילינטהום.

זיא איז דורכגעגאנגען דאס גאנצע הויז, שטיל, אהן רויש, איינע אליין אין דעם גרויסען, שווייגענדיגען שלאס. פאר איהר איז דאס געווען א מין בית עולם. איז דען ניט איהר גאנצעס לעבען דא בעגראבען געווארען? זיא איז אריין אין זאאל. דיא לאדענס זיינען געווען פער־מאכט און דער צימער איז געווען פינ־סטער. אבער איהרע אויגען האבען זיך באלד צוגעוועהנט צו דער פינסטערקייט אין ביסלעכווייז האט זיא ענטדעקט די טאפעטען דעקארירטע מיט פויגלען. צוויי פאטעלען זיינען געבליבען שטעהן געגען קאמין, אזוי וויא דיא וואס זיי־נען אמאל געזעסען אין זיי, וואלטען זיך נור וואס אויפגעהויבען פון זייערע פלע־צער; און אפילו דער גערוך פון דעם פלאץ, דער גערוך, וועלכער איז נאך דארט פערבליעבען, האט דורכגעדרונגען זשאנע'ס נאזלעכער און האבען אין איהר אריינגערופען ערינערונגען.

א געענדערטע איז זיא דא געשטא־נען, איהרע בליקען וויא צוגעשמידט צו דיא שטוהלען, זוכענדיג אנצופילען איה־רע לונגען מיט דעם אטהעם פון פער־גאנגענהייט. און פלוצלינג האט זיך איהר געדוכט אין איהרע האלוצינאציעס אז זיא זעהט קלאהר איהר פאטער און מוטער, וויא זיי ווארעמען זייערע פיס ביים פייער פון קאמין. א צושראקענע האט זיא אבגעטראטען צוריק צום טהיר, איז צוריקגעזונקען אנלעהנענדיג זיך אן טהיר אום ניט אומצופאלען און איהרע אויגען זיינען אלץ געבליבען ווי צוגעשמידטע צום קאמין.

אבער אט איז דיזע פארשטעלונג פערשוואונדען. איינינע מינוטען איז זי געווען צושראקען; דאן האט זיא זיך ווידער געשטארקט און האט בעשלאסען גלייך צו פערלאזען דעם צימער, מורא האבענדיג אז זיא זאל אין גאנצען פון זינען ניט אראב. צופעליג איז איהר בליק געפאלען אויפן טהיר און זיא האט דערזעהען פאולעטס מאס, דיא סמנים, וועלכע זיא פלעגט מאכען וויפיעל ער איז צוגעוואקסען. זיא האט געזעהען דיא צייכענס, דיא ציפערן, דיא מאנאטען און דיא יאהרען — דאס וואקסען פון איהר קינד.

און זשאנען האט זיך געדוכט, אז איהר אמאליגעס קינד איז איצט פאר איהרע אויגען מיט זיינע בלאנדע לאָ־קען, געפערעסט צום וואנד, וויא ווען זיי האבען איהם געמאסטען און דער בא־ראן שרייט אויס: זשאנע, ער איז דאך צוגעוואקסען א פערטעל אינטש פאר די לעצטע זעקס וואכען. זיא האט אנגעהוי־בען קושען דיא צייכענס מיט וואהנזיני־גער ליעבע.

אבער א שטימע האט זיא גערופען; דאס איז געווען ראזאליע.

— מאדאם זשאנע, מאדאם, אנ־בייסען איז פערטיג.

און זשאנע איז ארויסגעקומען פון שלאס א צוטומעלטע. זיא האט קוים פערשטאנען, וואס זיי האבען גערעדט צו איהר. זיא האט געגעסען וואס מען האט נעבען איהר אוועקגעשטעלט, האט געהערט זייערע רייד, ניט פערשטעהענ־דיג דעם געדאנק פון זייערע ווערטער; זיא האט גערעדט מיט דיא פערמער, וועלכע האבען זיך נאכגעפרעגט וואס זי

מאַכט, האָט זיך געלאָזען קושען און האָט אליין געקושט צוריק דיא באַקען פון דיא, וועלכע האָבען זיא בעגריסט און ענדליך אריינגעזעצט זיך אין פוהרעל און אװעקגעפאָהרען.

ווען זיא האָט שוין מעהר ניט גע־זעהען דעם הויכען דאַך פון שלאָס, פאַר־שטעלט פון דיא הויכע בוימער ארום, האָט זיא דערפיהלט עפּעס אז די פּעדים פון איהר הארצען וואָלטען א פּלאַץ גע־טהאָן, ווארום זיא האָט געוואוסט, אז דאָס האָט זיא דעם לעצטען אדיע גע־זאָגט אויף אייביג צו איהר אלטע היים.

ווען זיא איז שוין געווען ביים הויז האָט זיא באַמערקט עפּעס ווייסעס אונ־טער'ן טהיר. דאָס איז געווען א בריעף, וועלכען דער בריעפטרעגער האָט גע־בראַכט אין איהר אבוועזענהייט. זיא האָט גלייך דערזעהען, אז דאָס איז פון פּאָול'ן און זיא האָט איהם געעפענט מיט ציטערנדע הענד. ער האָט געשריבען:

— מיין טהייערע מוטער! איך האָב ניט געשריבען ביז אהער, ווייל איך האָב ניט געוואָלט אז דו זאָלסט מאַכען אַן אומזיסטע רייזע קיין פאַריז, ווארום איך האָב געהאַט אין זינען אליין קומען זעהן זיך מיט דיר. געגענווערטיג בין איך אין זעהר א שווערער לאגע. מיין פרוי שטאַרבט פון קינפּעט; זיא האָט געבוי־רען מיר א טאָכטערל מיט דריי טעג צו־ריק. איך האָב ניט קיין גראָשען געלד. איך ווייס ניט וואָס צו טהאָן מיט'ן קינד, וועלכע ווערט איצט גענעהרט דערווייל דורך א מילך־פלאַש. איך האָב אָבער מורא, אז איך וועל דאָס קינד פערלירען. וואָלסטו אפשר געקענט נעה־מען צו זיך דאָס קינד. איך ווייס ניט וואָס צו טהאָן און קיין געלד האָב איך ניט צו אװעקגעבען עס האָדעווען אין דאָרף. זיי אזוי גוט און ענטפער מיט דער קומענדער פּאָסט. — דיין דיך ליע־בענדער זוהן, פּאָול.

זשאַנע האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף א שטוהל א צוטומעלטע, ניט האָבענדיג קיין כח אפילו צו רופען ראָזאליען. ווען דיא דיענסט איז אריינגעקומען, האָבען ווי ביידע ווידער גענומען לעזען דעם בריעף.

— איך וועל פאָהרען ברייננען דאָס קינד — האָט ראָזאליע א זאָג גע־טהאָן — מיר קענען עס דאָרט ניט אי־בערלאָזען.

— זעהר גוט, ראָזאליע — האָט זיא נור געקענט ענטפערען.

— נו, טהוט אָן אייער היטעלע, מאַדאַם — האָט ראָזאליע געזאָגט — און מיר מוזען געהן צום נאָטאַריוס אין גאָדערוויל. אויב דיא פרוי שטאַרבט, דאַן מוז דאָך הערר פּאָול מיט איהר היי־ראַטהען פאַר'ן טויט פון'ם קינד וועגען. פערשטעהט איהר?

ניט ריידענדיג א וואָרט האָט זשאַ־נע אָנגעטהאָן איהר היטעלע. א טיעפע, בעהאַלטענע פרייד האָט אָנגעפילט איהר הארץ, א זינדיגע פרייד, וועלכע מיר בע־האַלטען מיט אַלע מעגליכקייט און זאָ־גען ניט אויס, דאָס איז איינע פון יענע שלעכטע פריידען, וועלכע מאַכען אונז רויט ווערען, אָבער וואָס מיר פיהלען, שאַרף אין דיא טיעפסטע, געהיימע פּלע־צער פון אונזער נשמה: איהר זוהן'ס ליעבהאָבערין שטאַרבט.

דער נאָטאַריוס האָט גענויע אינ־סטרוקציאָנען געגעבען ראָזאליען וויא זי זאָל האַנדלען און ווען זי האָט דאָס אַלץ אריינגענומען אין זינען, האָט זיא א זאָג געטהאָן:

— נו, האָט קיין מורא ניט; איך וועל שוין אַלעס בעזאָרגען.

דיזעלבע נאַכט איז זיא אָבגעפאָה־רען קיין פאַריז. צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז זשאַנע געווען אין א נערוועזע אויפרעגונג, האָט אפילו ניט געקענט קלאָהר טראַכטען. אָבער אויף דעם דריטען טאָג האָט זיא ערהאַלטען א קורצען צעטעל'ע פון ראָזאליען, וועלכע האָט מודיע געווען אז זיא קומט אָן מיט דעם פאַרנאַכטיגען צוג.

א זייגער דריי נאַכמיטאַג האָט זשאַנע בעשטעלט א פוהר און איז גע־פאָהרען צום סטאַנציע אָבוואַרטען ראָ־זאַליען. זיא איז געשטאַנען אויפן פּלאַט־פאָרם מיט דיא בליקען צוגעשמידט צום

הארִיזאָנט. יעדע ווײלע פלעגט זיא א קוק טהאָן אויפן זייגער: נאָך צעהן מי-נוט. נאָך פינף מינוט. נאָך צוויי מי-נוט. שוין צייט און דער צוג וויזט זיך נאָך עפּעס אַלץ ניט.

אָבער פלוצלינג האָט זיך געוויזען אין דער ווייט א ווייסער פלעק; דאָס איז געוועזן רויך פון לאָקאָמאָטיוו און דאַן א שווארצע לאַמע, וועלכע איז געוואקסען, צוטראָגענדיג זיך אַלץ נעהנטער. ענדליך האָט דער שווערער לאָקאָמאָטיוו אָנגע-הויבען אָבצושטעלען זיך, איז פערביי זשאנע און איז באַלד געבליבען שטעהן. עטליכע טהירלעך האָבען זיך געעפענט, מענשען זיינען ארויסגעקומען: בויערן אין בלוזעס, דאָרפישע פרויען מיט קער-בעלעך; הענדלער מיט ווייכע היט. ענד-ליך האָט זשאנע דערזעהען ראָזאליען, טראָגענדיג עפּעס א ווייסען פּעקעל. זיא האָט געוואָלט געהן אנטקעגען, אָבער איהרע קניע האָבען זיך געבויגען. ראָזא-ליע האָט דערזעהען איהר ווירטהין און איז צוגעקומען מיט איהר געוויינליכער רוהיגקייט.

—גוטען טאָג, מאדאם. איך בין דא שוין צוריק און ניט אָהן צרות, ווי איהר זעהט. זיא איז געשטאָרבען לעצטע נאכט: זיי האָבען חתונה געהאט פאר'ן טויט און אָט איז דאס קינד.

זשאנע האָט מעכאניש גענומען דאס קינד און זיי האָבען זיך ביידע אריינ-געזעצט אין פוהר און געפאהרען אהיים. אויפ'ן וועג האָט ראָזאליע איהר אָנגע-זאגט.

—הערר פאול וועט קומען באלד נאָך דער לויה, אפשר נאָך מאָרגען, טאקע מיט דעמזעלבען צוג.

—פאול! — האָט געשעפּצעט זשאנע און איז געבליעבען שטיל.

דיא זוהן האָט געזונקען אין דער ווייט און האָט געבאָדען מיט איהרע גילדערנע ליכטיגקייט די גרינע פעלדער, האָט בעגאסען פלעצערווייז מיט בלוט-רויטקייט דיא אזשור בלויע קאָלירען פון דיא קאָרן-בלומען. אַן אונענדליכע רוהיגקייט האָט זיך צושפרייט. זשאנע האָט געהאַלטען איהרע אויגען געווענ-דעט גלייך צום הימעל, נאכקוקענדיג די האַלב רונדע פליהעריי פון דיא שוואַל-בען. דאן איז איהר שוים פלוצלינג דורכ-גענומען געוואָרען פון א ווארעמקייט: דאס איז געוועזן דיא ווארעמקייט פון דאס קליינע עופה'לע, וועלכעס זיא האָט געהאַלטען אויף איהרע קניע.

אַן אונענדליך געפיהל האָט איהר בענומען. זיא האָט אויפגעדעקט דאָס פנים'על פון קינד, ווארום זיא האָט דאס נאָך ניט אָנגעקוקט ביז איצט: איהר זוהנ'ס טאָכטער. און ווען דאָס שוואכינ-קע בעשעפעניס האָט געעפענט דיא בלויע אויגעלאָך אונטער דער ליכטיג-קייט פון דיא פערגעהענדע שטראהלען און האָט אַן עפען געטאָן דאָס מיילכעל האָט עס זשאנע געקוסט ליידענשאפט-ליך, שטיקענדיג דאָס עופה'לע צו איהר ברוסט.

אָבער ראָזאליע, א גליקליכע, האָט בורטשענדיג זיא ניט דערלאָזען.

— הערט אויף, מאדאם זשאנע: עס וועט זיך דאָך צואוויינען איבער אייך.

און דאן, אזוי וויא ענטפערענדיג זיך אליין אויף איהרע אייגענע געדאנ-קען, האָט זיא א זאָג געטאָהן:

— איהר זעהט: דאָס לעבען איז קיין מאָל ניט אזוי שלעכט אָדער אזוי גוט, וויא עס דוכט זיך אונז אַז עס איז.

ע נ ד ע.